STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09033

DI ERTSYHUNG

Herbert Spencer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאלקס־אויסגאבע

די ערציהונג

גייסטיג, מאראליש און פיזיש

— פון —

הערבערט ספענסער

איבערזעצט פון

דר. י. א. מעריסאן

צווייטע אויפלאגע

פערלאג: מייזעל עט קא.
422 Grand Street, New York
1911

Copyright, 1910, by
Maisel & Co., New York.

די ערציהונג.

אינהאַלט:

דעם איבערזעצער'ס פאָרוואָרט.

קאַפּיטעל I וואַסער וויסען האָט דעם גרעסטען ווערטה 11

קאַפּיטעל II די גייסטיגע ערציהונג.............. 87

קאַפּיטעל III די מאָראַלע ערציהונג.............. 155

קאַפּיטעל IV די קערפּערליכע ערציהונג.............. 211

אנצייגער.................................. 273

פאר וואָרט

פון דעם איבערזעצער.

דער ענין פון ערציהונג, וועלכער איז לכל הדיעות איינער פון די וויכטיגסטע ענינים פון מענשליכען לעבען, איז נאָך אַזוי גוט ווי גאָר נישט בעריהרט געוואָרען אין אונזער יודישער ליטעראַטור. און דאָך קען מען ניט זאָגען, אַז די פראַגע אינטערעסירט ניט דעם אינטעליגענטערן יודישען עולם. צום ווענינסטען אין די ראַדיקאַלע קרייזען ווערט די ערציהונגס־פראַגע ערנסט דיסקוטירט פון צייט צו צייט; און עס ווערען אפילו געמאַכט געוויסע פערזוכען פראַקטיש צו פערענטפערן די נויט פון בעסערע ערציהונגס־מעטאָדען און פרייערע שוהלען. די צרה איז נור — די אַלגעמיינע אונוויסענהייט וואָס הערשט וועגען דעם ענין. מען טראָגט זיך אַרום מיט ברעקלעך אָבגעריסענע געדאַנקען וועגען די אָדער יענע מעטאָדען; מען זוכט איינצופלאַנצען אין די קינדער די אָדער יענע געדאַנקען און מדות: בעת דאָס ערסטע און נויטיגסטע פון אַלץ — די פערשפרייטונג פון לכל הפחות עלעמענטאַרע ידיעות וועגען די גרונד־פרינציפּען פון ערציהונג — ווערט כמעט אין גאַנצען פערנאַכלעסיגט. און שולדיג אין דעם איז אין אַ גרויסען טייל דער דוחק אין ווערק, וואָס זאָלען בעהאַנדלען די פראַגע פון אַן אַלגעמיינעם, ניט נור פון אַ ספּעציעלען שוהל־שטאַנדפּונקט.

מיט דעם צוועק צו פערענטפערן די דאָזיגע דרינגענדע נויט פאַר דעם יודישען לעזער, איז אונטערנומען געוואָרען די איבערזעצונג פון הערבערט ספּענסער׳ס וועלט בעריהמטער אַרבייט, „עדיוקיישען“, וועלכע דער לעזער וועט דאָ געפינען פאָלשטענדיג איבערגעגעבען צום ערסטען מאָל אין דער יודישער שפּראַך.

ספענסער'ס „ערציהונג" איז ניט געמיינט צו זיין א „מעטאָדע" אין דעם ענגען זין פון וואָרט. עס איז ניט קיין האַנד־בוך פאַר לעהרער, נור א לעהר־בוך פאַר עלטערן און אינטעליגענטע מענשען בכלל. ספענסער איז דורכאויס אין אלע זיינע ווערק א טיעפער פילאָסאָף פון פראַקטישע מענשליכע צוועקען. זיין מאָנומענטאלער סיסטעם פון א סינטעטישער פילאָסאָפיע איז געשריבען געוואָרען צוליעב די לעצטע צוויי בענדער, די פרינציפען פון דער עטהיק, וועל־כע האָבען פאַר זייער צוועק די פראַקטישע מענשליכע אויפפיהרונג אין געזעלשאַפטליכען לעבען. דעם אייגענעם גאנג זעהט מען אויך ארויס אין זיין ווערק איבער ערציהונג. טיעפע פילאָסאָפישע גע־דאנקען זענען דאָ דורכגעבונדען מיט פראַקטישע עצות; פסיכאָלאָ־גישע פרינציפען ווערען אוועקגעלעגט אין גרונד פון אלטעגליכע פיהרונגען; און די לאָגיש געדרונגענע שלוסען געהען האנד אין האנד מיט די נויטווענדיגסטע פאָדערונגען פון לעבען. עס איז א נאַטור־סיסטעם פון ערציהונג געבויט אויף דער וויסענשאַפט פון ענטוויקלונג—א נאַטור־סיסטעם, וואָס ערציהט די עלטערן גופא ניט ווייניגער ווי זייערע קינדער.

ספענסער איז אָבער ניט נור א פראַקטישער פילאָסאָף, נור אויך אן עוואָלוציאָניסט וואָס האַלט שטענדיג פאַר די אויגען דעם אידעאל פון מענשליכער פאָלקאָמענהייט. קריטיקירענדיג די היינטיגע מע־טאָדען און גיינג פון דער קינדער־ערציהונג, בעווייזט ער ניט נור די נויטיגע ענדערונגען, וואָס דארפען איינגעפיהרט ווערען אונטער די היינטיגע אומשטענדען, נור ער וויקעלט פונאנדער פרינציפען, וועלכע קענען פאָלקאָם אָנגעווענדעט ווערען נור אין א פאָלקאָמענער געזעלשאַפט. אויב איניגע פון זיינע געדאנקען זענען שוין געוואָ־רען אין אונזער צייט אלגעמיין־אָנגענומענע וואהרהייטען, איז נאָך פיעלעס געבליבען, וואָס דארף ערסט ווערען פערשטאנען, אויסגע־קעמפפט און פערווירקליכט אין לעבען. די „ערציהונג" איז אין אָט דעם ברייטערן זין א מעטאָדע פון דענקען און א מיטעל אָבצו־שאַצען דעם ווערטה פון די אלטע, אזוי גוט ווי פון די נייע ער־ציהונגס־סיסטעמען.

וואס אנבעטרעפט דער איבערזעצונג, איז די ערסטע אויס־רעכנונג אין איהר פּלאן — טרייהייט צום אָריגינאַל. ספּענסער'ס סטיל איז ווי א כלי פון עכטען קריסטאַל: קלאָר און שווערליך. די קלאָרקייט איז אָבער אזא בריליאַנטענע, אז זי איז מכפּר אויף די קריסטאַלענע שווערקייט; און דעריבער איז דאָס ציעל געווען, בע־וואהרען דעם אָריגינעלען סטיל ווי וויט עס לאָזט זיך. פּערטייט־שען מיינט צו־אַפּט אויספּשט'לען און פּערדארבען; עס איז אויך ניט אַלעמאָל פריי פון א געוויסער בעליידיגונג פאר'ן לעזער: דאָ וועט דער לעזער געפינען ניט קיין פּאָפּולאַריזאַציע פון ספּענסער'ס בוך, נור דאָס בוך אליין.

די איבערזעצונג איז געמאַכט נאָך די ענגלישע, דריטע פּער־בעסערטע אויפלאגע.

דר. י. א. מעריסאָן.

ניו יאָרק, מערץ 1910.

וואָסער וויסען האָט דעם גרעסטען ווערטה.

קאפיטעל I.

וואסער וויסען האט דעם גרעסטען ווערטה?

עס איז ריכטיג בעמערקט געווארען, אז פוצען־זיך קומט אין סדר פון צייט פריהער איידער קליידען־זיך. מענשען וועלכע לאזען זיך אנטון גרויסע פיזישע ענוים כדי זיך אויסצושטעכען צאצקע־דיגע פיגורען אויפ׳ן לייב, שטעהען אויס מורא׳דיגע היטצען אדער קעלטען, גאר קנאפוואס זוכענדיג זיי צו פערלייכטערן. הומבאלדט דערצעהלט אונז, אז אן ארינאקא אינדיאנער, ביי וועמען די בעק־וועמליכקייט פון קערפער האט גאר א קנאפען בעטרעף, וועט פון דעסטוועגען אבהארעווען א וואך צוויי אויף צו קויפען פארב, מיט וואס זיך אויסצובעריהמען פאר לייטען; און אז דיזעלביגע פרוי, וואס וואלט זיך ניט אבגעשטעלט ארויסצוגעהן דרויסען אהן א ברעקיל צודעק אויפ׳ן לייב, וועט ניט וואגען אבצוטון אזא פער־ברעכען געגען שטאטיק ווי ארויסגעהן א ניט־געפארבטע. די רייזענדער געפינען כסדר אויס, אז קאלירטע פאטצערקעס און ציערונג־צאצקעס זענען ביי די ווילדע שטאמען א סך מעהר סחורה איידער קארטונען אדער טוך־געוואנט. און די מעשיות וואס מיר ווייסען, ווי אזוי זיי פערווענדען די העמדער און רעק, וואס מען גיט זיי, אויף א מין לעכערליכען פוץ, בעווייזען ווי דער געדאנק פון בעפור־צונג האט לגמרי די אויבערהאנד איבער דעם געדאנק פון נוצען. יא, עס זענען פאראן נאך מעהר שארפע אילוסטראציעס: נעהמט פאר אן עדות דעם פאקט וואס קאפיטאן ספיק האט דערצעהלט וועגען זיינע אפריקאנער בעדיענער, וועלכע האבען ארומשפאצירט אין זייערע ציעגען־פעלענע מאנטלען בעת דער וועטער איז געווען שעהן, דערפאר אבער ווען עס איז געווען נאס, האבען זיי די מאנט־לען אויסגעטון, זיי צונויפגעלעגט און, שוידערענדיג אין רעגען, ארומגעגאנגען נאקעט! ווירקליך, די פאקטען פון אורשפרינגליכען לעבען שיינען צו בעווייזען, אז קליידונג האט זיך ענטוויקעלט פון

פוצונגען. און ווען מיר גערענקען, אז אפילו ביי אונז טראכטען די מייסטע מעהר וועגען דער פיינקייט פון דער מאטעריע איידער וועגען איהר ווארמקייט, און מעהר וועגען דעם שניט איידער וועגען בעקוועמליכקייט — ווען מיר זעהען, אז די פונקציע איז נאך אלץ אין א היבשען ערך אונטערוואַרפען אונטער דעם אויסזעהען פון דער זאך — האבען מיר נאך א ווייטערן גרונד אנצונעהמען די סברא פון אזא אורשפרונג.

עס איז א מאדנע זאך וואס די אייגענע שיכות האלט אויך אוים בנוגע דעם גייסט. ביי די גייסטיגע ערווערבונגען, אזוי גוט ווי ביי די קערפערליכע, קומט דאס ציערליכע פריהער איידער דאס ניצליכע. ניט נור אמאליגע צייטען, נור כמעט אזויפיעל אויך אין אונזער אייגענער צייט, איז דאס דאזיגע וויסען וואס ברייננט מיט פערזענליכען וואוילזיין געווארען אבגעשטופט צוליב עפעס וואס ברייננט אפלאדיסמענטען. אין די גריכישע שולען זענען די הויפט למודים געוועז מוזיק, דיכטונג, מליצה און א פילאסאפיע, וועלכע איידער סאקראטעס איז געקומען האט א קנאפע שיכות געהאט מיט'ן לעבען; בעת גראד דאס וויסען וואס העלפט די ארבייט פון לעבען האט פערנומען א גאנץ הינטערסטען פלאץ. און דערזעלבער געגענזאץ האלט אויך אן אין אונזערע אוניווערזיטעטען און שולען ביי היינטיגען טאג. מיר פערשולדיגען זיך אין דעם חטא פון דער־צעהלען גראשענע ווארהייטען ווען מיר זאגען, אז ניין יונגלעך פון יעדע צעהן פערוועגדען ניט אין זייער שפעטיגער קאריערע זייער לאטיין און גריכיש אויף קיין פראקטישען צוועק. עס איז א גאנץ וואכעדיגע בעמערקונג, אז יעדער פון זיי אין פאבריק אדער אין קאנטאר, פיהרענדיג א בעל־הבית'ישקייט אדער ערציהענדיג א פאמיליע, אין זיין ראלע אלס דירעקטאר פון א באנק אדער פון אן אייזענבאהן, האט זעהר ווענינ נוצען פון די קענטניסע, אויף וועלכע ער האט פערבראכט אזויפיעל יאהרען: אזוי ווענינ נוצט עס איהם, אז געוועהנליך פאלט איהם דאס גרעסטע טייל אין גאנצען ארוים פון זכרון; און אויב ער בראקט אמאל אריין א לאטיינישע פראזע, אדער ער דערמאנט אמאל רעדענדיג מיט מענשען עפעס א גריכישע מעשה, איז עס מעהר צוליב מאכען אן עפעקט איידער כדי ווירקליך צו בעלייכטען דעם ענין וועגען וועלכען עס רעדט זיך. און פרע־

גען מיר זיך, וואָס איז דער ווירקליכער מאָטיוו פון דעם וואָס מען גיט יונגלעך אַ קלאַסישע בילדונג, געפינען מיר אויס, אַז עס איז נישט מעהר ווי אַ פשוט׳ער נאָכגעהן נאָך דער עפענטליכער מיינונג. מענשען דרעסירען זייערע קינדער׳ס גייסטער אַקוראַט ווי זיי דרעסירען זייערע קערפּער — לויט דעם הערשענדען פאַסאָן. אַזוי ווי דער אָרינאָקאָ־אינדיאַנער פאַרבט זיך אָן איידער ער געהט אַרויס פון זיין שטיבעל, ניט ווייל ער זעהט אין דעם אַ דירעקטען נוצען, נור ווייל ער וואָלט זיך פערשעמט ווען אימיצער דערזעהט איהם ניט אַ געפאַרבטען; אַזוי אויך איז מען מקפיד אַז דער יונגעל זאָל זיך איינחזרן די לאַטיין און גריכיש, ניט צוליב זייער אינערליכען ווערטה, נור כדי ער זאָל ניט מוזען אויסשטעהן דעם בזיון פון זיין אונוויסענד אין זיי — כדי ער זאָל געניסען אַן אַריסטאָקראַטישע בילדונג, טראָגען דאָס בלעכיל וואָס בעצייכענט אַ געוויסע געזעלשאַפטליכע פּאָזיציע, און וואָס ברייגנט מיט ממילא אַ געוויסען רעספּעקט.

אָט דער פּאַראַלעל צייגט זיך אַרויס נאָך דייטליכער ביי דעם אַנדער געשלעכט. אין דער בעהאַנדלונג אי פון גייסט, אי פון קערפּער האָט דער עלעמענט פון פוטץ נאָך אַלץ די אויבערהאַנד אין אַ גרעסערן ערך ביי פרויען ווי ביי מענער. אין אָנהויב האָט דער פּערזענליכער פוטץ פערנומען די אויפמערקזאַמקייט פון ביידע געשלעכטער גלייך. אין היינטיגע שפּעטערע טעג פון ציוויליזאַציע אָבער זעהען מיר, אַז בנוגע מענערשע קליידונג שענקט מען אין אַ היבשען ערך וועניגער אַכטונג דעם אויסזעהען איידער דער בעקוועמליכקייט; בעת אויך אין זייער בילדונג איז דאָס ניצליכע די לעצטע צייט מסיג גבול אויף דאָס ציערליכע. דערווייל איז נאָך די דאָזיגע ענדערונג ניט געגאַנגען אין קיין ריכטונג אַזוי ווייט ביי פרויען. זייער טראָגען אויעררינגלעך, פינגער־רינגען און בראַסלעטען; דאָס קונציגע מאַכען פון די האָאָר; דער צופעליגער געברויך פון רוזש נאָך עד היום; די שווערע אַרבייט וואָס מען לעגט אוועק אויף מאַכען די קליידער היבש אָנציהענד; די גרויסע אונבעקוועמליכקייטען וואָס זיי וועלען אויסשטעהען צוליעב דער מאָדע — דאָס אַלעס בעווייזט ווי פיעל, אין פּרט פון פרויען־קליידונג, דער פערלאַנג געפעלען צו ווערען שטייגט נאָך אַריבער דעם פער־

לאנג פאר ווארימקייט און בעקוועמליכקייט. און אזוי אין זייער בילדונג בעווייזט דאס שטארקע איבערגעוויכט פון „השלמות“, ווי אויך דא איז די ניצליכקייט אונטערוואָרפען דעם אויספּיינען זיך. טאנצען, שעהנע מאניערען, שפּיעלען פּיאנא, זינגען, צייכענען — וואס פאר א גרויסען פּלאץ די זאכען פערנעהמען! ווען איהר טהוט א פרעג פאר וואס לערנט מען איטאליעניש און דייטש, וועט איהר געפינען, אז דער ריכטיגער טעם פון אלע אנגעגעבענע לפנים׳דיגע תירוצים איז, וואס מען מיינט אז די קענטשאפט פון די דאזיגע שפּראכען איז דאמען־ארטיג. עס איז ניט צוליב דעם כדי די ביכער וואס זענען געשריבען אין זיי זאלען קענען בענוצט ווערען, וואס עס ווערט כמעט קיינמאל ניט געטון; נור כדי מען זאל קענען זינגען איטאליענישע און דייטשע ליעדער, און די ברייטקייט פון די קענטניסען זאל ארויסרופען א שושקעריי פון בעוואונדערונג. די געבורטען פון קעניגע, זייערע טוידטען און חתונות, און נאך אזוינע היסטארישע קליינינקייטען, ווערען אריינגענומען אין זכרון, ניט צוליב וועלכע עס איז דירעקטע נוצען וואס וואלטען אפשר ארויסגעקומען פון דעם וואס מען וויים עס; נור דערפאר, ווייל די „געזעלשאפט“ בעטראכט די דאזיגע למודים פאר א טייל פון א גוטער בילדונג — ווייל ניט־וויסען אזוינע זאכען קען מיטברייגגען אנדערע מענשענס פעראכטונג. ווען מיר רופען אן די למודים פון לעזען, שרייבען, אויסלעגען, גראמאטיק, אריפמעטיק און נעהען, האבען מיר אויסגערעכענט כמעט אלעם וואס מען לערנט א מיידעל מיטן צוועק פון זייערע דירעקטע נוצען אין לעבען; און אפילו אייניגע פון אָט די למודים האבען אויך מעהר בעציהונג אויף אנדערע מענשענ׳ס א גוטע מיינונג, איידער אויפ׳ן דירעקטען אייגענעם וואוילזיין.

כדי גרינדליך צו בעגרייפען די ווארהייט, אז ביי דעם גייסט ווי ביי דעם קערפער קומט דאס ציערליכע אפריהער איידער דאס ניצליכע, איז נויטיג א בליק צו טון אויף דעם שכל דערפון. דאס ליעגט אין דעם פאקט, וואס פון דער ווייטער פערגאנגענהייט אן, ביז אפילו אויף היינטיגען טאג, האבען די געזעלשאפטליכע נויטען ארונטערגעדריקט די אינדיווידועלע נויטען, און וואס דער הויפט געזעלשאפטליכער נויט איז געווען דער קאנטראל אויף די איינ־

צעלנע. עס איז ניט אמת, ווי מיר מיינען געוועהנליך, אז קיין אנדערע רעגירונגען, א חוץ פון זעלבסטהערשער, פארלאמענטען און אויפגעשטעלטע אויטאָריטעטען זענען ניטאָ. ווי א הוספה צו אָט די אנערקענטע רעגירונגען זענען פאראן אנדערע ניט־אָנערקענטע רעגירונגען, וואָס וואקסען אויס אין אלע קרייזען אין וועלכע יעדער מאן אָדער פרוי שטרעבט צו זיין א קעניג אָדער א קעניגין, אָדער עפעס א קלענערער פריץ. אריבערשטייגען אנדערע כדי צו ווערען גרויסגעהאַלטען פון זיי און מפצה זיין די, וועלכע שטעהען העכער איבער אונז — דאָס איז דער אלגעמיינער קאמפף, אין וועלכען עס ווערען פערשווענדעט די הויפט כחות פון לעבען. עשירות אָנקלייבען, לעבען אויף א נגידישען אופן, געהן אין פרעכטיגע קליידער, אויספיינען זיך מיט קענטנים אָדער מיט א גרויסען קאָפ — זענען אלץ מיטלען, דורך וועלכע יעדער איינער זוכט צו פערקנעכטען די אנדערע, און העלפט דערמיט וועבען יענעם פערצווייגטען נעץ־געוועב פון גדרים און סיגים, דורך וועלכע די געזעלשאפט ווערט געהאַלטען אין אָרדנונג. עס איז ניט נור דער ווילדער הויפטמאן אליין, וואָס זוכט ארויפצו־וואָרפען אן אימה אויף זיינע אונטער־טעניגע דורך זיינע מאָוםדיגע מלחמה־פארבען און טויטע שאר־בענס, וועלכע הענגען ארונטער פון זיין גאַרטעל; עס איז ניט נור די יפה־פיה מיט איהר קונציגען טואלעט, פאָלירטע מאַנירען און צאָהלרייכע השלמות, וועלכע שטרעבט „איינצונעהמען די וועלט"; דער גרויסער למדן, דער היסטאָריקער, דער פילאָסאָף געברויכען זייערע לומדות אויך פאר'ן זעלביגען צוועק. מיר שטעלען זיך קיינער ניט צופריעדען רוהיגערהייט צו ענטוויקלען פול און ברייט אונזער אינדיווידואליטעט אין אלע ריכטונגען; נור עס נאָגט אונז אן אונרוהיגער בעגעהר ארויפצודריקען אונזער פערזענליכקייט אויף אנדערע מענשען, און ווי־ניט־איז זיי מאַכען אונטערטעניג. און אָט דאָס איז עס וואָס עס בעשטימט דעם כאַראַקטער פון אונזער בילדונג. ניט וואָסער וויסען האָט דעם מעהרסטען ווירקליכען ווערטה איז די אויסרעכענונג, נור וואָס וועט ברענגען די מעהרסטע אפלאָדיסמענטען, כבוד און רעספעקט; וואָס וועט אם מעהרסטען מיטברענגען א געזעלשאפטליכע פאָזיציע, וואָס וועט אם מייסטען אימפאָנירען. אזוי ווי דורכאויס אין לעבען איז די פראַגע ניט

וואס מיר זענען, נור וואס מען וועט מיינען אז מיר זענען, אזוי איז אויך אין בילדונג די פראגע ניט דער אינערליכער ווערטה פון וויסען, וויפיעל עס איז דער אויסערליכער איינדרוק וואס עס מאכט אויף אנדערע. און אזוי ווי דאס איז אונזער הערשענדער געדאנק, האט די דירעקטע נוצבארקייט קוים מעהר בעטרעף ביי אונז, ווי ביי דעם בארבאר, בעת ער פיילט זיינע ציינער און פארבט זיינע נעגעל.

אויב מען דארף נאך מעהר ראיות האבען וועגען דעם רויהען, אונענטוויקעלטען כאראקטער פון אונזער בילדונג, קען מען עס געפינען אין דעם פאקט, וואס דערוויילע האט מען נאך כמעט גאר ניט דיסקוטירט מכח דעם פערגלייכענדען ווערטה פון פערשיידענע מינים קענטעניסען — ווער רעדט שוין פון א דיסקוסיאן אויף א מעטאדישען אופן מיט בעשטימטע רעזולטאטען. דער פונקט איז ניט נור, וואס דערוויילע איז מען נאך ניט מושוה געווארען אויף א מאסשטאב פון די רעלאטיווע ווערטהען, נור וואס מען האט נאך ניט בעגריפען אויף א קלארען אופן אז אזא מין מאסשטאב איז פאראן במציאות. און ניט נור האט מען נאך ניט קלאר בעגריפען די מציאות פון אזא מין מאסשטאב, נור עס זעהט אויס אז מען האט נאך גאר ניט געפיהלט אפילו די נויטיגקייט פון אזא זאך. מענשען לעזען ביכער איבער א געוויסען געגענשטאנד, הערען רעפעראטען איבער אנאנדער געגענשטאנד, בעשליסען אז זייערע קינדער זאלען די למודים לערנען און יענע ניט; און אלץ לויט דעם פיהר פון'ם סתם מנהג, אדער לויט זייער געשמאק, אדער לויט א פאראורטייל, קיינמאל ניט איבערטראכטענדיג ווי אונגעהויער וויכטיג עס איז צו בעשליסען לויט א וועלכען עס איז שכל'דיגען גאנג, וועלכע זאכען זענען ווירקליך פון גרעסטען ווערטה צו לערנען. אמת, מיר הערען אין אלערליי קרייזען צופעליגע בעמערקונגען מכח דער וויכטיגקייט פון דעם אדער יענעם סארט למוד. אבער צי די שטופע פון זיין וויכטיגקייט איז אזא וואס בערעכטיגט די צייט-פערוועגדונג, וועלכע איז נויטיג איהם אויסצולערנען, און צי עס זענען ניט פאראן וויכטיגערע זאכען, אויף וועלכע די צייט וואלט געקענט בעסער פערוועגדעט ווערען — דאס זענען פראגען וועלכע, אויב מען שטעלט זיי איבערהויפט, ווערען אבגע'פטרט גאנץ קורץ,

לויט יעדערנס פערזענליכע פאָרליעבע. עס איז אויך אמת, אז מיר הערען פון צייט צו צייט ווי עס לעבט אויף די שטענדיגע מחליקה מכח די צוגעגליכענע מעלות פון די קלאַסישע למודים און פון מאַטעמאַטיק. די מחליקה אָבער ווערט געפיהרט ניט נור אויף אַן עמפּירישען אופן, אָהן אַ שום שייכות צו אַ געוויסען זיכערען קריטעריום, נור די גאַנצע פראַגע גופא איז לגמרי אַן אונבעדייטענדע, אין פערגלייך מיט דער אַלגעמיינער פראַגע, פון וועלכער זי איז אַ טייל. זיך פאַרשטעלען, אז דער בעשלוס אז אַ מאַטעמאַטישע בילדונג איז בעסער, אָדער אַז אַ קלאַסישע איז בעסער, הייסט פאַסען אַ בעשלוס וואָס איז דער ריכטיגער קורס פון שטודיום, איז גאַנץ די זעלביגע זאַך ווי אָננעהמען אַ שטייגער, אַז די גאַנצע לעהרע פון דיעטע בעשטעהט אין דעם בעשליסען, צי ברויט איז נאַהרהאַפטיגער איידער קאַרטאָפעל, צי ניט!

די פראַגע, וועגען וועלכער מיר טענה'ן אַז זי איז פון אַזאַ אַלגעמיינער וויכטיגקייט, איז ניט צי דער למוד, צי אַנאַנדערער האָט עפּעס אַ ווערטה, נור די פראַגע איז, וואָס פאַר אַ ווערטה האָט ער פערהעלטניסמעסיג? מענשען האָבען אַ טבע אָנצונעהמען, אַז וויבאלד זיי קענען אָנרופען געוויסע נוצען, וואָס זיי האָבען געצויגען פון אַ בעשטימטען קורס פון למודים, האָבען זיי דערמיט שוין זיך גערעכטפערטיגט: גאַר פערגעסענדיג אַז דער עיקר וואָס מען דאַרף אורטיילען איז, צי די נוצען זענען געוועזען לפי ערך גענוגענד, זאַכמעסיג. עס איז אפשר גאַר ניטאָ קיין געגענשטאַנד, וועלכען מענשען שענקען זייער אויפמערקזאַמקייט, וואָס זאָל ניט האָבען וויפיעל עס איז ווערטה. פליסיג פערברייגען אַ יאָהר צייט אויף אַ זאַמלונג פון די הערבען פון געוויסע פאַמיליען־שטאַמען, איז גאַנץ מעגליך אַז עס וואָלט אונז געגעבען אביסעל אַ וייטערען קוק אין דעם ענין פון פּאַרצייטיגע מאַנירען און מדות, ווי אויך אין דעם אורשפּרונג פון נעמען. יעדער איינער, וואָס זאָל זיך נעהמען אויסלערנען די שטרעקען צווישען אַלע שטעדטליך אין ענגלאַנד, וואָלט אין פאַרלויף פון זיין לעבען געפינען, פון די טויזענדער פאַקטען וואָס ער האָט בעקומען, אַ פּאָר, וועלכע קענען איהם ברייגנען אַ וועלכען־ניט־איז לייכטען נוצען בעת צוגרייטענדיג זיך צו מאַכען אַ רייזע. צונויפקלייבען אַלע

רכילות־רייד פון א געגענד, וואס קיין פוסטערע בעשעפטיגונג קען דאכט זיך גאר ניט זיין, וואלט דאך געקענט אמאל העלפען אויפבויען עפעס א ניצליכען פאקט — לאמיר זאגען עס וואלט דהינו זיין א גוטערביישפיעל, ווי כאראקטערען גיבען זיך איבער בירושה. אין די אלע פעלען אבער וואלט יעדער איינער מודה געווען, אז עס האלט ניט אוים קיין פראפארציע צווישען דער ארבייט, וואס עס נעהמט אוועק, און דעם וואהרשיינליכען נוצען, וואס עס קען קומען דערפון. קיין איינציגער וואלט ניט דולדען דעם פארשלאג, אז מען זאל פארווענדען א יונגעל'ס עטליכע יאהר צייט צו בעקומען אט אזוינע ידיעות, אויפ'ן חשבון פון א סך מעהר וויכטיגע למודים, וועלכע ער וואלט קענען אויף אנאנדער אופן בעקומען. און אויב אט דא אפעלירט מען יא צו דער פראבע פון רעלאטיווען ווערטה און מען פאלגט זיין בעשלום, איז יעמאלט זאל מען דורכאוים אזוי טון און אויך פאלגען דעם בעשלום. וואלטען מיר געהאט די צייט אויסצולערנען אלע למודים, וואלט אונז ניט נויטיג געווען איבער־צוקלייבען. ווי זאגט דאס אלטע ליעדעל: —

ווען מען קען זיכער זיין,
אז מען וועט לעבען לאנג,
ווי פארצייטיגע דורות, טויזענד יאהר —
וויפיעל זאכען מ'וואלט געוואוסט!
וואס פאר מעשים מ'וואלט צו טהאן!
און אהן זארג, אהן איילעניס גאר.

„מיר אבער, וואס אונזער לעבען איז נור א שפאן די גרויס“, מוזען תמיד האלטען אין זין די בעגרענציקייט פון אונזער חדר־צייט. און נעדענקענדיג אז אונזער צייט איז אזוי ענג בעגרעניצט ניט נור מחמת די קורצקייט פון לעבען, נור אויך, און דערהויפט, צוליעב די עסקים פון'ם לעבען, דארפען מיר אודאי זעהען אזוי צו פער־ווענדען דאס ביסעל צייט וואס מיר האבען, אז עס זאל אונז ברייג־גען די גרעסטע נוצען. איידער מען נעהמט זיך אבגעבען יאהרען אויף א געגענשטאנד, וועלכען די מאדע אדער די איינבילדונג רעדט צו, איז אודאי א קלוגע זאך איבערצו־וועגען גענוי דעם ווערטה פון

די רעזולטאַטען, פערגלייכענדיג איהם מיט דעם ווערטה פון פערשיידענע אנדער-פעליגע רעזולטאַטען, וואָס דיזעלביגע יאָהרען ארבייט וואָלטען קענען ברייגנען, ווען מען זאָל זיי אנדערס פערווענדען.

אין ענין פון ערציהונג, הייסט עס, איז אָט דאָס די פראַגע פון אַלע פראַגען, וועגען וועלכער עס איז שוין לאַנג צייט געווען צו דיסקוטירען לויט א געוויסען מעטאָדישען אופן. דאָס ערסטע אין וויכטיגקייט, הגם בעטראַכט מוז עס ווערען צולעצט, איז דאָס פּראָבלעם — ווי בעשליסט מען זיך צווישען אַלע מינים פערשיידענע למודים, וועלכע האָבען זייערע בעזונדערע תביעות אויף אונזער אויפמערקזאַמקייט? מיר מוזען אָבמאַכען ביי זיך, אפריהער איידער מען קען האָבען א ראַציאָנאַלען קורס פון למודים, וועלכע זאַכען עס זענען אונז מעהר פאַר אַלץ נוגע צו וויסען; אָדער, צו בענוצען זיך מיט בעקאָנ׳ס אַן אויסדרוק, וועלכער איז ליידער ארוים איצטער פון געברויך — מיר מוזען בעשטימען ד י ר ע-לאַטיווע ווערטהען פון די קענטעניסע.

די ערסטע פאָדערונג פאַר אָט דעם צוועק, איז צו האָבען א מ אָ ס פון ווערטהען. און צום גליק קען מכח דעם ריכטיגען מאָס פון ווערטהען, ווי דאָס ווערט אויסגעדריקט אין אַלגעמיינע ווערטער, קיין דיספּוט ניט זיין. יעדער איינער, בעת ער טענה׳ט פאַר דער וויכטיגקייט פון א וואָסער עס איז בעזונדערן סאָרט למודים, זעהט צו בעווייזען די שיכות וואָס די דאָזיגע למודים האָבען צו א געוויסען טייל פון לעבען. אלס ענטפער אויף דער שאלה „וואָס איז די פעולה פון דעם?" ערקלערט אייך סיי דער מאַטעמאַטיקער, סיי דער שפּראַך-קענער, דער נאַטור-פאָרשער אָדער דער פילאָסאָף דעם אופן ווי אזוי זיין פאַך האָט א גינסטיגען איינפלוס אויף די מענשליכע טהעטיגקייט, ווי עס היט אָב פון שלעכטס אָדער ברייגנט גוטס, ווי עס פיהרט צו גליקליכקייט. ווען דער לעהרער פון שרייבען צייגט אָן וואָס פאַר א גרויסע הילף דאָס קענען שרייבען איז צו הצלחה אין געשעפט, ד. ה. צו פערדיענען אויף חיונה, צו מאַכען א שעהנעם לעבען, האַלט מען אז ער האָט בעוויזען זיין פונקט. און ווען דער זאַמלער פון טוידטע פאַקטען

(דהינו דער וואָס קלייבט אויף אַלטע מטבעות) פערפעהלט אייך קלאָר צו מאַכען, וואָס פאַר ממשות'דיגע ווירקונגען די דאָזיגע פאַקטען קענען האָבען פאַר'ן מענשליכען וואוילזיין, איז ער גע־צוואונגען מודה צו זיין, אז אין פערגלייך מיט אַנדערע זענען זיי ווערטהלאָז. אַלע, הייסט עס, ווענדען זיך צו אָט דעם פונקט, סיי דירעקט, סיי על פי סברא, ווי צו דער גאַנץ־לעצטער פּראָבע.

ווי זאָל מען לעבען? — דאָס איז פאַר אונז די עצם פראַגע. ניט ווי אזוי לעבען בלויז אין דעם מאַטעריעלען זין אַליין, נור אין דעם ברייטסטען זין. דער אַלגעמיינער פּראָבלעם, וואָס פּאַסט אום יעדען ספּעציעלען פּראָבלעם, איז — ריכטיג בעשטימען דעם אויפ־פיהר אין אַלע ריכטונגען און אונטער אַלע אומשטענדען. ווי צו בעהאַנדלען דעם קערפּער און ווי צו בעהאַנדלען דעם גייסט; ווי אַנצופיהרען אונזערע געשעפטען און אויף וועלכען אופן אויפצוהאָ־דעווען אַ פאַמיליע; ווי זיך אויפצופיהרען אַלס בירגער און ווי אזוי אויסצונוצען אַלע קוואַלען פון גליקליכקייט, וועלכע די נאַטור פערשאַפט: ווי צו געברויכען אַלע אונזערע פעהיגקייטען צום גרעס־טען נוצען פאַר זיך און אַנדערע — ווי צו לעבען פ אָ ל ש ט ע נ־ד י ג? און היות ווי דאָס איז די גרויסע פראַגע, וואָס מיר האָבען נויטיג צו פערענטפערן, איז פון־זיך געדרונגען, אז דאָס איז די גרויסע זאַך, וואָס די ערציהונג דאַרף לערנען. פאַרברייטען אונז צו אַ פאָלשטענדיגען לעבען איז די עובדא וואָס די ערציהונג האָט אויסצופיהרען; און דער איינציגער ראַציאָנאַלער אופן ווי צו אורטיילען מכח אַ וועלכען עס איז בילדונגס־קורס, איז נאָכצוזעהן אין וואָס פאַר אַן ערך ער פיהרט אויס די דאָזיגע עובדא.

אָט די פּראָבע, וועלכע ווערט קיינמאָל ניט געברויכט מיט אַלעמען, און זעלטען־ווען אפילו נור טיילווייז, און דאַן אויך נור אונ־קלאָר און האַלב־בעוואוסטזיניג — אָט די פּראָבע דאַרף אַנ־געווענדעט ווערען בעוואוסטזיניג, מעטאָדיש און דורכאויס אין אַלע פעלען. עס פּאַסט אונז מיר זאָלען אויפנעהמען דעם געדאַנק פון אַ פאָלשטענדיגען לעבען און עס תמיד האַלטען קלאָר פאַר'ן אויג, ווי דאָס ציעל וואָס מען דאַרף דערגרייכען; בכדי אז בעת מיר ערציהען אונזערע קינדער, זאָלען מיר קענען אויסקלייבען געגענ־שטענדען און מעטאָדען פון אונטערריכט מיט אַן אויסגערעכנטען

בליק אויף אָט דעם צוועק. ניט נור מוזען מיר זיך אָבזאָגען פון סתם אָננעהמען ניט דענקענדיג די גאַנגבאַרע מאָדע אין ערציהונג, וועלכע האָט ניט קיין בעסערן גרונד איידער יעדע אַנדער מאָדע, נור מיר מוזען אויך זיך אויפהויבען העכער איבער יענעם רויהען, עמפּירישען אַרט פון אָב'פּסק'נען, וועלכען עס וויזען ארוים יענע מעהר־אינטעליגענטע מענשען, וואָס גיבען זיך שוין יאָ אביסעל מיה אויפצופּאַסען אויף די אויסבילדונג פון זייערע קינדער'ס מוחות. עס טאָר ניט זיין גענוג סתם נור צו ד ע נ ק ע ן, אז אזא אָדער אזא למוד וועט שפּעטער אין לעבען קומען צוניץ, אָדער אז דער סאָרט וויסען האָט מעהר פּראַקטישען ווערטה איידער יענער סאָרט; מיר מוזען אויסזוכען עפּעס אַ גאַנג ווי אָבצושאַצען יעדען איינעמס ווערטה אזוי, אז מיר זאָלען ווי וויית מעגליך קענען פּאָזיטיוו ו ו י ס ע ן, וועלכע למודים פערדיענען אם מעהרסטען אונזער אויפמערקזאַמקייט.

קיין ספק ניט אז די אויפגאַבע איז אַ שווערע — אפשר וועט מען גאָר קיינמאָל ניט קענען זי ערפילען אין גאַנצען. בעטראַכ־טענדיג אָבער וואָס פאַר גרויסע אינטערעסען עס שטעהען אין קאָן, איז די שווערקייט פון דער אויפגאַבע ניט קיין גרונד מען זאָל זי דעריבער שוואַכמיטיג דורכלאָזען, נור אדרבא מען זאָל אָבגעבען די גאַנצע ענערגיע זי צו בעהערשען. און ווען מיר זאָלען זיך נור נעהמען צו איהר סיסטעמאַטיש, קענען מיר גאַנץ גיך דערגרייכען גאָר ניט קיין קליינע רעזולטאַטען.

אונזער ערסטער טריט איז קלאָר, אז מען מוז קלאַסיפיצירען, לויט דעם סדר פון זייער וויכטיגקייט, די הויפּט סאָרטען טהעטיג־קייט, וועלכע שטעלען צונויף דאָס מענשליכע לעבען. זיי לאָזען זיך בטבע איינטיילען אזוי: — 1) די טהעטיגקייטען, וואָס דיענען ד י ר ע ק ט דעם צוועק פון זעלבסטערהאַלטונג; 2) די טהעטיג־קייטען, וואָס בעזאָרגען די נויטיגע לעבענסמיטלען און דיענען דורבדעם א י נ ד י ר ע ק ט צום צוועק פון זעלבסטערהאַלטונג; 3) די טהעטיגקייטען, וועלכע האָבען דעם צוועק אויפצוהאָדעווען און ערציהען קינדער; 4) די טהעטיגקייטען, וואָס בעצוועקען די אויפהאַלטונג פון פּאַסיגע געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע בע־ציהונגען; און 5) די געמישטע טהעטיגקייטען, וואָס נעהמען אָב

דעם פּרייװען טייל פון לעבען, װעלכען מען גיט אװעק אויף דער בעפריעדיגונג פון די געשמאַקען און געפיהלען.

מען בעדאַרף ניט קיין לאַנגע חקירות צו בעװייזען, אז דאָס איז אונגעפעהר דער ריכטיגער סדר אין װעלכען די דאָזיגע טהעטיגקייטען שטעהען איינע אונטער די אַנדערע. די טהעטיגקייטען און פאַרזיכטיגקייטען, דורך װעלכע מיר בעזאָרגען פון מינוט צו מינוט אונזער פּערזענליכע זיכערקייט, מוזען גאַנץ קלאָר האָבען דעם פאָרצוג איבער אַלע אַנדערע. װאָלט זיך געקענט געפינען א מענש אזוי אונװיסענד װי א קליין קינד, װאָס האָט קיין בעגריף ניט װעגען די ארומיגע געגענשטאַנדען און בעװעגונגען און װייס ניט װי ארומצוגעהן מיט זיי, װאָלט ער געװיס פערלאָרען זיין לעבען גלייך ביים ערסטען ארויסגעהן אין גאַס, קיין נפקא מינה ניט װי גרויס זיין בעלעהרזאַמקייט זאָל גיט זיין בנוגע צו אַלע אַנדערע זאַכען. און היות װי זיין לגמרי אונװיסענד אין אַלע אַנדערע ריכטונגען װאָלט ניט געװען אזוי דירעקט געפעהרליך, װי זיין לגמרי אונװיסענד אין אָט דער ריכטונג, מוז מען מודה זיין, אז דאָס דאָזיגע װיסען, װאָס פיהרט אונמיטעלבאַר צו זעלבסט־ערהאַלטונג, איז פון דער ערסטער װיכטיגקייט.

אז גלייך נאָך דער דירעקטער זעלבסטערהאַלטונג קומט די אינדירעקטע זעלבסטערהאַלטונג, װעלכע בעשטעהט אין איינשאַפען זיך לעבענסמיטלען, װעט קיינער זיך ניט אָבשטעלען פרעגען. אז א מענשענס אינדוסטריעלע פונקציעס מוזען אפריהער בעטראַכט װערען איידער זיינע פונקציעס אַלס פאָטער, איז קלאָר צו זעהן פון דעם פאַקט, װאָס בכלל גערעדט, װערט די פאָטערליכע פונקציע ערסט דאַן א מעגליכקייט, װען עס זענען אפריהער ערפילט געװאָרען זיינע אינדוסטריעלע אויפגאַבען. און היות װי די קראַפט פון זעלבסט־ערנעהרונג קומט נויטיגערװייז פריהער איידער די קראַפט פון ערנעהרען קינדער, איז דערפון געדרונגען, אז די קענטעניסען װאָס זענען נויטיג פאַר זעלבסטערנעהרונג האָבען שטאַרקערע תביעות איידער די קענטעניסען װאָס זענען נויטיג פאַר׳ן װאױלזיין פון א פאַמיליע — טרעטען ניט אָב זייער פּלאַץ פאַר קיין זאַך ניט, א חוץ פאַר דעם װיסען, װאָס איז נויטיג פאַר דער דירעקטער זעלבסטערהאַלטונג.

אזוי ווי די פאמיליע קומט אין סדר פון צייט פריהער פאר׳ן שטאאט — אזוי ווי אויפהאָדעוועו קינדער קען מען איידער דער שטאאט האָט אָנגעהויבען צו עקזיסטירען, אָדער ווען ער האָט שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירען, בעת אָבער דער שטאאט קען זיין ערסט נאָכדעם, ווי קינדער זענען אויפגעהאָדעוועט געוואָרען, פאָלגט דערפון, אז די פאָטערליכע פליכטען פאָדערן א געוויסע אויפ־מערקזאמקייט איידער די בירגערליכע פליכטען. אָדער, בענוצענדיג א וויטערדיגען ארגומענט, קען מען זאָגען: היות ווי די גוטסקייט פון א געזעלשאפט הענגט סוף כל סוף אָב פון דער נאטור פון איהרע בירגער; און היות ווי די נאטור פון איהרע בירגער לאָזט זיך מעהר ענדערן דורך א פריהע ערציהונג איידער דורך א וועלכע עס איז אנדער זאך; מוזען מיר בעשליסען, אז דאָס וואוילזיין פון דער פאמיליע איז דער יסוד פון דעם וואוילזיין פון דער גע־זעלשאפט. און דעריבער מוזען די קענטעניסען, וואָס פיהרען דירעקט צום וואוילזיין פון דער ערסטער, האָבען דעם פאָרצוג איבער די קענטעניסען, וואָס פיהרען דירעקט לטובה פון דער לעצטער.

די פערשיידענע פאָרמען פון פערגניגענדליכע בעשעפטיגונגען, וועלכע פילען אויס די לעדיגע צייט, וואָס בלייבט נאָך די ערנסטערע בעשעפטיגונגען — דער גענוס פון מוזיק, פאָעזיע, מאהלעריי א. אז. וו. — בעטייטען גאנץ קלאָר, אז א געזעלשאפט עקזיסטירט שוין פון פריהער. ניט נור קענען זיי ניט זיין היבש ענטוויקעלט, ווען עס איז נאָך ניטאָ קיין לאנג־איינגעפיהרטער געזעלשאפטלי־כער פערבאנד, נור זייער עצם מאטעריאל גופא בעשטעהט אין א גרויסען טייל פון געזעלשאפטליכע סענטימענטען און סימפאטיען. די געזעלשאפט שטעלט־צו ניט נור די בעדינגען פון זייער ענט־וויקלונג, נור אויך די אידעען און די געפיהלען, וואָס זיי דריקען אויס. און פאָלגליך איז יענער טייל פון מענשליכען אויפפיהר, וואָס מאכט איינעם פאר א גוטען בירגער, פון פיעל גרעסערער וויכטיגקייט איידער דער טייל, וואָס געהט אוועק אויף השלמות אָדער אויף איבונגען פון די געשמאק־געפיהלען; און בנוגע דער בילדונג, מוזען די הכנות פאר דעם ערסטען טייל שטעהן אויף א פריהערדיגען ראנג איידער די הכנות פאר דעם אנדער טייל.

אַט דאָס, זאָגען מיר אַלזאָ נאָך אַמאָל, איז אונגעפעהר דער ראציאָנאַלער סדר פון די מדריגות: די בילדונג וואָס גרייט־צו צו דער דירעקטער זעלבסטערהאַלטונג; די בילדונג וואָס גרייט־צו צו דער אינדירעקטער זעלבסטערהאַלטונג; בילדונג וואָס גרייט־צו צו פאָטער־און־מוטערשאַפט; בילדונג וואָס גרייט־צו צו בירגער־שאַפט; בילדונג וואָס גרייט־צו צו די פערשיידענע פערפיינע־רונגען פון לעבען. מיר מיינען ניט צו זאָגען, אז אַט די איינ־טיילונגען קענען שאַרף אָבגעזונדערט ווערען. מיר לייקענען ניט, אז זיי זענען אַזוי ענג פערקניפּעלט איינע מיט די אַנדערע, אז עס קען ניט זיין קיין צו־גרייטונג צו איין זאַך, וואָס זאָל ניט גע־וויסערמאַסען זיין אויך אַ צוגרייטונג צו אַלע איבעריגע. מיר צווייפלען אויך ניט, אז אין יעדער איינטיילונג זענען פאַראַן טייי־לען, וואָס זענען מעהר וויכטיג איידער געוויסע טיילען פון די איינטיילונגען וואָס קומען צוערסט: צום ביישפּיעל, אַ מענש מיט גרויסע פעהיגקייטען אין געשעפט־זאַכען און גאָר ווייניג אַנדערע פעהיגקייטען, קען נידעריגער אַרונטערפאַלען אונטער דעם מאָס־שטאַב פון אַ פאָלשטענדיגען לעבען, איידער אַנאַנדערער וואָס האָט אַ קנאַפּען כח צו מאַכען געלד, אָבער דערפאַר אַ גרויסע אורטיילס־קראַפט אַלס פאָטער; אָדער, אז זעהר אַ טיעפע ידיעה בנוגע צו געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייטען, ניט האָבענדיג דערביי אַ ברעקיל אַלגעמיינע בילדונג אין ליטעראַטור און קונסט, איז ווייני־גער ווינשעסווערטה איידער אַ קנאַפּערער חלק פון איין זאַך, צו־זאַמען מיט וויפיעל עס איז פון דער אַנדער זאַך. אָבער נאָך אַלע אויסבעסערונגען וואָס מען קען מאַכען, בלייבען אַלץ אַט די ברייט־אָנגעצייכענטע איינטיילונגען; אין עצם פערבלייבט עס אַלץ ריכטיג, אז אַט די איינטיילונגען שטעלען זיך איינע אונטער דער אַנדערער אין דעם פריהער געגעבענעם סדר, ווייל די ענטשפּרע־כענדע איינטיילונגען פון לעבען מאַכען איינע די אַנדערע מעגליך אין אַט דעם סדר.

עס פערשטעהט זיך, דער אידעאַל פון ערציהונג איז — אַ פאָלשטענדיגע צוגרייטונג אין אַט די אַלע איינטיילונגען. אָבער בלייבענדיג הינטערשטעליג אין דעם אידעאַל, ווי יעדער איינער אויף אונזער היינטיגער שטופע פון ציוויליזאַציע, מוז מעהר אָדער

וועניגער בלייבען, דאַרף אונזער ציעל זיין אויפצוהאַלטען א געהעריגע פּראָפּאָרציע צווישען די שטופען פון צוגרייטונג אין יעדער איינטיילונג. ניט א גאַר־טיעפע אויסבילדונג אין וועלכער עס איז איין זאַך, העכסט וויכטיג ווי די דאָזיגע זאַך זאָל ניט זיין — אפילו ניט אַן אָבגעבען זיך אין גאַנצען צו די העכסט וויכטיגע צוויי, דריי אָדער פיער אָבטיילונגען; נור אַן אָבגעבען זיך צו אַלע: די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, וואו דער ווערטה איז דער גרעסטער; וועניגער, וואו דער ווערטה איז וועניגער, און דאָס וועניגסטע, וואו דער ווערטה איז דער וועניגסטער. פאַר דעם דורכשניטסמענשען (מען דאַרף ניט פערגעסען די פעלען וואו א מענשענ'ס בעזונדערע נייגונג פאַר איין געוויסען טייל פון וויסענשאַפט בעשטימט גאַנץ ריכטיג יענעם טייל אלס די בעשעפטיגונג, וואָס גיט איהם זיין חיונה) — פאַר דעם דורכשניטסמענשען, זאָגען מיר, איז דאָס ווינשענסווערטהע, א צו־גרייטונג וואָס דערגרייכט אַ נעהענטסטען צו פאָלקאָמענהייט אין די זאַכען, וועלכע זענען דאָס מעהרסטע בעהילפיג צו פיהרען א פאָל־שטענדיג לעבען, און א צוגרייטונג וואָס איז אַלץ וועניגער און וועניגער פאָלקאָם אין יענע זאַכען, וועלכע זענען נוגע אַלץ מעהר פון ווייטען דעם פאָלשטענדיגען לעבען.

רעגולירענדיג די ערציהונג לויט אָט דעם מאָסשטאַב, זענען פאַראַן איינינגע אַלגעמיינע בעטראַכטונגען, וואָס דאַרפען תמיד אונז שטעהן פאַר די אויגען. דער ווערטה פון יעדען סאָרט ביל־דונג אַלס א הילף צו א פאָלשטענדיגען לעבען קען זיין אָדער א נויטיגער, אָדער א מעהר אָדער וועניגער צופעליגער. עס איז פאַראַן א ווייסען וואָס האָט א אינערליכען ווערטה, א ווייסען וואָס האָט א כמעט־אינערליכען ווערטה, און א ווייסען וואָס האָט א קאָנווענציאָנעלען ווערטה. אזוינע פאַקטען ווי צ. ב. ש., אז איידער א גליעדער ווערט פּאַראַ־ליזירט, פיהלט זיך אין איהם געוועהנליך אַן אָבגע'חלשט'קייט און א מין שטעכענים; אז דער ווידערשטאַנד פון וואַסער אויף א קערפּער וואָס בעוועגט זיך אין איהם, איז פערשיידען לויט דעם קוואַדראַט פון זיין אימפּעט; אָדער אז דער גאַז כלאָר איז א דיסאינפעקצירמיטעל — די פאַקטען, און די וואַרהייטען פון דער

וויסענשאַפט בכלל, האָבען אַ א י נ ע ר ל י כ ע ן ווערטה: זיי וועלען האָבען אַ שיכות צו מענשליכע אויפפיהרונגען צעהן טויזענד יאָהר שפּעטער, אַזוי גוט ווי איצטער. די טיעפערע ידיעות אין אונזער אייגענער שפּראַך, וואָס מען בעקומט דורך אַ בעקאַנטשאַפט מיט לאַטיין און גריכיש, האָט אַ ווערטה, קען מען זאָגען, וואָס איז אַ כ מ ע ט - א י נ ע ר ל י כ ע ר: ער מוז עקזיסטירען פאַר אונז און פאַר אַנדערע פעלקער, וועמעס שפּראַכען עס זענען פיעל פערפליכטעט צו די דאָזיגע קוואַלען; דער ווערטה וועט אָבער אָנהאַלטען נור אַזוי לאַנג, ווי אונזערע שפּראַכען וועלען אָנהאַלטען. בעת אָבער יענער סאָרט למוד, וואָס טראָגט אין אונזערע שולען פאַלשערהייט דעם נאָמען „געשיכטע“ — דאָס טרוקענע געוועב פון נעמען און דאַטען און טוידטע אונבעדייטענדע פּאַסירונגען — האָט נישט מעהר ווי אַ ק אָ נ ו ו ע נ צ י אָ נ ע ל ע ן ווערטה: עס האָט ניט די קלענסטע שיכות מיט וועלכע עס איז פון אונזערע טהעטיגקייטען, עס טויג נור אויף אויסצומיידען די אונאַנגענעהמע קריטיקען, וואָס די עפענטליכע מיינונג גיט אַרויס אויב מען ווייס עס ניט. עס פערשטעהט זיך, אַז אויב די פאַקטען, וועלכע זענען נוגע דער גאַנצער מענשהייט אין אַלע צייטען, מוזען בעטראַכט ווערען אַלס מעהר וויכטיגע איידער די, וועלכע זענען נוגע נור אַ טייל פון דער מענשהייט אין אַ בעגרענצטער צייט, און אַלס גאָר אַ סך מעהר וויכטיגע איידער די וואָס זענען נוגע אַ טייל פון דער מענשהייט נור אין אַזאַ קורצע צייט ווי לאַנג עס האַלט אָן די מאָדע; איז דערפון געדרונגען, אַז על פי ראַציאָנעלען אָבשאַטץ מוז דאָס וויסען, וואָס האָט אַ אינערליכען ווערטה, האָבען אונטער גלייכע בעדינגונגען דעם פאָרצוג איבער אַזאַ וויסען, וואָס האָט נור אַ כמעט-אינערליכען אָדער אַ קאָנוועציאָנעלען ווערטה.

נאָך איין וויכטיגען פאָרוואָרט. יעדער סאָרט למוד האָט צווייערליי ווערטהען — אַ ווערטה אַלס ו ו י ס ע ן און אַ ווערטה אַלס ד י ס צ י פּ ל י ן. די ערלערנונג פון יעדער גאַטונג פון פאַקטען האָט אַ חוץ די נוצען וואָס עס ווייזט אונז אָן ווי זיך אויפצופיהרען, אויך אַ נוץ אַלס אַ גייסטיגע איבונג; און מען דאַרף בעטראַכטען איהרע ווירקונגען אַלס צוגרייטער צו אַ פאַל-

שטענדיגען לעבען אונטער אָט דיביידע הויפּט נעמען.

אָט די זענען, הייסט עס, די אַלגעמיינע אידעען, מיט וועלכע מיר מוזען אָנהויבען, ווען מיר נעהמען זיך דיסקוטירען א ק ו ר י ק ו ל ו ם, א קורס פון למודים. מיר בעטראַכטען האָט לעבען ווי עס איז איינגעטיילט אין עטליכע סאָרטען טהעטיגקייט, וואָס ווערט איינע נאָך די אַנדערע ווענ׳יגער אין וויכטיגקייט; דעם ווערטה פון יעדער גאַטונג פון פאַקטען, וואָס רעגולירט די עטליכע סאָרטען טהעטיגקייט, אַלס א אינערליכען, כמעט־אינערליכען, און קאָנוועגציאָנעלען; און זייערע רעגולירענדע איינפלוסען ווערען אָבגעשאַצט אי אַלס וויסען, אי אַלס דיסציפּלין.

צום גליק איז דער דאָזיגער אַלערוויכטיגסטער טייל פון ערציהונג, וואָס פערזיכערט די דירעקטע זעלבסטערהאַלטונג, אין א גרויסען טייל שוין פערזאָרגט געוואָרען. א צו־ערנסטע מעשה עס איבערצולאָזען אויף אונזער אונבעזאָנענקייט, נעהמט עס די נאַטור אין איהרע אייגענע הענד. דאָס עופ׳עלע, בעת מען טראָגט זיך נאָך ארום מיט איהם אויף די הענד, וואָס בעהאַלט זיין פּנים׳ל און שרייט אַז עס דערזעהט א פרעמדען, צייגט שוין ארוים דעם אויפלייכטענדען אינסטינקט צו בעשיצען זיך, אַנטלויפענדיג פון דאָס וואָס איז אונבעקאַנט און וואָס עס קען זיין געפעהרליך. און שפּעטער, ווען עס געהט שוין ארום, איז דער שרעק וואָס עס צייגט ארויס ווען אַן אונבעקאַנטער הונד קומט צו־נאָהענט, און די געשרייען מיט וועלכע עס לויפט צו דער מוטער, בעת עס דערזעהט אָדער דערהערט עפּעס דערשרעקענדעס, א בעוויז פון א ווייטער־ענטוויקעלטען אינסטינקט. נאָך מעהר, דאָס וויסען וואָס דיענט די צוועקען פון דירעקטער זעלבסטערהאַלטונג איז די הויפּטזאַך אין וואָס עס איז פערטהון אויסצוגעפינען פון שעה צו שעה. ווי צו באַלאַנסירען זיין קערפּער, ווי צו קאָנטראָלירען זיינע בעוועגונגען כדי אויסצומיידען א צוזאַמענשטויס; וועלכע זאַכען זענען האַרטע זאַכען און וועלען וועה טהון ווען מען שלאָגט זיך אָב אָן זיי, וועלכע זאַכען זענען שווערע און טהוען אָן שאָדען אויב זיי פאַלען אויף די גליעדער; וועלכע זאַכען וועלען אויסהאַלטען דאָס געוויכט פון קערפּער, און וועלכע ניט; די שמערצען וואָס קומען פון

פייער, פון וואַרפען שטיינדלעך, פון שאַרפע געצייג — אַט די און אַלערליי אנדערע שטיקלעך ידיעות, וואָס זענען נויטיג כדי אויס־צומיידען טוידט אָדער אומגליק, האַלט עס שטענדיג אין איין לערנען. און שפּעטער אין עטליכע יאָהר, ווען די ענערגיע געהט אוועק אויף לויפען, קלעטערען און שפּרינגען, אויף שפּיעלען אויס־צוצייגען גבורות און שפּיעלען צו בעווייזען קונצען, זעהען מיר אין די אַלע טהעטיגקייטען, דורך וועלכע די מוסקולען ווערען ענט־וויקעלט, די חושים ווערען פערשאַרפט און די אורטיילסקראַפט פערשנעלערט, אַ פּאַרבערייטונג פאַר דעם זיכערען קעהר פון קערפּער צווישען ארומיגע זאַכען און בעוועגונגען, און אַ צוגרייטען־זיך צו קענען בעגעגענען די גרעסערע געפאַהרען, וועלכע קומען אַמאָל פּאַר אין יעדען איינעמס לעבען. איז אַזוי ווי די נאַטור גיט, ווי געזאָגט, גוט אַכטונג אויף די זאַכען, נויטיגט זיך אין פערגלייך אַט די פונדאַמענטאַלע ערציהונג גאַנץ ווענינ אין אונזער אויפ־פאַסונג. דער עיקר וואָס עס פאָדערט זיך פון אונז, איז נאָכזעהן עס זאָלען זיין פריִיע געלעגענהייטען צו קענען געווינען אַט די ער־פאַהרונג און צו קענען בעקומען די דאָזיגע דיסציפּלין — מען זאָל ניט שטעלען דער נאַטור אַזעלכע הינדערניסען ווי דאָס טהוען די שטומפּזיניגע שול־אויפזעהערינס, וועלכע האַלטען צוריק די מיידלעך, וואָס שטעהען אין זייער רשות, פון די פיזישע טהעטיגקייטען, פאַר וועלכע זיי וואָלטען זיך גענומען דורך אַ נאַטירליכען טריעב, און מאַכען זיי דורכדעם כמעט אונפעהיג זיך אַליין צו העלפען אין אומשטענדען פון געפאַהר.

דאָס איז אָבער בשום אופן נאָך ניט אַלץ וואָס ווערט אומגע־פאַסט פון דער בילדונג צור־צוגרייטען צו דער דירעקטער זעלבסט־ערהאַלטונג. אַ חוץ פערהיטען דעם קערפּער אנטקעגען מעכאַנישע הזיקות אָדער פערניכטונג, דאַרף ער פערהיט ווערען אנטקעגען שאָדען פון אנדערע סבות — אנטקעגען קראַנקהייט און טוידט וואָס קומען פון עובר זיין אויף די פיזיאָלאָגישע געזעצען. פאַר'ן פאָלשטענדיגען לעבען איז נויטיג אויסצומיידען ניט נור פּלוצליכע פערניכטונגען פון לעבען, נור מען מוז אויך זעהן ענטרונען צו ווערען פון די שלאַפקייטען און לאַנגזאַמע פערניכטונגען, וואָס ניט־קלוגע געוועהנהייטען ברייננגען־מיט. אַזוי ווי אָהן געזונד און־

ענעהגיע ווערען די אינדוסטריעלע, פּאָטערליכע, געזעלשאַפטליכע און אַלע אַנדערע טהעטיגקייטען מעהר אָדער וועניגער אונמעגליך, איז קלאָר, אַז אַט דער צווייטער סאָרט דירעקטע זעלבסטערהאַלטונג אַז נור וועניגער וויכטיג איידער דער ערסטער סאָרט, און אַז דאָס וויסען, וואָס פיהרט צו פערזיכערן איהם, דאַרף שטעהן אויף אַ זעהר הויכען ראַנג.

עס איז ריכטיג, אַז אויך דאָ ווערט אונז די הדרכה געגעבען געוויסער מאָסען פערטיגערהייט. דורך אונזערע פערשיידענע פיזישע עמפּפינדונגען און פערלאַנגען האָט די נאַטור בעוואָרינט מיר זאָלען נישקשה׳דיג נאָכקומען די הויפּט־פאָדערונגען. צו אונזער גליק רופען אַרויס הונגער, שטאַרקע היטץ און גרויסע קעלט אַזוינע תביעות, וואָס זענען צו־עקשנ׳דיג מען זאָל זיי קענען אָוועקמאַכען מיט׳ן האַנד. און ווען מענשען וואָלטען אַלע מאָל געפאָלגט די און אַנדערע אַזוינע תביעות אויך בעת זיי זענען ניט אַזוינע עקשנ׳דיגע, וואָלטען לפי ערך גאָר וועניג צרות געקומען. ווען מידקייט פון קערפּער אָדער פון געהירן וואָלט יעדעס מאָל געמאַכט מיר זאָלען גלייך אויפהערען; ווען די שווערעניס וואָס פיהלט זיך פון אַ פערשטיקטער לופט וואָלט אַלעמאָל אונז געטריבען צו ברייגען ווענטילאַציע; ווען מען וואָלט קיינמאָל ניט געגעסען אָהן הונגער און ניט געטרונקען אָהן דורשט — וואָלט אונזער סיסטעם נור זעלטען־ווען געווען ניט אין גוטער אָרדנונג. די אומוויסענהייט וועגען די געזעצען פון לעבען איז אָבער אַזוי טיעף, אַז מענשען ווייסען אפילו ניט, אַז זייערע עמפּפינדונגען זענען זייערע נאַטירליכע וועגוויייזער און (אויב די עמפּפינדונגען זענען ניט געוואָרען קראַנקהאַפט דורכדעם וואָס מען האָט זיי אַ צייט לאַנג ניט געפאָלגט) — וועגוויייזער אויף וועלכע מען קען זיך פערלאָזען. עס קומט אויס — וויל מען זיך אויסדריקען טעלעאָלאָגיש — אַז הגם די נאַטור האָט בעזאָרגט טיכטיגע זיכערהייטס מיטלען צו פערהיטען דאָס געזונד, מאַכט זיי אָבער דער דוחק אין וויסען מעהרסטענטיילס נוצלאָז.

אויב ווער עס איז צווייפעלט אין דער וויכטיגקייט פון אַ בעקאַנטשאַפט מיט די גרונדפּרינציפּען פון פיזיאָלאָגיע אַלס אַ מיטעל פאַר׳ן פאָלשטענדיגען לעבען, זאָל ער אַ קוק טהון אַרום איהם

און זעהען וויפיעל מענער און פרויען ער קען געפינען אין די מיטעלע אָדער עלטערע יאָהרען וואָס זענען דורך־און־דורך געזונד. נור ווען־ניט־ווען בעגעגענען מיר אַן עקזעמפּלאַר פון קרעפטיגען געזונד וואָס דויערט ביז'ן טיעפען אַלטער; אַלע ווייליע טרעפען מיר זיך אָן מיט עקזעמפּלאַרען פון קראַנקהייט, שאַרפע און כראָנישע, מיט אַלגעמיינע אַבשוואַכונג און אַבגעלעבטקייט פאַר דער צייט. איהר וועט קוים געפינען איינעם, ביי וועמען איהר זאָלט ניט אַ פרעג טהון, וואָס זאָל ניט האָבען אין פערלויף פון זיין לעבען אַליין ארויפגעשלעפּט אויף זיך חולאת'ן, פון וועלכע אַביסעל וויסען וואָלט איהם שומר ומציל געווען. דאָ טרעפט איהר אַ פאַל פון הארץ־קראַנקהייט, וואָס שטאַמט פון אַ רהומאַטישען פיבער, געקומען פון אַ פערקיהלונג דורך אונפאָרזיכטיגקייט. דאָרטען איז אַ פאַל פון קראַנקע אויגען, פערהאָרבען אויפ'ן גאַנצען לעבען פון צופיעל לעזען. נעכטען האָט מען דערצעהלט וועגען איינעם, וועלכער איז געלי[illegible]ט שוין פון אַ [illegible]ע צייט, ווייל ער האָט ניט געקוקט אויפ'ן וועהטאָג און האָט ניט אויסגערוהט זיין קניע, נאָכדעם ווי ער האָט זי לייכט פערוואונדעט. און היינט הערען מיר פון אַן אַנדערן, וועלכער איז געווען געצוואונגען אַבצוליעגען יאָהרען אין בעט, ווייל ער האָט ניט געוואוסט אַז דאָס הארץ־קלאַפּען, פון וועלכען ער האָט געליטען, איז איהם געקומען פון אַן איבערגעמאַטערטען געהירן. אַט הערען מיר ווי פון אַ נאַרישען וועלען בעווייזען אַ גבורה איז געבליבען אַ חולאת, וואָס מען קען ניט אויסהיילען; און אַט ווידער, ווי איינעמס קערפּערליכע קאָנסטיטוציע האָט קיינמאָל ניט געקענט קומען צו־זיך נאָך אַ שווערער ארבייט וואָס ער האָט עס גאָר נישט בעדאַרפט. היינט זעהען מיר אויף אַלע זייטען שטענדיגע קלענערע קראַנקהייטען, וואָס קומען אַלע מאָל מיט אַ שוואַכען געזונד. שוין ניט צו רעדען וועגען די נאַטירליכע שמערצען, די פערמאַטערטקייט, דעם חושך, דאָס געלד און צייט וואָס געהט לאיבוד — בעטראַכט נור וויפיעל אַ שוואַכער געזונד שטערט נאָכצוקומען אַלע התחיבות'ן: אָפטמאָל איז מחמת דעם גאָר ניט מעגליך צו פיהרען געשעפטען, און שווערער איז עס אַלע מאָל; עס ברייגנט אַן אויפגערעגטען געמיטה, וואָס הרג'עט אוועק די מעגליכקייט מדריך צו זיין די קינדער ווי געהעריג איז;

וועגען מקים זיין די עובדות פון א בירגער איז דאן שוין אָבגערעדט; אפילו די אמוזירונגען ווערען אן אָבקומעניש. איז עס ניט קלאָר, אז די פיזישע זינד — טיילווייז אונזערע אורעלטערנ׳ס און טיילווייז אונזערע אייגענע — וועלכע רופען ארויס אָט דעם שוואכען געזונד, מאכען א שטריך אין חשבון פון פאָלשטענדיגען לעבען מעהר איידער יעדע אנדערע זאך? איז עס ניט קלאָר, אז זיי צוברעכען דאָס לעבען און מאכען עס אין א גרויסען ערך פאר א לאסט, אנשטאָט וואָס עס זאָל זיין א ברכה און א פערגעניגען?

צו אלעם דעם לעגט נאָך צו דעם פאקט, אז א חוץ וואָס דאָס לעבען ווערט אויף דעם אופן אזויפיעל וועניגער חשוב, ווערט עס אויך געקירצט. עס איז ניט אמת, ווי מיר מיינען געוועהנליך; אז בעת מיר קומען צו־זיך נאָך א צושטאנד פון „ניט מיט אלעמען“ אָדער נאָך א קראנקהייט, זענען מיר צוריק די אייגענע וואָס מיר זענען געווען פריהער. קיין צורודערונג פון דעם נאָרמאלען סדר פון די פונקציעס קען ניט איבערגעהן און לאָזען אלץ פונקט ווי פריהער. אין אלע פעלען בלייבט אן אייביגער שאָדען — מעגליך אז אויפ׳ן שטעל קען מען איהם ניט אָבשאצען, אָבער דאָ איז ער; און צוזאמען מיט אנדערע אזוינע פאקטען, וועלכע די נאטור פערגעסט קיינמאָל ניט צו פערצייכענען אין איהר שטרענגער בוכהאלטעריע, וועט ער שטעהן אויף אונזער דעביט־בלאט און פיהרען אונבעדינגט צו קצור ימים. פון די קליינע וואונדען וואָס קלייבען זיך אן ווערען געוועהנליך די קאָנסטיטוציעס אונטערגעגראָבען און ברעכען צוזאמען לאנג פאר דער צייט. און ווען מיר דערמאָנען זיך וויפיעל ניעדעריגער דער לעבענסדויער אין דורכשניט שטעהט לגבי דעם מעגליכען לעבענסדויער, זעהען מיר ווי אונגעהייער גרויס דער פערלוסט איז. ווען מיר לעגען־צו צו די פיעלע שטיקלעכדיגע חסור׳ס, וואָס א שוואכער געזונד איז גורם, אָט דעם גרויסען ענדליכען חסור, קומט אויס, אז מעהר ווי א העלפט פון לעבען ווערט געוועהנליך ארויסגעוואָרפען לאיבוד.

הייסט עס דעריבער, אז דאָס דאָזיגע וויסען וואָס דיענט דער דירעקטער זעלבסט־ערהאלטונג, איז דערמיט וואָס עס דערלאָזט ניט פערלירען דעם געזונד, פון דער אלערערסטער וויכטיגקייט. מיר שטעלען ניט ארויס די טענה, אז בעזיצענדיג אזא וויסען וואָלט

מען די צרה ווי עס איז געקענט אין גאַנצען אָב׳פּטר׳ן. וואָרים עס
איז קלאָר, אַז אויף דער היינטיגער שטופע פון ציוויליזאציע ווע־
רען מענשען אָפּט געצוואונגען פון זייערע נויטען צו טהון עבירות.
און עס איז אויך קלאָר, אַז אפילו אָהן אזא צוואַנג וואָלטען זייערע
נייגונגען זיי אָפט גורם געווען, טראָץ זייער בעסערן וויסען, צו
אָפּפערן צוקינפטיגע טובות צוליב איצטיגע פערגעניגענס. וואָס
מיר טענה׳ן אָבער יאָ איז, אַז ריכטיגעס וויסען, איינגעלערנט אין
דעם ריכטיגען וועג, וואָלט אַ סך אויפגעטון; און ווייטער טענה׳ן
מיר, אַז היות ווי מען מוז פריהער קענען די געזעצען פון געזונדהייט
איידער עס איז אין גאַנצען מעגליך זיי צו פאָלגען, מוז די מיט־
טיילונג פון אזוינע ידיעות קומען פריהער איידער דאָס מעהר־
שכל׳דיגע לעבען — ווען דאָס שכל׳דיגע לעבען זאָל ניט קומען.
מיר ציהען דעם שלום, אַז היות ווי אַ קרעפטיגער געזונדסצושטאַנד,
מיט די הייטערע געפיהלען וואָס בעגלייטען איהם, זענען גרעסערע
עלעמענטען פון גליק איידער וועלכע עס איז אַנדערע זאַכען וואָס
קענען נור געבען, איז די לעהרע ווי זיי אויפצוהאַלטען, אַ לעהרע
וואָס טרעט ניט אָב אין וויכטיגקייט פאַר קיין אַנדערע וואָס קען
נור געבען. און דעריבער בעהויפּטען מיר, אַז אַ קורס אין פי־
זיאָלאָגיע וויפיעל עס איז נויטיג צו בעגרייפען איהרע אַלגעמיינע
וואַרהייטען און זייער שיכות צום טעגליכען לעבען, איז אַן אַלער־
וויכטיגסטער טייל פון אַ ראַציאָנאַלער בילדונג.

זאָנדערבאַר, אַז עס זאָל גאָר נויטיג זיין צו מאַכען אזא בע־
הויפּטונג! און נאָך מעהר זאָנדערבאַר, אַז זי זאָל זיך נויטיגען אין
אַ פערטיידיגונג! דאָך, זענען דען ניט פאַראַן אפילו אזוינע,
וועלכע וועלען אויפנעהמען דעם דאָזיגען געדאַנק מיט אַ מין פער־
שפּאָטונג? מענשען וואָס וואָלטען רויט ווערען פאַר שאַנד ווען
מען כאַפּט זיי זאָגענדיג איפיגע׳ניאַ אַנשטאָט איפיגעני׳אַ, אָדער
וואָס וואָלטען אָננעהמען פאַר אַ בעליידיגונג יעדען חשד טאָמער
זענען זיי אונוויסענד מכח די פאַבעלהאַפטע מעשים פון אַ פאַבעל־
האַפטען האַלב־גאָט, הויבען זיך ניט אָן צו שעמען בשעת זיי זענען
איך מודה, אַז זיי ווייסען ניט וואו די „אייסטאַכישע רעהרלאַך“*)

*) רעהרלאַך וואָס געהען פון נאָז צו די אויערן און זענען
העכסט וויכטיג פאַר׳ן געהער. — ד ע ר א י ב ע ר ז ע צ ע ר.

געפינען זיך, אָדער וואָס די עובדות זענען פון דעם חוט השדרה (דעם רוקען־מארך), וויפיעל דער פולס קלאַפּט נאָרמאַל, אָדער ווי אזוי די לונגען בלאָזען זיך אָן. בעת זיי זענען שטארק מקפיד, אז זייערע זיהן זאָלען זיין גוט בקיא אין די אָבערגלויבענס פון צוויי טויזענד יאָהר צוריק, גיבען זיי זיך ניט די קלענסטע מיה צו זעהען אז זייערע קינדער זאָלען עפּעס לערנען וועגען דעם געבוי און די פונקציעס פון זייער אייגענעם קערפּער: נאָך בעסער, זיי וואָלטען אפילו גאָר אונצופריעדען געווען פון אזוינע למודים. אָט אזוי געוואַלטיג גרויס איז דער איינפלוס פון דעם איינגעפיהרטען סדר! אָט אזוי מורא'דיג שטייגט דאָס ציערליכע אין אונזער ערציהונג אריבער דאָס ניצליכע!

מיר האָבען ניט נויטיג שטארק אָנצודייטען אויף דעם ווערטה פון יענעם וויסען, וואָס העלפט דער אינדירעקטער זעלבסטערהאַלטונג, דורך די ערמעגליכונג צו געווינען די מיטלען פון לעבען. דעריין זענען אַלע מודה; דער עולם, אדרבה, בעטראַכט עס שוין אפשר צופיעל אַלס דאָס אויסשליסליכע ציעל פון בילדונג. בעת אָבער וואָס יעדער איינער איז גרייט מסכים צו זיין צו דעם אבסטראַקטען געדאַנק, אז די למודים וועלכע גרייטען־צו יונגעלייט צו די בעשעפטיגונגען פון לעבען, זענען פון גרויסער, אָדער גאָר פון דער גרעסטער, וויכטיגקייט, פרעגט זיך כמעט קיינער ניט נאָך, וואָסערע למודים וועלען דאָס קענען טהון. עס איז אמת, אז מען לערנט קינדער לעזען, שרייבען און רעכענען, גאַנץ פערשטענדליך שעצענדיג זייער ניצליכקייט; אָבער ווען מיר האָבען דאָס געזאָגט, האָבען מיר שוין כמעט אַלץ געזאָגט. בעת דער גרעסטער טייל פון די איבעריגע למודים האָט קיין שיכות ניט מיט די אינדוסטריעלע טהעטיגקייטען, ווערען דוקא א גאַנצע מאַסע למודים, וואָס האָבען א דירעקטע שיכות מיט די אינדוסטריעלע טהעטיגקייטען, אין גאַנצען ארויסגעלאָזען.

וואָרים מיט וואָס זענען אַלע מענשען, ניט רעדענדיג נור וועגען עטליכע זעהר קליינע קלאַסען, בעשעפטיגט? זיי זענען בעשעפטיגט מיט דעם שאַפען, בעאַרבייטען און פערטיילען פּראָדוקטען. און אָן וואָס ווענדט זיך די טיכטיגקייט פון דעם שאַפען, בעאַרבייטען און פערטיילען פּראָדוקטען? עס ווענדט זיך אָן

דעם געברויך פון מעטאָדען, וואָס פּאַסען זיך צו די בעזונדערע טבע'ס פון די דאָזיגע פּראָדוקטען; עס הענגט אָב פון די גענויע קענטעניס וואָס מען האָט וועגען זייערע פיזישע, כעמישע אָדער לעבענס־אייגענשאַפטען: דאָס הייסט, עס הענגט אָב פון דער וויסענשאַפט. אָט דער קלאַס פון קענטעניסען, וועלכער ווערט גרעסטענטיילס איגנאָרירט אין אונזערע שוהל־קורסען, איז פּונקט דער קלאַס וועלכען מען מוז האָבען כדי ריכטיג דורכצופיה־רען יענע אַלע פּראָצעסען, וואָס מאַכען מעגליך דאָס ציוויליזירטע לעבען. ווי פעסט עס איז ניט אָט די וואַרהייט, און וויפיעל זי וואַרפט זיך אונז ניט אין די אויגען אויף שריט און טריט, איז דאָך אפנים ניטאָ פון דעם קיין לעבהאַפטיג בעוואוסטזיין: זי איז אזוי פאַמיליאַר, אַז מען טראַכט ניט וועגען איהר. מיר מוזען דעריבער, כדי צו־צוגעבען אונזער ארגומענט א ריכטיג געוויכט, קלאָר מאַכען אָט די וואַרהייט פאַר'ן לעזער דורך א שנעלען איבערבליק פון די פאַקטען.

אויסלאָזענדיג די העכסט־אבסטראַקטע וויסענשאַפט, די לאָ־גיק, — וואָס פון איהר הדרכה הענגט אָב, צי ער ווייס עס, צי ער ווייס עס ניט, דעם פאַבריקאַנט'ס אָדער דעם סוחר'ס ערפאָלג אין זיינע געשעפטספלענער — קומען מיר צוערסט צו דער מאַטעמאַטיק. די העכסט־אַלגעמיינע אָבטיילונג פון דער מאַטעמאַטיק, דער טייל וואָס בעשעפטיגט זיך מיט צאָהל, פיהרט אָן אַלע אינדוסטריעלע טהעטיגקייטען — די ארבייט פון צופאַסען די טעכנישע פּראָ־צעסען, צורעכטמאַכען די אויסרעכענונג פון די קאָסטען, דעם קויף און פערקויף פון וואַרע, די בוכהאַלטעריע. פיעל אָבשטעלען זיך אויף דעם ווערטה פון אָט דער אָבטיילונג פון דער אבסטראַק־טער וויסענשאַפט איז אייגענטליך גאָר ניט נויטיג.

אָהן א וועלכער עס איז בעקאַנטשאַפט מיט דעם ספּעציעלען טייל פון דער מאַטעמאַטיק איז אין די העכערע סאָרטען פון בוי־ארבייט גאָר אונמעגליך אויסצוקומען. דער דאָרף־סטאָליער, וועל־כער לעגט אויס די פּלענער פון זיין ארבייט לויט עמפּירישע רע־געלען, בעציהט זיך אַלע ווײַלע, צוגלייך מיט דעם וואָס בויט א בריטאַניא־בריק, אויף די געזעצען פון „רוימליכע שיכות'ן". דער ערד־מעסטער, אויף וועמעס פּלאַן מען פערלאָזט זיך ביים קויפען

א שטיק לאַנד, דער אַרכיטעקט וואָס מאַכט די צייכענונג פאַר דעם בנין וועלכען מען נעהמט זיך דאָרט בויען, דער בוי־מייסטער בעת'ן אויסלעגען דעם פונדאַמענט, די מויערער האַקענדיג די שטיינער און די פערשיידענע בעלי מלאכות צונויפשטעלענדיג די איבעריגע אַר־בייט — זיי אַלע ווערען געפיהרט פון געאָמעטרישע וואַרהייטען. די אייזענבאַהן־אַרבייט איז פון אָנהויב ביז'ן סוף רעגולירט דורך מאַטעמאַטיק: סיי אין די הכנות פון די פּלענער און די סעקציעס, סיי אין אויסטיילען די ליניע, אין אויסמעסטען די איינשניטען און די שוץ־ווענט, אין מאַכען די צייכענונגען, ביי דער בערעכענונג פון די קאָסטען, אָדער ביי'ן בויען די בריקען, די רינעס, די קאַנאַלען, די טונעלען און די סטאַנציעס. דאָס אייגענע ביים בויען די האַ־פענס, די דאָקען, די וואַסער־ווענט און אַלערליי אַנדערע אינזשעניר און אַרכיטעקטור־אַרבייט, וואָס ליעגען ווי פרענז אַרום די וואַסער־ברעגען און שפּרייטען זיך אויס איבער דער אויבערפלעך פון לאַנד, אַזוי גוט ווי אין די מינען וואָס לויפען אונטער דער ערד. און הייג־טיגע צייטען מוז אפילו דער פערמער, כדי צו קענען ריכטיג ציהען זיינע גראָבענס, אַנקומען צום בליי־וואָג — ד. ה. צו געאָמעטרישע פּרינציפּען.

ווען מיר קעהרען זיך איצט אָב פון יענע אָבטיילונגען אין דער מאַטעמאַטיק, וואָס האָבען צו טהון מיט ר ו י ם און צ אָ ה ל, פון וועלכע מען גיט נאָך אין די שוהלען עפּעס אַן אויבערפלעכליכע ידיעה, און בעטראַכטען די אַנדער אָבטיילונג, וואָס האָט צו טהון מיט ק ר אַ פ ט, פון וועלכער אפילו אַן אויבערפלעכליכע ידיעה ווערט קוים ווען עס איז געגעבען, בעגעגענען מיר אַנאַנדער גרוי־סען קלאַס פון טהעטיגקייטען, וואָס געהערען צום קרייז פון אָט דער וויסענשאַפט. פון דער אָנווענדונג פון דער איינפאַכסטער פון די אַבסטראַקט־קאָנקרעטע וויסענשאַפטען, פון דער מעכאַניקע, העננט אָב דער ערפאָלג כמעט פון דער גאַנצער מאָדערנער מאַנופאַקטור. די אייגענשאַפטען פון'ם הויב־שטאַנג, פון'ם ראַד און אַקס זענען פערוויקעלט אין יעדער מאַשין — יעדע מאַשין איז אַ פערקערפּע־רונג פון אַ מעכאַנישען געזעץ; און היינטיגע צייטען האָבען מיר צו פערדאַנקען דער מאַשינעריע כמעט פאַר אונזער גאַנצער פּראָ־דוקציאָן. פאָרשט אויס די היסטאָריע פון אונזער פריהשטיק־

זעמעל. די ערד פון וואנען ער קומט איז דורכגעלעגט געוואָרען מיט אָבלויפונגס־רעהרען פון מאשין־געמאַכטע ציעגעל; די אויבער־פלעך איז געאַקערט געוואָרען מיט א מאשין; די זריעה איז פער־זעעט געוואָרען מיט א מאשין; די ווייץ האָט מען געשניטען, גע־דראָשען און אויסגעבלאָזען פון איהר די מעקענע מיט מאשינען; מיט מאשינען האָט מען זי געמאָלען און געבייטעלט; און אויב מען וואָלט די מעהל אָוועקגעשיקט אין גאָספּאָרט, וואָלט מען דער־פון געמאַכט צוויעבאַק אויך מיט א מאשין. איצט קוקט ארום דאס צימער וואו איהר זיצט. אויב עס איז א היינטיג הויז, זענען די ציעגעל פון די וועגד אודאי מאשינאָווע; מיט מאשינען האָט מען געזעגט און געהובעלט די ברעטער פון די דיעלען, געזעגט און פּאָלירט דעם געזימס פון קאַמין, און די טאַפּעטען אויף די ווענט געמאַכט און געדרוקט; דער איבערצוג פון איינלעג־האָלץ אויפ׳ן טיש, די געדרעהטע פיס פון די שטולען, דער טעפּיך, די פּאָר־האַנגען, זענען אלע פּראָדוקטען פון מאשינעריע. און אייערע קליי־דער־צייג — סיי גלאַטע, מיט פיגורען, אָדער געדרוקטע — איז עס ניט אין גאַנצען געוועבט, און אפשר אויך אפילו גענעהט דורך מא־שינעריע? און דאָס בוך וואָס איהר לעזט — זענען ניט די בלע־טער פאַבריצירט פון איין מאשין און די ווערטער אָנגעזעצט פון אנאַנדער מאשין? צו דעם לעגט צו, אז פאַר אונזערע טראַנספּאָרט־מיטלען, סיי איבער׳ן לאַנד, סיי איבער די ימים, זענען מיר פער־פליכטעט אויפ׳ן זעלבען אופן. און איצט געדענקט, אז ערפאָלג אָדער דורכפאַל, פון א יחיד, ווי פון א גאַנצער נאַציאָן, הענגט אין גאַנצען אָב פון דעם, צי די פּרינציפּען פון מעכאַניקע זענען גוט אָדער שלעכט געברויכט געוואָרען פאַר אָט די אלע צוועקען. דער אינזשעניר וועלכער ווענדט אָן פאַלש זיינע כללים בנוגע צו דער שטאַרקייט פון זיינע מאַטעריאַלען, בויט א בריק וואָס פאַלט איין. דער פאַבריקאַנט, וועלכער געברויכט א שלעכטע מאשין, קען ניט קאָנקורירען מיט אנאַנדערן, וועמעס מאשין ווערט וועניגער אָב־גענוצט דורך רייבונג און אינערציע. דעם שיפען־בויער, וועלכער האַלט זיך ביי די אַלטע פאָרמען, שווימט אריבער דער נייער, וואָס בויט לויט דעם מעכאַניש־בערעכטיגטען פּרינציפּ פון די וועלען־ליניען. און היות ווי די כחות פון א נאַציאָן בייצושטעהן אַנט־

קעגען אנדערע נאַציאָנען הענגט אָב פון די פעהיגע טהעטיגקייטען פון איהרע איינצעלנע מיטגליעדער, קען מען זעהען ווי פון אזוינע וויסענשאַפטען הענגט אָב דאָס שיקזאַל פון פאָלק.

ארויפגעהענדיג פון די אָבטיילונגען פון דער אבסטראקט־קאָנקרעטער וויסענשאַפט, וועלכע האָבען צו טהון מיט מ אָ ל א ר ע קרעפטען (די כחות פון גרויסע מאַסען פון מאַטעריע), צו יענע אָבטיילונגען איהרע, וועלכע האָבען צו טהון מיט מ אָ ל ע ק ו ־ ל א ר ע קרעפטען, קומען מיר צו נאָך אַנאַנדער לאַנגער רייה פון אָנווענדונגען. אָט דער גרופּע וויסענשאַפטען, פערבונדען מיט די פריהערדיגע גרופען, האָבען מיר צו פערדאַנקען פאַר דער דאַמפף־מאַשין, וועלכע טהוט די ארבייט פון מיליאָנען ארבייטער. יענער טייל פון דער פיזיק, וואָס האָט צו טהון מיט די געזעצען פון היטץ, האָט אונז געלערנט ווי צו עקאָנאָמיזירען ברען־מאַטעריאַל אין אונזערע פערשיידענע אינדוסטריען; ווי צו פערגרעסערען די פּראָ־דוקטען פון אונזערע שמעלץ־אויוועגס, איינפיהרענדיג אַנשטאָט דעם קאַלטען לופט־שטוים, א הייסען; ווי צו ווענטילירען אונזערע מי־נען; ווי צו פערמיידען עקספּלויזיאָנען, געברויכענדיג זיכערהייטס־לאָמפּען; און דורכ'ן טערמאָמעטער האָט זי אונז בעוויזען ווי צו רעגולירען אַלערליי פּראָצעסען. דער טייל פיזיקע וואָס בעהאַנדעלט די ערשיינונגען פון ליכט, גיט נייע אויגען די אַלטע און די קורצ־זיכטיגע; העלפט דורכ'ן מיקראָסקאָפּ אויסצוגעפינען קראַנקהייטען און פעלשונגען; און דורך די פערבעסערטע לייכט־טהורעמס היט זי אונז אָב פון שיפ־ברוך. פאָרשונגען אין עלעקטריציטעט און מאַגנעטיזם האָבען גערעטעט אונצעהליגע לעבענס און מאַסען אייגענטום דורך דעם קאָמפּאַס; האָבען געדיענט די צוועקען פון פערשיידענע קונסט־ארבייט דורך דעם עלעקטראָטייפּ; און איצט, מיט'ן טעלעגראַף, האָבען זיי אונז בעזאָרגט א מיטעל, דורך וועל־כען עס וועלען מיט דער צייט רעגולירט ווערען אַלע האַנדעלס־אָב־מאַכען, דער פּאָליטישער פערקעהר וועט אָנגעפיהרט ווערען, און מחלוקות צווישען פעלקער וועלען דורכדעם אפשר אָפּט אויסגעמי־טען ווערען. בעת ווידער אין די פּרטים פון הויזליכען לעבען, שאַ־פען די אָנווענדונגען פון דער העכערער פיזיק, פון דעם פערבע־סערטען קיך־אויווען, ביז צו דעם ספּאַקטיוו־קעסטעל וואָס שטעהט

אין זאָל אויפ'ן טיש, דעם פונדאַמענט פון אַלע אונזערע בעקוועמ־ליכקייטען און הנאות.

נאָך מעהר צאָהלרייך זענען די אַנוועגדונגען פון דער כעמיע. דער בלייכער, דער פאַרבער, דער קאַרטון־דרוקער — יעדער פון זיי איז בעשעפטיגט אין אַן ארבייט וואָס ווערט געמאַכט גוט אָדער שלעכט, יע לויט דעם צי זיי פאָלגען אָדער פאָלגען ניט די כעמישע געזעצען. עקאָנאָמיש ארויסציהען פון די רויהע מעטאַלען דעם קור־פער, דאָס בלעך, די צין, בליי, זילבער, אייזען, זענען אין א גרויסען מאָס פראַגען פון כעמיע. ראַפינירען צוקער, פאַבריצירען גאַז, קאָכען זייף, מאַכען שיספולווער, דאָס זענען אַלץ טיילווייז כעמישע אָפּעראַציעס, אזוי גוט ווי די אָפּעראַציעס דורך וועלכע עס ווערען פּראָדוצירט גלאָז און פאָרצעליי. אויב דעם דיסטילאַטאָרס פער־קאָכטער מאַלץ וועט זיך אָבשטעלען אויף דער שטופע פון אַלקאָהאָל־איהרונג, אָדער עס וועט געהן ווייטער ביז דעם עסיג־גראַד, איז אַ כעמישע פראַגע, פון וועלכער עס הענגט אָב זיין ריוח אָדער היזק; און אויב דאָס געשעפט איז גענוג גרויס, זעהט איין דער ברויער, אז עס בעצאָהלט זיך איהם צו האַלטען אַ כעמיקער אויפ'ן פּלאַץ. קוקט דורך אַ ווערק איבער טעכנאָלאָגיע, וועט אייך גלייך ווערען קלאָר, אז עס איז כמעט ניטאָ היינטיגע צייטען קיין פּראָצעס אין די קונסט־ארבייטען אָדער מאַנופאַקטורען, וואָס די כעמיע זאָל ניט שטעהן בראש פון אַ וועלכען עס איז טייל פון איהם. יאָ, היינ־טיגע צייטען מוז אויך די אַגריקולטור, כדי עס זאָל זיך לוינען זי צו בעטרייבען, האָבען אַן עהנליכען מורה דרך. דער אַנאַליז פון פער־שיידענע סאָרטען ערד און מיסט, די צו־פּאַסיגקייט פון איינעם צום אַנדערן, דער געברויך פון גיפּס אָדער אַנאַנדער מאַטעריאַל פעסטצוהאַלטען אַמאָניום, די בענוצונג פון קאָפּראָליטען (פער־שטיינערטען מיסט), די פּראָדוקציאָן פון געמאַכטע מיסטען — די אַלע זענען ברכות פון דער כעמיע, מיט וועלכע עס לוינט זיך דעם פערמער בעקאַנט צו ווערען. סיי אין די פאָספאָר־שוועבעלאָך, סיי אין דעם דיסאינפיצירטען שמוץ פון די אַבלייטונגס־קאַנאַלען, סיי אין פאָטאָגראַפיעס — אין ברויט וואָס ווערט געמאַכט אָהן פער־מענטאַציע (איהרונג), אָדער אין פערפיומען וואָס מען ציהט ארויס פון אָבפאַל — אומעדום קענען מיר איינזעהען, אז די כעמיע בע־

איינפלוסט אַלע אונזערע אינדוסטריען, און אַז, ווי דערפון איז גע־דרונגען, אַ ידיעה אין כעמיע איז נוגע יעדען איינעם, וואָס איז די־רעקט אָדער אינדירעקט פערבונדען מיט אונזערע אינדוסטריען.

געהענדיג צו די קאָנקרעטע וויסענשאַפטען קומען מיר צו דער אַסטראָנאָמיע. פון אָט דער וויסענשאַפט איז ארויסגעוואַקסען די חכמה פון נאַוויגאַציע (טרייבען שיפען אויף די ימים), וועלכע האָט געמאַכט מעגליך אַנצוטרייבען די גרויסע קאָמערציע מיט פרעמדע לענדער, וואָס ערנעהרט אַ גרויסען טייל פון אונזער בעפעלקערונג, בעזאָרגענדיג אונז מיט פיעלע לעבענס־נויטיגקייטען און מיט דעם גרעסטען טייל פון אונזערע לוקסוסען.

די געאָלאָגיע, ווידער, איז אַ וויסענשאַפט וואָס העלפט מיט איהרע ידיעות זעהר פיעל דעם אינדוסטריעלען ערפאָלג. איצט אַז דער רויהער אייזען־מעטאַל איז געוואָרען אַזאַ גרויסער קוואַל פון רייכטום; איצט אַז דער דריטער פון אונזערע קויהלען־אוצרות איז געוואָרען אַזאַ וויכטיגע פראַגע; איצט אַז מיר האָבען שוין אַ הויכשוהל פון מינען און אַ געאָלאָגישע קאָמיסיע — איצט איז שוין קוים נויטיג צו פערברייטען זיך וועגען דער װאַרהייט, אַז דאָס שטודיום פון דער ערד'ס צורעק איז וויכטיג פאַר אונזער מאַטע־ריעלען וואוילזיין.

היינט די וויסענשאַפט פון לעבען, די ב י אָ ל אָ ג י ע — האָט זי דען ניט אויך אַ גרינדליכע שיכות צו די דאָזיגע פראָצעסען פון אינדירעקטער זעלבסטערהאַלטונג? אמת, מיט דעם וואָס מיר רו־פען אָן געוועהנליך מאַנופאַקטור, האָט זי טאַקי אַ קנאַפּע פערבינ־דונג; אָבער מיט דער אַלערנויטיגסטער מאַנופאַקטור — פון עסענ־וואַרג — איז זי זעהר ענג פערבונדען. אזוי ווי די אַגריקולטור מוז צופאַסען איהרע מעטאָדען צו די לעבענסערשיינונגען פון פלאַנצען און חיות, פאָלגט נויטיגערווייז ארויס דערפון, אַז די וויסענשאַפט פון די דאָזיגע ערשיינונגען איז דער ראַ־ציאָנאַלער פונדאַמענט פון דער אַגריקולטור. פערשיידענע ביאָלאָגישע וואַרהייטען זענען טאַקי עמפּיריש איינגעפיהרט געוואָ־רען, און די פערמער האָבען זיך בענוצט מיט זיי, בעת מען האָט נאָך פון זיי אַלס וויסענשאַפט קיין בעגריף ניט געהאַט. צום ביי־שפּיעל, אַז בעשטימטע מיסטען פאַסען זיך צו בעשטימטע פלאַנ־

צען, אז ווען מען זעעט געוויסע תבואות אויף א פעלד, טויג נאכ־ הער דאס פעלד ניט פאר אנדערע סארטען תבואות; אז פערד קענען ניט גוט ארבייטען ווען זיי שטעהען אויף ארימע קארמע; אז געוויסע קראנקהייטען פון רינדער און שאף קומען פון געוויסע אומשטענדען. אט די און אנדערע אלטעגליכע ידיעות, וואס דער ערד־ארבייטער קריגט פון ערפאהרונג בנוגע צו דער ריכטיגער אויפ־ פאסונג פון פלאנצען און פיה, שטעלען צונויף זיין סכום וויסען פון ביאלאגישע פאקטען; און זיין ערפאלג הענגט א סך אב פון דער גרויס פון דעם דאזיגען סכום וויסען. הײנט אויב אז אט די ביא־ לאגישע פאקטען, קארגע, אונבעשטימטע און אנפאנגליכע ווי זיי זענען, העלפען איהם אזוי גרינדליך, איז זייט זיך משער ווי גרויס דער ווערטה פון אזוינע פאקטען מוז זיין פאר איהם, ווען זיי ווע־ רען פאזיטיווע, בעשטימטע און ווי־מעגליך טיעפע. אין דער ווירק־ ליכקייט, קענען מיר שוין אפילו איצטער זעהען די טובות, וואס די ראציאנאלע ביאלאגיע טהוט מיט איהם. די ווארהייט, אז די היטץ אין א לעבעדיגען קערפער ווערט געשאפען אויפ'ן חשבון פון דער קערפערליכער מאטעריע וואס ווערט פערצעהרט, און אז דע־ ריבער, פערמיידענדיג דעם פערלוסט פון היטץ, מיידט מען אויס די נויט פון איבעריגע נאהרונג, — א ריין טהעארעטישער שלום — דירעקטירט הײנט די מעטאדע פון פעט מאכען בהמות: עס איז אויסגעפונען געווארען, אז ווען מען האלט די בהמות ווארעם, שפארט מען איין קארמע. דאס אייגענע אויך בנוגע דעם פרט פון געמישטע שפייזען. די עקספערימענטען פון די פיזיאלאגען האָ־ בען בעוויזען, אז עס איז איינטרעגליך ניט נור צו בייטען די דיעטע, נור אז די פערדייהונג גופא געהט אן בעסער, ווען דער מאהלצייט בעשטעהט פון געמישטע ארטיקלען: די ביידע ווארהייטען בע־ איינפלוסען איצטער די מעטאדע פון קארמען בהמות. די ענט־ דעקונג, אז די קראנקהייט וואס איז בעקאנט אונטער דעם נאמען „דער קאפ־שווינדעל", פון וועלכער טויזענדער שאף פלעגען פאלען יעהרליך, קומט פון אזא פאראזיט (אן „ענטאזאן"), וואס דריקט אויפ'ן מארך; און אז אויב מען ציהט איהם ארויס, דורך דעם וייכ־געווארענעם ארט אין שארבען, וואס ווייזט אן וואו דער פא־ ראזיט געפינט זיך, ווערט דער שעפס געוועהנליך געזונד — איז נאך

א חוב,וואָס די אגריקולטור איז שולדיג דער ביאָלאָגיע.

עס איז אונז איבערגעבליבען צו נאָטירען נאָך איין וויסענ־שאַפט, וועלכע האָט א דירעקטע שיכות מיט דעם אינדוסטריעלען ערפאָלג — די וויסענשאפט פון דער געזעלשאפט. מענשען וועלכע גיבען אכטונג יעדען טאָג אויפ׳ן צו־שטאנד פון׳ם געלד־מארק, קוקען דורך די פרייז־קוראנטען, בע־שפרעכען די וואהרשיינליכע גערעטענים פון תבואה, באוויל, צו־קער, וואָל, זייד; וועגען איבער די מעגליכקייט פון מלחמות, און בעשטימען לויט די אלע אויסרעכענונגען זייערע סוחרישע אָפּע־ראציעס — זענען, אליין ניט וויסענדיג עס, סטודענטען פון סאָציאָ־לער וויסענשאפט: זאָל זיין אז זיי זענען עמפירישע און אונבע־זאָנענע תלמידים, אָבער דאָך סטודענטען, וועלכע געווינען די פריי־זען אָדער ווערען אָן זייערע פראָפיטען, לויט נאָך דעם צי זיי גריי־כען דעם ריכטיגען שלום, צי ניט. ניט נור דער פאבריקאנט און דער גרויסער סוחר מוזען פיהרען זייערע געשעפטען לויט׳ן חשבון פון אָנבאָט און נאָכפראגע, וואָס איז געבויט אויף א מאסע פאק־טען, און מוזען אָנערקענען בשתיקה פערשיידענע אלגעמיינע פרינ־ציפען פון געזעלשאפטליכער טהעטיגקייט; נור אפילו דער קליי־נער קרעמער מוז אויך טהון דאָס אייגענע: היות ווי זיין וואויל־שטאנד העננט זעהר פיעל אָב פון דער ריכטיגקייט פון זיין אור־טייל בנוגע צו די צוקינפטיגע אָן־גראָ פרייזען און דעם צוקינפ־טיגען ערך פון געברויך. עס איז קלאָר, אז אלע וועלכע בעטייליגען זיך אין די פערפלאָנטערטע קאָמערציעלע טהעטיגקייטען פון א גע־מיינדע, זענען פעראינטערעסירט ביז אין לעבען אריין צו פערשטעהן די געזעצען, לויט וועלכע יענע טהעטיגקייטען ענדערן זיך.

אָט אזוי, הייסט עס, איז פאר אלעמען, וואָס זענען בעשעפ־טיגט אין דער פראָדוקציאָן, אין דעם אויסטויש אָדער אין דער פערטיילונג פון וואארען, פונדאמענטאל וויכטיג צו האָבען א בע־קאנטשאפט מיט אייניגע אָבטיילונגען פון דער וויסענשאפט. ווער עס איז נור, סיי אונמיטעלבאָר, סיי אין א ווייטען אופן, פער־מישט אין א וועלכער עס איז פאָרם פון אינדוסטריע (און ווער איז עס ניט?) איז דירעקט פעראינטערעסירט צו האָבען עפעס א פער־שטענדניס מכח די מאטעמאטישע, פיזישע און כעמישע אייגענ־

שאפטען פון זאכען; ער איז אפשר אויך דירעקט פעראינטערע־סירט אין דער ביאָלאָגיע, און אודאי אין דער סאָציאָלאָגיע. זיין האָבען אָדער ניט האָבען אן ערפאָלג אין דער אינדירעקטער זעלבסטערהאלטונג, וואָס מיר רופען אן מאכען א שעהן לעבען, הענגט אין א גרויסען ערך אָב פון דעם, צי ער האָט א ידיעה אין איינע אָדער מעהרערע פון אָט די וויסענשאַפטען — מעגליך, אז עס מוז ניט זיין דוקא א ראציאָנאלעם וויסען, אָבער א וויסען, וועו אפילו נור אן עמפירישער. ווארים אין אמת'ן, דאָס וואָס מיר רו־פען אָן זיך לערנען א געשעפט, מיינט אייגענטליך זיך לערנען די וויסענשאַפט וואָס שטעקט אין דעם, אויב אפילו ניט אונטער דעם נאָמען וויסענשאַפט. און דעריבער איז זעהר וויכטיג צו האָבען אן עלעמענטאַרע פאָרברייטונג אין וויסענשאַפט, אי מחמת עס פער־פערטיגט צו די אלע זאכען, אי וייל א ראציאָנאלעס וויסען האָט אזויפיעל מעהר ווערטה איידער אן עמפירישעס וויסען. נאָך מעהר, עס פאָדערט זיך צו האָבען א וויסענשאַפטליכע בילדונג, ניט נור דערפאַר אליין כדי יעדערער זאָל קענען פערשטעהן דעם „ווי" און דעם „פאַרוואָס" פון די זאכען און פראָצעסען, וועלכע זענען איהם נוגע אלס איינעם וואָס מאכט זיי אָדער פאַרטיילט זיי; נור עס איז אָפט זעהר וויכטיג ער זאָל פערשטעהן דעם „ווי" און דעם „פאַר־וואָס" אויך פון אלערליי אנדערע זאכען און פראָצעסען. אין היינ־טיגע צייטען פון געמיינזאמע אקציען־אונטערנעהמונגען, איז כמעט יעדער מענש, אויבער דעם שטאנד פון א לוין־ארבייטער, פעראינ־טערעסירט אלס קאַפּיטאַליסט אין א וועלכער עס איז אנדער בע־שעפטיגונג אחוץ זיין אייגענער; און אלס אזא פעראינטערעסיר־טער מענש, הענגט אָפט אָב זיין פערדיענסט אָדער פערלוסט פון זיין ידיעה אין די וויסענשאַפטען, וועלכע האָבען א שייכות צו יענע אנדערע בעשעפטיגונגען. אָט איז א פאל פון א מינע, ביי וועל־כער א סך אקציאָנערען זענען רואינירט געוואָרען, מחמת זיי האָ־בען ניט געוואוסט אז א געוויסער פאָססיל (א פערשטיינערטער קער־פער) געהערט צו דעם אלטען רויטען זאנד־שטיין, וואָס אונטער איהם זענען קיין קוילען ניטאָ. ניט לאנג צוריק איז געגאנגען פער־לאָרען א סומע פון 20 טויזענד פונט (שטערלינג), ארבייטענדיג אויף א פלאן צוזיפצונעהמען דעם אלקאהאָל, וואָס ווערט דיסטי־

לירט פון דעם ברויט בעת עס באַקט זיך: ווען זיי וואָלטען אָבער געוואוסט, אז אין דעם פּראָצעס פון איהרונג ווערט װעניגער ווי א הונדערסטער טייל אויפ'ן וואָג געענדערט פון דעם מעהל, וואָלט דאָס גאנצע געלד געקענט בלייבען ביי די אַקציאָנערען. עס זענען געמאכט געוואָרען פיעלע פּראָבען אויפצובויען עלעקטרא־מאַגנע־טישע מאשינען, אין דער האָפענונג צו פערנעהמען דאָס פּלאַץ פון דאַמפּף; וואָלטען אָבער די וואָס האָבען אויסגעלעגט דאָס געלד, פערשטאַנען דאָס אַלגעמיינע געזעץ פון דער „קאָררעלאַציאָן און עקוויוואַלענץ פון קרעפטען", וואָלטען זיי געהאַט בעסערע באַלאַנ־סען ביי זייערע באַנקיערען. אַלע טאָג לאָזען זיך מענשען איינ־רעדען צו העלפען אויספיהרען ערפינדונגען, וועלכע דער איינפאַכ־סטער פּריץ אין וויסענשאַפט וואָלט געקענט בעווייזען, אז זיי זענען גאָר נישט ווערטה. עס איז קוים פאַראַן איין געגענד, וואָס האָט ניט זיין היסטאָריע מכח פערמעגענס, וועלכע זענען ארויסגעוואָר־פען געוואָרען אויף עפּעס אַן אונמעגליכען פּראָיעקט.

און אויב איצט איז שוין אזוי אָפט און אזוי גרויס דער פער־לוסט צוליב דעם דוחק אין וויסענשאַפט, וועט דער פערלוסט מו־זען זיין נאָך גרעסער און אָפטער פאר די, וואָס וועלען ניט בע־זיצען קיין וויסענשאַפט שפּעטער. אזוי שנעל ווי די פּראָדוקטיווע פּראָצעסען וועלען ווערען מעהר וויסענשאַפטליך, ווי די קאָנקורענץ מוז זיי אונבעדינגט צווינגען צו ווערען; און אזוי שנעל ווי די געמיינזאַמע אַקציען־אונטערנעהמונגען וועלען זיך פערשפּרייטען, ווי עס איז זיכער אז זיי וועלען: אזוי שנעל וועט די וויסענ־שאַפטליכע קענטניס ווערען נויטיגער פאר יעדען איינעם.

דאָס, וואָס אונזערע שוהל־קורסען לאָזען כמעט אין גאַנצען אויס, איז ווי מיר זעהען, אַקוראַט דאָס, וואָס איז אַם נעהענטסטען נוגע די עסקים פון לעבען. אַלע אונזערע אינדוסטריען וואָלטען אויפהערען, ווען ניט די ידיעות, וואָס מענשען הייבען אָן אויסצו־געפינען אזוי גוט ווי זיי קענען, ערסט דאַן, ווען עס הייסט אז זיי האָבען שוין געענדיגט זייער בילדונג. און ווען ניט די דאָזיגע ידיעות, וועלכע האָבען זיך אַנגעקליבען פון דור צו דור און זענען פערשפּרייט געוואָרען דורך אונ־אָפיציעלע מיטלען, וואָלטען אָט די אינדוסטריען קיינמאָל גאָר ניט עקזיסטירט. ווען עס וואָלט ניט

געוועזן קיין אנדער למוד א חוץ דעם וואס מיר קריגען אין אונזערע עפענטליכע שוהלען, וואלט ענגלאנד געווען איצטער דיזעלביגע וואס זי איז געווען אין די פעאדאלע צייטען. די אלץ־גרעסערע בעקאנט־שאפט מיט די געזעצען פון ערשיינונגען, וואס האט אונז געגעבען די מעגליכקייט, איין דור נאך דעם אנדערן, צו בעהערשען די נא־טור פאר אונזערע נויטען, און וועלכע גיט היינטיגע צייטען דעם פראסטען ארבייטער אזוינע בעקוועמליכקייטען, וואס מיט עטליכע הונדערט יאהר צוריק האבען אפילו קיסרים ניט געקענט בעקומען, — אט די קענטשאפט איז כמעט מיט גארנישט פערפליכטעט צו די איינגעפיהרטע מיטלען פון לערנען אונזער יוגענד. די לעבענט־וויכטיגע קענטעניסען, א דאנק וועלכע מיר זענען אלס נאציאן דער־וואקסען צו אונזער איצטיגען שטאנד, און וועלכע זענען איצטער דער פונדאמענט פון אונזער גאנצער עקזיסטענץ, זענען קענטעני־סען וואס מען האט זיך ווי עס איז אויסגעלערנט אין פערוואָרפענע ווינקלען; בעת די אנגעשטעלטע פלעצער אויף צו לערנען האבען געהאלטען אין איין מורמלען טוידטע פארמולען, און מעהר כמעט גארנישט.

מיר קומען איצט צו דער דריטער גרויסער אבטיילונג פון מענש־ליכע טהעטיגקייטען — אן אבטיילונג פאר וועלכער קיין שום פאר־ברייטונג ווערט ניט געמאכט. אויב דורך א משונה׳דיגען צופאל וואלט פאסירט, אז אין דער וייטער צוקונפט וואלט פון אונז קיין שריד ופליט ניט געבליבען א חוץ א הויפען פון אונזערע שוהל־ביכער און עטליכע עקזאמען־פאפיערען פון אונזערער א הויך־שוהל, קען מען זיך פארשטעלען ווי עס וואלט זיך געוואונדערט דער אנטיקוואר פון יענער צייט, פאר וואס ער געפינט אין זיי קיין סמן ניט, אז די תלמידים האבען אמאל געקענט האבען די געלע־גענהייט צו ווערען עלטערן. „יא, דאס האט געמוזט זיין דער קור־ריקולום פון זייערע צעליבאטען (מאנאכען וואס האבען קיינמאל ניט חתונה)“, קענען מיר זיך דענקען ווי ער בעשליסט. „איך זעה דא זעהר גרויסע הכנות פאר א סך זאכען: דערהויפט פאר לעזען די ביכער פון אויסגעשטארבענע פעלקער און פון אנדערע פעלקער, וועלכע האבען געלעבט מיט זיי אין איין צייט (פון וואנען עס שיינט

צו זיין קלאָר, אז די דאָזיגע מענשען האָבען אין זייער אייגענער שפּראַך געהאַט זעהר ווענ'ג וואָס ס'איז געווען ווערטה צו לעזען); איך געפין אָבער גאָרנישט וואָס זאָל האָבען עפּעס א שיכות צו דער ערציהונג פון קינדער. זיי האָבען דאָך ניט געקענט זיין אזוי אונ־זיניג אויסצולאָזען יעדע פאָרברייטונג פאַר אָט דער שווערסטער פון אַלע פעראַנטוואָרטליכקייטען. מען זעהט, הייסט עס, דערפון קלאָר, אז דאָס האָט געמוזט זיין דער שוהל־קורס פון איינעם פון זייערע מאַנאַכען־קלויסטערס....״

אין ערנסט גערעדט, איז עס ניט אן ערשטוינענדער פאַקט, וואָס ווי קלאָר עס איז, אז פון דער בעהאַנדלונג הענגט אָב די קינ־דער'ס לעבען אָדער טוידט, זייער וואוילזיין אָדער רואינירונג מאָ־ראַליש, פון דעסטוועגען ווערט קיינמאָל קיין איינציג וואָרט פון אונ־טערריכט ווי צו בעהאַנדלען קינדער ניט געגעבען צו די וואָס ווע־לען מיט דער צייט זיין עלטערן? איז עס ניט שרעקליך, אז דאָס שיקזאַל פון'ם נייען דור זאָל איבערגעלאָזט ווערען אויפ'ן בעראַטה פון אונפערנינפטיגען מנהג, אָדער אימפּולס, אָדער איינבילדונג, וואָס האָרכט די עצות פון אונוויסענדע ניאַנעס און פאָלגט די פאַראור־טיילען פון אַלטע באָבעס? ווען א סוחר וואָלט זיך נעהמען פאַר א געשעפט, ניט האָבענדיג קיין ידיעה אין חשבון'ען און בוכפיה־רונג, וואָלטען מיר געשריען איבער זיין דומהייט און דערוואַרט צו הערען פון זיין טרויעריגען סוף. אָדער ווען א מענש וואָלט זיך גע־נומען מאַכען כירורגישע אָפּעראַציעס איידער ער האָט שטודירט אנאַטאָמיע, וואָלטען מיר געשטוינט איבער זיין העזה און רחמנות געהאַט אויף זיינע פאַציענטען. אָבער אז עלטערן זאָלען אָנפאַנ־גען די שווערע אויפגאַבע פון ערציהען קינדער, ניט האָבענדיג ווען עס איז א טראַכט געטהון וועגען די פּרינציפּען — די פּיזישע, מאָ־ראַלע, אָדער אינטעלעקטועלע — וואָס זאָלען זיי אָנווייזען דעם וועג, דאָס רופט ניט ארויס קיין איבערראַשונג אַנטקעגען די וואָס האַנד־לען אזוי, און ניט קיין מיטלייד מיט זייערע קרבנות.

צו די צעהנדליגע טויזענד וואָס ווערען דערהרג'ט, לעגט צו הונדערטע טויזענדער וועלכע בלייבען מיט שוואַכע קאָנסטיטוציעס, און מיליאָנען וועלכע זענען ניט אזוי שטאַרק ווי זיי וואָלטען גע־קאָנט זיין, וועט איהר דאַן האָבען א קליינעם בעגריף וועגען דעם

פלוך, וואס די עלטערן, וועלכע זענען אונוויסענד אין די געזעצען פון לעבען, ברייננגען אויף זייערע קינדער. טהוט נור א קלער פאר א מינוט, אז דער רעזשים, אונטער וועלכען די קינדער זענען אונ־טערוואָרפען, מאכט יעדע ווילע אויף זיי אן איינדרוק צו גוטען אָדער צו בייזען אויף זייער גאַנצען לעבען; און געדענקט אויך, אז עס זענען פאראן צוואנציג וועגען צו געהן קרום פאר יעדען איין וועג פון געהן גלייך — וועט איהר יעמאָלט בעקומען א שטיקעל אידעע וועגען דעם אונגעהייערן אומגליק וואס מען ברייגנט, דורך דעם ניט איבערלעגטען, גלאַט־אין־דער וועלט־אריין סיסטעם, וואס ווערט אלגעמיין געברויכט. איז בעשלאָסען געוואָרען אז א יונגעל דאַרף געהן אָנגעטאָן אין אזא מין לייכטינקען קורצען רעקיל, און דאַרף זיך ארומשפּיעלען מיט נאַקעטע, רויט־פערפראָרענע גליע־דער? דער בעשלוס וועט האבען א ווירקונג אויף זיין גאַנצער צו־קינפטיגער עקזיסטענץ: עס וועט זיך ארויסווייזען ענטוועדער אין קראַנקהייטען, אָדער אין א קורצען געוואוקס, אין שוואכע ענערגיע, אָדער אין וועניגער ווי ער וואָלט געקענט האבען קרעפטען אויס־געוואקסענערהייט, מיט אלע אָבהאַלטונגען פון ערפאָלג און גליק, וואס עס ברייגגט־מיט. האלט מען קינדער אויף אן איינפאָרמיגע דיעטע, אָדער אויף א דיעטע וואס איז קאַרג אין נאהרהאפטיגקייט? זייער שפּעטערדיגע פיזישע קראַפט און זייער ווירקזאמקייט אלס מענער און פרויען וועט אונבעדינגט דערפון געמינערט ווערען מעהר אָדער וועניגער. לאָזט מען זיי ניט לעבעדיג שטיפען, אָדער מען האלט זיי אין שטוב אין א קאַלטען וועטער (ווייל זיי זענען ניט ווארים גענוג בעקליידט צו קענען פערטראָגען די קעלט)? איז זי־כער אז זיי וועלען ניט זיין אזוי שטאַרק און געזונד, ווי זיי וואָלטען געקענט זיין. ווען זיהן און טעכטער וואקסען אויס קרענקליכע און שוואכע, קוקען די עלטערן אויף דעם געוועהנליך ווי אויף אן אומ־גליק — ווי אויף א שטראָף פון דעם רבש״ע. דענקענדיג לויט'ן פערוויירטען שטייגער פון דער צייט, מיינען זיי אז די דאָזיגע צרות קומען אָהן אורזאכען, אָדער אז די אורזאכען זענען איבער־נאטירליכע. עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. אין אייניגע פעלען זענען די אורזאכען בלי ספק איבערגעגעבען בירושה; אין די מעהרסטע פעלען אָבער זענען די אורזאכען — נארישע רעגעלען. גאַנץ גע־

וועהנליך זענען די עלטערן אליין פעראנטוואָרטליך פאר די וועהטאָגען, די שלאָפקייטען, די געדריקטע שטימונגען און די צרה'דיגע לעבענס. זיי האָבען זיך אונטערגענומען יעדע ווילע צו קאָנטראָלירען די לעבענס פון זייערע קינדער; זיי האָבען מיט אַן אכזריות־דיגער נאָכלעסיגקייט פערפעהלט צו לערנען עפּעס וועגען יענע לעבענסוויכטיגע פּראָצעסען, וואָס זיי גרייפען נאָכאַנאַנד אָן מיט זייערע געבאָטען און פערבאָטען; מיט זייער פאַלשטענדיגער אונוויסענהייט וועגען די איינפאַכסטע פיזיאָלאָגישע געזעצען האָבען זיי אונטערגעגראָבען זייערע קינדער'ס קאָנסטיטוציעס, און האָבען אָנגעבראַכט קראַנקהייט און קצור ימים ניט נור פאר זיי, נור פאר זייערע קינדס קינדער אויך.

פּונקט אזוי גרויס איז די אונוויסענהייט, און ממילא אויך דער שאָדען, ווען מיר לאָזען אוים די פיזישע ערציהונג און טהוען א קוק אויף די מאָראַלישע ערציהונג. בעטראַכט נור די יונגע מוטער און די געזעצען וואָס זי גיט ארויס אין קינדער־צימער. ערסט עטליכע יאָהר צוריק אז זי איז געגאַנגען אין שוהל, וואו איהר זכרון איז אָנגעשטאָפּט געוואָרען מיט ווערטער, מיט נעמען און דאַטען, אָבער איהרע דענקונגס־קרעפטען זענען א האָר ניט גע־איבט געוואָרען — וואו מען האָט איהר קיין איינציגע אידעע ניט געגעבען מכח די מעטאָדען ווי אזוי צו בעגעהן־זיך מיט'ן קינדערשען שכל, וואָס האַלט זיך אין פונאַנדערעפענען; און וואו די דיסציפּלין וואָס זי האָט בעקומען האָט איהר א האָר ניט צוגעגרייט זי זאָל קענען אויסקלערען אייגענע מעטאָדען. די צווישען־יאָהרען זענען ביי איהר אוועקגעגאַנגען אין פּראַקטיצירען מוזיק, אויסנעהען צאַצקעס, אין לעזען ראָמאַנען און געהן אויף בעלער. זי האָט נאָך קיין טראַכט ניט געגעבען וועגען דער שווערער פעראַנטוואָרטליכקייט פון מוטערשאַפט און האָט ניט געקריגען קיין ברעקיל סאָלידע אינטעלעקטועלע בילדונג, וועלכע וואָלט איהר געקענט דיענען ווי עפּעס א פאָרברייטונג פאר אזוינע פעראַנטוואָרטליכקייטען. און איצט קוקט זי אָן מיט דעם זיך־ענטוויקלענדען מענשען־כאַראַקטער ביי איהר אויף די הענד. זעהט זי — א טיעף־אונוויסענדע אין די ערשיינונגען מיט וועלכע זי האָט דאָ צו טהון, נעהמט זי זיך אונטער צו טהון דאָס, וואָס מען קען נור אונפאָלקאָם טהון אפילו

מיט דער הילף פון דעם טיעפסטען וויסען. זי ווייס גאר ניט וועגען דער נאטור פון די געמיטהבעוועגונגען; זי ווייס ניט זייער סדר פון ענטוויקלונג, ניט זייערע פונקציעס, ניט ווען דער געברויך הערט אויף און דער מיסגעברויך פאנגט אן. זי איז אונטער דעם איינדרוק, אז אייניגע געפיהלען זענען אין גאנצען שלעכטע, וואס עס איז ניט אמת וועגען קיין איינעם פון זיי; און פערקעהרט, אז אנדערע געפיהלען זענען אלע מאל גוטע, ווי ווייט זיי זאלען ניט געהן, וואס עס איז אויך ניט אמת וועגען קיין איינעם פון זיי. און דערצו, ווי זי איז אונוויסענד וועגען די זאכען, מיט וועלכע זי האט צו טהון, פונקט אזוי איז זי אונוויסענד וועגען די פאלגען, וואס די אדער יענע בעהאנדלונג וועט האבען פאר זיי. וואס קען זיין מעהר אונפערמיידליך איידער די אומגליקליכע רעזולטאטען, וואס מיר זעהען ארויסקומענדיג יעדע שטונדע? ניט האבענדיג קיין ידיעה פון גייסטיגע ערשיינונגען און זייערע אורזאכען און פאלגען, איז גאנץ אפט איהר אריינמישען־זיך מעהר שעדליך איידער ווען זי וואלט געווען אבסאלוט פאסיוו. נאכגאנד אז זי שטערט דעם און יענעם סארט טהעטיגקייטען, וועלכע זענען גאנץ נארמאל און ניצליך, און מינדערט אט אזוי דעם קינד'ס גליק און נוצען. זי פערדארבט זיינעם און איהר אייגענעם טעמפעראמענט, און רופט ארויס א פערפרעמדונג צווישען איהר און דעם קינד. די טהאטען, וועלכע זי דענקט אז עס איז ווינשענסווערטה די קינדער זאלען טהון, מאכט זי זיי זאלען עס טהון דורך דראהונגען, און געבען שוחד, אדער ארויסרופענדיג אין זיי א חשק געלויבט צו ווערען: עס אהרט איהר וועניג וואס פאר א אינערליכער מאטיוו דאס וועט זיין, כל זמן אויסערליך ווערט געטהון וואס זי הייסט; איינפלאנצענדיג אט אזוי צביעות, פורכט און גייציגקייט אויף דעם ארט פון גוטע געפיהלען. בעת זי פאדערט פון זיי וואהרהאפטיגקייט, גיט זי אליין א ביישפיעל פון אונוואהרהאפטיגקייט דערמיט וואס זי סטראשעט זיי מיט בעשטראפונגען, וועלכע זי פיהרט ניט אויס. בעת זי לערנט זיי זיך אליין צו קאנטראלירען, שיט זי אלע ווילע אויף איהרע פיצלעך קינדער בייזע זלזולים פאר אזוינע מעשים וואס פערדיענען עס גאר ניט. זי האט ניט די קלענסטע אידעע, אז אין קינדער־צימער, אזוי גוט ווי אין דער

וועלט בכלל, איז יענע דיסציפּלין די איינציגע אמת־היילזאמע, וועל־כע ברייננט פאר יעדען אויפפיהר, סיי א גוטען, סיי א שלעכטען, זיינע נאטירליכע פאָלגען — אזוינע פאָלגען, אנגענעהמע אָדער שמערצליכע, וועלכע אזא אויפפיהר איז, לויט דער טבע פון די זאכען, געניינט צו ברייננען. ניט האָבענדיג, אָט אזוי, קיין טהעאָ־רעטישען וועגווייזער, און ניט בעזיצענדיג די פעהיגקייטען אליין צו געפינען איהר וועג, אויסשפירענדיג די גייסטיגע פּראָצעסען וואָס קומען פאָר ביי איהרע קינדער, איז איהר פיהרונג אימפּולסיוו, ניט אויסגעהאלטען, שעדליך; און ווען ניט די אריבערשטייגענדע טענדענץ פון דעם וואקסענדען מוח אָנצונעהמען דעם מאָראַלען טיפּ פון דער ראסע, וועלכע שטייגט אריבער אלע קלענערע איינפלוסען, וואָלט איהר ממשלה טאקי אין גאנצען געווען א רואינירענדע.

און דאָן די בילדונג פון'ם אינטעלעקט — ווערט דאָס ניט אויך אויפ'ן זעלביגען אופן איבערגעפיהרט? זייט נור מודה אז די ערשיינונגען פון פערנונפט קומען פאָר לויט געזעצען; גיט נור צו, אז די ענטוויקלונג פון פערנונפט ביי'ן קינד קומט אויך פאָר לויט געזעצען — פאָלגט אונפערמיידליך דערפון, אז מען קען ניט ריכטיג אָנפיהרען קיין ערציהונג, סיידען מען האָט א ידיעה וועגען די דאָזיגע געזעצען. זיך משער זיין, אז איהר קענט ריכטיג רעגולירען דעם פּראָצעס פון פאָר־מירען און אָנזאמלען אידעען, ניט פערשטעהענדיג די טבע פון דעם פּראָצעס, איז אַן אונזין. הייגט ווי גרויס מוז זיין דער חלוק צווישען דעם איצטיגען לערנען און דעם לערנען ווי עס דאַרף צו זיין, אויב אז כמעט קיינע פון די עלטערן און נור עטליכע פון די לעהרער ווייסען וואָס־ניט־איז וועגען פּסיכאָלאָגיע. דער איינגע־פיהרטער סיסטעם, ווי עס איז צו דערוואַרטען, איז טאקי ביטערליך פעהלערהאפטיג, אי אין עצם, אי אין זיין פאָרם. בעת וואָס דעם ריכטיגען קלאָס פאקטען לאָזט מען אויס, שטופּט מען דעם ניט־ריכ־טיגען קלאָס אין זיי אריין מיט געוואלט, אויף א פאלשען אופן און אין א פאלשען סדר. האַלטענדיג זיך ביי'ן געוועהנליכען ענגען געדאַנק פון בילדונג, וואָס מיינט אז נור די קענטעניסען וואָס מען קען געווינען פון ביכער, הייסט בילדונג, שטופּען די עלטערן עלע־מענטאַר־ביכלעך אין די הענד פון זייערע פּיצלעך קינדער צו־פריה,

וואָס עס שאַדט זיי זעהר פיעל. ניט אָנערקענענדיג די וואַרהייט, אַז זיי זענען נור אַ ניט־דירעקטער מיטעל אויף צו בעקומען קענטע־ניס, ווען די דירעקטע מיטלען זענען דורכגעפאַלען — אַז ביכער זענען אַ מיטעל צו זעהען מיט פרעמדע אויגען, וואָס איהר קענט ניט זעהען מיט אייערע אייגענע — ניט פערשטעהענדיג דאָס, זע־נען דעריבער די לעהרער להוט צו געבען זייערע תלמידים פאַקטען פון צווייטער האַנד, אַנשטאָט פון דער ערסטער האַנד. ניט איינזעה־ענדיג דעם אונגעהייער־גרויסען ווערטה פון דער פון־זיך׳דיגער (ספּאָנטאַנער) בילדונג, וואָס געהט אָן אין די ערסטע יאָהרען — ניט פערשטעהענדיג אַז דעם קינד׳ס אונאויפהערליכעס בעמערקען אַלצדינג דאַרף ניט איגנאָרירט אָדער אָבגעהאַלטען ווערען, נור אדרבא פלייסיג צוגעהאָלפען און געמאַכט ווערען אַזוי גענוי און פאַלשטענדיג ווי מעגליך — לעגען זיי זיך אָב דוקא צו בעשעפטיגען זיינע אויגען און געדאַנקען מיט זאַכען, וועלכע זענען איהם פאַר דער צייט אונפערשטענדליך און צו־ווידעריג. פול פון דעם אָבער־גלויבען, וואָס בוקט זיך צו די סימבאָלען פון וויסען אַנשטאָט צו דעם וויסען אַליין, זעהען זיי ניט איין, אַז נור יעמאָלט ווען דאָס קינד וויים שוין כמעט אַלץ וועגען די געגענשטאַנדען און פּראָצע־סען וואָס ער געפינט אין הויז, אין די גאַסען און אויף די פעלדער, איז די צייט איהם בעקאַנט צו מאַכען מיט די נייע קוואַלען פון וויסען, וועלכע די ביכער גיבען. און דאָס דאַרף זיין אַזוי, ניט נור דערפאַר ווייל די אונמיטעלבאַרע דערקענשאַפט האָט אַ סך אַ גרע־סערן ווערטה איידער די מיטעלבאַרע דערקענשאַפט; נור אויך דערפאַר, ווייל די ווערטער וואָס געפינען זיך אין ביכער קענען ריכ־טיג אריינגעטייטשט ווערען אין די געדאַנקען, נור לפי ערך וויפיעל ערפאַהרונג דאָס קינד האָט וועגען די זאַכען פון פריהער. בעמערקט ווייטער, אַז אָט דער פאָרמאַלנער לערנען, וועלכען מען הויבט אָן פיעל צו־פריה, ווערט אָנגעפיהרט מיט גאַנץ וועניג אויסרעכענונג אויף די געזעצען פון גייסטיגער ענטוויקלונג. דער אינטעלעקטוע־לער פאָרטשריט געהט אָן נויטיגערווייז פון דעם קאָנקרעטען צו דעם אבסטראַקטען. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, פאַנגט מען אָן אַזוינע הויך־אבסטראַקטע ענינים ווי גראַמאַטיק, וואָס דאַרפען קו־מען פיעל שפּעטער, דוקא גאַנץ פריה. פּאָליטישע געאָגראַפיע, אַ

טוידטע און ניט־אינטערעסאַנטע זאַך פאַר א קינד, וועלכע דאַרף זיין אַן אָנהאַנג צו די סאָציאָלאָגישע למודים, הויבט מען גראָד אָן בעציטענס; בעת די פיזישע געאָגראַפיע, וואָס איז פערשטענדליך און, אין פערגלייך מיט יענע, א צוציהענדער ענין פאַר א קינד, לאָזט מען גרעסטענטיילס אין גאַנצען אויס. כמעט יעדער געגענשטאַנד מיט וועלכען מען האָט צו טהון איז אוועקגעשטעלט אין א ניט־נאָרמאַלער אָרדנונג: דעפיניציאָנען, רעגעלען און פרינציפען ווערען געשטעלט צו־ערסט, אַנשטאָט וואָס זיי זאָלען זיך בעווייזען, ווי זיי בעווייזען זיך אין דעם סדר פון דער נאַטור, דורך דעם שטודיום פון די זאַכען. א חוץ דעם איז דער גאַנצער למוד דורכגעדרונגען פון דעם פערדאָרבענעם סיסטעם פון לערנען לויט א סקאַרבאָווען שטייגער — א סיסטעם וואָס איז מקריב דעם גייסט צו דעם בוכשטאַב. גיט א קוק אויף די רעזולטאַטען. דערפון וואָס די בעגרייפונגס־כחות ווערען אונגאַטירליך אָבגעשטומפט דורך שטערונגען פון קליינווייז אָן, און דורך דעם געצוואונגענעם אָבגעבען־זיך מיט ביכער; דערפון וואָס עס ווערט געשאַפען א גייסטיגע פערווירונג, לערנענדיג זיי אַזוינע ענינים איידער זיי קענען זיי נאָך פערשטעהן, און געבענדיג זיי אַפריהער די כללים איידער די פאַקטען גופא, פון וועלכע די כללים קומען אַרויס; דערפון וואָס מען מאַכט דעם תלמיד פאַר א פאַסיווען אָננעהמער פון דעם אַנדערנ'ס געדאַנקען און מען איז איהם א האָר ניט מדריך ער זאָל ווערען אַן אַקטיווער פאָרשער אָדער זיין אַליין זיין אייגענער לעהרער; און דערפון וואָס מען לעגט אָן צופיעל משא אויף די מוחות — זענען פאַראַן אַזוי וועניג טיכטיגע קעפּ, וואָס קענען אויפטהון וויפיעל זיי האָבען געדאַרפט קענען אויפטהון. ווי מען האָט נור דורכגעמאַכט די עקזאַמענס, לעגט מען אוועק די ביכער אָן א זייט. אַזוי ווי דער גרעסטער טייל פון דאָס וואָס מען האָט געלערנט איז ניט אָרגאַניזירט אין מאַרך, פאַלט עס באַלד אַרויס פון זכרון: וואָס עס בלייבט איז מעהרסטענטיילס טוידטער שטאָף, ווייל די קונסט פון אָנווענדען דאָס וויסען צו דעם לעבען איז ניט קולטיווירט געוואָרען, און זיי האָבען גאַנץ ווייניג סיי פון דער קראַפט פון גענויען בעמערקען, סיי פון זעלבסטשטענדיגען דענקען. לעגט נאָך צו דעם אַלעם צו, אַז בעת וואָס דער בעקומענער אונטערריכט האָט

לפי ערך א קנאפען ווערטה, לאזט מען דערפאר אין גאנצען אויס אן אונגעהייערע מאסע למודים, וועלכע האבען דוקא אן אלער־העכסטען ווערטה.

מיר זעהען, אלזא, אז די פאקטען זענען טאקי אקוראט אזוינע ווי מען וואלט זיך לכתחילה (א פריארי) געקענט משער זיין. די ערציהונג פון קינדער — פיזיש, מאראליש און אינטעלעקטועל — איז שרעקליך פעהלערהאפטיג. און דאס איז אזוי אין א גרויסען טייל דערפאר, ווייל די עלטערן האבען ניט די קענטנים, דורך וועלכע די ערציהונג וואלט געקענט אנגעפיהרט ווערען ריכטיג. וואס קען מען באמת דערווארטען, ווען פאר דער לעזונג פון איינעם פון די העכסט פערוויקעלטע פראבלעמען נעהמען זיך אזוינע מענשען, וואס האבען כמעט ניט א טראכט געטהאן מכח די פרינציפען, פון וועלכע זיין לעזונג העננט אב? כדי צו קענען די מלאכה פון נעהען שיך, אדער בויען הייזער, פיהרען א שיף אדער א לאקאמאטיווּ־מאשין, מוז מען א לאנגע צייט זיין אין דער לעהרע. איז עס מעגליך, אז די פונאנדערוויקלונג פון א מענשליכען וועזען, קער־פערליך און גייסטיג, איז אין פערגלייך אזא איינפאכער פראצעס, אז יעדער איינער קען עס אנפיהרען און רעגולירען גאר אהן קיין שום הכנות? אלא אויב ניט — אויב אדרבא דער פראצעס איז, מיט איין אויסנאהמע, א מעהר קאמפליצירטער איידער יעדער אנ־דערער אין דער נאטור; אויב די ארבייט פון אויפפאסען דערויף איז הוקא איינע פון די שווערסטע — איז עס ניט א פשוטע משוגעת צו לאזען אזא אויפגאבע גאר נישט בעארגט? זאל מען בעסער אויפגעבען די „השלמות“ איידער אויסלאזען אזא אלערוויכטיגסטען למוד. א פאטער, וועלכער, בעגעהענדיג זיך מיט זיינע קינדער לויט די פאלשע דאגמען וואס ער האט אנגענומען אהן אן אונ־טערזוכונג, האט פערפרעמדעט פון זיך זיינע זיהן, האט דורך זיין בייזע בעהאנדלונג זיי געטריבען צו רעבעלירען אנטקעגען איהם, האט אי זיי רואינירט, אי זיך אליין געמאכט מיזעראבעל — וואלט געמעגט איבערדענקען, אז עס וואלט כדאי געווען צו שטודירען ווי צו ענטוויקלען דעם מענשליכען כאראקטער, אפילו ווען דאס זאל איהם האבען געקאסט וואס ער וויים וועגען עסקילוס. ווען א מו־טער קלאגט אויף איהר ערסט־געבארענעם, וואס איז געשטארבען

פון די פאָלגען פון סקאַרלאַטין — בעת אַן אָפּעראַציאָנען דאָקטאָר האָט אפשר בעשטעטיגט איהר פּערדאַכט, אַז איהר קינד וואָלט געקענט בלייבען לעבען, אויב זיין סיסטעם וואָלט ניט געווען אָבגעשוואַכט פון צופיעל לערנען — ווען זי ברעכט צוזאַמען אונטער דעם וועהטאָג פון איהר טרויער אינאיינעם מיט'ן פּלאָגען פון געוויסען — איז יעמאָלט איהר אַ גאַנץ קנאַפּער טרייסט, וואָס זי קען לעזען ד אַ נ ט ע אין אָריגינאַל.

מיר זעהען, הייסט עס, אַז כדי צו רעגולירען די דריטע גרויסע אָבטיילונג פון מענשליכע טהעטיגקייטען, מוז מען נויטיג האָבען אַ ידיעה וועגען די געזעצען פון לעבען. עס איז קלאָר, אַז פאַר דער ריכטיגער ערציהונג פון קינדער קען מען זיך ניט בעגעהן אָהן עפּעס אַ בעקאַנטשאַפט מיט די ערסטע פּרינציפּען פון פיזיאָלאָגיע און מיט די עלעמענטאַרע וואַרהייטען פון דער פּסיכאָלאָגיע. מיר זענען זיכער, אַז פיעלע וועלען לעזען די בעהויפּטונג מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען. זיי וועלען עס האַלטען פאַר אַן אונזין צו דערווארטען, אַז עלטערן בכלל זאָלען זוכען צו בעקומען אַ ידיעה אין אַזוינע פערבאָרגענע ענינים. נון, ווען מיר וואָלטען פאָרגעשלאָגען, אַז אַלע פאָטערס און מוטערס זאָלען זעהען צו בעקומען די טיעפסטע ידיעה אין די דאָזיגע ענינים, וואָלט דער אונזין טאַקי גענוג געריסען די אויגען. מיר זאָגען עס אָבער ניט. ניין, נישט מעהר ווי אַלגעמיינע פּרינציפּען, בעגלייט פון אַזוינע פּרטים'דיגע ביישפּיעלען, וועלכע קענען זיין נויטיג זיי צו מאַכען פערשטענדליך, וואָלט געווען גענוג. און מען וואָלט זיי לייכט געקענט איבערגעבען אויך: אויב ניט ראַציאָנאַל, איז לכל הפחות דאָגמאַטיש. על כל פּנים אָבער, מיר האָבען דאָ אָט די אונבעצווייפעלטע פאַקטען: — אַז די ענטוויקלונג פון קינדער, אין קערפּער און אין גייסט, פאָלגט גאַנץ שטרענג געוויסע געזעצען; אַז אויב אָט די געזעצען ווערען ניט וויפיעל עס איז אָבגעהיט דורך די עלטערן, איז דער טוידט אונפערמיידליך; אַז אויב מען היט זיי ניט אָב אַ רעכט ביסעל, מוזען אַרויסוואַקסען גאַנץ ערנסטע פיזישע און גייסטיגע פעהלערן; און אַז נור ווען מען פאָלגט זיי גאַר אין גאַנצען, קען מען אויפהאָדעווען פאָלקאָמענע מענשען. איצט בעדענקט זיך, צי דאַרפען ניט אַלע, וועלכע קענען ווען עס איז ווערען עלטערן, פיעל־ווינציג זוכען צו לערנען וואָס אָט די געזעצען זיינען.

פון די פונקציעס פון עלטערן לאמיר איצט איבערגעהן צו די פונקציעס פון'ם בירגער. דא דארפען מיר נאכפארשען, וואסער וויסען גרייט א מענשען צו אם בעסטען אויף צו קענען ערפילען די דאזיגע פונקציעס. מען קען ניט זאגען, ווי אין דעם פאריגען פאל, אז די נויטיגקייט פון אזא וויסען ווערט אין גאנצען פערזעהען; ווארים אונזערע שוהל־קורסען ענטהאלטען יא געוויסע למודים, וועלכע האבען, צום וועניגסטען נאמינעל, עפעס א שיכות מיט די פאליטישע און געזעלשאפטליכע פליכטען. דער איינציגער פון אט די למודים וואס פערנעהמט א חשוב'ן פלאץ, איז היסטאריע.

אבער, ווי עס איז שוין מעהר ווי איין מאל אנגעדייטעט געווארען, די היסטארישע ידיעות וואס מען גיט דארטען, זענען פאר'ן צוועק פון הדרכה כמעט ווערטהלאז. כמעט קיינע פון די פאקטען וואס זענען אנגעשריבען אין אונזערע שוהל־היסטאריעס, און גאנץ ווינציג אפילו פון די וואס געפינען זיך אין די מעהר־בעארבייטעטע ווערק פאר דערוואקסענע, גיבען א וועלכען עס איז שליסעל צו די ריכטיגע פרינציפען פון פאליטישער טהעטיגקייט. די ביאגראפיען פון קיסרים (און אונזערע קינדער לערנען געוועהנליך זעהר וועניג פון עפעס אנדערעס) בעלייכטען קוים וויפיעל עס איז די וויסענשאפט פון דער געזעלשאפט. א בעקאנטשאפט מיט די הויף־אינטריגען, די פערשווערונגען, די פאלשע קעניגע און זייער גלייכען, ווי אויך אלע פערזענליכקייטען וועלכע בעגלייטען זיי, העלפט זעהר ווינציג אין דער בעלייכטונג פון די פרינציפען, פון וועלכע דאס וואוילזיין פון פאלק הענגט אב. מיר לעזען וועגען א געוויסער רייסעריי פאר מאכט, אז זי האט געפיהרט צו א רעגעלמעסיגער שלאכט; אז אזעלכע און אזעלכע זענען געוועזען די נעמען פון די גענעראלען און זייערע הויפט־אפיציערען; אז יעדער פון זיי האט געהאט אזויפיעל טויזענד אינפאנטעריע און קאוואלעריע, און אזוי פיעל הארמאטען; אז זיי האבען אויסגעשטעלט זייערע באטאליאנען אין אזא אדער אזא ארדנונג; אז זיי האבען מאנעווירט, אטאקירט און צוריק געטרעטען אויף געוויסע אופנים; אז אין דעם טייל פון טאג האבען זיי געליטען אזוינע נידערלאגען, און אין אנאנדער טייל פון טאג האבען זיי געוואונען אזוינע זיגען;

אז אין איין געוויסען פעלד־צוג איז א געוויסער הויפּט־אָפיציער גע־פאַלען, און אין אַנאַנדערן איז אַ געוויסער רעגימענט צוקלאַפּט גע־וואָרען; אז נאָך אַלע גליקען און אומגליקען פון שלאַכט האָט די אָדער יענע אַרמעע מנצח געווען; און אז אַזויפיעל זענען גע־הרגט געוואָרען, אַזויפיעל פּערוואונדעט אויף יעדער זייט, און אַזוי־פיעל זענען געפאַלען אין פלען ביי די זיעגער. נון, פון אַט די אַלע צונויפגעקליבענע פּרטים, וואָס שטעלען צונויף דעם ספּור המעשה, זאָגט וועלכע העלפען אייך צו פּאַסען א בעשלוס וועגען אייער אויפ־פיהר אַלס בירגער? אז מען זאָל זיך אפילו משער זיין, אז איהר האָט פלייסיג געלעזען ניט נור „די פונפצעהן ענטשיידענע שלאַכטען פון דער וועלט", נור אויך בעשרייבונגען פון אַלע אַנדערע שלאַכטען וואָס די היסטאָריע דערמאָנט — מיט וויפיעל מעהר פערשטענדיג־קייט וועט איהר דורכדעם אָבגעבען אייער שטים ביי די נעקסטע וואהלען? „אָבער דאָס זענען דאָך פאַקטען — אינטערעסאַנטע פאַק־טען", זאָגט איהר. אמת, זיי זענען גאָר קיין ספק ניט, פאַקטען, (די, צום ווענינגסטען, וועלכע זענען גיט טיילווייז אָדער גאָר אין גאַנצען אויסגעטראַכטע מעשיות); און מעגליך אז פאַר א סך מענ־שען קענען זיי אויך זיין אינטערעסאַנטע פאַקטען. אָבער דאָס מיינט נאָך בשום אופן ניט, אז זיי האָבען א ווערטה. אַן איינגע־רעדטע אָדער א קרענקליכע מיינונג שרייבט אָפּט צו א ווערטה צו זאַכען, וועלכע האָבען קוים עפּעס א ווערטה. א פעררי‌קטער אויף טוליפּאַנען*) וועט זיך ניט צושיידען מיט א פיינעם מין פון דער דאָזיגער פלאַנץ פאַר איהר געוויכט אין גאָלד. ביי אַנאַנדער מענ־שען איז א מיאוס שטיקעל צובראָכענע אַלטע פּאָרצעלליי זיין טייערס־טער אייגענס. און עס זענען פאַראַן אַזוינע וואָס צאָהלען גרויסע פּרייזען פאַר די איבערגעבליבענע אָנדענקונגס־זאַכען פון בעריהמטע מערדער. קען מען דען האַלטען, אז אַזוינע געשמאַקען זענען אַ מאָס פון דעם ווערטה פון די זאַכען וואָס בעפריעדיגען זיי? אויב ניט, מוז מען מודה זיין, אז דער געשמאַק וואָס מען פיהלט אין גע־

*) ווי אין דעם משוגע'נעם געלאַף אויף טוליפּאַנען, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָנפאַנג פון לעצטען יאהרהונדערט. — דער איבערזעצער.

וויסע קלאַסען פון היסטאָרישע פאַקטען איז אויך ניט קיין בעווייז פון זייער ווערטה; אז מיר מוזען פּרובען זייער ווערטה, ווי מיר פּרובען דעם ווערטה פון אנדערע פאַקטען — מיר מוזען פרעגען, צו וואָס טויגען זיי? צו וועלכע געברויכען קען מען זיי אָנווענדען? זאָל א שטייגער איינער קומען אייך דערצעהלען, אז אייער נאכבאַר'ס קאַטץ האָט זיך נעכטען געקעצעלט, וועט איהר זאָגען, אז די נאַכריכט האָט קיין ווערטה ניט. עס מעג טאַקי אפילו זיין א פאַקט, עס איז אָבער א לגמרי נוצלאָזער פאַקט, וועט איהר זאָגען — עס איז א פאַקט, וואָס קען בשום אופן ניט האָבען קיין איינפלוס אויף אייערע אויפטהואונגען אין לעבען — א פאַקט וואָס וועט אייך גאָר ניט העלפען אין אייער לערנען זיך ווי צו לעבען פאָלשטענדיג. גאַנץ ריכטיג; איצט נעהמט און ווענדט אָן דיזעלבע פּראָבע אויף די גרויסע מאַסע היסטאָרישע פאַקטען, וועט איהר בעקומען דעמזעלביגען רעזולטאַט. זיי זענען פאַקטען פון וועלכע מען קען ניט ציהען קיינע שלוסען: זיי זענען פאַקטען וואָס ל אָ ז ע ן זיך נ י ט אָ ר ג אַ נ י ז י ר ע ן; און דעריבער קענען זיי קיינע נוצען ניט ברייננגען פאַר דער פעסטשטעלונג פון אויפפיהרונגס־פּרינציפּען, וועלכע איז דער הויפּט־נוץ פון פאַקטען. לעזט זיי, אויב איהר ווילט פאַר אַמוזירונג, אָבער רעדט זיך ניט איין, אז זיי זענען בעלעהרענד.

א גרויסער טייל פון דאָס, וואָס שטעלט צונויף היסטאָריע, אין היכטיגען זין פון וואָרט, איז גאָר ניטאָ אין די ווערק איבער דעם ענין. נור אין די לעצטע יאָהרען האָבען די היסטאָריקער אונז אָנגעהויבען צו געבען די ווירקליך־ווערטהפולע ידיעות אין עפּעס א היבשען ערך. אזוי ווי אמאָליגע צייטען איז דער קעניג געווען אלץ און דאָס פאָלק גאָרנישט, אזוי האָבען אויך אין די אמאָליגע היסטאָריעס די מעשים פון'ם קעניג אויסגעפילט דאָס גאנצע בילד, און דאָס נאַציאָנאַלע לעבען האָט געדיענט דערצו נור ווי א טונקעלער הינטערגרונד. ערסט איצטער, ווען די הויפּט אידעע הויבט אָן ווערען דאָס וואוילזיין פון די פעלקער מעהר איידער דאָס וואוילזיין פון די הערשער, הויבען היסטאָריקער אָן זיך צו בעשעפטיגען מיט די ערשיינונגען פון געזעלשאַפטליכען פּראָגרעס. וואָס אונז איז ווירקליך נוגע צו וויסען, איז — די נ אַ ט י ר ל י כ ע ג ע־

שיכטע פון דער געזעלשאַפט. מיר דאַרפען האָבען אַלע פאַקטען, וועלכע העלפען אונז צו פערשטעהן ווי אַזוי אַ נאַציאָן איז געוואַקסען און האָט זיך אָרגאַניזירט. צווישען אָט די פאַקטען, פערשטעהט זיך, לאָמיר אויך האָבען אַ בעשרייבונג וועגען זיין רעגיערונג; וואָס וועניגער לייטישע רייד וועגען די פערזאָנען וואָס האָבען געהאַלטען די רעגיערונגס־שטעלען, און אַזויפיעל וויפיעל מעגליך וועגען דעם געביי, די פּרינציפּען, די מעטאָדען, די פּאַראורטיילען, די קאָרופּציאָנען א. ז. וו. וועלכע זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. און זאָל די דאָזיגע בעשרייבונג איינשליסען ניט נור דעם כאַראַקטער און די מעשים פון דער צענטראַלער רעגיערונג אַליין, נור אויך די מעשים פון די אָרטיגע רעגירונגען, אַרונטער־געהענדיג ביז זייערע קלענסטע אָבצווייגונגען. לאָמיר טאַקי אויך האָבען גלייך דערמיט אַ בעשרייבונג וועגען דער קירכליכער רעגירונג — איהר אָרגאַניזאַציע, איהר אויפפיהר, איהר מאַכט, איהר שיכות צום שטאַאט; און דערצו, די צערעמאָניעס, די אמונה און די רעליגיעזע אידעען: ניט נור די, אין וועלכע עס הייסט אז מען גלויבט, נור די, אין וועלכע מען גלויבט באמת און מען איז זיי מקיים אין לעבען. לאָמיר אין דערזעלביגער צייט האָבען אַ ידיעה מכח דעם קאָנטראָל וואָס איין קלאַס האָט געהאַט איבער אַנאַנדער קלאַס, ווי מען האָט עס געקענט זעהען אין אַלע געזעלשאַפטליכע שטאַט־פיהרונגען: אין די טיטולען, די בעגריסונגען, די פאָרמען פון אדרעסירען. לאָמיר אויך וויסען וואָס זענען געוועז אַלע אנדערע מנהגים, וועלכע האָבען רעגולירט דאָס פאָלק'ס לעבען אין גאַס און אין דערהיים — מיטרעכענענדיג די פיהרונגען וואָס זענען נוגע צו דער פערהעלטניס צווישען די געשלעכטער און די פערהעלטניס צווישען עלטערן און קינדער. די אבערגלויבענס, פון די מעהר וויכטיגע געטער־געשיכטען, ביז די גאַנץ געוועהנליכע קמיעות, זאָלען אויך בעצייכענט ווערען. נאָכדעם זאָל קומען אַ בעשרייבונג פון דעם אינדוסטריעלען סיסטעם, וואָס זאָל צייגען ווי ווייט עס האָט געגרייכט די צוטיילונג פון דער אַרבייט, ווי אַזוי די מלאכות און פּראָפעסיעס זענען געווען רעגולירט, צי אין קלאַסען, צעכען, אָדער אויף אַנאַנדער אופן; וועלכע פערבינדונג איז געווען צווישען די אַרבייט־געבער און די אַרבייטער; וואָס פאַר־אַ אגענטורען זענען

געוועזן אויף צו פערטיילען די וואַרען און וועלכע מיטלען פון קאָמוניקאַציע; וואָס האָט ביי זיי געדיענט אַלס צירקולאַציאָנסמיטעל. צוזאַמען מיט דעם אַלעם זאָל קומען אַ בעשרייבונג וועגען דער טעכנישער זייט פון דער אינדוסטריע, אָנגעבענדיג די פּראָצעסען וואָס מען האָט געבריכט און די קוואַליטע פון די פּראָדוקטען. ווייטער דאַרף דערקלערט ווערען דער אינטעלעקטועלער צושטאַנד פון פאָלק אין אַלע זיינע פערשיידענע מדריגות: ניט נור בנוגע צו דעם סאָרט און דער סומע פון בילדונג, נור אויך בנוגע צום פּראָגרעס וואָס מען האָט געמאַכט אין דער וויסענשאַפט און צו דעם אָרט דענקען פון יענער צייט. די מדריגה פון דער עסטעטישער קולטור, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אין דער אַרכיטעקטור, סקולפּטור, מאָהלעריי, קליידונג, מוזיק, פּאָעזיע און בעלעטריסטיק, מוז בעשריבען ווערען. עס דאַרף אויך ניט אַרויסגעלאָזט ווערען אַ בילד פון׳ם טעגליכען לעבען פון פאָלק: וועגען זייערע עסענס, זייערע הייזער און זייערע אַמוזירונגען. און לעצטענס, צונויפצובינדען דאָס גאַנצע, דאַרף פאָרגעשטעלט ווערען די מאָראַל, אי די טעאָרעטישע, אי די פּראַקטישע, פון אַלע קלאַסען, ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען אין זייערע געזעצען, געוועהנהייטען, ווערטלעך און טהאַטען. אַט די אַלע פאַקטען, איבערגעגעבען אַזוי קורץ ווי מעגליך, און אַזוי אַז עס זאָל ניט שטערן זייער קלאָרקייט און פּינקטליכקייט, דאַרפען זיין צונויפגעשטעלט און גרופּירט, כדי מען זאָל זיי קענען אומפּאַסען אין זייער ע נ ס א מ ב ל, און מען זאָל זיי אויף דעם אופן קענען בעטראַכטען ווי איינע מיט די אַנדערע אָבהענגיגע טיילען פון איין גרויסער גאַנצער זאַך. דער צוועק דאַרף זיין פאָרצושטעלען זיי אַזוי, אַז מיר זאָלען לייכט קענען אויסגעפינען דעם צ ו ז א מ ע נ ה א נ ג וואָס עקזיסטירט צווישען זיי, מיט דער כונה צו לערנען פון דעם, וועלכע סאָציאַלע ערשיינונגען קומען אינאיינעם מיט וועלכע אַנדערע סאָציאַלע ערשיינונגען. און דערנאָך זאָל מען אַזוי איינאָרדנען די עהנליכע בעשרייבונגען פון די שפּעטער קומענדע דורות, אַז עס זאָל אונז בעווייזען אַזוי קלאָר ווי מעגליך, ווי אַזוי יעדער גלויבען, יעדע אינסטיטוציע, יעדער מנהג און יעדע אָרדנונג איז געענדערט געוואָרען, און ווי אַזוי פון דעם צוזאַמענהאַנג פון די פריהערדיגע בנינים האָט זיך ענטוויקעלט דער

צוזאמענהאנג פון די שפעטיגערע בנינים, וואס זענען געקומען נאך זיי. נור אט אזא סארט ידיעות וועגען די פערגאנגענע צייטען איז דער איינציגער וואס קען דעם בירגער זיין ניצליך פאר דער רעגולירונג פון זיין אויפיהר. די איינציגע היסטאריע וואס האט א פראקטישען ווערטה איז די, וועלכע מען קאן אנרופען **בעשרייבענדע סאציאלאגיע**. און די העכסטע אויפגאבע וואס דער היסטאריקער קען ערפילען איז, בעשרייבען דאס לעבען פון די פעלקער אויף אזא ארט, וואס זאל צושטעלען די מאטעריאלען פאר א **פערגלייכענדער סאציאלאגיע**, בכדי אז מען זאל נאכהער קענען פעסטשטעלען די לעצטע געזעצען, לויט וועלכע עס קומען פאר די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען.

איצט בעמערקט אבער, אז אפילו אננעהמענדיג אז מען האט שוין בעקומען אזא געגוג־גרויסען אוצר פון די ווירקליך־ווערטהפולע היסטארישע ידיעות, האט עס נאך אלץ א לפי ערך קנאפען נוץ אהן דעם שליסעל. און דעם שליסעל קען מען געפינען נור אין דער **וויסענשאפט**. אהן א בעקאנטשאפט מיט די אלגעמיינע ווארהייטען פון ביאלאגיע און פסיכאלאגיע קען ניט זיין קיין שכל'דיגע אויסטייטשונג פון די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען. נור אין דעם ערך אויף וויפיעל מענשען קריגען א געוויסע רויהע, עמפירישע ידיעה וועגען דער מענשליכער נאטור, אויף אזויפיעל זענען זיי בכח צו פערשטעהן אפילו די איינפאכסטע פאקטען פון געזעלשאפטליכען לעבען: צ. ב. ש. אזא פאקט ווי די שיכות צווישען אנבאט און נאכפראגע. און אויב מען קען ניט גרייכען אפילו די עלעמענטארסטע ווארהייטען פון סאציאלאגיע, ביז וואנען מען בעקומט ניט א וועלכען עס איז וויסען ווי אזוי מענשען בכלל דענקען, פיהלען און האנדלען אונטער געוויסע אומשטענדען, איז דאך קלאר אז עס קען ניט געמאלט זיין אפילו קיין דמיון פון א ברייטען בעגריף פון סאציאלאגיע, אוואו מען האט ניט א קאמפעטענטען וויסען וועגען מענשען בנוגע צו אלע זיינע קרעפטען, פון גוף ווי פון שכל. בעטראכט די זאך אין אבסטראקט, וועט איהר זעהען אז דער שלום איז קלאר אהן ראיות. נעהמט אזוי: — די געזעלשאפט איז צונויפגעשטעלט פון איינצעלנע; אלץ וואס ווערט געטהון אין דער געזעלשאפט, ווערט עס געטהון דורך די פעראייניגטע האנ־

לונגען פון די איינצעלנע; איז דעריבער קען מען די ערקלערונג פון די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען געפינען נור אין די טהאטען פון די איינצעלנע. די טהאטען אבער פון די איינצעלנע הענגען אב פון זייערע נאטורען, און מען קען זייערע טהאטען ניט פערשטעהן איידער מען פערשטעהט די דאזיגע געזעצען. די געזעצען, ווידער, ווען מען ברייננגט זיי ארונטער צו זייער איינפאכסטען אויסדרוק, געפינט מען אז זיי הענגען אב פון די געזעצען פון קערפער און גייסט בכלל. דעריבער פאלגט נויטיגערווייזע דערפון, אז אהן ביאלאגיע און פסיכאלאגיע קען מען ניט פערשטעהן די סאציאלאגיע. אדער, מיר קענען אוועקשטעלען די שלוסען נאך איינפאכער: — אלע געזעלשאפטליכע ערשיינונגען זענען לעבענס־ערשיינונגען — זיי זענען די העכסט קאמפליצירטע ענטפלעקונגען פון לעבען — זיי זענען סוף כל סוף אבהענגיג פון די געזעצען פון לעבען — קען מען זיי פערשטעהן נור יעמאלט, ווען מען פערשטעהט די געזעצען פון לעבען. מיר זעהען, הייסט עס, אז כדי צו רעגולירען אט די פיערטע אבטיילונג פון מענשליכע טהעטיגקייטען, זענען מיר, ווי פריהער, אבהענגיג פון דער וויסענשאפט. פון די ידיעות וואס מען גיט געוועהנליך אין די קורסען פון בילדונג, איז פאראן נור זעהר ווייניג וואס קענען נוצען מדריך צו זיין א מענשען אין זיין אויפפיהר אלס בירגער. נור א קליין טייל פון די היסטאריע וואס ער לערנט, האט א פראקטישען ווערטה; און אפילו פון דעם קליינעם טייל איז ער ניט פארבערייטעט צו מאכען דעם ריכטיגען געברויך. עס פעהלט איהם געוועהנליך ניט נור דער מאטעריאל, נור אפילו דער בעגריף גופא פון א בעשרייבענדער סאציאלאגיע; און עס פעהלען איהם אויך יענע ידיעות פון די ארגאנישע וויסענשאפטען, אהן וועלכע אפילו די בעשרייבענדע סאציאלאגיע קען איהם גאנץ ווייניג בעהילפיג זיין.

און איצטער קומען מיר צו דער איבערגעבליבענער אבטיילונג פון מענשליכען לעבען, וועלכע שליסט איין די ערהאלונגען, פערגעניגענס און אמוזירונגען, וואס פילען אויס די לעדיגע שטונדען. נאכדעם ווי מיר האבען בעטראכט וועלכע ערציהונג גרייט צו אם בעסטען צו דער זעלבסטערהאלטונג, צו בעקומען לעבענסמיטעל,

צו ערפילען די פליכטען פון עלטערן און צו קענען רעגולירען דעם געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען אויפפיהר, דאַרפען מיר איצט בעטראַכטען וועלכע ערציהונג גרייט־צו אָם בעסטען צו די אַלערליי אַנדערע צוועקען, וואָס זענען ניט איינגעשלאָסען אין די פּאָריגע — צו די גענוסען פון דער נאַטור, פון ליטעראַטור און קונסט אין אַלע זייערע פאָרמען. אַזוי ווי מיר לעגען אָט די זאַכען אָב אויף שפּעטער, נאָך יענע וועלכע זענען פון גרעסערע וויכטיגקייט פאַר'ן מענשליכען וואוילזיין; און אַזוי ווי יעדע זאַך פיהרען מיר צו צו דער פּראָבע פון פּאַקטישען ווערטה, וואָלט מען אפשר געקענט דערפון דרינגען, אַז מיר זענען גאָר גענייגט אָוועקצומאַכען אָט די וועניגער גרינדליכע זאַכען אונטער'ן האַנד. דאָס וואָלט אָבער געווען זעהר אַ גרויסער טעות. מיר שטעהען ניט וועניגער פעסט ווי ווער־עס־איז בנוגע צום ווערטה וואָס מיר שרייבען־צו צו דער עסטעטישער קולטור און איהרע פערגעניגענס. אָהן דער מאַהלעריי, סקולפּטור, מוזיק, פּאָעזיע און די געמיטה־בעוועגונגען, וואָס ווע־רען געשאַפען דורך יענע נאַטירליכע שעהנקייט, וואָלט דאָס לעבען פערלאָרען אַ העלפט פון זיין צויבער. אַזוי ווייט זענען מיר פון צו דענקען, אַז די אויסבילדונג און צופרידענשטעלונג פון די גע־שמאַקען זענען ניט וויכטיג, אַז מיר גלויבען גאָר פערקעהרט, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען זיי וועלען פערנעהמען אַ פיעל־גרעסערן טייל פון מענשען'ס לעבען ווי זיי פערנעהמען איצטער. ווען די נאַטור־קרעפטען וועלען זיין איינגענומען אין גאַנצען פאַר'ן מענ־שען'ס געברויך — ווען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען וועלען געבראַכט ווערען ביז צו פאָלקאָמענהייט — ווען ארבייט וועט ווערען עקאָ־נאָמיזירט ביז דער העכסטער שטופע — ווען די ערציהונג וועט זיין אַזוי סיסטעמאַטיזירט, אַז מען וועט זיך קענען צוגרייטען צו די וויכטיגערע טהעטיגקייטען אין אַ לפי ערך קורצער צייט — און ווען עס וועט, אַלס אַ פאָלגע דערפון, צוקומען אַ סך לעדיגע צייט — יעמאָלט וועט די פּאָעזיע, סיי פון דער קונסט, סיי פון דער נאַטור, גאַנץ ריכטיג אָנפילען אַ גרויסען פּלאַץ אין אַלעמענס געדאַנקען.

עס איז אָבער איין זאַך צו־צוגעבען, אַז די עסטעטישע קולטור פיהרט אין אַ גרויסען ערך צו מענשליכער גליקליכקייט, און עס

איז א גאנץ אנדער זאך צו־צוגעבען, אז זי איז א פונדאמענטאלע בעדינגונג פון דער מענשליכער גליקליכקייט. ווי וויכטיג זי זאל ניט זיין, מוז זי אבטרעטען די בכורה פאר יענע סארטען קולטור, וועלכע האבען א מעהר־דירעקטע שיכות צו די פליכטען פון לעבען. די ליטעראטור און קונסט, ווי עס איז שוין פריהער אנגעדייטעט געווארען, זענען ערשט געווארען א מעגליכקייט דורך יענע טהעטיגקייטען, וועלכע האבען מעגליך געמאכט דאס אינדיווידועלע און געזעלשאפטליכע לעבען; און עס איז קלאר, אז די זאך וואס איז געווארען מעגליך, מוז אבגעלעגט ווערען צו גונסטען פון דאס, וואס מאכט זי מעגליך. א בלומען־פלעגער קולטי־ווירט א פלאנץ צוליעב איהר בלום, און קוקט אויף די ווארצלען און בלעטער ווי אויף זאכען וואס האבען א ווערטה דער עיקר ווייל זיי זענען די מיטלען ארויסצוברייגנען די בלום. בעת אבער וואס די בלום, אלס דער ענדליכער פראדוקט, איז די איינציגע זאך, לגבי וועלכער אלעם אנדערע רעכענט זיך ניעדעריגער אין ראנג, ווייס אבער דער בלומען־פלעגער גאנץ גוט, אז בעצם זענען די ווארצלען און די בלעטער פון א גרעסערער וויכטיגקייט, ווייל פון זיי הענגט אב די ענטוויקלונג פון דער בלום. ער גיט זיך יעדע מיה צו ערציהען א געזונדע פלאנץ, און ער ווייס אז עס וואלט געווען א דומהייט, ווען ציטערענדיג אזוי שטארק צו בעקומען די בלום, וואלט ער פערנאכלעסיגט די פלאנץ. דאס אייגענע איז אויך בנוגע צום פרט, וואס ליגט דא אונז פאר. די ארכיטעקטור, די סקולפטור, מאהלעריי, מוזיק, פאעזיע א. ד. ג. קענען באמת טאקי גענגערופען ווערען די בליהונגען פון ציוויליזירטען לעבען. אבער אננעהמענדיג אפילו אז זיי בעזיצען אזא איבערשטייגענדען ווערטה, אז דאס ציוויליזירטע לעבען פון וועלכען זיי וואקסען ארויס, מוז אוועקגעשטעלט ווערען אויף א ניעדעריגערער מדריגה איידער זיי (וואס מען קען קוים בעהויפטען), וועט מען אלץ מודה זיין, אז די ערסטע זארג מוז זיין צו שאפען א געזונד ציוויליזירט לעבען, און אז דאס דאזיגע וויסען וואס פיהרט דערצו מוז פער־נעהמען דאס העכסטע פלאץ.

און אט דא זעהען מיר טאקי אם קלארסטען די פעראר־בענקייט פון אונזער ערציהונגס־סיסטעם. זי פערנאכלעסיגט די

פלאַנץ צוליעב דער בלום. אין איהר ציטערן איבער דער עלעגאַנץ, פערגעסט זי די סובסטאַנץ. בעת זי גיט ניט קיין למוד וואָס פיהרט צו זעלבסטערהאַלטונג — בעת וואָס פון די למודים, וועלכע העלפען צו מאַכען אַ לעבען, גיט זי נור די התחלות, און דעם גרעסטען טייל לאָזט זי איבער יעדערער זאָל עס ווי עס איז אַליין אויסגעפינען שפּעטער אין לעבען — בעת וואָס פאַר דער ערפילונג פון די פליכטען פון עלטערן גיט זי ניט די קלענסטע פּאָרברייטונג — און בעת וואָס פאַר די בירגערליכע פליכטען גרייט זי צו דורכדעם וואָס זי טיילט אריין אַ מאַסע מיט פאַקטען, פון וועלכע די מעהרסטע פאַקטען האָבען גאָר קיין שיכות ניט צום צוועק, און צו זיי איבעריגע פעהלט דער שליסעל — פלייסט זי זיך זעהר צו לערנען אַלץ וואָס גיט מעהר פערפיינערונג, מעהר פוץ און שיק. ווי שטאַרק מיר זאָלען ניט צוגעבען, אַז אַ ברייטע בעקאַנטשאַפט מיט מאָדערנע שפּראַכען איז אַ טייערע השלמה, וועלכע העלפט, דורך לעזען, געשפּרעכען און רייזען צו געבען אַ מענשען אַ געוויסע פערפאָלקאָמענונג, איז נאָך בשום אופן דערפון ניט געדרונגען, אַז עס איז רעכט זיך איינצוקויפען אָט דעם רעזולטאַט אויפ'ן חשבון פון די לעבענס־וויכטיגע קענשאַפטען, וועלכע מען מוז אָפּפערן צוליעב דעם. אָנגענומען אַז אַ קלאַסישע בילדונג בריינגט עלעגאַנץ און אַ קאָרעקטען סטיל, איז נאָך אָבער ניט געזאָגט, אַז עלעגאַנץ און אַ קאָרעקטער סטיל קענען זיך פערגלייכען אין וויכטיגקייט מיט דער ידיעה פון די פּרינציפּען וואָס דאַרפען מדריך זיין די ערציהונג פון קינדער. צוגעגעבען אַז דער געשמאַק קען פיעל אויסגעבעסערט ווערען, לעזענדיג די גאַנצע פּאָעזיע וואָס איז געשריבען געוואָרען אין די אָבגעשטאָרבענע שפּראַכען, איז נאָך אַלץ דערפון ניט געדרונגען, אַז אַזאַ אויסבעסערונג פון דעם געשמאַק פערגלייכט זיך אין ווערטה מיט דער נאָהענטער בעקאַנטשאַפט פון די געזעצען פון געזונד. השלמות, שעהנע קונסט, „בעלעטרס" און אַלע איבעריגע זאַכען, וועלכע שטעלען צונויף, ווי געזאָגט, די בליהונגען פון ציוויליזאַציע, דאַרפען גאָר אין גאַנצען אונטערטעניג זיין אונטער דעם וויסען און דער דיסציפּלין, אויף וועלכער די ציוויליזאַציע איז געבויט. אַזוי ווי זיי בעשעפטיגען דעם לעדיגען טייל פון

לעבען, אזוי דארפען זיי אויך בעשעפטיגען דעם לעדיגען טייל פון דער ערציהונג.

אנערקענענדיג אויף דעם אופן דאס ריכטיגע פלאץ פון דער עסטעטיק, און האלטענדיג אז הגם איהר קולטיווירונג דארף גלייך פון אנהויב אן זיין א טייל פון ערציהונג, מוז אבער די דאזיגע קולטיווירונג זיין נישט מעהר ווי א מיטווירקענדע — דארפען מיר איצט זיך נאכפרעגען וואסער וויסען בריינגט די מעהרסטע נוצען פאר דעם צוועק: וואסער וויסען גרייט צו אם בעסטען צו אט דעם איבערגעבליבענעם קרייז פון טהעטיגקייט. דער ענטפער אויף אט דער פראגע בלייבט אלץ דער זעלביגער וואס פריהער. ווי אונערווארטעט די בעהויפטונג זאל ניט זיין, איז עס דאך ריכטיג, אז די העכסטע קונסט פון יעדער ארט איז בעגרינדעט אויף דער וויסענשאפט — אז אהן וויסענשאפט קען ניט זיין ניט קיין פאלקאמענעס שאפען, ניט קיין פאלקאמענע אבשאצונג פון דאס געשאפענע. עס קען זיין, אז ניט פיעל קינסטלער מיט גרויסע נעמען האבען פערמאגט די וויסענשאפט, אין דעם בעגרעניצטען טעכנישען זין פון ווארט וואס ווערט אנגענומען אין געזעלשאפט; אבער, שארפע בעאבאכטער ווי זיי זענען געוועזען, האבען זיי אלעמאל פערמאגט אן אוצר פון אזוינע עמפירישע כללים, וועלכע זענען די נידעריגסטע שטופע פון וויסענשאפט; און טיילוויז טאקי דערפאר ווייל זייערע כללים (גענעראליזאציעס) זענען געוועזען פערהעלטניסמעסיג ווענינ און ניט־פינקטליך, זענען זיי געוועהנליך געשטאנען אויף א פיעל־ניעדעריגער שטופע איידער די פאלקאמענהייט. אז די וויסענשאפט ליגט אין גרונד פון דער קונסט, איז קלאהר פאר אונז א *פריארי* (על פי שכל), ווען מיר גערענקען ערסטענס, אז אלע פראדוקטען פון קונסט שטעלען פאר מעהר אדער וועניגער אביעקטיווע אדער סוביעקטיווע ערשיינונגען; צווייטענס, אז די קונסט־פראדוקטען קענען זיין ריכטיגע נור לפי ערך וויפיעל זיי געהען נאך די געזעצען פון די דאזיגע ערשיינונגען; און דריטענס, אז איידער זיי קענען פאלגען די דאזיגע געזעצען, מוז דער קינסטלער א פריהער וויסען וואס די געזעצען זענען. אז אט דער א

פּ ר י אָ ר י שלום שטימט מיט דער ערפאהרונג, וועלען מיר גלייך זעהען.

יונגע לייט, וועלכע גרייטען זיך צו צו ארבייטען אין דער סקולפּטור, מוזען בעקאנט ווערען מיט די ביינער און מוסקולען פון מענשליכען קערפּער, וואו זיי זענען פּארטיילט, צו וועלכע זאכען זיי זענען בעהעפט און וואָס פאַר בעוועגונגען זיי מאַכען. דאָס אלץ איז א טייל פון וויסענשאַפט, און מען האָט עס אויסגעפונען פאַר נויטיג צו לערנען, כדי אויסצומיידען די פיעלע טעות'ן וואָס עס בעגעהען יענע סקולפּטאָרען, וועלכע ווייסען דאָס ניט. כדי ווי־עדער אויסצומיידען אנדערע טעות'ן, פאָדערט זיך צו האָבען א ידיעה אין די פּרינציפּען פון מעכאניק; און אזוי ווי ניט אלע גע־וועהנליך האָבען אזוינע ידיעות, ווערען טאקי אָפט בעגאַנגען שווע־רע מעכאנישע טעות'ן. נעהמט א ביישפּיעל. כדי א פיגור זאָל קע־נען שטעהן, איז נויטיג אז דער פּערפּענדיקולאר פון צענטער פון גראַ־וויטעט — די דירעקציאָנס־ליניע, ווי מען רופט עס — זאָל פאַלען ריכטיג אין מיטען פון דעם פוס־אויפהאַלט; און דעריבער קומט אויס, אז ווען א מענש נעהמט אן די פּאָזע וואָס מען רופט „שטעהן פריי", אין וועלכער איין פוס שטעהט גלייך און דער אנדער פוס איז נאָכגעלאָזען, פאַלט די דירעקציאָנס־ליניע אין מיטען פון דעם אויסגעגלייכטען פוס. די סקולפּטאָרען אָבער, וועלכע זענען ניט בעקאנט מיט דער טעאָריע פון עקווילבריום, שטעלען אָפט פאָר די דאָזיגע פּאָזע אזוי, אז די דירעקציאָנס־ליניע פאַלט אין דערמיט צ ו ו י ש ע ן די פיס. אונוויסענהייט אין די געזעצען פון געוויכט פיהרט צו עהנליכע טעות'ן, ווי דאָס צייגט צ. ב. ש. די בעריהמטע סטאַטוע „דיסקאָבאָלוס" (דער רינג־וואַרפער) וועלכע איז אזוי פּאָזירט, אז זי מוז אונפערמיידליך פאַלען אויפן פנים אין דעם מאָ־מענט ווען דער רינג איז אָבגעוואָרפען.

אין מאַהלעריי זעהט זיך נאָך מעהר בולט ארויס די נויטיגקייט פון וויסענשאפטליכע קענטשאפט, לכל הפחות פון עמפּירישען ווי־סען, אויב ניט פון ראַציאָנאַלען וויסען. אין וואָס בעשטעהט די אומגעלומפּערטקייט פון די כינעזישע בילדער, ווען ניט אין דעם וואָס זיי קימערן זיך גאָר ניט וועגען די געזעצען פון אָנבליק, ד. ה. אין זייער אונזיניגען שטריכען־פּערספּעקטיוו, און אין דעם וואָס זיי

האָבען ניט קיין לופט־פערספעקטיוו? פאַרוואָס זענען אַ קינד'ס געמעלאַכץ אַזוי פעהלערהאַפטיג, אויב ניט צוליעב אַן עהנליכען פעה־לען פון וואהרהייט — אַ פעהלען וואָס קומט גרויסענטיילס פון דעם ניט־וויסען ווי אַזוי דער אויסזעהען פון זאַכען ענדערט זיך לויט די אומשטענדען? דערמאָנט זיך נור די ביכער און די לעקציעס פון וועלכע די סטודענטען לערנען זיך, אָדער טראַכט איבער ראָס־קין'ס קריטיק, אָדער טהוט אַ קוק וואָס די פּאַר־ראַפאַעליטען האָ־בען געטהון — וועט איהר זעהען, אַז פאָרטשריט אין מאַהלעריי שליסט איין אַלץ אַ גרעסערן וויסען ווי אַזוי עפעקטען ווערען גע־שאַפען אין דער נאַטור. די פלייסיגסטע בעאָבאַכטונגען, אויב זיי האָבען ניט די הילף פון וויסענשאַפט, קענען ניט פערהיטען פון טעות'ן. יעדער מאַהלער וועט בעשטעטיגען די בעהויפּטונג, אַז אויב מען ווייס ניט וועלכע אַנבליקען עס מוזען עקזיסטירען אונ־טער געוויסע אומשטענדען, וועט מען זיי גאַנץ אָפט ניט איינזעהען; און וויסען וועלכע אַנבליקען עס מוזען עקזיסטירען, מיינט, אין דעם ערך, פערשטעהן די וויסענשאַפט פון אַנבליקען. ווייל עס פעהלט איהם וויסענשאַפט, נעהמט ד ז ש. ל י ו א י ס, ווי ער איז ניט אַ פּאָרזיכטיגער מאַהלער, און וואַרפט דעם שאָטען פון אַ נעץ־פענס־טער אין שאַרף־קלאָרע ליניען אויף אַ געגענאיבערדיגע וואַנט: וואָס ער וואָלט ניט געטהון, ווען ער וואָלט בעקאַנט געווען מיט די ער־שיינונגען פון האַלב־שאָטענס. ר אָ ז ע ט י, אויך ווייל עס פעהלט איהם וויסענשאַפט, דערזעהענדיג אַ מאָדנע רעגענבויגען־פאַרביג־קייט, וואָס האָט זיך אַרויסבעוויזען פון געוויסע האָריגע אויבער־פלעכען, שטעהענדיג אונטער אַ בעזונדער בעלייכטונג, (אַ קאָליר־קייט וואָס קומט פון דעם, וואָס דאָס ליכט ווערט צובראָכען אויף צוויי דורכגעהענדיג די האָר), בעגעהט ער דעם פעהלער פון בע־וויזען די דאָזיגע רעגענבויגען־פאַרביגקייט אויף אַזוינע אויבער־פלעכען און אין אַזוינע פּאָזיציעס, וואו דאָס האָט קיינמאָל ניט געקענט טרעפען.

זאָגען אַז די מוזיק האָט אויך נויטיג די הילף פון וויסענשאַפט, וועט אויסקומען נאָך מעהר איבערראַשענד. דאָך איז עס אַ זאַך וואָס לאָזט זיך בעווייזען, אַז מוזיק איז נישט מעהר ווי אַ אידעאַ־ליזירונג פון דער נאַטירליכער שפּראַך פון די געמיטה־בעוועגונגען:

הייסט עס בכן, אַז עס קען זיין גוטע אָדער שלעכטע מוזיק, יע נאָכ־דעם צי זי פאָלגט די געזעצען פון דער דאָזיגער נאַטירליכער שפּראַך, צי ניט. עס איז בעוויזען געוואָרען, אַז די פערשיעדענע בייגונגען פון דער שטים, וועלכע אַקאָמפּאַנירען געפיהלען פון פערשיעדענע סאָרטען און שטאַרקייטען, זענען די זריעה פון וועלכער די מוזיק האָט זיך ענטוויקעלט. עס איז ווייטער בעוויזען געוואָרען, אַז אָט די בייגונגען און טאָן־פאַלען זענען ניט צופעליגע אָדער קאַפּריזנע, נור זיי ווערען בעשטימט דורך געוויסע אַלגעמיינע פּרינציפּען פון די לעבענסטהעטיגקייטען, פון וועלכע עס הענגט אויך אָב זייער אויסדרוקפולקייט. פאָלגליך קומט אויס, אַז די מוזיקאַלישע פראַזען, און די מעלאָדיען וואָס ווערן אויפגעבויט פון זיי, קענען מאַכען אַ ווירקונג נור דאַן, ווען זיי זענען אין האַרמאָניע מיט די דאָזיגע אַל־געמיינע פּרינציפּען. עס איז שווער דאָ צו אילוסטרירען די פּאָזיציע ווי עס דאַרף צו זיין. נור עס קען אפשר זיין גענוג צו גע־בען אַלס ביישפּיעל די מענגע נישטיגע באַלאַדען וואָס פערפּעסטען אונזערע זאַאַלען, ווי קאָמפּאָזיציעס וועלכע די וויסענשאַפט וואָלט אויפ׳ן שוועל ניט אַרויפלאָזען. זיי זינדיגען אַנטקעגען דער ווי־סענשאַפט, דערמיט וואָס זיי שטעלען אַריין אין מוזיק אידעען, וועלכע זענען ניט גענוג געמיטבעוועגליך אַרויסצורופען מוזיקאַלישע אויסדרוקען; און זיי זינדיגען אויך אַנטקעגען דער וויסענשאַפט, ווען זיי געברויכען מוזיקאַלישע פראַזען, וועלכע האָבען ניט קיין נאַטירליכע שיכות מיט די אידעען וואָס זיי דריקען אויס, אפילו בעת די אידעען זענען יאָ געמיטבעוועגליכע. עס איז שלעכטע מו־זיק, ווייל עס איז ניט קיין אמת׳ע: און זאָגען אַז עס איז ניט קיין אמת׳ע, איז אַלץ איינס ווי זאָגען אַז עס איז ניט־וויסענשאַפטליך.

דיזעלביגע זאַך האַלט אויס אפילו אין דער פּאָעזיע. די פּאָעזיע האָט, אַזוי ווי די מוזיק, איהר וואָרצעל אין יענע נאַטירליכע פאָר־מען פון אויסדרוק, וועלכע אַקאָמפּאַנירען די טיעפע געפיהלען. איהר קלאַנג, איהרע שטאַרקע און אָפטע מעטאַפאָרען, איהרע הי־פּערבאָלען (איבערטרייבונגען), איהרע געוואַלטיגע איבערדרעהונגען פון ווערטער, זענען איינפאַך פערגרעסערונגען פון די כאַראַקטער־שטריכען פון אויפגערעגטען רעדען. כדי די פּאָעזיע זאָל זיין גוט, מוז זי דעריבער געבען אַכטונג אויף יענע געזעצען פון נערוועזע

האַנדלונגען, לויט וועלכע דאָס אויפגערעגטע רעדען קומט פאַר. בעת זי קאָמבינירט די כאַראַקטער־שטריכען פון אויפגערעגטען רע־דען און מאַכט זיי מעהר אינטענסיוו, מוז זי ריכטיג אַכטונג געבען אויף דער פּראָפּאָרציע: זי מוז ניט געברויכען איהרע כלים אָהן אַ געוויסער בעשרענקונג, נור וואו די אידעען זענען אַם וועניגסטען געמיטבעוועגליך, מוזען די פאָרמען פון פּאָעטישען אויסדרוק גע־ברויכט ווערען קאַרגענדיג, וואו די געמיטבעוועגונג שטייגט, מוז זי זיי געברויכען פרייער, און נור וואו די געמיטבעוועגונג גרייכט איהר הויך־פונקט, מוז זי פיהרען די פּאָעטישע פאָרמען ביז צו זייער העכסטען פערנעהם. ווען מען טרעט אין גאַנצען אַריבער די פּרינ־ציפּען, איז דער רעזולטאַט אַ באָמבאַסטיש שטיק אָדער אַ בדחנ׳יש ליעדעל. די פאָלגען פון אַ ניט־געניגענדער אַכטונג פאַר די פּרינ־ציפּען זעהען זיך אָן אין דער דידאַקטישער פּאָעזיע. און ווייל אין גאַנצען אָבגעהיט ווערען זיי אַזוי זעלטען, דערפאַר האָבען מיר אַזוי־פיעל פּאָעזיע, וועלכע איז ניט אַרטיסטיש.

און ניט נור קען ניט דער קינסטלער פון וועלכען עס איז פאַך אַרויסברייננגען אַן אמת׳ע אַרבייט, אַוואו ער פערשטעהט ניט די געזעצען פון די ערשיינונגען, וועלכע ער שטעלט פאָר, נור אַ חוץ דעם מוז ער אויך פערשטעהן וואָס פאַר אַן איינדרוק די פערשיע־דענע אייגענטימליכקייטען פון זיין אַרבייט וועלען מאַכען אויף דעם צושויער אָדער צוהערער — אייגענטליך אַ פּסיכאָלאָגישע פראַגע. דער איינדרוק, וואָס אַ וועלכער עס איז קונסט־פּראָדוקט מאַכט, העננגט אָב פון דעם גייסטיגען כאַראַקטער פון די וואָס פער־נעהמען דעם קונסט־פּראָדוקט; און אַזוי ווי אַלע גייסטיגע כאַראַק־טערען האָבען געמיינשאַפטליך געוויסע אַלגעמיינע פּרינציפּען, מו־זען דערפון אַרויסקומען געוויסע ענטשפּרעכענדע אַלגעמיינע פּרינ־ציפּען, לויט וועלכע אַליין מען קען בויען קונסטווערק מיט ערפאָלג. די אַלגעמיינע פּרינציפּען קען מען ניט אין גאַנצען פערשטעהן און אַנווענדען, סיידען דער קינסטלער זעהט ווי זיי קומען אַרויס פון די געזעצען פון גייסט. פרעגען אויב די קאָמפּאָזיציע פון אַ בילד איז אַ גוטע, מיינט אין דער ווירקליכקייט פרעגען, וואָס פאַר אַן איינדרוק וועט עס מאַכען אויף דער בענעהמונג און אויף די גע־פיהלען פון די בעאָבאַכטער. פרעגען אויב אַ דראַמאַ איז גוט גע־

בויט, מיינט פרעגען צי איהרע סיטואַציאָנען זענען אזוי איינגע־אָרדענט, אז זיי רעכענען זיך ווי געהעריג איז מיט דער אויפמערק־זאמקייטס־קראַפט פון דעם עולם אין טעאַטער, און צי זיי מיידען אוים ווי עס דאַרף צו זיין, אז וועלכער עס איז איין קלאַס פון גע־פיהלען זאָל ניט איבערלעסטיגט ווערען. פונקט אזוי אין דעם איינאָרדנען די הויפט־אָבטיילונגען פון אַ פּאָעמא אָדער אַ נאָווע־לע, אָדער אין דעם פערבינדען די ווערטער פון אַן איינציגען זאַץ: די גוטסקייט פון דעם עפעקט העננט אָב פון דער פעהיגקייט, מיט וועלכער די גייסטיגע ענערגיען און די עמפינדליכקייטען פון'ם לע־זער ווערען עקאָנאָמיזירט. יעדער קינסטלער קלייבט אָן אין פער־לויף פון זיין בילדונג, און שפּעטער אין לעבען, אַן אוצר פון כללים, דורך וועלכע ער רעגולירט זיין פּראַקסיס. שפּיהרט נאָך אָט די כללים ביז די וואָרצלען פון וואנען זיי נעהמען זיך, וועט איהר געפינען, אז זיי פיהרען אייך אונפערמיידליך צו פּסיכאָלאָגישע פּרינ־ציפּען. און נור ווען דער קינסטלער פערשטעהט די פּסיכאָלאָגישע פּרינציפּען און זייערע פערשיעדענע שלוסען אויף אַ ראַציאָנאַלען אופן, קען ער ווירקען אין האַרמאָניע מיט זיי.

מיר הויבען ניט אָן צו גלויבען פאַר איין מאָמענט, אז די ווי־סענשאַפט קען מאַכען איינעם פאַר אַ קינסטלער. בעת מיר בע־הויפּטען, אז דער קינסטלער מוז פערשטעהן די הויפטגעזעצען פון די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע ערשיינונגען, מיינען מיר בשום אופן ניט צו בעהויפטען, אז דאָס וויסען פון אזוינע געזעצען קען פערנעהמען דאָס פּלאַץ פון דער נאַטירליכער בעגריפס־פעהיגקייט. וואָס מיר בעהויפטען יאָ איז, אז די מיטגעבאָרענע פעהיגקייט אליין איז נאָך ניט גענוג; אז זי מוז האָבען די מיטהילף פון אָרגאַניזיר־טען וויסען. די אינטואַציאָן קען געבען אַ סך, אָבער זי קען ניט געבען אַלץ. נור פון דעם זיווג פון זשעניע מיט וויסענשאַפט קע־נען געשאַפען ווערען די העכסטע רעזולטאַטען.

ווי מיר האָבען שוין אויבען בעהויפּטעט, איז די וויסענשאַפט נויטיג ניט נור כדי צו בעקומען דעם בעסטען ערפאָלג אין שאַפען, נור אויך כדי צו קענען אין גאַנצען אָבשאַצען די קונסט־שאַפונגען. אין וואָס בעשטעהט אַ מענשען'ס גרעסערע פעהיגקייט איידער אַ קינד'ס צו פערנעהמען די שעהנקייטען פון אַ בילד, אויב ניט אין

זיין ברייטערן ווייסען פון יענע ווארהייטען אין דער נאטור און אים לעבען, וועלכע דאָס בילד גיט איבער? ווי אזוי קומט עס וואָס דער קולטיווירטער מענש האָט אזוי פיעל מעהר הנאה פון א פייי־נער פּאָעמא איידער דער עם־הארץ, אויב ניט דערפאר ווייל זיין ברייטערע בעקאנטשאפט מיט זאכען און טהאטען גיט איהם בכח צו זעהען אין דער פּאָעמא פיעלעס, וואָס דער עם־הארץ קען ניט זעהען? היינט ווי באלד — ווי מען זעהט עס דאָ אזוי קלאָר — מען מוז האָבען א בעקאנטשאפט מיט די ז א כ ע ן וואָס ווערען פאָרגעשטעלט, איידער מען קען אָבשאצען די פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג פון זיי, הייסט דאָך דאָס, אז כדי צו קענען פ אָ ל ש ט ע נ ד י ג אָבשאצען די פאָרשטעלונג, מוז מען פאָלשטענדיג פערשטעהן די פאָרגעשטעלטע זאכען. דער אמת איז, אז וואָס מעהר ווארהייט א קונסט־ווערק דריקט אויס, אלץ מעהר פערגעניגען גיט עס דעם פערנעהמענדען גייסט — א פערגעניגען, וועלכען די אונוויסענדע פון דער דאָזיגער ווארהייט, פערפעהלען צו בעקומען. וואָס מעהר ווירקליכקייטען א קינסטלער צייכענט אָן אין א וועלכער עס איז געגעבענער סומע ארבייט, אלץ צו מעהר חושים אפּעלירט ער, אלץ מעהר צופריעדענשטעלונגען פערשאפט ער. כדי אָבער צו בעקומען די דאָזיגע צופרידענשטעלונגען, מוז דער צושויער, דער הערער, אָדער דער לעזער קענען די ווירקליכקייטען ,וועלכע דער קינסט־לער האָט אָנגעוויזען: און קענען די ווירקליכקייטען מיינט קענען אזוי פיעל ווייסענשאפט.

און איצט לאָמיר ניט פערזעהן דעם וויכטיגען גרויסען פאקט, אז ניט נור איז די ווייסענשאפט דער פונדאמענט פון סקולפּ־טור, מאהלעריי, מוזיק און פּאָעזיע, נור אז זי איז אליין פּאָעטיש. די געוועהנליכע מיינונג, אז ווייסענשאפט און פּאָעזיע זענען הפכים, איז א גרויסער טעות. עס איז בלי ספק אמת, אז די ערקענטנים און די געמיטהבעוועגונג (קאָגניציאָן און עמאָציאָן), אלס בעוואוסטזיינס־צושטאנדען, האָבען א טענדענץ אויסצושליסען איינע די אנדערע. און עס איז אויך גאָר אָהן ספק אמת, אז א שטארקע טהעטיגקייט פון די דענקונגס־קרעפטען האָט א טענדענץ צו פער'חלשן די געפיהלען, אזוי ווי פערקעהרט, א שטארקע טהעטיגקייט פון די געפיהלען האָט א טענדענץ אָבצו'חלשן די דענקונגס־קרעפטען. אין דעם זין

זענעןווירקליך אַלע בעזונדערע מינים פון טהעטיגקייט אַנטאַגאָניסטיש איינע צו די אַנדערע. עס איז אָבער ניט אמת, אַז די *פאקטען* פון דער וויסענשאַפט זענען ניט פּאָעטיש, אָדער אַז די *קולטיווירונג* פון דער וויסענשאַפט איז נויטיגערווייז ניט פריינדליך צו דער איבונג פון דער פאָרשטעלונגס־קראַפט, אָדער צו דער ליעבע פון דאָס שעהנע. אדרבא פערקעהרט, די וויסענשאַפט עפענט גאָר אויף נייע וועלטען פון פּאָעזיע דאָרט וואו פאַר דעם אונוויסענשאַפטליכען איז אַלץ וויסט און לעער. די וואָס זענען פערנומען מיט וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען בעווייזען אונז שטענדיג, אַז זיי בעגרייפען די פּאָעזיע פון זייערע געגענשטאַנדען ניט וועניגער לעבעדיג, נור דוקא מעהר לעבעדיג, איידער אַנדערע. יעדער איינער וואָס וועט זיך פערטיעפען אין הוגאָ מילער'ס ווערק איבער געאָלאָגיע, אָדער וואָס וועט לעזען ליועס' „שטודיען ביים ברעג ים", וועט איינזעהן, אַז די וויסענשאַפט רופט אדרבא אַרויס די פּאָעזיע, אַנשטאָט, זי צו פערשטיקען. און ווער עס וועט נור נאָכדענקען וועגען דאָס לעבען פון *געטהע*, וועט זעהען, אַז דער פּאָעט און דער וויסענשאַפטס־מאַן קענען הויזען צוזאַמען איןביידע טהעטיגקייטען גלייך. איז עס ניט אין דער אמת'ן אַן אונזיניגער גלויבען, אַ חלול השם כמעט, צו מיינען, אַז וואָס מעהר אַ מענש שטודירט די נאַטור, אַלץ וועניגער פערהייליגט ער זי? דענקט איהר, אַז אַ טראָפּען וואַסער, וועלכער איז פאַר דעם וואולגאַרען אויג נישט מעהר ווי אַ פּשוט'ער טראָפּען וואַסער, פערלירט עפּעס אין די אויגען פון דעם פיזיקער, וועלכער ווייס אַז זיינע עלעמענטען האַלטען זיך צוזאַמען דורך אַזאַ קראַפט, וואָס ווען זי זאָל ווערען פלוצלונג פריי, וואָלט זי אַרויסגעבראַכט אַ בליץ? דענקט איהר אַז דאָס, אויף וואָס דער ניט־קענער קוקט ווי אויף אַ פּשוט'ן שנעע־פּעדעריל, רופט ניט אַרויס העכערע געדאַנקען־פערבינדונגען ביי דעם, וואָס האָט געזעהען דורך אַ מיקראָסקאָפּ די וואונדערליך־פערשיעדענע און עלעגאַנטע פאָרמען פון שנעע־קריסטאַלען? דענקט איהר, אַז דער רונדער פעלז, אָנגעקאַרבט מיט גלייכע קריצען, דערוועקט אַזוי פיעל פּאָעזיע אין קאָפּ פון דעם אונוויסענדען, ווי אין דעם געאָלאָג, וועלכער ווייס, אַז אַן אייזבערג האָט זיך אַראָבגעגליטשט אַראָב דעם פעלז אַ מיליאָן יאָהרען צוריק?

דער אמת איז, אז די וואָס האָבען זיך קיינמאָל ניט פערנומען מיט וויסענשאפטליכע ארבייט, וויסען ניט א טויזענדסטייל פון דער פּאָעזיע, מיט וועלכער זיי זענען ארומגערינגעלט. דער וואָס האָט אין דער יוגענד ניט געמאכט קיין קאָלעקציעס פון פלאנצען און אינזעקטען, דער וייס ניט א העלפט פון דעם צויבער און אינטערעסאנטקייט, מיט וועלכער עס זענען פערוויקעלט די קליינע שטעגלעך און די ראָנדען בוימער ביי די זייטען. ווער עס האָט ניט געזוכט קיין פּאָסילען (פערשטיינערטע קערפּער פון אלערליי ברואים), דער האָט א קנאַפּע אידעע וועגען די פּאָעטישע געדאנקען־פערבינדונגען, וואָס רינגלען ארום די פּלעצער וואו די דאָזיגע פערגראָבענע אוצרות זענען געפונען געוואָרען. דער וואָס האָט ניט געהאַט, ווען ער האָט פערבראַכט ביים ים, קיין מיקראָסקאָפּ מיט אַן אקוואריום, דאַרף נאָך ערסט אויסגעפינען וואָס די העכסטע פערגעניגען פון ברעג ים זענען. טרויעריג, באמת טרויעריג, איז צו־צוקוקען ווי מענשען בעשעפטיגען זיך מיט נארישקייטען און זענען אינדיפערענט צו די גרויסארטיגסטע ערשיינונגען — ווי עס הויבט זיי ניט אָן צו אהרען צו פערשטעהן די ארכיטעקטור פון די הימלען, נור זענען טיעף פעראינטערעסירט אין א נישטיגע מחלקה וועגען די אינטריגעס פון מערי די שאָטלענדישע קעניגין! — ווי זיי זענען פערטהון אין א חריפות'ע קריטיק איבער א גריכישען ליעד, און געהען פערביי ניט שענקענדיג א קוק אויף יענע גרויסארטיגע פּאָעמא, וואָס איז געשריבען פון גאָט'ס פינגער אויף די שיכטען פון דער ערד!

מיר געפינען, אלזאָ, אז אפילו פאַר אָט דער איבערגעבליבענער אָבטיילונג פון מענשליכער טהעטיגקייט איז א וויסענשאפטליכע בילדונג די ריכטיגע פּאָרבערייטונג. מיר געפינען, אז די עסטעטיק בכלל איז נויטיגערוויז בעגרינדעט אויף וויסענשאפטליכע פרינציפּען, און אז מען קען זי ערפאָלגרייך שטודירען נור יעמאָלט, ווען מען איז בעקאנט מיט אָט די פרינציפּען. מיר געפינען, אז פאַר דער קריטיק און ריכטיגער אָבשאצונג פון די קונסטווערק איז א ידיעה וועגען דעם געביי פון זאכען, אָדער אין אנדערע ווערטער, א ידיעה אין וויסענשאפט, א נויטיגע פאָדערונג. און מיר געפינען, אז די וויסענשאפט איז ניט נור די בעדיענערין צו אלע

פאַרמען פון קונסט און פּאָעזיע, נור אז אויב מען קוקט אויף איהר ריכטינג, איז די וויסענשאַפט אליין אויך פּאָעטיש.

ביז אהער איז פאַר אונז געשטאַנען די פראגע: וואָס פאַר א ווערטה האָט דער אָדער יענער סאָרט וויסען פאַר די צוועקען פון אויפפיהרונג; איצטער דאַרפען מיר אורטיילען די רעלאַטיווע ווערטהען פון די פערשיעדענע סאָרטען וויסענס פאַר די צוועקען פון דיסציפּלין. די אָבטיילונג פון אונזער עניין וועלען מיר זיין געצוואונגען צו בעהאַנדלען לפי ערך קורץ; און צום גליק איז קיין זעהר לאַנגע בעהאַנדלונג וועגען דעם גאָר ניט נויטיג. אזוי ווי מיר האָבען שוין אויסגעפונען וואָס עס איז דאָס בעסטע פאַר איין צוועק, איז על פי סברא שוין קלאָר וואָס עס איז דאָס בעסטע פאַר דעם אנדער צוועק. מיר קענען זיין גאַנץ זיכער, אז די ארבייט פון אויסלערנען יענע קלאַסען פאַקטען, וועלכע זענען העכסט ניצליך פאַר דער רעגולירונג פון די אויפפיהרונגען, האַלט אין זיך איין א גייסטיגע איבונג, וואָס איז אם בעסטען אַנגעמאָסטען אויך אויף צו שטאַרקען די גייסטיגע פעהיגקייט. עס וואָלט אין גאַנצען געגאַנגען כנגד דער פּראַכטפאָלער עקאָנאָמיע פון דער נאַטור, ווען עס וואָלט נויטיג געווען צו האָבען איין סאָרט קולטור אויף צו בעקומען ידיעות, און אַנאַנדער סאָרט קולטור פאַר דער גייסטיגער גימנאַסטיק. אומעדום אין דער וועלט געפינען מיר, אז די פעהיגקייטען ענטוויקלען זיך פון דעם ערפילען גופא די פונקציעס, וועלכע עס איז זייער זאַך צו ערפילען, ניט דורך דעם וואָס זיי מאַכען-דורך קינסטליכע איבונגען, וועלכע מען האָט אויסגעקלערט כדי זיי צו-צוגרייטען פאַר די דאָזיגע פונקציעס. דער רויטער אינדיאַנער לערנט זיך אוים די פלינקייט און געשיקטקייט, וואָס מאַכט איהם פאַר אַן ערפאָלגרייכען יעגער, דורך דעם פּאַקטישען יאָגען-זיך נאָך חיות; און ער קריגט דורך די פערשיעדענערליי טהעטיגקייטען פון זיין לעבען א סך א בעסערען באַלאַנס פון פיזישע קרעפטען, איידער די גימנאַסטיק קען ווען עס איז געבען. די פעהיגקייט צו דערשפּיהרען פיינד און רויב, וועלכע ער האָט בעקומען דורך לאַנגע פּראַקסיס, האָט אין זיך אזא פיינעם כח השגה, וואָס שטייגט אריבער יעדע זאַך, וועלכע א קינסטליכע

ערציהונג קען געבען. און דאָס אייגענע געפינט מען אומעדום. אָנ־הויבענדיג פון דעם בושמען, וועמעס אויג האָט בעקומען אזא ווייטען קוק, כמעט ווי פון א טעלעסקאָפּ, צוליעב דעם וואָס ער איז שטענדיג פערנומען אין דערקענען זאכען פון ווייטען, נאָך וועלכע זיך נאָכצויאָגען אָדער פון וועלכע צו ענטלויפען — ביז דעם היינטיגען ספּעציאַליסט בעל־חשבון, וועמעס טעגליכע פּראַקסיס עס גיט איהם די מעגליכקייט צו מאַכען א חבור פון עטליכע בעזונדערע ציפער־שורות אויף איין מאָל; געפינען מיר, אז די העכסטע קראַפט פון א חוש קומט ארויס דורך דעם אויפטהו פון יענע פליכטען, וועלכע די אומשטענדען פון לעבען פאָדערן עס זאָל אויפטהון. און מיר קענען לכתחילה (א פּריאָרי) זיין זיכער, אז דאָסזעלבע געזעץ האַלט אויס אין דער ערציהונג בכלל. די ערציהונג וואָס האָט דעם מעהרסטען ווערטה פאר'ן אויפפיהר, מוז אין דערזעלבער צייט זיין די ערציהונג פון מעהרסטען ווערטה פאר דער דיסציפּלין. לאָמיר בעטראכטען די ראיות.

איין מעלה, וועלכע מען גיט אָן צו גונסטען פון דער התמדה פון לערנען שפּראכען, וואָס איז אזא בולט'ער שטריך אין דעם געוועהנליכען סדר הלמודים, איז, וואָס מען שטאַרקט דורכדעם דעם זכרון. און ווי עס ווייזט אויס, נעהמט מען אָן אז דאָס איז א מעלה, וועלכע געפינט זיך בעזונדערס אין דעם שטודיום פון ווערטער. דער אמת איז אָבער, אז די וויסענשאפט פערשאפט א סך א ברייטערן פעלד אויף צו איבען דעם זכרון. עס איז צ. ב. ש. גאָר ניט קיין לייכטע אויפגאבע צו געדענקען אלע פאקטען וואָס זענען בעקאַנט וועגען אונזער זונען־סיסטעם; און א פשיטא שוין געדענקען אלץ וואָס איז בעוואוסט בנוגע צו דער צונויפשטעלונג פון אונזער „מילך־גאס". די נייע פערבינדונגען, וואָס די כימיע קלייבט אָן יעדען טאָג, זענען אזוי גרויס אין צאָהל, אז א חוץ די פּראָפעסאָרען קענען נור עטליכע מענשען וויסען זייער אַלעמענס נעמען; און געדענקען די אטאָמישע בנינים און די אַפיניטעטען פון די דאָזיגע אלע פערבינדונגען איז כמעט גאָר אונמעגליך, סיידען ווען מען מאַכט די כימיע פאר א לעבענס־בעשעפטיגונג. אין דער אונגעהויערער מאַסע פון ערשיינונגען וואָס געפינט זיך אויף דער ערד, און אין דער נאָך גרעסערער מאַסע פון ערשיינונגען וואָס געפינט זיך אין

די פּאָססילען אין דער ערד, איז דאָ געגוג שטאָף פאַר דעם פאָר־שער פון געאָלאָגיע אַבצוגעבען יאָהרען ארבייט דאָס אַלץ צו בע־הערשען. אין יעדער הויפּט־אַבטיילונג פון דער פיזיק — וועגען קלאַנג, היטץ, ליכט און עלעקטריציטעט — זענען פאַראַן אזוי פיעל פאַקטען, אז עס איז גענוג צו ווארפען אַן אימה אויף יעדען איינעם וואָס האָט בדעה זיי אַלע אויסצולערנען. און ווען מיר געהען איבער צו די אָרגאַנישע וויסענשאַפטען, ווערט די אָנשטרענגונג פון זכרון וואָס מען דאַרף צו זיי האָבען, נאָך גרעסער. אין דער אַנאַטאָמיע פון מענשען איז דער סכום פון די פּרטים אזוי גרויס, אז דער יונגער כירורג מוז זיך נעהמען פאַר זיי אַ האַלב־דוצען מאָל איידער ער איז ביכולת צו בעהאַלטען עס אין זכרון אויף שטענדיג. די צאָהל פון די מינים פון פלאַנצען, וואָס די באָטאַניקער שיידען אונטער, בעטרעפט אַן ערך פון 320,000; און די פערשיעדענע פאָרמען פון לעבעדיגע ברואים, מיט וועלכע די זאָאָלאָגען בעשעפטיגען זיך, שאַצט מען אזוי גרויס ווי צוויי מיליאָן. די אָנגעקליבענע פאַקטען, וואָס די וויסענשאַפטען מענער האָבען פאַר זיך, זענען אזוי גרויס אין צאָהל, אז זיי מוזען צוטיילען און ווידער צוטיילען זייערע אר־בייט, איידער זיי קענען זיך נעהמען פאַר זיי. צו דעם פאָלשטענ־דיגען וויסען וואָס יעדערער האָט אין זיין אייגענער אַבטיילונג, קען ער צוגעבען נישט מעהר ווי אַן אַלגעמיינעם וויסען פון די איבעריגע. די וויסענשאַפט, הייסט עס, לערנענדיג זי אפילו אין אַ זעהר מעסיגען ערך, גיט אודאי גענוג איבונג פאַר'ן זכרון. זי גיט, לכל הפחות, פונקט אזא גוטע צוגרייטונג פאַר דער דאָזיגער פע־היגקייט, ווי עס גיט דער למוד פון שפּראַכען.

איצט אָבער מערקט איך, אז בעת וואָס פאַר דער ענטוויקלונג פון סתם זכרון איז די וויסענשאַפט אזוי גוט אויב ניט בעסער איי־דער די שפּראַכען־לעהרע, האָט זי אַ געוואַלטיגען יתרון בנוגע צו דעם סאָרט זכרון, וואָס זי בילדעט אויס. ווען מען לערנט אַ שפּראַך, בעציהען זיך די אידעען־פערבינדונגען, וועלכע דארפען בלייבען אין מוח, אויף פאַקטען וואָס זענען גרויסענטיילס צופעליגע; בעת אָבער ווען מען לערנט וויסענשאַפט, בעציהען זיך די אידעען־פערבינדונגען וואָס דארפען בלייבען אין מוח, אויף פאַקטען, וועל־כע זענען מעהרסטענטיילס נויטיגע. עס איז אמת, אז די

שיכות פון די ווערטער צו זייער בעדייטונג איז אין א געוויסען זין א נאטירליכע, און אז מען קען אויספיהרען דעם אורשפרונג פון די דאָזיגע שיכות'ן א געוויסען מרחק צוריק אין דער ענטוויקלונג, ווען אפילו נור זעלטען צום רעכטען אָנהויב; (לאָמיר אגב בעמער־קען, אז די געזעצען פון דעם דאָזיגען אורשפרונג בילדען גאָר א בע־זונדער צווייג פון גייסטיגער וויסענשאפט — די וויסענשאפט פון דער פילאָלאָגיע.) אזוי ווי מען וועט דאָך אָבער ניט זאָגען, אז לערנענדיג שפראכען, ווי מען לערנט זיי געוועהנליך, זוכט מען ווירקליך נאָך אָט די שיכות'ן צווישען די ווערטער און זייערע בע־דייטונגען, און אז מען ערקלערט טאקי די געזעצען וואָס רעגולי־רען זיי — מוז מען מודה זיין, אז געוועהנליך לערנט מען זיי נור ווי צופעליגע שיכות'ן. פון דער אנדער זייט, זענען די שיכות'ן וואָס די וויסענשאפט שטעלט פאָר ק א ו ז א ל ע, אורזאכליכע, שיכות'ן, און מען פערשטעהט זיי אלס אזעלכע, ווען זיי ווערען ריכ־טיג איבערגעגעבען. אנשטאָט וואָס יענע זענען פראקטיש צופע־ליגע, זענען די נויטוועגדיגע, און אלס אזעלכע גיבען זיי איבונג אויף פאר די פעהיגקייטען פון דענקען. בעת א שפראך בעקענט אונז מיט ניט־ראציאָנאלע שיכות'ן, בעקענט אונז די וויסענשאפט מיט ראציאָנאלע שיכות'ן. בעת איינע גיט איבונג דעם זכרון אליין, גיט די אנדערע איבונג פארביידען, אי פאר'ן זכרון, אי פאר'ן שכל.

בעמערקט נעכסטענס, אז א גרויסער יתרון, וואָס די וויסענ־שאפט האָט איבער שפראכען אלס מיטעל פון דיסציפלין, בעשטעהט אין דעם, וואָס זי בילדעט אויף די קראפט פון אורטיילען. דער גע־וועהנליכסטער חסרון פון שכל, ווי פראָפעסאָר פ א ר א ד י י האָט ריכטיג בעמערקט (אין א פאָרטראג וועגען גייסטיגער ביל־דונג, געהאלטען אין קעניגליכען אינסטיטוט), איז די ניט גענוגענדע אויסבילדונג פון דער אורטיילס־קראפט. „בכלל רעדענדיג, זאָגט ער, איז די געזעלשאפט ניט נור אונוויסענד אין פרט פון בילדען די אורטיילס־קראפט, נור זי וויים אפילו ניט אז זי איז אונוויסענד“. און די סבה, צו וועלכער ער שרייבט צו דעם דאָזיגען צושטאנד, איז דער דוחק אין וויסענשאפטליכער בילדונג. די אמת'קייט פון זיין שלוס איז קלאָהר פון אויבען־אויף. האָבען א ריכטיגען אור־טייל בנוגע צו אלע ארומיגע זאכען, פאסירונגען און פאָלגען איז

מענליך נור יעמאָלט, ווען מען וויים ווי אזוי די ארומינע ערשיינונגען הענגען אָב איינע פון די אנדערע. קיין גראַד פון בעקאַנטשאַפט מיט די פערטייטשונגען פון ווערטער קען ניט געבען די קראַפט צו ציהען ריכטיגע שלוסען בנוגע אורזאכען און ווירקונגען. די שטענדיגע געוועגהייט צו ציהען שלוסען פון פאקטען, און דערנאָך בעשטעטיגען די שלוסען דורך בעאָבאַכטונגען און עקספּעריםענטען, איז דאָס איינציגע וואָס קען אונז געבען די קראַפט ריכטיג צו אורטיילען. און דאָס וואָס זי מאכט די געוועגהייט פאַר א נויטיגקייט, איז איינע פון די גרעסטע מעלות פון דער וויסענשאַפט.

אָבער ניט נור פאַר דער אינטעלעקטועלער דיסציפּלין איז די וויסענשאַפט דער בעסטער מיטעל; עס איז אויך דאָס בעסטע פאַר דער מאָראַלער דיסציפּלין. דער למוד פון שפּראַכען, אויב עס פיהרט יאָ צו עפּעס, איז עס נור צו פערגרעסערען נאָך מעהר דעם אזוי־אויך שוין־איבעריגען רעספּעקט פאַר דער אויטאָריטעט. די ווערטער האָבען אָט אזאַ און אזאַ בעטייטונג, זאָגט דער לעהרער אָדער דאָס ווערטערבוך. אזוי און אזוי איז דער רעגעל אין דעם פאַל, זאָגט די גראַמאַטיק. דער תלמיד נעהמט אָן די זאָגונגען, ווי עפּעס אויף וואָס מען דאַרף קיין קשיות ניט פרעגען. זיין פערשטאַנד האַלט זיך שטענדיג אין דער לאַגע פון אונטערוואָרפענקייט אונטער דאָגמאַטישע לעהרען. און דער נויטווענדיגער רעזולטאַט דערפון איז — א טענדענץ אָנצונעהמען אָהן שאלות אלץ וואָס עס איז אן איינגעפיהרטע זאַך. גאָר דער היפך פון דעם איז די האַלטונג פון׳ם פערשטאַנד, וועלכע ווערט געשאַפען ארבייטענדיג אין דער וויסענשאַפט. דורך די וויסענשאַפט אַפּעלירט מען נאָכאַנאַנד צו יעדען איינעמס שכל. די וויסענשאַפטליכע וואַרהייטען ווערען ניט אָנגענומען אויפ׳ן סמך פון אויטאָריטעט אליין, נור אלע האָבען די פרייהייט זיי צו פּרובירען — מעהר נאָך, אין א סך פעלען פאָדערט זיך פון׳ם תלמיד, אז ער זאָל אליין אויסדענקען זיינע אייגענע שלוסען. יעדער טריט אין א וויסענשאַפטליכער פאָרשונג ווערט אונטערוואָרפען אונטער זיין אורטייל. מען פערלאַנגט ניט פון איהם ער זאָל עפּעס מודה זיין, אוואו ער זעהט ניט איין, אז עס איז אמת. און דאָס פערלאָזען־זיך אויף די אייגענע כחות, וואָס קומט דערפון ארויס, ווערט נאָך מעהר פערשטאַרקט דורך די

בעשטענדיגקייט מיט וועלכער די נאַטור בערעכטיגט זיינע בעשלוסען, אויב זיי זענען נור ריכטיג געצויגען. פון דעם אַלעם פליעסט ארויס אַן אונאַבהענגיגקייט, וועלכע איז דער טייערסטער עלעמענט פון א מענשען'ס כאַראַקטער. און דאָס איז נאָך ניט די איינציגע מאָראַלע נוצען, וואָס מען בעקומט פון דער וויסענשאַפטליכער בילדונג. ווען די ארבייט ווערט אָנגעפיהרט, ווי זי דאַרף אַלעמאָל אָנגעפיהרט ווערען, אזוי פיעל ווי מעגליך אין דער פאָרם פון אונאָבהענגיקער פאָרשונג, איז עס אויך אַן איבונג פאר דעם כח פון אויסדויער און פאר דער אויפריכטיגקייט. ווי פראָפעסאר טינדאל זאָגט וועגען דער אינדוקטיווער פאָרשונג, „זי פאָדערט געדולדיגע ארבייטספלייסיגקייט און פערלאנגט מען זאָל אָנעהמען עניו'דיג און געוויסענהאַפטיג אַלץ וואָס די נאַטור ענטפלעקט. דער ערסטער בעדינג פון ערפאָלג איז אַן עהרליכע פערנעהמבארקייט און א ווילינגקייט אוועקצו־וואַרפען אלע א פריהער־אָנגענומענע מיינונגען, ווי טייער מען זאָל זיי ניט האָבען געהאַלטען, אויב עס ווערט אויסגעפונען אז זיי ווידערשפּרעכען די וואַרהייט. גלויבט מיר, א זעלבסטפערלייקענונג וואָס האָט עטוואָס נאָבעלעס אין זיך, און פון וועלכער די וועלט הערט קיינמאָל ניט, שפּיעלט זיך אָפט אָב אין דער פערזענליכער ערפאַהרונג פון דעם אמת־איבערגעגעבענעם דיענער פון וויסענשאַפט".

צולעצט מוזען מיר נאָך מאַכען די בעהויפּטונג — און, עס איז ביי אונז קיין ספק ניט, אז זי וועט ארויסרופען א זעהר גרויסע איבערראַשונג — אז די דיסציפלין פון דער וויסענשאַפט איז אויך דערפאַר העכער פאר דער דיסציפּלין פון אונזער געוועהנליכער בילדונג, ווייל זי גיט א רעליגיעזע קולטור. עס פערשטעהט זיך, די ווערטער „וויסענשאַפטליך" און „רעליגיעז" געברויכען מיר דאָ ניט אין זייער געוועהנליכען בעגרעניצטען זין, נור אין זייער ברייטסטען און העכסטען זין. בלי ספק, געגענאיבער די אָבערגלויבענס וואָס געהען אונטער דעם נאָמען פון רעליגיאָן, איז די וויסענשאַפט גאַנץ געווים פיינדליך, אָבער ניט צו דעם עצם פון רעליגיאָן, וועלכען די דאָזיגע אבערגלויבענס פערדעקען נור. עס איז אויך דעריין קיין ספק ניט, אז אין א סך פון די היינטיגע וויסענשאַפטען דרינגט דורך א אונרעליגיעזער גייסט, אָבער ניט אין דער

אמת'ער וויסענשאפט, וועלכע איז אריבערגעגאנגען דאָס אויבער־פלעכליכע און איז אריינגעדרונגען אין דאָס טיעפע.

„אמת'ע וויסענשאפט און אמת'ע רעליגיאָן — זאָגט פּראָפ. ה אַ ק ס ל י, ביים סוף פון אַ קורס לעקציעס, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק געהאלטען — זענען צווילינג־שוועסטער, און טיילט מען זיי אָב איינער פון דער אנדערער, איז עס אַ זיכערער טויט פאַר זיי ביידען. די וויסענשאפט געדייהט פונקט אזוי פיעל, אויף וויפיעל זי איז רעליגיעז, און די רעליגיאָן בליהט אַקוראַט אין דעם ערך, אויף וויפיעל איהר יסוד האָט אַ וויסענשאפטליכע טיעפקייט און שטאַרקייט. די גרויסע טהאטען פון די פילאָסאָפען זענען ניט געוועזען אזוי פיעל די פרוכט פון זייער אינטעלעקט, וויפיעל עס איז געוועזען די פרוכט פון דער ריכטונג, וואָס אַ שטאַרק־רעליגיעזער טאָן פון פערנונפט האָט דעם דאָזיגען אינטעלעקט געגעבען. די וואַר־הייט האָט זיך אָבגעגעבען צו זייער געדולד, זייער ליעבע, זייער גע־טריישאַפט און זייער זעלבסט־פערלייקענונג, גיכער ווי צו זייער לאָגישער שאַרפזיניגקייט".

די וויסענשאפט איז זעהר ווייט פון זיין אונרעליגיעז, ווי פיע־לע מיינען; פערקעהרט גאָר, עס איז אונרעליגיעז צו פערנאַכלע־סיגען די וויסענשאפט: ענטזאגען זיך צו שטודירען די אַרומיגע שעפּפונג איז אונרעליגיעז. נעהמט אַ בעשיידענעם משל. שטעלט זיך פאָר אַ שריפטשטעלער, וועמען מען בעגריסט טאָג־טעגליך מיט שבחים, איינגעפּאסט אין די ערהאבענסטע אויסדרוקען. שטעלט זיך פאָר, אַז די שטענדיגע טהעמאַ פון די לויבגעזענג, וואָס מען אַדרעסירט צו איהם, זענען די חכמה, די ערהאבענקייט און די שעהנקייט פון זיינע ווערק. שטעלט זיך פאָר, אַז די וואָס זינגען אָהן אויפהער די לויבגעזענג פאַר זיינע ווערק, זענען צופריעדען גע־ווען צו קוקען אויף זיי נור פון דרויסען, האָבען זיי קיינמאָל ניט געעפענט אריינצוקוקען אינעווייניג, ווער רעדט נאָך, זוכען זיי צו פערשטעהן. וואָס פאַר אַ ווערדע וואָלטען ביי אייך געהאַט זייע־רע שבחים? וואָס וואָלט איהר געדענקט וועגען זייער אויפריכטיג־קייט? און דאָך — קליינע זאַכען להבדיל פון גרויסע — אָט דאָס איז דער אויפפיהר פון דער מענשהייט אין אַלגעמיין אַנטקעגען דעם אוניווערזום און זיין סבה העליונה! יאָ, עס איז נאָך ערגער. ניט נור

געהען זיי פאַרביי און שטודירען ניט די זאַכען וועגען וועלכע זיי שרייען יעדען טאָג אַז זיי זענען אַזוי וואונדערבאַר, נור זעהר אָפט פערדאַמען זיי נאָך יענע מענשען, וואָס גיבען אָב זייער צייט צו בעאָבאַכטען די נאַטור, און רופען זיי אָן צייט־פערטרייבער: זיי פערשפּאָטען פּשוט די מענשען, וועלכע ווייזען ארויס אַ טהעטיגען אינטערעס אין די וואונדער! מיר זאָגען דעריבער נאָך אַמאָל: ניט די וויסענשאַפט, נור די פערנאַכלאָזיגונג פון דער וויסענשאַפט איז אונרעליגיעז. איבערגעבענהייט צו דער וויסענשאַפט איז אַ שטי־לער גאָטעסדיענסט — אַ שטילע אנערקענונג פון דעם ווערטה פון די זאַכען וואָס מען שטודירט, און על פּי סברא, אַן אנערקענונג אויך פון זייער סבה העליונה. עס איז ניט פּשוט אַ לעפּצען־פּער־עהרונג, נור עס איז אַ פערעהרונג וואָס דריקט זיך אויס אין טהאַ־טען: עס איז ניט אַ סתם־געזאָגטע אכטונג, נור עס איז אַן אכ־טונג וואָס איבערצייגט אייך דורך די אָפּפערונג פון צייט, געדאַנ־קען און ארבייט.

און ניט נור אויף דעם אופן אליין איז די אמת'ע וויסענשאַפט בעצם רעליגיעז. זי איז אויך רעליגיעז אין דעם ערך וויפיעל זי שאַפט אַ טיעפע אכטונג און אַ אומבעדינגטען צוטרויען צו יענע בעשטענדיגע געזעצען, וועלכע זענען דער יסוד פון אלע זאַכען. דורך די אַנגעקליבענע ערפאַהרונגען קריגט דער וויסענשאַפטסמאַן אַ גרינדליכען גלויבען אין די אונפערענדערליכע שיכות'ן פון ערשיי־נונגען, אין דער אונענדערליכער פערבינדונג פון אורזאַך און פאָל־גע, אין דער נויטווענדיגקייט פון גוטע אָדער שלעכטע רעזולטאַטען. אנשטאָט דעם שכר ועונש פון טראַדיציאָנעלען גלויבען, וואָס מען־שען האָפען ניט־קלאָרליך צו בעקומען דעם ערסטען און אויסדרעהען זיך פון דעם אנדערן, טראַץ זייער ניט־פאָלגען, געפינט דער ווי־סענשאַפטסמאַן, אַז עס איז פאַראַן אַ שכר ועונש אריינגעפיהרט אין דעם בנין פון די זאַכען גופא, און אַז די שלעכטע רעזולטאַטען פון ניט־פאָלגען זענען אונפערמיידליך. ער זעהט, אַז די געזעצען, אונטער וועלכע מיר מוזען זיך אונטערגעבען, זענען ניט נור אַזעלכע וואָס ווערען ניט געריהרט פון בקשות און תפלות, נור זיי זענען אויך וואוילטהעטיגע. ער זעהט, אַז אַ דאַנק אָט די געזעצען איז דער גאַנג פון זאַכען שטענדיג צו דערגרייכען גרעסערע פאָלקאָמענהייט

און העכערע גליקזעליגקייט. דעריבער טרייבט עס איהם שטענדיג צו האלטען זיך פעסט פאר אָט די געזעצען, און דעריבער איז ער בייז ווען מענשען שיינקען זיי ניט קיין אכטונג. אָט אזוי, בעהויפּטענדיג אויף דעם אופן די אייביגע פרינציפּען פון זאכען און די נויטווענדיגקייט זיי צו פאָלגען, בעווייזט ער, אז ער איז בעצם רעליגיעז.

צו אלעם דעם דאַרף מען צוגעבען נאָך א רעליגיעזען בליק פון דער וויסענשאפט, און דאָס איז, וואָס נור זי אליין קען אונז געבען אמת'ע בעגריפען וועגען אונז און אונזער שיכות צו די סודות היצירה, די מיסטעריען פון עקזיסטענץ. אין דערזעלבער צייט וואָס זי ווייזט אונז אלץ וואָס מען קען וויסען, ווייזט זי אונז אויך די גרעניצען, ווייטער איידער וועלכע מיר קענען גאָרנישט ניט וויסען. ניט על פי דאָגמאטישע בעהויפּטונגען לערנט זי אונז אז עס איז אונמעגליך צו בעגרייפען די אלערלעצטע אורזאך פון זאכען, נור זי פיהרט אונז צו דערקענען קלאָר אָט די אונמעגליכקייט, דורכדעם וואָס זי ברייגנט אונז, אין וועלכער ריכטונג מיר זאָלען ניט געהן, צו גרעניצען וועלכע מען קען ניט אריבערשפּרייזען. זי מאכט פאר אונז קלאָהר, ווי דאָס קען קיין אנדער זאך אזוי ניט טהון, די קלייני קייט פון דער מענשליכער פערנונפט אין אָנגעזיכט פון דאָס וואָס שטייגט אריבער די מענשליכע פערנונפט. בעת אנטקעגען די טראַדיציעס און די מענשליכע אויטאָריטעטען קען איהר האלטען-זיך זיין שטאָלץ, איז איהר האלטען-זיך קעגענאיבער דעם אונדורכדרינגליכען צודעק וואָס פערדעקט דעם א ב ס אָ ל ו ט ו ם, אן עניוות-דיגע — עס איז אן אמת'ער שטאָלץ און אן אמת'ע עניוות. נור דער אויפריכטיגער וויסענשאפטסמאן (און אונטער דעם נאָמען מיינען מיר ניט סתם דעם אויסרעכענער פון מרחקים, אָדער דעם אנאַליטיקער פון כעמישע פערבינדונגען, אָדער דעם וואָס צעהלט די נעמען פון די מינים; נור מיר מיינען דעם, וועלכער זוכט דורך ניעדעריגערע ווארהייטען די העכערע, און דאן אפשר די העכסטע) — נור דער אמת'ער וויסענשאפטסמאן, זאָגען מיר, קען באמת וויסען ווי ווייט העכער, ניט נור איבער דעם מענשליכען וויסען, נור אפילו איבער דעם מענשליכען כח פון השגה, שטעהט די „אוניווערזאַלקראַפט", פון וועלכער די נאַטור, דאָס לעבען און דענקען זענען ענטפלעקונגען.

מיר שליסען, אלזא, אז די וויסענשאפט האט דעם העכסטען ווערטה פאר דער דיסציפלין, אזוי גוט ווי פאר דער הדרכה. לערנען די בעדייטונגען פון ז א כ ע ן איז פאר אלע צוועקען בעססער איי־דער לערנען די בעדייטונג פון ו ו ע ר ט ע ר. סיי פאר דער אינ־טעלעקטועלער, סיי פאר דער מאראלער אדער רעליגיעזער ערציהונג, איז דער שטודיום פון די ארומיגע ערשיינונגען ניט אין אן ערך הע־כער, איידער דער שטודיום פון גראמאטיקעס און לעקסיקאנען.

אט אזוי, הייסט עס, איז דער איינציגער ענטפער אויף די פראגע, מיט וועלכער מיר זענען ארויסגעקומען — די פראגע, וואס־סער וויסען האט דעם מעהרסטען ווערטה? — די ו ו י ס ע נ־ש א פ ט. דאס איז דער פסק־דין אויף אלע פונקטען. דאס אל־וויכטיגסטע וויסען פאר דער דירעקטער זעלבסטערהאלטונג איז — די ו ו י ס ע נ ש א פ ט. דאס וויסען וואס האט דעם גרעסטען ווערטה פאר דער אינדירעקטער זעלבסטערהאלטונג, וואס מיר רופען אן מא־כען א לעבען, איז — די ו ו י ס ע נ ש א פ ט. פאר דער ריכ־טיגער ערפילונג פון די פונקציעס פון עלטערן, קען מען געפינען די ריכטיגע הדרכה נור אין דער — ו ו י ס ע נ ש א פ ט. אויף אויס־צוטייטשען דאס פאלקס־לעבען פון אמאל און היינט, וואס אהן דעם קען דער בירגער ניט רעגולירען ריכטיג זיין אויפפיהר, איז דער נויטווענדיגער שליסעל — די ו ו י ס ע נ ש א פ ט. אי פאר דעם פאלקאמענסטען שאפען, אי פאר דעם העכסטען גענוס פון קונסט אין אלע איהרע פארמען, איז די נויטיגע פארברייטונג — אלץ די ו ו י ס ע נ ש א פ ט. און פאר די צוועקען פון דיסציפלין — די אינטעלעקטועלע, מאראלע און רעליגיעזע — איז דער העכסט ווירקזאמער למוד — נאך א מאל די ו ו י ס ע נ ש א פ ט. די פראגע, וועלכע האט אין אנהויב אויסגעזעהן אזא שווערע, איז אין פערלויף פון אונזער פארשונג געווארען לפי ערך לייכט. מיר הא־בען גאר ניט נויטיג אבצושאצען די מדריגות פון וויכטיגקייט פון די פערשיעדענע סארטען טהעטיגקייטען און פון די פערשיעדענע למודים, וואס גרייטען אונז צו צו זיי, ווי באלד מיר געפינען אויס, אז דער שטודיום פון וויסענשאפט, נעהמענדיג זי אין איהר העכסט־אומפאסענדער בעדייטונג, איז די בעסטע פארברייטונג פאר אלע

סאָרטען טהעטיגקייט. מיר האָבען ניט נויטיג פאַנאַדערצוקלייבען צווישען די תביעות פון דעם סאָרט וויסען, וואָס האָט א גרויסען ווערטה ווען אפילו נור א קאָנווענציאָנעלען, און דעם וויסען וואָס האָט א קלענערען אָבער א אינערליכען ווערטה, ווי באלד מיר זעהען, אז דאָס וויסען וואָס האָט דעם העכסטען ווערטה אין אלע אנדערע פרטים, האָט אויך דעם גרעסטען אינערליכען ווערטה: ווייל זיין ווערטה העננט ניט אָב פון דער עפענטליכער מיינונג, נור ער איז אזוי פעסט ווי עס איז דעם מענשענ'ס שיכות צו דער ארומיגער וועלט. אזוי ווי די ווארהייטען פון דער וויסענשאפט זענען נויט־ווענדיגע און אייביגע, איז זי דעריבער נוגע דער גאַנצער מענשהייט פאַר אלע צייטען. פאַר דער רעגולירונג פון די מענשענ'ס פיהרונגען, אזוי גוט פאַר איצטער ווי פאַר דער ווייטסטער צוקונפט, מוז עס תמיד זיין פון דער העכסטער וויכטיגקייט, אז זיי זאָלען פערשטעהן די וויסענשאפט פון לעבען — די פיזישע, גייסטיגע און סאָציאַלע וויסענשאפטען — און זיי זאָלען אויך פערשטעהן אלע אנדערע וויסענשאפטען, וואָס קענען זיי דיענען ווי א שליסעל צו דער וויסענשאפט פון לעבען.

און דאָך, אין היינטיגער צייט פון בעריהמערישער בילדונג, קריגט דאָס וויסען וואָס בעזיצט אזא איבערשטייגענדען ווערטה, די קלענסטע אויפמערקזאמקייט. בעת אז ווען ניט די וויסענשאפט, וואָלט קיינמאָל ניט געקענט ארויסוואקסען דאָס וואָס מיר רופען אָן ציוויליזאַציע, איז די וויסענשאפט אליין קוים א בעמערקבארער עלעמענט אין דאָס, וואָס מענשען בעטראַכטען פאַר א ציוויליזירטער ערציהונג. הגם מיר האָבען נור דעם פראָגרעס פון דער וויסענשאפט צו פערדאנקען פאַר דאָס וואָס איצטער געפינען מיליאָנען מענשען זייער חיונה דאָ, וואו א מאָל איז געווען שפייז נור פאַר טויזענדער, פון דעסטוועגען געפינען זיך צווישען די מיליאָנען נור עטליכע טויזענד, וועלכע גיבען אָב כבוד צו דאָס, וואָס האָט נעמאַכט מעגליך זייער עקזיסטענץ. הגם אָט דער וואקסענדער וויסען מכח די אייגענשאפטען און שיכות'ן פון זאכען האָט ניט נור מעגליך געמאכט פאַר וואנדערענדע שבטים אויסצו־וואקסען צו בעפעלקערטע נאַציאָנען, נור ער האָט אויך צאָהל־לאָזע מיטגליע־דער פון אָט די בעפעלקערטע נאַציאָנען געגעבען אזוינע בעקוועמ־

ליכקייטען און פערגעניגענס, וועלכע זייערע עטליכע נאקעטע אור־עלטערן האבען אפילו ניט בעגריפען און גאר ניט געקענט גלויבען — פון דעסטוועגען הויבט אט דער סארט וויסען נור ערסט איצטער אן צו בעקומען א ניט־פערגונענע אנערקענונג אין אונזערע העכסטע בילדונגס־אינסטיטוציעס. מיר האבען צו פערדאנקען פאר אונזער עמאנציפאציע פון די גרעבסטע אבערגלויבענס דער לאנגזאם־וואקסענדער בעקאנטשאפט מיט די בעשטענדיגע צוזאמען־עקזיסטענצען און פאלגען פון ערשיינונגען, ד. ה. דער פעסטשטעלונג פון אונפערענדערליכע געזעצען. ווען ניט די וויסענשאפט וואלטען מיר נאך געדיענט צו פעטישען, און וואלטען נאך אלץ מקריב געווען טויזענדער מענשליכע קרבנות כדי מפצה צו זיין טייוועלשע געטער. און דאך אט די וויסענשאפט, וועלכע האט אונז געגעבען, אנשטאט די העכסט־ערנידעריגענדע בעגריפען פון זאכען, עפעס א טיעפערן קוק אין די ערהאבענקייטען פון דער שעפפונג, ווערט גע־פסל'ט אין אונזערע טעאלאגישע ספרים, און מען קוקט אויף איהר קרום אין אונזערע בתי מדרשים.

איבערבייטענדיג די נעמען פון א מזרח־לענדישען פאבעל, קע־נען מיר זאגען, אז די וויסענשאפט איז אין דער געזינד פון וויסענס די דיענסט פון הויז, וועלכע בעהאלט אין זיך, א פערשטופטע אין ווינקעל, ניט־אנערקענטע גרויסע מעלות. אויף איהר האט מען ארויפגעווארפען די גאנצע ארבייט; איהר געשיקטקייט, פערשטאנד און איבערגעבענקייט האט פערשאפט אלע בעקוועמליכקייטען און גענוסען; און בעת זי איז כסדר געווען בעשעפטיגט אלעמען צו בעדיענען, האט מען זי אבגעשטופט אן א זייט, כדי איהרע שוועס־טער די בעל־גאוה'טעס זאלען קענען אלעמען אויפרייסען די אוי־גען מיט זייער פוסטען גלאנץ. דער משל האלט אוים ווייטער אויך. ווארים מיר קומען שנעל צו דעם סוף־מעשה, ווען די פאזיציעס וועלען זיך בייטען: בעת אט די בעל־גאוה'טעס, די שוועסטער, וועלען בלייבען פערנאכלעסיגטע, ווי זיי האבען עס פערדיענט, וועט די וויסענשאפט ווערען פראקלאמירט אלס די העכסטע סיי אין ווערטה, סיי אין שעהנקייט, און וועט רעגיערען איבעראל. —

די גײַסטיגע ערציהונג.

קאפיטעל II.

די גייסטיגע ערציהונג.

עס איז אונמעגליך עס זאל ניט זיין קיין פערוואנדשאפט צווי־שען די סיסטעמען פון ערציהונג, וואס זענען געקומען איינער נאך דעם אנדערן, און די כסדר'דיגע געזעלשאפטליכע פארמען, מיט וועלכע זיי האבען צוזאמען עקזיסטירט. די אינסטיטוציעס פון יע־דער עפאכע, וואס פאר ספעציעלע פונקציעס זיי זאלען ניט האבען, וויבאלד זיי האבען זייער געמיינשאפטליכען אורשפרונג אין דעם נאציאנאלען גייסט, מוזען זיי האבען א פאמיליען־עהנליכקייט. ווען מענשען האבען זייער אמונה און איהרע פירושים געהאט בקבלה פון א אונפעהלבארער אויטאריטעט, וועלכע האט ניט געהאלטען פאר ווירדיג פאר זיך צו געבען ערקלערונגען, איז עס געווען נאטירליך, אז דער וועג פון לערנען קינדער זאל זיין א ריין־דאגמאטישער. בעת דער כלל פון דער קירך איז געווען „גלויב און פרעג ניט קיין קשיות", איז דאס געווען דער פאסיגער כלל אויך פון דער שוהל. פערקעהרט, איצט אז דער פראטעסטאנטיזם האט געוואונען פאר די דערוואקסע־נע דאס רעכט צו האבען אן אייגענע מיינונג און האט איינגעפיהרט די געוועהנהייט צו ווענדען זיך צום פערשטאנד, הארמאניזירט דער־מיט די ענדערונג, וואס איז געקומען אין דער ערציהונג, וועלכע מאכט דעם למוד מיט קינדער פאר א פראצעס פון אויפקלערונג, וואס רעדט צום שכל. צוזאמען מיט'ן פאליטישען דעספאטיזם, וואס איז שטרענג אין זיינע געבאטען, וואס געוועלטיגט מיט דער מאכט פון טעראר, וואס בעשטראפט מיט'ן טוידט פאר קליינע פערברעכען און וואס איז אונדערבארמליך אין זיין נקמה־נעהמען פון די אונ־געטרייע, איז נויטיגערוויוז אויסגעוואקסען אויך אזא שטרענגע אקאדעמישע דיסציפלין — א דיסציפלין פון פיעלפאכע פערבאָ־טען מיט קלעפ פאר יעדעס מאל עובר זיין אויף זיי: א דיסציפלין פון אונבעגרענעצטער זעלבסטהערשאפט, וואס האט זיך געהאלטען

אויף ריטער, ליניײקעס און דעם פינסטערען קאמער. פון דער אנדער זייט, די פערגרעסערטע פּאָליטישע פרייהייט, די אָבשאפונג פון געזעצע, וואָס צוימען איין די אינדיווידועלע טהעטיגקייט, און די מילדערונג פון די קרימינאַל־געזעצען, זענען בעגלייט געוואָרען פון א עהנליכען פּאָרטשריט אויפ'ן וועג פון צוואַנגלאָזער ערציהונג: מען בינדט ניט די שילער אזוי פיעל ווי פריהער און מען געברויכט אנדערע מיטלען איידער שטראָף זיי צו רעגיערען. אין יענע אַסקעטישע צייטען, ווען מענשען האָבען געהאַנדעלט לויט דעם פּרינציפּ פון „וואָס מעהר יסורים“ און האָבען געהאַלטען, אז וואָס מעהר גענוסען זיי וועלען זיך פערבאָטען, אַלץ טוגענדהאַפטיגער וועלען זיי זיין, האָבען זיי, פערשטעהט זיך, געמיינט אז די בעסטע ערציהונג איז די, וואָס איז מבטל וואָס מעהר די פערלאַנגען פון זייערע קינדער, און זיי האָבען יעדע פון־זיך־ארויסגערופענע טהעטיגקייט אָבגעהאַקט קורץ מיט דעם געשריי: „ניט טהון; מען טאָר ניט!“ בעת פערקעהרט איצטער, ווען מען הויבט אָן בעטראַכטען דעם פּרינציפּ פון „וואָס מעהר גליק“ אלס א בערעכטיגטען צוועק: ווען מען האַלט אין קירצען די שטונדען פון ארבייט, און עס ווערען בעזאָרגט פּאָפּולערע ערהאָלונגען — הויבען די עלטערן און די לעהרער אָן צו זעהען, אז מען מעג גאַנץ גוט נאָכגעבען די מעהרסטע קינדערשע פערלאַנגען, אז מען דאַרף זיי גאָר צוגעבען חשק צו פערנעהמען זיך מיט קינדערשע שפּיעלעריען, און אז די נייגונגען פון דעם וואַקסענדען גייסט זענען גאָר ניט אזוי טייוועלדיג־בייז ווי מען האָט געמיינט. אין דער צייט ווען אַלע האָבען געמיינט, אז מסחר און פאַבריקאַציע מוז מען איינפיהרען דורך צאָהלען פּרעמיען און שטעלען טאַריפען; אז די פאַבריקאַנטען מוז מען פאָרשרייבען וועלכע מאַטעריאַלען צו געברויכען און וואָס פאַר קוואַליטעטען און מקחים צו מאַכען; און אז דער ווערטה פון געלד קען בעשטימט ווערען דורכ'ן געזעץ — יעמאָלט איז אויך געווען די צייט, ווען מען האָט זיך כסדר ארומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק, אז א קינד'ס פערשטאַנד קען מען מאַכען „אויף בעשטעלונג“; אז דער לעהרער קען אין איהם אריינלעגען גייסטיגע כחות; אז זיין מוח איז א כלי, אין וועלכער מען קען אריינגיסען אַלערליי חכמות און מאַכען עס זאָל ארויסקומען דערפון דעם לעהרער'ס אידעאַל. אָבער אין היינטיגער צייט פון פרייען

האנדעל, ווען מיר דערגעהען, אז זאכען רעגוליערען זיך אליין פיעל מעהר ווי מיר האבען געמיינט; ווען מיר זעהען איין, אז ארבייט און קאמערציע און אגריקולטור און נאוויגאציע קענען בעסער אנגעהן ווען מען לאזט זיי אליין, איידער ווען מען פיהרט זיי; און ווען מיר פערשטעהען אז כדי די פאליטישע רעגירונגען זאלען קענען טיכטיג טהון זייער ארבייט, מוזען זיי זיך ענטוויקלען פון אינוועניג און ניט ארויפגעלעגט ווערען פון דרויסען — איצט הויבען מיר אויך אן איינצוזעהען, אז עס איז פאראן א נאטירליכער פראצעס פון גייסטי־גער ענטקוויקלונג, וועלכען מען טאר ניט שטערען, אויב מען וויל איהם ניט שאדען; אז מיר קענען ניט ארויפצווינגען אונזערע קינסט־ליכע פארמען אויפ׳ן מוח וואס האלט זיך אין פונאנדערעפענען, נור אז אין דער פסיכאלאגיע בעווייזט זיך אויך א געזעץ פון „אנבאט און נאכפראגע“, וועלכען מיר מוזען פאלגען, אויב מיר ווילען ניט אנטהון קיין צרות. מיט איין ווארט: דער אלטער ערציהונגס־רעזשים, לויט זיין קורץ־און־שארפען דאגמאטיזם, זיין שטרענגער דיסציפלין, זיינע פיעלפאכע איינצוימונגען, אפענעם אסקעטיציזם און זיין גלוי־בען אין קינסטליכע פלענער, איז געווען א נאהענטער קרוב פון די געזעלשאפטליכע סיסטעמען, מיט וועלכע ער האט זיך געפונען אין איין צייט; און אזוי אויך אונזערע מאדערנע פארמען פון בילדונג, לויט זייערע פונקט־פערקעהרטע באראקטער־שטריכען, שטימען מיט אונזערע היינטיגע מעהר־ליבעראלע רעליגיעזע און פאליטישע אינ־סטיטוציעס.

עס בלייבען נאך אבער וויטערע פאראלעלען, אויף וועלכע מיר האבען ניט אנגעוויעזען: דער פאראלעל צווישען די פראצעסען, דורך וועלכע אט די ביידערליי ענדערונגען זענען אויסגעארבייט געווא־רען, און דער פאראלעל צווישען די צושטענדען פון אלערליי מיי־נונגס־פערשיעדענהייטען, צו וועלכע די פראצעסען האבען געפיהרט. עטליכע הונדערט יאהר צוריק איז געווען א איינהייטליכקייט אין גלויבען — אין רעליגיעזען און פאליטישען גלויבען ווי אין דער ער־ציהונג. אלע האבען געגלויבט אין דער רוימישער קירך, אלע זענען געווען מאנארכיסטען, אלע זענען געווען תלמידים פון אריסטאטעל און קיינער האט ניט גרעה געהאט צו פרעגען קשיות אויף די גע־וועהנליכע דרכים פון דער מיטעל־שוהל, אין וועלכער זיי זענען אלע

ערצויגען געוואָרען. איין און די זעלבע אורזאַך האָט אין יעדען פאַל פערביטען אָט די איינהייטליכקייט אויף א פערשיידענקייט וואָס ווערט שטענדיג גרעסער. די טענדענץ צו וועלען אויסדריקען די אייגענע אינדיווידואליטעט, וועלכע האָט געהאָלפען שאַפען די גרויסע פראָטעסטאַנטישע בעוועגונג, און האָט געווירקט זייט דאַן צו שאַפען אַ שטענדיג גרעסער ווערענדע צאָהל סעקטען — די טענדענץ האָט איינגעפיהרט די פּאָליטישע פּאַרטייען, און פון די גאָר ערסטע צוויי האָט זי אַרויסגעבראַכט אין אונזער מאָדערנער צייט כפל כפלים, צו וועלכע עס קומען־צו מיט יעדען יאָהר אלץ מעהר; די טענדענץ, וועלכע האָט געפיהרט צו בעקאָנ׳ס אויפשטאַנד אנטקעגען דער סכאָלאַסטיק און האָט זייט דאַן אַרויסגערופען אי דאָ, אי אין אויסלאַנד פערשיעדענע נייע סיסטעמען פון דענקען — איז די איינעגע טענדענץ, וועלכע האָט אויך אין דער ערציהונג פעראורזאַכט חלוקי דעות און האָט אַרויסגעבראַכט אַ גאַנצע זאַמלונג פון מעטאָדען. אָט די פּראָצעסען, אַלס אויסערליכע פאָלגען פון דערזעלבער איננערליכער ענדערונג, האָבען געמוזט נויטיגערווייז קומען אין איין צייט. דער אונטערגאַנג פון אויטאָריטעט, סיי פון דעם פּאַבסט׳ס, די פילאָסאָפישע, די קייזערליכע, אָדער די לעהרערשע, איז בעצם איין ערשיינונג. אין יעדען פון איהרע געשטאַלטען זעהט זיך אָן אַ נייגונג צו אַ פרייער טהעטיגקייט, אי אין דעם אויסאַרבייטען פון דער ענדערונג גופא, אי אין דער נייער פאָרם פון דער טעאָריע און פּראַקטיקע, וועלכע די ענדערונג האָט אַרויסגערופען אין לעבען.

בעת אַ סך מענשען וועלען זיך ערגערען איבער דעם וואָס עס מעהרען זיך אַזוי פיעל די פּלענער פאַר דער בילדונג פון דער יוגענד, וועט אָבער דער וואָס קוקט אויף דער זאַך פון אַלע זייטען איינזעהען, אַז דאָס איז אַ מיטעל וואָס פערזיכערט אונז, אַז סוף כל סוף וועט איינגעפיהרט ווערען אַ ראַציאָנאַלער סיסטעם. וואָס מען זאָל ניט דענקען וועגען דער מיינונגס־פערשיעדענהייט אין דער טעאָלאָגיע, אין דעם ענין פון ערציהונג איז קלאָר, אַז די מיינונגס־פערשיעדענהייט האָט די פעולה, וואָס זי העלפט די אויספאָרשונג פון דער פראַגע, דורך די צוטיילונג פון דער אַרבייט. ווען מיר וואָלטען שוין געהאַט די אמת׳ע מעטאָדע, פערשטעהט זיך, אַז יעדע אָבווייכונג

פון איהר וואָלט געווען א שאָדען; אזוי ווי אָבער די אמת'ע מעטאָדע דארף מען נאָך ערסט אויסגעפינען, זענען די אָנשטרענגונגען פון פיעלע אונאָבהעהגיגע פאָרשער, וואָס מאַכען אונטערזוכונגען אין פערשיעדענע ריכטונגען, גאָר דער בעסטער מיטעל וואָס מען וואָלט געקענט אויסקלערען. יעדען בעזונדער פאָרשער קען איינפאַלען עפּעס א נייער גדאַנק, וועלכער איז מעהר אָדער ווענינער געבויט אויף פאַקטען. יעדער איינער פון זיי, מיט זיין אייפער צו גונסטען פון זיין פלאַן, געפינט אוים אַלערליי וועגען צו פּרובירען ווי ריכטיג ער איז, און ווערט ניט מיעד אָנשטרענגענדיג זיך צו מאַכען בעקאַנט זיין ערפאָלג. יעדער איינער קריטיקירט אָהן רחמנות די פלענער פון די איבעריגע פאָרשער. דעריבער מוזען אַלע נויטיגערווייז, דורך די צונויפגעגאָסענע קרעפטען, קומען שטופענווייז נעהענטער צו דעם ריכטיגען דרך. דאָס קלענסטע טיילכעל פון דער ריכטיגער מעטאָדע, וואָס יעדער איינער פ.ן זיי האָט ענטדעקט, מוז, ארויסווייזענדיג נאָכאַנאַנד זיינע רעזולטאַטען, פועל'ן מען זאָל איהם אָננעהמען; און פערקעהרט, עפּעס פאַלשעס וואָס איז פערבונדען דערמיט, מוז פלאַצען, נאָכדעם ווי מען ווידערהאָלט דעם עקספּערימענט און מען דערזעהט די פעהלערען. אָט אזוי צונויפנעהמענדיג די וואהרהייטען און אוועקוואַרפענדיג די טעות'ן, מוז מיט דער צייט זיך ענטוויקלען א ריכטיגע און פאָלשטענדיגע גרונד־לעהרע. פון די דריי פאַזען, וואָס מענשליכע מיינונגען מאַכען דורך — די איינשטימיגקייט פון די אונוויסענדע, די מחלוקות פון די פאָרשענדע און די איינשטימיגקייט פון די געלעהרטע — איז קלאָר, אַז די צווייטע איז דער פאָטער פון דער דריטער פאַזע. ניט נור אין סדר פון צייט קומען זיי איינע נאָך די אַנדערע; זיי פאָלגען אויך איינע פון די אַנדערע אין דעם סדר פון אורזאַך און ווירקונג. איז דעריבער, מיט וואָס פאַר אַן אונגעדולד מיר זאָלען ניט אָנקוקען די היינטיגע מחליקות פון די ערציהונגס־סיסטעמען, און וויפיעל עס זאָלען אונז ניט ערגערען די שלעכטע זייטען, מיט וועלכע זיי זענען פערבונדען, מוזען מיר קוקען אויף דעם ווי אויף פּן איבערגאַנגס־שטופע, וועלכע מוז דורכגעמאכט ווערען, און וועלכע ברייננט סוף כל סוף וואוילטהעטיגע ווירקונגען.

דערווייל, אפשר וואָלט געווען א פעולה דורכצוקוקען דעם

סך־הכל פון אונזער פארטשריט? נאך פופציג יאהר פון דיסקוסיאנען, עקספערימענטען און פערגלייכען די רעזולטאטען, צי קענען מיר ניט ערווארטען, אז ביי דער צייט זענען שוין ווירקליך געמאכט געווארען עטליכע טריט נעהענטער צום ציעל? עטליכע אלטע מעטאדען זענען שוין אודאי ארויס פון געברויך; איניגע זענען איינגעפיהרט געווארען, און פיעלע אנדערע מוזען זיך געפינען אין פראצעס פון ווערען אנגענומען אדער פערווארפען. מיר וועלען וואהרשיינליך געפינען אין אט די פערשיידענע ענדערונגען, ווען זיי וועלען שטעהן איינע נעבען די אנדערע, גלייכע כאראקטער־שטריכען; מיר קענען אפשר געפינען ביי זיי א געמיינשאפטליכע טענדענץ: און אזוי, על פי סברא, וועלען מיר קענען קומען אויפ'ן שפור פון דער ריכטונג וואוהין די ערפאהרונג פיהרט אונז, אויך כאפען א וואונק ווי אזוי צו קענען איינפיהרען נאך אנדערע וויטערדיגע פערבעסערונגען. לאמיר דעריבער, איידער מיר געהען טיעפער בעטראכטען דעם ענין, א קוק טהון אויף די הויפט־קאנטראסטען צווישען דער אמאליגער ערציהונג און דער היינטיגער.

געוועהנליך נאך יעדען טעות וואס ווערט אבגעשאפט, קומט אן אויף א ווילע אנאדערער, פערקעהרטער טעות; און אזוי האט עס פאסירט, אז נאך די צייטען, ווען דער ציעל איז געווען נור פיזישע ענטוויקלונג, איז געקומען א צייט, ווען די איינציגע זארג איז געווען די בילדונג פון גייסט: ווען מען האט קינדער פון צוויי־דריי יאהר אלט געשטופט למודים־ביכלעך אין די הענד; ווען די שוהלשטונדען זענען געווען זעהר לאנגע, און די איינציגע נויטיגע זאך האט מען געהאלטען איז — נור וואס מעהר אריינלערנען. ווידער, ווי עס טרעפט געוועהנליך, אז דער נעכסטער טריט נאך אט אזא רעאקציע ווערט געמאכט דורך דעם וואס מען שטעלט צונויף ביידע געגענגעזעצטע טעות'ן און מען דערזעהט, אז זיי זענען די אומגעקעהרטע זייטען פון איין וואהרהייט; אזוי אויך איצטער קומען מיר צו דער איבערצייגונג, אז דער גאנצער נפש מוז ענטוויקעלט ווערען, און מען מוז זארגען פאר ביידען, אי פאר'ן קערפער, אי פאר'ן גייסט. מען האט אין א גרויסען ערך אויפגעגעבען דעם סיסטעם פון „שטאפען“, און מען האלט ניט מעהר פון זיין „צייטיג פאר דער צייט“. מענשען הויבען אן איינצוזעהען, אז דער ערסטער בעדינג פון ער־

פאלג אין לעבען איז — צו זיין א גוטע חיה. דער בעסטער מארך, לאזט זיך אויס, ברייננגט ווענינ נוצען, אויב עס איז ניטא גענוג לעבענס־ענערגיע איהם צו טרייבען; און דעריבער האלט מען עס איצטער פאר א נארישקייט צו זארגען פאר איין זאך, אפפערענדיג צוליעב דעם דעם מקור פון וואנען דאס אנדערע נעהמט זיך — א נארישקייט וועלכע ווערט נאכאנאנד בעוויזען דורך דעם פאקט, וואס פון די יונגע עלוים לאזט זיך שפעטער גארנישט אויס. מיר ענטדעקען אט אזוי די חכמה, וואס שטעקט אין דעם שפרוך־ווארט, אז איינער פון די סעקרעטען אין דעם ענין פון ערציהונג איז — „וויסען ווי אויף א קלוגען אופן צו פערלירען צייט“.

די אמאליגע אלגעמיינע פראקטיקע פון לערנען אויף אויסווענינ, ווערט היינט וואס פון טאג אלץ מעהר דיסקרעדיטירט. אלע מאדערנע אויטאריטעטען פערדאמען די אלטע מעכאנישע מעטאדע ווי צו לערנען דעם אלף־בית. די כפל־טאבעלע ווערט איצט גאנץ אפט געלערנט עקספערימענטאל. אין דעם למוד פון שפראכען ווערט דער אלטער פלאן פון די מיטעל־שוהלען פערביטען אויף נייע פלענער, וואס זענען געבויט אויף דעם נאטירליכען פראצעס, וועלכען דאס קינד פאלגט בעת ער לערנט זיך רעדען אויף זיין מוטער־שפראך. די „ראפארטען וועגען דער ערציהונגס־שוהל אין באטערסי“, בעשרייבענדיג די מעטאדען וואס ווערען דארט געברויכט, זאגען אזוי: — „דער אונטערריכט אין דעם גאנצען פארבערייטונגס־קורס איז מעהרסטענטיילס א מינדליכער, און ער ווערט אילוסטרירט אזוי פיעל ווי מעגליך דורך דירעקטע ביישפיעלען פון דער נאטור“. און אזוי געהט עס דורכאויס. דער מעכאנישער סיסטעם, ווי די אנדערע סיסטעמען פון זיין צייט, האט זיך מעהר אבגעגעבען מיט די פארמען און סימבאלען, איידער מיט די זאכען וואס זיי האבען סימבאליזירט. די הויפטזאך איז געווען, איבערגעבען פינקטליך די ווערטער; פערשטעהן זייער בעדייטונג — דאס איז געווען גארנישט: דעם גייסט האט מען געאפפערט צוליעב'ן בוכשטאב. ענדליך הויבט מען שוין אן איינזעהען — דער פועל יוצא אין דעם פאל, ווי אין אלע אנדערע, איז ניט קיין צופעליגער, נור א נויטווענדיגער — אז לפי ערך וויפיעל אויפמערקזאמקייט עס ווערט פערווענדעט אויף די צייכענס, אזוי פיעל מוז פעהלען אויפמערקזאמקייט אויף די זאכען

וואָס ווערען בעצייכענט; אָדער, ווי מאָנטעין האָט שוין לאַנג גע־זאָגט, אז „לערנען אויף אויסוועניג איז גאָרניט געלערנט“.

צוזאַמען מיט דעם לערנען אויף אויסוועניג געהט אויך אונטער די כמעט־עהנליכע מעטאָדע פון לערנען על פי כללים. די פרטים אפריהער און דעם כלל נאָכהער איז די נייע מעטאָדע — א מעטאָדע, ווי די באַטערסי שוהל־ראַפּאָרטען בעמערקען, „וואָס געהט אפילו להיפך צו דער געוועהנליכער, וועלכע גיט דעם תלמיד אפריהער די כללים“, אָבער דאָך האָט די ערפאַהרונג בעוויעזען, אז זי איז די ריכטיגע. כללים לערנען פערדאַמט מען איצטער ווי א מעטאָדע, וואָס גיט נישט מעהר ווי עמפּירישעס וויסען, וואָס ברייגנט ארויס נור א שיין פון פערשטעהן, אָבער ניט קיין אמת'ן פערשטעהן. גע־בען נור דעם נעט פּראָדוקט פון א פאָרשונג אָהן די פאָרשונג גופא, וועלכע האָט געפיהרט צו דעם רעזולטאַט, איז א חוץ וואָס עס שוואַכט אָב דעם פערשטאַנד, האָט עס גאָר קיין פעולה ניט. כדי אַלגעמיינע וואהרהייטען זאָלען האָבען א ריכטיגע און דויערענדע ווירקונג, מוז מען זיי פערדיענען. „גרינג אָנגעקומען — גרינג פער־לאָרען“ איז א ווערטיל וואָס פּאַסט זיך אַזוי גוט אויף וויסען, ווי אויף רייכקייט. בעת די כללים וואָס ליגען אָבגעזונדערט אין מוח, וואָס זענען ניט צונויפגענומען מיט די איבעריגע אידעען פון קאָפּ ווי ארויסגעוואַקסענע פון זיי, ווערען נאָכאַנאַנד פערגעסען, זע־נען דאגעגען די פּרינציפּען, וואָס יענע כללים דריקען זיי אויס נור שטיקלעכווייז, אַן אייביגער פערמעגען, אויב זיי האָבען נור איין מאָל געגרייכט דעם פערשטאַנד. בעת דער תלמיד, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט כללים, איז אונבעהילפיג ערגעץ וואו ווייטער ווי זיינע כללים, קען דער תלמיד, וואָס האָט געלערנט די פּרינציפּען, דער־קלערען א נייעם פאַל אזוי גרינג ווי אַן אַלטען. צווישען א קאָפּ פול מיט כללים און א קאָפּ פון פּרינציפּען איז דערזעלביגער חלוק, וואָס צווישען אַן אָנגעוואָרפענער קופּה מאַטעריאַלען, און די אייגענע מאַטעריאַלען ווען זיי זיינען אָרגאַניזירט אין א פאָלשטענדיג גאַנצע זאַך, וועלכע האָט אַלע איהרע טיילען צונויפגעבונדען אין איינעם. פון די צוויי טיפען האָט דער אַנדער טיפּ די מעלה, ניט נור וואָס זיינע טיילען האַלטען זיך בעסער, נור אויך די פיעל גרעסערע מעלה, וואָס ער פאָרמירט א טיכטיגע כלי פאַר פאָרשונגען, פאַר אונאָבהענ־

גיגען דענקען, פאר ענטדעקונגען — אלץ אזוינע צוועקען, פאר וועלכע דער ערסטער טיפ איז גארנישט ווערטה. און זאל מען גאר ניט מיינען, אז דאס איז נור א משל: עס איז די בוכשטעבליכע וואהרהייט. די פעראייניגונג פון פאקטען אין גענעראליזאציעס — אט דאס א י ז די ארגאניזאציע פון וויסען, סיי מען האלט די דאזיגע ארגאניזאציע פאר אן אביעקטיווע ערשיינונג, סיי פאר א סוביעקטיווע: און מען קען אבמעסטען די גייסטיגע השגה לויט דעם ערך נאך ווי ווייט אט די ארגאניזאציע איז געפיהרט געווארען.

פון דעם געבען פרינציפען אנשטאט כללים, און פון דעם דרך, וואס קומט נויטיגערווייז אינאיינעם דערמיט, איבערצולאזען דעם למוד פון אבסטראקציעס אויף שפעטער, ווען דער פערשטאנד איז שוין בעקאנט געווארען מיט די פאקטען פון וועלכע די אבסטראקציעס נעהמען זיך, איז מען געקומען אבצולעגען ביז א שפעטערע פעריאדע איינינגע למודים, וואס מען פלעגט אמאל לערנען גאנץ פריה. איין ביישפיעל איז, וואס מען האט אוועקגעווארפען דעם זעהר נארישען מנהג פון לערנען מיט קינדער גראמאטיק. ווי הערר מארסעל זאגט: „מען קען מאכען די בעהויפטונג גאר אהן שום ישוב הדעת, אז די גראמאטיק איז ניט דאס ערסטע טרעפיל, נור גראד דאס לעצטע געציייג“. און ווי הערר ווייז ארגומענטירט: — „גראמאטיק און סינטאקס (דרכי הלשון) זענען א זאמלונג פון געזעצען און רעגעלען. רעגעלען ווערען געזאמעלט פון פראקסים; זיי זענען די רעזולטאטען פון דער אינדוקציע (פאקטען־פארשונג), צו וועלכער מיר קומען דורך לאנגע בעאבאכטונג און פערגלייכונג פון די פאקטען. די גראמאטיק, אין קורצען גערעדט, איז די וויסענשאפט, די פילאסאפיע פון דער שפראך“. געהענדיג מיט'ן נאטירליכען גאנג, קומען, סיי איינצעלנע מענשען, סיי גאנצע פעלקער, קיינמאל ניט גלייך די ע ר ס ט ע זאך צו דער וויסענשאפט. מען רעדט אין א שפראך און מען שרייבט פאעזיע א סך יאהרען פריהער, איידער ווער עס איז האט אפילו געטראכט נאך וועגען א גראמאטיק אדער וועגען רעגעלען פון מעסטען די זילבען (משקל החרוזים). מענשען האבען ניט געווארט ביז אריסטאטעל האט אויפגעבויט זיין לאגיק, איידער זיי האבען אנגעפאנגען דענקען. מיט אייןווארט, אזוי ווי די גראמאטיק איז געשאפען געווארען נאך דער שפראך, אזוי דארף מען

זי לערנען נאָך דער שפּראַך. דאָס איז אַ שלום, וועלכען אַלע וואָס אָנערקענען די שיכות צווישען דער ענטוויקלונג פון דער ראַסע און פון דעם אינדיווידום, וועלען איינזעהען, אַז ער איז אונפערמיידליך ריכטיג.

די וויכטיגסטע פון די נייע ערפאַהרונגען, וועלכע זענען אַרויסגעוואַקסען זינט אַט די אַלטע זענען אונטערגעגאַנגען, איז די סיסטעמאַטישע אויסבילדונג פון די בעאָבאַכטונגס־קרעפטען. נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָהרען פון בלינדקייט הויבען מענשען ערסט אָן צו זעהען, אַז די פון־זיך׳דיגע טהעטיגקייט פון די בעאָבאַכטונגס־חושים ביי קינדער האָט אַ בעדייטונג און אַ נוצען. וואָס מען פלעגט אַמאָל האַלטען פאַר פשוט צוועקלאָזע טהעטיגקייט, אָדער איינפאַכע שפּיעלעריי, אָדער סתם צולאָזענקייט, אָנערקענט מען איצט אַלס דעם פּראָצעס פון איינשאַפען זיך אַ וויסען, אויף וועלכען דאָס גאַנצע שפּעטערע וויסען איז געבויט. דערפון נעהמט זיך דער גוט־געמיינטער אָבער שלעכט־אויסגעפיהרטער סיסטעם פון זאַכען־אונטערריכט (ד. ה. נעהמען אַ זאַך וואָס דאָס קינד האָט פאַר זיינע אויגען, אָדער אַ שפּיעלצייג וואָס מען גיט איהם און ערקלערען איהם פון וואַנען די זאַך נעהמט זיך, ווי אַזוי זי איז געמאַכט, א. אז. וו.). בעקאָן׳ס שפּרוך, אַז די פיזיק איז די מוטער פון די וויסענשאַפטען, האָט אָנגעהויבען קריגען אַ נייע בעדייטונג אין דער ערציהונג. ווען מען האָט ניט קיין גענויע בעקאַנטשאַפט מיט די אייגענשאַפטען וואָס מען קען זעהען און אָנטאַפּען אין זאַכען, מוזען אונזערע בעגריפען זיין פעהלערהאַפטיג, אונזערע שלוסען פאַלש, און אונזער אַרבייט ניט ערפאָלגרייך. „איינמאָל האָט מען פערנאַכלעסיגט די בילדונג פון די חושים, קריעגט די גאַנצע שפּעטערע ערציהונג אַ כאַראַקטער פון פערשלאָפענקייט און בענעבעלטקייט — אַ פעהלער, וועלכען מען קען ניט קורירען". אין דער ווירקליכקייט, ווען מיר זאָלען אַ טראַכט טהון וועגען דעם, וועלען מיר געפינען, אַז די גרינדליכע בעאָבאַכטונג איז אַן עלעמענט פון יעדען גרויסען ערפאָלג. דאָס איז נויטיג ניט נור פאַר קינסטלער, נאַטורפאָרשער און וויסענשאַפטסמענער אַליין; די בעאָבאַכטונג איז ניט נור די זאַך, אויף וועלכער דער פעהיגער ארצט פערלאָזט זיך אין דער ריכטיגקייט פון זיין דיאַגנאָז, און וועלכע איז אַזוי וויכטיג פאַר׳ן אינזשינער, אַז ער

מוז דעריבער פערברייגנען א פּאר יאָהר ביים ווארשטאַט: מיר קע־נען זעהען, אז אויך דער פילאָסאָף איז אין גרונד גענומען א מענש וואס בעאָבאַכטעט שיכות'ן פון זאכען, וועלכע אנדערע האָ־בען ניט דערזעהן, און אז דאס אייגענע איז דער פּאָעט, א מענש וואס זעהט די פיינע פאקטען אין דער נאטור, וועלכע אנדערע דערקענען ווען מען צייגט עס זיי אָן, אָבער אליין האָבען זיי עס פרי־הער ניט בעמערקט. אויף קיין זאך דארף מען ניט אזוי דריקען, ווי אויף דעם פּונקט, אז לעבהאפטע און פאַלשטענדיגע איינדרוקען זענען דאָס אלערוויכטיגסטע. פון שלעכטע רויה־מאטעריאלען קען מען קיין געזונדען געוועב פון חכמה ניט אויסוועבען.

לויט דעם ערך ווי די אַלטע מעטאָדע פון דערקלערען וואהר־הייטען אין אבסטראקט האט אָנגעהויבען ארויסגעהן פון געברויך, איז אָנגענומען געוואָרען די נייע מעטאָדע פון דערקלערען זיי אויף א קאָנקרעטען אופן. די עלעמענטארע פאקטען פון די עקזאקטע (גענויע) וויסענשאפטען ווערען איצט געלערנט על פּי דירעקטען פערנעהמען פון די חושים, ווי מען לערנט די געוועבען פון זאכען, די געשמאקען אָדער קאָלאָרען. בענוצען פאר די ערסטע לעקציאָנען אין אריפמעטיק די „חשבון־רעדלאך“ (רעדלאך אָנגעצויגען אויף דרעטלאך אין א ראהם צום חשבונ'ען), איז א ביישפיעל פון א קאָנקרעטען אופן פון לערנען. א גוטע אילוסטראציע איז אויך פּראָ־פעסאָר דע מאָרגאַן'ס מעטאָדע פון דערקלערען די רעכענונג פון צעהנטלען. הערר מארסעל, גאנץ ריכטיג אוועקוואַרפענדיג דעם אלטען סיסטעם פון טאבעלען, לערנט וואָגען און מאָסען, בעוויזענ־דיג דעם אמת'ן ארשין און פוס, פונט און אונצע, גאלאָן און קוואָרט, און לאָזט די קינדער אויסגעפינען די שיכות'ן צווישען וואָגען און מאָסען עקספּערימענטאל. נאָך אזוינע פאקטען זענען די געאָגראַפי־שע מאָדעלען און די מאָדעלען פון רעגולערע קערפּער־פאָרמען א. ד. ג. וועלכע מען געברויכט אלס התחלה־למודים אין געאָגראַפיע און געאָמעטריע. עס איז קלאָר, אז דער געמיינשאפטליכער שטריך פון אַט די אלע מעטאָדען איז, וואס זיי פיהרען יערען קינד'ס פערשטאנד דורך אן עהנליכען פּראָצעס ווי דעם, דורך וועלכען דער פערשטאנד פון דער מענשהייט בכלל איז דורכגעגאנגען. די וואהרהייטען פון צאָהלען, פאָרמען, פּאָזיציאָן־שיכות'ן, זענען אלע אורשפּריגגליך גע־

נומען געוואָרען פון די זאכען גופא; אָט דעריבער בעווייזען דעם קינד די וואהרהייטען אין די קאָנקרעטע זאכען, הייסט לאָזען איהם לער־נען זיי ווי די מענשליכע ראסע האָט זיי געלערנט. מיט דער צייט וועט מען נאָך אפשר איינזעהען, אז א קינד קען זיי טאקי בשום אופן אנדערש גאָר ניט לערנען; וואָרים בעת מען צווינגט איהם ער זאָל זיי איינחזר'ן ווי אבסטראקציעס, האָבען זיי פאר איהם גאָר קיין בעדייטונג ניט, ביז וואנען ער געפינט אויס, אז זיי זענען נישט מעהר ווי נעמען פון דאָס וואָס ער זעהט בחוש.

אָבער די וויכטיגסטע פון אלע ענדערונגען וואָס קומען פאָר איז, וואָס עס וואקסט אלץ מעהר דער ווונש צו מאכען אז דאָס לערנען־זיך זאָל זיין גיכער א פערגניגען איידער אַן אָבקומעניש: א ווונש וואָס איז בעגרינדעט אויף דעם מעהר אָדער וועניגער קלאָ־רען איינזעהען, אז אין יעדען אלטער איז די קאָפּ־ארבייט, וואָס דאָס קינד ליעבט, געזונד פאר איהם; און אזוי אויך פארקעהרט. עס פערשפּרייט זיך א מיינונג, אז ווען עס וואקסט אויס א פערלאַנג פאר א וועלכען עס איז סאָרט למוד, איז עס א סימן אז דער וואק־סענדער מוח איז געוואָרען פערטיג איהם צו פערנעהמען און נוי־טיגט זיך אין איהם כדי צו קענען ווייטער וואקסען; און פערקעהרט, ווען עס פיהלט זיך א ווידערווילען געגען א וועלכען עס איז למוד, איז עס א סמן, ענטוועדער אז עס איז נאָך צו־פריה צו געבען אזא למוד, אָדער אז ער איז גענעבען געוואָרען אין א פאָרם, אין וועלכער דאָס קינד קען איהם ניט פערדייהען. דערפון נעהמען זיך די בעמי־הונגען, וואָס מען גיט זיך, צו מאכען אז די אָנפאנגליכע ערציהונג זאָל זיין אמוזאַנט און די גאנצע ערציהונג איבערהויפּט זאָל זיין אינ־טערעסאַנט. דעריבער הערען מיר די לעקציעס וועגען דעם ווערטה פון שפּיעלען־זיך. דערפון שטאַמט וואָס מען פערטיידיגט די קינדער־שע ליעדעלאך און די צוויבער־מעשיות. וואָס־פון־טאָג פאסען מיר צו אלץ מעהר אונזערע פּלענער צו די מיינונגען פון די יונגוואַרג. האָט דאָס קינד ליעב דעם סאָרט לערנען? נעהמט ער זיך פאר איהם מיט חשק? זענען שאלות וואָס מיר פרעגען נאָכאַנאַנד. „מען דאַרף נאָכ־געבען, זאָגט הערר מאַרסעל, זיין נאַטירליכען פערלאַנג נאָך פער־שיידענאַרטיגעס, און די בעפרידיגונג פון זיין נייגיריגקייט דאַרף זיין פערבונדען מיט זיין פאָרטשריט". „די לעקציאָנען — בעמערקט

ער ווידער — דארפען אויפהערען איידער דאָס קינד ציינט ארויס סמנים פון מיעדיגקייט". און אזוי אויך מיט דער שפּעטיגער ערציהונג. אין די קורצע אָברוהען צווישען די שוהל־שטונדען, די לוסט־רייזען אין די פעלדער הינטער'ן שטאָדט, די אמוזירענדע לעקציעס, די כאָר־געזאנג — דעריין, ווי אין נאָך אנדערע אזוינע שטריכען, קען מען איינזעהען די ענדערונג. דער אסקעטיציזם פערשווינדט פון דער ערציהונג, אזוי גוט ווי פון לעבען; און די געוועהנליכע פּראָבע פון דער פּאָליטישער געזעצגעבונג — איהר טענדענץ צו פערשאפען גליק — הויבט אָן אין א היבשען ערך אויך צו ווערען די פּראָבע פון דער געזעצגעבונג פאר דער שוהל צון דעם קינדער־צימער.

וואָס, אלזאָ, איז דער געמיינשאפטליכער כאראקטער־שטריך פון אָט די אלע ענדערונגען? איז עס ניט אן אלץ־גרעסערע צופּאסונג צו די מעטאָדען פון דער נאטור? יאָ, דאָס אויפהערען צו־פריה צו שטאָפּען דעם קינד'ס מוח, אנטקעגען וואָס די נאטור רעבעלירט שטענדיג, און דאָס איבערלאָזען די ערסטע יאָהרען פאר דער איבונג פון די גליעדער און די חושים, בעווייזט עס. דאָס אויסבייטען דעם לערנען אויף אויסוועניג אויף לעקציאָנען וואָס ווערען געגעבען מינדליך און עקספּערימענטאל, ווי א שטייגער די למודים אויפ'ן פעלד און שפּיעל־פּלאץ, בעווייזט עס. דאָס אָבגעוועהנען זיך פון לערנען כללים און דער איינפיהר צו לערנען דורך פּרינציפּען — ד. ה. לאָזען די גענעראליזאציעס ביז וואנען די שילער האָבען די פּרטים, פון וועלכע זיי צו בויען — בעווייזט עס. דער סיסטעם פון „זאכען־אונטערריכט" בעווייזט עס. די מעטאָדע פון לערנען די עלעמענטען פון וויסענשאפט אין קאָנקרעט, אנשטאָט אין אבסטראקט, בעווייזט עס. און דערהויפּט בעווייזט זיך אָט די טענדענץ אין די אָנשטרענגונגען וואָס מען מאכט אויף אלערליי אופנים איבערצוגעבען די למודים אין צוציהענדע פאָרמען, כדי דאָס לערנען זאָל זיין אנגענעהם. וואָרים אזוי ווי עס איז דער נאטירליכער סדר ביי אלע בעשעפּעניסען, אז די צופרידענשטעלונג, וואָס קומט בעת דער ערפילונג פון די נויטיגע פונקציעס, דיענט גופא ווי א סטימול, אן אָנרעגונג, צו ערפילען די דאָזיגע פונקציעס — ווי א שטייגער דאָס פערגניגען, וואָס דאָס יונגע קינד האָט אין פערלויף פון זיין זעלבסט־ערציהונג אין בייסען זיינע קרעלען און צעררייסען אויף

שטיקלעך זיינע שפּיעלצייג, איז גופא דער אַרויסרופער פון טהאַטען, וועלכע לערנען איהם די אייגענשאַפטען פון מאַטעריע — איז דערפון געדרונגען, אַז ווען מיר קלייבען אויס כסדר די זאַכען און די אופנים פון אונטערריכט, וועלכע אינטערעסירען וואָס מעהר דעם תלמיד, ערפילען מיר יעמאָלט די געבאָטען פון דער נאַטור און פּאַסען־צו אונזערע גיינג צו די געזעצען פון לעבען.

אָט אַזוי, הייסט עס, געהען מיר אויפ'ן ברייטען וועג אַלץ נעהענטער גרייכענדיג די לעהרע, וועלכע איז שוין אַ לאַנגע צייט צוריק דערקלערט געוואָרען פון פּעסטאַלאָצי, אַז די ערציהונג, סיי אין איהר אָרדנונג, סיי אין איהרע מעטאָדען, מוז שטימען מיט דעם נאַטירליכען פּראָצעס פון דער גייסטיגער ענטוויקלונג: אַז עס איז פאַראַן אַ געוויסער סדר אין וועלכען די פעהיגקייטען ענטוויקלען זיך פון־זיך, און אויך אַ געוויסער סאָרט וויסען, וואָס יעדער חוש פאָדערט אין פערלויף פון זיין ענטוויקלונג; און אַז אונזער עובדא איז אויסצוגעפינען אָט דעם סדר און בעזאָרגען אָט דעם למוד. די אַלע פערבעסערונגען וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָהנט, זענען טיילווייזיגע אָנווענדונגען פון אָט דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ. אַ טונקעלער בעגריף דערפון הערשט איצט צווישען די לעהרער, און די ווערק איבער ערציהונג דריקען אויף דעם וואָס־פון־טאָג מעהרער. „די מעטאָדע פון דער נאַטור איז דער מוסטער־טיפּ פון אַלע מעטאָדען“, זאָגט הערר מאַרסעל. „דאָס לעבענס־פּרינציפּ פון אונזערע בעשטרעבונגען איז צו געבען דעם תלמיד די מעגליכקייט זיך אַליין ריכטיג צו אונטערריכטען“, שרייבט הערר וויִיז. וואָס מעהר די וויסענשאַפט מאַכט אונז בעקאַנט מיט דעם געביי פון זאַכען, אַלץ מעהר זעהען מיר אין זיי אַן איינגעבאָרענע גאַנצקייט אין־זיך. אַ העכערעס וויסען ברייִנגט אונז שטענדיג־מיט צו בעגרעניצען אונזער אַריינמישען זיך אין די פּראָצעסען פון לעבען. פּונקט ווי אין דער מעדיצין האָט די אַלטע מעטאָדע פון „העראָאישער בעהאַנדלונג“ אָבגעגעבען איהר פּלאַץ דער מילדער בעהאַנדלונג, און אָפט ווערט איצט גאָר קיין בעהאַנדלונג ניט געגעבען אחוץ שטעלען אויף אַ נאָרמאַלען רעזשים; פּונקט ווי מיר האָבען אויסגעפונען, אַז עס איז ניט נויטיג צו פורעמען די קערפּערלעך פון ניי־געבאָרענע, איינבאַנדאַזשירען זיי ווי פּאַפּוזשיקלעך אָדער אויף אַנדערע פּאַסאָנען ;

פונקט ווי מען געפינט איצט אוים אין די תפיסות, אז קיין פער־שפּיצטע דיסציפּלין האָט ניט אזא רעפאָרמירענדע ווירקונג אויף די געפאַנגענע, ווי די נאַטירליכע דיסציפּלין פון לאָזען זיי אליין פער־דיענען אויף זייער לעבען דורך פּראָדוקטיווע ארבייט: אזוי געפינען מיר אויך אין דער ערציהונג, אז א פּעולה קען מען האָבען נור דאַן, ווען מיר שטעלען אונזערע מיטלען און מעטאָדען אין דיענסט ביי דער פון־זיך׳דיגער פונאנדערוויקלונג, וועלכע אלע מוחות מאַכען דורך אין זייער פּראָגרעס פון אָנהויבען וואקסען ביז צו צייטיגקייט.

עס פערשטעהט זיך, אַז דער פונדאמענטאַלער פּרינציפּ פון אונטערריכט, אז די איינאָרדנונג פון דעם ענין הלמוד און פון דער מעטאָדע מוז שטימען מיט׳ן סדר פון פון ענטוויקלונג און מיט׳ן אופן פון טהעטיגקייט פון די פעהיג־קייטען — א פּרינציפּ, וועלכער איז אזוי פון אויבען־אויף ריכטיג, אז מען דארף איהם נור ארויסזאָגען, בעווייזט זיך שוין זיין ריכ־טיגקייט כמעט פון זיך אליין — איז אייגענטליך קיינמאָל ניט געווען אין גאַנצען פעראכטעט. לעהרער האָבען אונפערמיידליך אלעמאָל געזעהען, אז זייערע שוהל־קורסען זאָלען וויפיעל־ניט־איז שטימען מיט דעם פּרינציפּ, מחמת דעם פשוט׳ען טעם וואָס אויף אנאנדער אופן קען ניט זיין קיין ערציהונג. מען האָט קיינמאָל ניט געלערנט מיט יונגלעך דעם דרייער־רעגעל, איידער זיי האָבען געלערנט חבור. מען האָט זיי ניט אוועקגעזעצט שרייבען קאָמפּאָזיציעס, איידער זיי האָבען געקענט נאָכשרייבען נאָך אַן אַפּיהר. מען האָט אלעמאָל פריהער געלערנט אייקליד, איידער מען האָט זיי געלערנט קאָנישע סעקציעס. דער פעהלער אָבער פון די אלטע מעטאָדען בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי אָנערקענען ניט בפרט דעם אייגענעם פּרינציפּ, וועל־כען זיי זענען געצוואונגען אָנצוערקענען בכלל. און דער פּרינציפּ איז דאָך אָנגעמאָסטען אויף אלע פּרטים גלייך אומעדום. אויב עס מוז אוועקגעהן יאָהרען פון דער צייט וואָס א קינד קען בעגרייפען די שיכות פון צוויי זאכען אין א געוויסער פּאָזיציע, ביז ער קען זיך מאַכען אַן אמת׳ן בעגריף פון׳ם גאַנצען ערד־קוגעל, וואָס בעשטעהט פון יבשה און ימים, און איז בעדעקט מיט בערג, וועלדער, טייכען און שטעדט, וואָס דרעהט זיך ארום איהר אַקס און פליהט ארום דער זון — אויב ער גרייכט פון איין בעגריף צו דעם אנדערן שטו־

פּענווייז, און יעדער ווייטערדיגער בעגריף וואָס ער מאַכט זיך איז כסדר אַלץ גרעסער און מעהר קאָמפּליצירט — איז עס דען ניט קלאָר, אַז עס איז פאַראַן אַן אַלגעמיינער סדר פון פריהער און שפּעטער, וועלכען דאָס קינד מוז דורכמאַכען? איז עס דען ניט קלאָר, אַז יע־דער בריימערער בעגריף ווערט געמאַכט דורך אַ פערבינדונג פון קלענערע בעגריפען, אויף וועלכע ער בעציהט זיך? אַז פאַרשטעלען פאַר'ן קינד איינעם פון אָט די צונויפגעשטעלטע בעגריפען, איידער ער בעזיצט די טיילען וואָס שטעלען איהם צונויף, איז אַן אומזין, וואָס איז נור אַ ביסעל קליגער פאַר דעם אומזין פון געבען אַ קינד דעם גאַנץ לעצטען בעגריף פון אַ גאַנצער רייה, אַפריהער איידער דעם גאַנץ ערסטען? אין דעם בעהערשען פון וועלכען עס איז געגענשטאַנד, מוז מען דורכגעהן אַ קורס פון וועניגער קאָמפּליציר־טע ביז אַלץ מעהר און מעהר קאָמפּליצירטע אידעען. די ענטוויקלונג פון די ענטשפּרעכענדע פעהיגקייטען בעשטעהט אין זייער פער־נעהמען די דאָזיגע אידעען, וואָס עס איז אין אַ ריכטיגען זין אונ־מעגליך, סיידען מען לעגט זיי אַריין אין קאָפּ אין אַ נאָרמאַלען סדר. וואָרים ווען מען פאָלגט ניט אָט דעם סדר, איז דער פועל יוצא, אַז דאָס קינד נעהמט זיי אויף אָהן אַ געפיהל אָדער ווידערוויליג; און אויב דער תלמיד איז ניט גענוג אינטעליגענט אַליין שפּעטער אָנ־צופילען די לעדיגע ערטער, בלייבען די למודים ליעגען אין זיין זכרון ווי טוידטע פאַקטען, פון וועלכע מען קען זעהר וועניג אָדער גאָר קיין געברויך ניט מאַכען.

„אויב אָבער יאָ אַזוי, קען מען פרעגען, איז נאָך וואָס גאָר אין גאַנצען זיך דרעהען דעם קאָפּ וועגען אַ סדר הלמודים? אויב עס איז אמת, אַז דער גייסט ווי דער קערפּער האָט אַ פון־פריהער בע־שטימטען גאַנג פון ענטוויקלונג; אויב ער וויקעלט זיך פונאַנדער פון־זיך; אויב זיינע כסדר'דיגע פערלאַנגען נאָך דעם אָדער יענעם סאָרט ידיעות וואַקסען אַרויס בעת זיי זענען, יעדער אין זיין צייט, נויטיג פאַר זיין ערנעהרונג; אויב עס געפינט זיך אויף דעם אופן אין איהם גופא אַ דערמאָנער, וואָס רופט אַרויס דעם ריכטיגען סאָרט טהעטיגקייט אין דער ריכטיגער צייט—איז צו וואָס אַריינמישען זיך אַזוי צי אַזוי? פאַר וואָס ניט לאָזען די קינדער **גאָר אין גאַנ־צען** אין די הענד פון דער נאַטור־דיסציפּלין? פאַר וואָס זאָל אונזער

טעאָריע ניט אויסהאַלטען דורכאוים גלייך?" — אין פלוג איז עס אַ גאַנץ הארבליכע קשיא. צופיהרענדיג דעם געדאנק מיט אַ פּנים פון ריכטיגקייט צו דעם פונקט, אז די לאָגישע פאָלגע פון די לעהרען וואָס זיינען דערקלערט געוואָרען, איז אַ סיסטעם פון פאַלשטענדיגען „לעסעי־פער" (לאָז געהן ווי עס געהט), קוקט עס אויס, ווי די קשיא בעווייזט זייער פאַלשקייט, ברייגנענדיג זיי ביז צום אונזין (רעדוקציאָ אַד אבסורדום). אין אמת'ן אָבער, ווען ריכטיג פערשטאַנען, פיהרען אונז גאָר ניט די דאָזיגע לעהרען אַנצונעהמען אזא אונמעגליכע פּאָזיציע. אַ בליק אויף די פערגלייכען מיט'ן פיזישען וואקסען וועט עס קלאָר בעווייזען. עס איז אַן אַלגעמיין געזעץ פון אַלע פאָרמען פון לעבען, אַז וואָס מעהר קאָמפּליצירט אַן אָרגאַניזם איז, אַלץ אַ לענגערע צייט איז ער אָבהענגיג אין זיין שפּייז און בעשיצונג פון דעם אָרגאַניזם פון זיין מוטער. דער קאָנטראַסט צווישען דאָס פּיצעל זוימען־צווייגעל פון אַ קאָנפערוואַ (אַ קליין וואסער־פּלאַנץ), וואָס פאָרמירט זיך שנעל און בעוועגט זיך זעלבסט, און דער לאַנגזאַם־ענטוויקעלטער זריעה פון אַ בוים, מיט איהרע פּיעל־פאַכיגע צודעקונגען און גרויסען פאָרראַטה פון נאַהרונג, וואָס איז אָבגעלעגט געוואָרען צו שפּייזען די זריעה אין פערלויף פון איהרע ערסטע שטופען פון וואַקסען, אילוסטרירט אָט דעם געזעץ בנוגע צו דער פּלאַנצען־וועלט. ביי די אָרגאַניזמען פון לעבעדיגע ברואים קענען מיר אויספיהרען דאָס דאָזיגע געזעץ אין אַ רייה פון קאָנטראַסטען, אָנהויבענדיג פון דער מאָנאַדע, וועמעס פון־זיך צערטיילטע העלפטען זיינען אין דעם מאָמענט נאָך זייער צוטיילונג פונקט אזוי זעלבסטשטענדיג ווי די פריהערדיגע גאַנצע; ביז צום מענשען, וועמעס קינד מוז דורכמאַכען אַ פערלענגערטע ענטוויקלונג אין דער מוטער'ס לייב, און איז נאָכהער לאַנג אָבהענגיג אין זיין חיונה אויף דער מוטער'ס ברוסט. און ניט נור אַלס זויגלינג, נור אויך שפּעטער מוז דאָס קינד קריגען קינסטליך־צוגעגרייטע שפּייז; און אפילו נאָכדעם ווי עס האָט זיך אויסגעלערנט אליין צו עסען, מוז מען איהם בעזאָרגען מיט ברויט, קליידונג און בעשיצונג, און עס גרייכט ניט די קראַפט פון פאָלשטענדיגער זעלבסט־ערהאַלטונג ביז אונגעפעהר פונפצעהן אָדער צוואַנציג יאָהר נאָכ'ן געבורט. נון, דאָס דאָזיגע געזעץ בעציהט זיך אויפ'ן גייסט אזוי

גוט ווי אויפ'ן קערפער. פאר זיין גייסטיגער שפייז איז יעדע העכער־רע בריאה, און ספעציעל דער מענש, אויך צוערסט אבהענגיג פון דער הילף פון די דערוואקסענע. ווען עס האט נאך ניט די פע־היגקייט ארומצוגעהן, איז דאס קליין קינד פונקט אזוי מאכטלאז צו בעקומען די מאטעריאלען אויף וועלכע אויסצואיבען זיינע חושים, ווי עס איז מאכטלאז צו בעקומען עסנגווארג פאר זיין מאגען. אזוי ווי ער איז ניט בכח צו־צוגרייטען זיינע אייגענע שפייז, אזוי אויך האט ער ניט ביכולת צו ברייגגען פיעלערליי וויסענס אין דער פאסיגער פארם וואס ער זאל קענען פערנעהמען. די שפראך, צב"ש, דורך וועלכע ער וועט קענען געווינען אלע העכערע וואהרהייטען, בעקומט ער אין גאנצען פון די ארומיגע מענשען. און מיר זעהען טאקי אין אזא ביישפיעל ווי פון „דעם ווילדען יונגעל פון אוועי־ראן", אז די ענטוויקלונג שטעלט זיך אב, ווען מען קריגט ניט קיין הילף פון עלטערן אדער אנדערע אויפפאסער. הייסט עס, אז אין דעם בעזארגען פון טאג צו טאג מיט דעם ריכטיגען סארט פאקטען, צוגעגרייט אויפ'ן ריכטיגען אופן, און געבענדיג זיי בשופע אין דער ריכטיגער צייט, איז דא פונקט אזוי פיעל פלאץ אקטיוו צו טהון עפעס פאר'ן קינד'ס גייסט, אזוי גוט ווי פאר זיין קערפער. די הויפט פונקציע פון עלטערן אין אט די ביידע פעלען איז צו זעהען, עס זאלען זיין די נויטיגע אומשטענדען, וואס פאר־דערן זיך פאר'ן קינד'ס וואקסען. און פונקט אזוי ווי זיי קענען בע־זארגען פאר איהם שפייז, קליידער און וואהנונג, און בעת מעשה א האר ניט שטערען זיין נאטירליכע ענטוויקלונג פון די גליעדער און אינוועניגסטע ארגאנען, ניט אין זייער סדר און ניט אין זייער פארם; אזוי קענען זיי אויך בעזארגען קלאנגען, וועלכע ער זאל קענען נאכמאכען, זאכען וועלכע ער זאל קענען אונטערזוכען, ביכער צום לעזען, פראבלעמען צו פערענטפערען, און דערביי, אויב זיי געברוי־כען ניט קיין דירעקטען אדער אינדירעקטען צוואנג, אויף קיין אופן ניט שטערען דעם נארמאלען פראצעס פון גייסטיגער ענטוויקלונג, אדער ריכטיגער, נאך זעהר פיעל העלפענדיג אפילו דעם דאזיגען פראצעס. איז דעריבער, ווען מען איז מודה אין די לעהרען, וואס זענען פריהער דערקלערט געווארען, מיינט גאר ניט, ווי אייניגע קענען ארגומענטירען, אז מען מוז אויפגעבען יעדע פארם פון אונ־

טערריכט; נור עס בלייבט גאַנץ גענוג פּלאַץ פאַר אַן אַקטיווען און אויסגעאַרבייטען קורס פון בילדונג.

אריבערגעהענדיג פון די אַלגעמיינהייטען צו די בעטראַכטונ־גען פון די פּרטים, דאַרף מען בעמערקען, אַז דער פּעסטאַלאַצישער סיסטעם שיינט קוים צו האָבען דערפיעלט אויף דער פּראַקטיקע די פערשפּרעכונגען פון זיין טעאָריע. מיר הערען וועגען קינדער, וואָס זענען גאָר אין גאַנצען ניט פּעראינטערעסירט אין זייערע למודים, וואָס די למודים זענען גאָר נמאס געוואָרען די קינדער; און ווי ווייט מיר קענען אויסגעפינען, זעהען מיר ניט, אַז די פּעס־טאַלאָצישע שוהלען זאָלען האָבען אַרויסגעגעבען עפּעס אַן אונגע־וועהנליכע פּראָפּאָרציע פון בעריהמטע מענער, אויב זיי האָבען אפילו געגרייכט דעם דורכשניט. עס איז פאַר אונז ניט קיין איי־בערראַשונג. דער ערפאָלג פון יעדען מיטעל הענגט מעהרסטענטיילס אָב פון'ם שכל ווי מען געברויכט איהם. עס איז אַן אַלטעגליכע בע־מערקונג, אַז אפילו מיט די בעסטע געצייג וועט א ניט־געניטער בעל מלאכה פערדאַרבען זיין אַרבייט, און שלעכטע לעהרער וועלען ניט האָבען קיין פעולה אפילו מיט די בעסטע מעטאָדען. אין פאַקט, אין אַזאַ פאַל ווערט די גוטסקייט גופא פון דער מעטאָדע אַן אורזאַך פון דעם דורכפאַל; אַקוראַט ווי די פאָלקאָמענהייט פון דאָס געצייג, אָנהאַלטענדיג ווייטער דעם פערגלייך, איז אין ניט־געניטע הענד אַליין די סבה פון די ניט־פאָלקאָמענע רעזולטאַטען. אַן אייניפאַכע, ניט־געענדערטע, כמעט מעכאַנישע מעטאָדע פון לערנען קען אַנגעפיהרט ווערען פון מענשען מיט א גאַנץ געוועהנ־ליכען שכל און ברייגען די קליין ביסעל נוצען, וואָס זי האָט בכח צו ברייגען. אָבער א פאָלשטענדיגער סיסטעם—א סיסטעם, וועל־כער איז אַזוי פערשיידענאַרטיג אין זיינע אָנווענדונגען, ווי דער פערשטאַנד איז פערשיידענאַרטיג אין זיינע פעהיגקייטען — א סיס־טעם וואָס האָט א ספּעציעלען מיטעל פאַר יעדען ספּעציעלען צוועק, פאָדערט אַזוינע כחות אויף איהם ריכטיג צו בענוצען, וואָס נור וועניג לעהרער פערמאָגען. די לעהרערקע פון א טעכטער־שוהל קען געבען שטונדען אין אויסלעגען; יעדער דרדקי מלמד קען אריינ־פויקען די קינדער די כפל־טאַבעלע; אָבער לערנען אויסלעגען ווי עס דאַרף צו זיין, געברויכענדיג די קראַפט פון די בוכשטאַבען אַנ־

שטאַט זייערע נעמען, אָדער געבען אונטערריכט אין די צאָהל־קאָמבינאַציאָנען דורך עקספּערימענטאַלען סינטעז, דערויף דאַרף מען שוין האָבען אַ ביסעלע פערשטאַנד: און אויסצוהאַלטען אַזאַ ראַציאָנאַלע מעטאָדע דורך דעם גאַנצען שטודיר־קורס, פאָדערט זיך אַזויפיעל אורטיילס־קראַפט, ערפינדונג, אינטעלעקטועלע סימפּאַטיע און אַנאַליטישע פעהיגקייט, אַז מיר האָבען מורא מיר וועלען עס קיינמאָל ניט זעהען אָנגעווענדעט, כל זמן דעם לעהרער'ס אַרבייט וועט ווערען אַזוי וועניג געשעצט. אַן אמת'ע ערציהונג קען אויסגעפיהרט ווערען נור פון אַן אמת'ן פילאָסאָף. היינט אורטיילט, וואָס פאַר אויסזיכטען עס זענען איצט פאַראַן צו פּראַקטיצירען אַ פילאָסאָפישע מעטאָדע! מיט די וועניג קענטניס וואָס מיר האָבען אין פּסיכאָלאָגיע, און מיט דער אונוויסענהייט פון אונזערע לעהרער אין דאָס ביסעל אפילו וואָס מיר קענען—וואָס פאַר אויסזיכטען קען האָבען אַ סיסטעם, וואָס פאָדערט פּסיכאָלאָגיע אַלס זיין גרונדלאַגע?

נאָך אַ ווייטערדיגע שטערונג און ענטמוטיגונג איז אויסגעוואַקסען פון דעם וואָס מען האָט צונויפגעמישט דעם פעסטאַלאָצישען פּרינציפּ מיט די פאָרמען, אין וועלכע ער איז פערקערפּערט געוואָרען. דערפאַר וואָס בעשטימטע פּלענער האָבען ניט פערווירקליכט אונזער ערוואַרטונג, האָט מען געוואָרפען אַן אום־חן אויף די לעהרע וואָס איז פערבונדען מיט זיי—ניט נאָכפרעגענדיג זיך צי האָבען גאָר די פּלענער באמת געשטימט מיט דער דאָזיגער לעהרע. אַזוי ווי מענשען אורטיילען געוועהנליך גיכער לויט דעם קאָנקרעטען פאַל איידער לויט דעם אַבסטראַקטען, האָבען זיי אַרויפגעוואָרפען די שולד אויף דער טעאָריע צוליב די פעהלערען פון דער פּראַקטיקע. עס קומט אויס פונקט ווי מען וואָלט וועלען איבערצייגען אַז דאַמפּף קען ניט געברויכט ווערען אַלס בעוועגונגס־קראַפט, ווייל די ערסטע פּראָבע אויפצובויען אַ דאַמפּף־מאַשין איז ניט געווען קיין געלונגענע. זאָל מען שטענדיג האָבען אין זינען, אַז גערעכט ווי פעסטאַלאָצי איז געווען אין זיינע גרונד־אידעען, האָט ער דאָך ניט געמוזט זיין גערעכט אין אַלע זיינע אָנווענדונגען פון זיי: און מיר גלויבען אַז דער פאַקט איז, אַז ער איז טאַקי אָפט געווען אומגערעכט. אפילו ווי זיינע בעוואונדערער בעשרייבען

איהם, איז פעסטאלאַצי געווען א מאַן מיט טיילווייזע קענטניסען— ער איז מעהר געווען א מאַן, וואָס האָט אָפט געקענט אריינקוקען אין דער נשמה, איידער א מאַן פון סיסטעמאַטישען דענקען. זיין ערסטען גרויסען ערפאָלג אין סטאַנץ האָט ער געמאַכט בעת ער האָט ניט געהאַט קיין ביכער אָדער אַנדערע מיטלען פון געוועהנלי־כען אונטעררִיכט, און ווען „זיין איינציגער צוועק איז געווען אויס־צוגעפינען אין יעדען מאָמענט אין וואָסער לִמוד זיינע קינדער האָ־בען זיך ספּעציעל געגוּיטיגט, און וואָס איז בעת מעשה געווען דער בעסטער וועג ווי צו פערבינדען יענעם לִמוד מיט די קענטעניסען וואָס זיי האָבען שוין געהאַט". א גרויסער טייל פון זיין קראַפט איז געקומען ניט פון רוהיג־בעקלערטע בילדונגס־פּלענער, נור פון זיין טיעפער סימפּאַטיע, וועלכע האָט איהם געגעבען א שנעלע השגה וועגען די קינדערשע נויטען און שוועריגקייטען. עס האָט איהם געפעהלט די פעהיגקייט לאָגיש צונויפצובינדען און ענט־וויקלען די ווארהייטען, וואָס ער האָט אויף דעם אופן פון צייט צו צייט בעגריפען, און ער האָט דאָס אין א גרויסען טייל געמוזט איבערלאָזען פאַר זיינע אַסיסטאַנטען, ק ר ו ע ז י, ט אָ ב ל ע ר, ב ו ס, נ י ע ד ע ר ע ר און ש מ י ד. דער רעזולטאַט איז, אַז זיינע אייגענע פּלענער און די וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אַנשטאָט זיי, ענטהאַלטען אין זייערע פּרטים פיעלע פונקטען, וואָס זענען ניט רייף און וואָס זענען סותר איינע די אַנדערע. זיין קינ־דער־שטוב מעטאָדע, וועלכע איז בעשריבען אין דעם „האַנדבוך פאַר מוטערס", וואָס פאַנגט זיך אָן מיט די נעמען פון פערשיעדענע טיילען פון קערפּער, און גיט זייער פּאָזיציע און ישיכות איינע צו די אַנדערע, און דערנאָך זייערע פערבינדונגען, — קען מען בעווייזען, איז גאָר ניט אין איינקלאַנג מיט די ערשטע שטופען פון גייסטיגער ענטוויקלונג. זיין אַרט פון לערנען די מוטער־שפּראַך דורך פאָרמאַלע איבונגען אין די בעדייטונגען פון די ווערטער און אין דעם געביי פון די זאַצען, איז א גאַנץ איבעריגער און מוז גורם זיין דעם תּלמיד א פערלוסט פון צייט, ארבייט און גליק. זיינע פאָרגעשלאָגענע שטונדען אין געאָגראַפיע זענען גאָר אין גאַנצען ניט פעסטאַלאָציש. אָפט טרעפט אַז וואו זיינע פּלענער זענען בעצם ריכטיג, זענען זיי ענטוועדער ניט פאָלשטענדיג, אָדער פערדאָרבען

דורך עפּעס אַן איבערגעבליעבענעם טייל פון דעם אַלטען רעזשים. אין דערזעלבער צייט, דעריבער, וואָס מיר זענען פערטיג צו פערטיידיגען אַזוי ווייט ווי זי געהט, די אַלגעמיינע לעהרע, וועלכע פּעסטאַלאָצי האָט איינגעפיהרט, האַלטען מיר אַז עס קענען אַרויסקומען זעהר שלעכטע פאָלגען, ווען מען זאָל אָהן קריטיק אָננעהמען זיינע ספּעציעלע מעטאָדען. די טענדענץ, וואָס די מענשהייט ווייזט תמיד אַרויס, צו פערהייליגען אינאיינעם מיט יעדער גרויסער וואַרהייט וואָס איז איהר געגעבען געוואָרען, אויך איהרע פאָרמען און פּראַקטישע אויספיהרונגען; די גענייגטקייט פון די מענשען צו לאָזען זייער שכל זיך קניהען פאַר דעם נביא און שווערען ביי זיין יעדען וואָרט; זייער געוועהנהייט אָנצונעהמען על פּי טעות דעם מלבוש פון דער אידעע פאַר דער אידעע גופא — מאַכט עס נויטיג מען זאָל דאָ שטאַרק דריקען אויף דעם אונטערשייד צווישען דעם גרונדפּרינציפּ פון דעם פּעסטאַלאָצישען סיסטעם און די מיטלען וואָס זענען בעשטימט געוואָרען פאַר זיין פּראַקטישער דורכפיהרונג; און מען זאָל אָנווייזען, אַז בעת דער פּרינציפּ מעג בעטראַכט ווערען אַלס בעשטעטיגט, זענען די פּראַקטישע פּלענער וואַהרשיינליך נישט מעהר ווי שאָטען־שטריכען פון דאָס וואָס אַ נאָרמאַלער קורס דאַרף זיין. אין דער אמת'ן, ווען מיר טהוען אַ קוק אויף דעם צושטאַנד פון אונזערע קענטעניס, קענען מיר זיין זיכער, אַז די זאַך איז טאַקע אַזוי. איידער מען קען בריינגען דעם כאַראַקטער און איינאָרדנונג פון אונזערע ערציהונגס־מעטאָדען אין האַרמאָניע מיט דעם אופן און סדר, אין וועלכען די פעהיגקייטען וויקלען זיך פונאַנדער, מוז מען דאָך אַפריהער וויפיעל ניט איז פאָלשטענדיג פעסטשטעלען ו ו י א ז ו י די פעהיגקייטען וויקלען זיך פונאַנדער. אונזער וויסען אָבער וועגען דעם פונקט בעשטעהט דערווייל נור פון עטליכע אַלגעמיינע בעגריפען. אָט די אַלגעמיינע בעגריפען מוזען ענטוויקעלט ווערען אין זייערע פּרטים; זיי מוזען איבערגעאַרבייט ווערען אין אַ גאַנצע מאַסע ספּעציעלע פאָרשלאַגען, איידער מיר קענען זאָגען אַז מיר בעזיצען די ו ו י ס ע נ ש אַ פ ט, אויף וועלכער די ק ו נ ס ט פון ערציהונג קען בעגרינדעט ווערען. און דאַן, ווען מיר האָבען בעשטימט אויסגעפונען אין וועלכען סדר און אין וועלכע קאָמבינאַציעס די גייסטיגע קרעפטען ווערען טהעטיג, מוז

מען אויסקלייבען פון די פיעלע מעגליכע וועגען, אויף וועלכע יעדע איינע פון זיי קען אויסגעאיבט ווערען, יענעם אופן, וועלכער פאסט אם בעסטען צו איהר נאטירליכער פארם פון טהעטיגקייט. עס איז דעריבער גאנץ קלאר, אז מען קען ניט מיינען אפילו אויף אונזערע העכסט־פארטגעשריטענע מעטאדען פון אונטערריכט, אז זיי זענען די ריכטיגע אדער קרוב צו די ריכטיגע.

ווען דער לעזער וועט, אלזא, האלטען אין זינען את דעם אונ־טערשייד צווישען דעם פעסטאלאציישען פרינציפ און זיין פראקטיקע, און וועט פערשטעהן פון די אנגעגעבענע טעמים, אז די לעצטע מוז על פי נויט זיין זעהר פעהלערהאפטיג, וועט ער יעמאלט קענען ריכ־טיג אבשאצען דעם ווערטה פון דער אונצופריעדענהייט, וואס איי־ניגע האבען אויסגעדריקט מיט דעם סיסטעם, און וועט איינזעהען, אז די פערווירקליכונג פון דער פעסטאלאציישער אידעע דארף נאך ערשט אויפגעטהון ווערען. זאל ער אבער וועלען טענה'ן, אויפ'ן סמך פון דאס וואס מיר האבען אקארסט געזאגט, אז אזא פערווירק־ליכונג איז ביי היינטיגען טאג גאר ניט מעגליך, און בכן דארף מען בעסער אנווענדען אלע כחות אויף די פארברייטענדע אונטערזוכונגען; ענטפערן מיר, אז הגם א פאלקאמענער פלאן פון בילדונג איז ניט מעגליך, ניט לויט'ן עצם און ניט לויט דער פארם, ביז וואנען עס וועט ניט פעסטגעשטעלט ווערען א ראציאנאלע פסיכאלאגיע, איז אבער מיט דער הילף פון געוויסע לייטענדע פרינציפען עמפיריש יא מעגליך צו־צוטרעטען נאהענט צו א פאלקאמענער מעטהאדע. כדי צו־צוגרייטען דעם וועג פאר ווייטערדיגע פארשונגען, וועלען מיר איצט פארברייגען את די פרינציפען. איינינע פון זיי זענען שוין מעהר אדער ווענינער דייטליך געוועזן אויסגעשפראכען אין די פאריגע זייטען; דאך דענקען מיר, אז ס'איז רעכט צו ברייננען זיי דא אלעמען אין לאגישער ארדנונג.

1. אז אין דער ערציהונג דארף מען געהן פון איינפאכע זאכען צו פיעלפאכע, איז א ווארהייט לויט וועלכער מען האט ביז א גע־וויסען גראד אלעמאל געהאנדעלט: אמת, ניט קלאר אויסגעשפראכען און אויך בשום אופן ניט אויסגעהאלטענערהייט. דער גייסט ענט־וויקעלט זיך. ווי אלע זאכען וואס ענטוויקלען זיך, פראגרעסירט ער פון אן איינארטיגען צושטאנד צו א פערשיעדענארטיגען; און אזוי

ווי א נאָרמאַלער ערציהונגס־סיסטעם איז דער אָביעקטיווער געגענ־טייל פון אַט דעם סוביעקטיווען פּראָצעס, מוז ער ארויסווייזען אַן עהנליכען פּראָגרעסיווען גאַנג. נאָך מעהר, ערקלעהרענדיג עס אויף אַט דעם אופן קענען מיר איינזעהען, אַז אַט די פאָרמולע האָט אַ פיעל ברייטערע אַנווענדונג איידער מען זעהט עס אויפ׳ן ערשטען אָנבליק. וואָרים דער שכל פון דער זאַך איז מחיב ניט נור אַז מיר מוזען געהן פון די איינצעלנע צו די צונויפגעבונדענע זאכען ביי דעם למוד פון יעדען בעזונדערן צווייג פון קענטעניס, נור אַז מיר דאַרפען טהון דאָס אייגענע מיט אַלע קענטעניסען בכלל. אַזוי ווי דער פערשטאַנד, וואָס בעשטעהט צוערשט בלויז פון עטליכע טהעטיגע פעהיגקייטען, רופט ארויס די פעהיגקייטען וואָס ווערען שפּעטער פערטיג איינע נאָך די אַנדערע, ביז צולעצט ארבייטען ביי איהם אַלע פעהיגקייטען אין איין צייט; אַזוי, פאָלגט דערפון, דאַרף אונזער אונטעררייכט אויך אָנפאַנגען בלויז מיט עטליכע ענינים אויף אַמאָל, און כסדר צולענענדיג אַלץ מעהר למודים, דאַרף ער צולעצט אָנפיהרען אַלע למודים אינאיינעם. די ערציהונג דאַרף געהן פון איינפאַכען צום פיעלפאַכען ניט נור אין איהרע דעטאַלען (פּרטים), נור אויך אין איהר א נ ס א מ ב ל, אין איהר גאַנצער דורכ־פיהרונג.

2. די ענטוויקלונג פון׳ם פערשטאַנד, ווי אַלע אַנדערע ענט־וויקלונגען, איז אַ פאָרווערטסגאַנג פון דעם אונבעשטימטען צו דעם בעשטימטען. דער מאַרך, אינאיינעם מיט די איבעריגע טיילען פון׳ם אָרגאַניזם, גרייכט די פערענדיגונג פון זיין געביי ערשט ווען דער קערפּער איז שוין אין גאַנצען אויסגעוואַקסען; און לפי ערך וואָס זיין געביי איז נאָך ניט פערענדיגט, זענען זיינע טהעטיגקייטען נאָך ניט גענוי און פּינקטליך. דעריבער זענען די ערשטע געדאַנקען און פערנעהמונגען פון שכל, פּונקט ווי די ערשטע בעוועגונגען און די ערשטע פּרובען פון דער שפּראַך, נאָך זעהר אונבעשטימטע. אַזוי ווי פון דעם אָנהויב־אויג, וואָס זעהט נור דעם חלוק צווישען ליכט און פינסטערניש, איז דער פאָרווערטסגאַנג צו אַן אויג, וואָס אונ־טערשיידט די סאָרטען און שאַטירונגען פון פאַרבען און די איינ־צעלהייטען פון פאָרם מיט דער גרעסטער גענויקייט; אַזוי אויך דער פערשטאַנד, אין גאַנצען גענומען און אין יעדער פעהיגקייט בעזונ־

דער, וועלכער פאנגט אָן מיט די פשוט'סטע חלוקים צווישען זאכען און האנדלונגען, פראָגרעסירט צו קענען מאכען חלוקים וואָס זענען אַלץ פיינער און קלעהרער. צו אָט דעם אַלגעמיינעם געזעץ מוזען זיך צופּאַסען דער גאַנג און די מעטאָדען פון אונזער ערציהונג. עס איז ניט פּראַקטיש, און עס וואָלט ניט געווען ווינשענסווערטה אפילו ווען עס זאָל זיין פּראַקטיש, אריינצוגעבען גענוי־בעשטימטע אידעען אין דעם אונענטוויקעלטען פערשטאַנד. מיר קענען ווירקליך אי־בערגעבען דעם יונגען קינד די ווערטער־פאָרמען, אין וועלכע די דאָזיגע אידעען זענען איינגעוויקעלט; און די לעהרער, וועלכע טהוען עס געוועהנליך, מיינען, אַז אויב די קינדער האָבען ריכטיג אויס־געלערנט אָט די ווערטער־פאָרמען, האָבען זיי שוין אויך אריינ־גענומען אין קאָפּ די אידעען וואָס דאַרפען אויספילען די פאָרמען. אָבער עס איז גענוג גאַנץ קורץ צו פערהערען דעם תלמיד, כדי צו איבערצייגען זיך אַז עס איז ניט אַזוי. עס לאָזט זיך אויס, אַז די ווערטער זענען ענטוועדער אַריינגענומען געוואָרען אין זכרון גאָר־נישט דענקענדיג, אָדער זעהר ווייניג דענקענדיג וועגען זייער בע־דייטונג; אָדער אַז דער בעגריף פון זייער בעדייטונג וואָס זיי האָ־בען בעקומען, איז זעהר אַ פערוואָלקענטער, אַ ניט־קלאָרער. נור בעת די וויעדערהאָלטע ערפאַהרונגען גיבען מאַטעריאַל פאַר קלאָרע בעגריפען; נור ווען די בעאָבאַכטונג פון איין יאָהר נאָך דעם אַנ־דערען דעקט אויף די ווייניגער־בולט'ע אייגענשאַפטען, וואָס אונ־טערשיידען זאַכען און פּראָצעסען, וועלכע מען האָט פריהער צו־נויפגעמישט אין איינעם; נור ווען יעדער קלאַס פון ערשיינונגען וואָס קומען צוזאַמען (קאָ־עקזיסטענצען) און פון ערשיינונגען וואָס קומען כסדר איינע נאָך די אַנדערע (סעקווענצען), ווערט בעקאַנט דורך די וויעדערהאָלונג פון די פעלען וואָס געהערען צו דעם קלאַס; נור יעמאָלט, ווען די פערשיעדענע קלאַסען פון שיכות'ן ווערען שאַרף אָבגעטיילט איינע פון די אַנדערע דורך געגענזייטיגע בעגרעניצונ־גען — קענען די גענויע דעפיניציאָנען פון העכערען וויסען באמת ווערען פערשטענדליך. מיר מוזען אין דער ערציהונג זיך אָט אַזוי בענוגענען אָנצוהויבען מיט ניט קיין פערטיגע בעגריפען. אָט די ניט־פערטיגע בעגריפען מוזען מיר זעהן ביסלעכווייז קלערער צו מאַכען, דורך דעם וואָס מיר פערגרינגערן די ערווערבונג פון אַזוינע

ערפאהרונגען, וועלכע פערריכטען צוערסט זייערע גרעסטע טעות'ן און דערנאָך די כסדר־וועניגער מערקליכע טעות'ן. און נור יעמאָלט קען מען געבען די וויסענשאפטליכע פאָרמולען, ווען די בעגריפען, וואָס זיי ענטהאלטען, זענען געוואָרען פאָלקאָמענע.

3. דער געדאנק, אז אונזער אונטעררינכט דארף זיך אָנהויבען פון קאָנקרעטע זאכען און ענדיגען מיט אבסטראקטע, קען בעטראכט ווערען ווי טיילוויין א ווידערהאָלונג פון דעם ערשטען פון די פריהערדיגע פּרינציפּען. פון דעסטוועגען איז עס א פּרינציפּ, וועלכען מען מוז דאָ אוועקשטעלען: אויב ניט צוליעב אנאנדער צוועק, מוז מען עס טהון מיט דער אבזיכט צו בעווייזען אין בעשטימטע פעלען, וואָס קען הייסען באמת איינפאך און וואָס איז קאָמפּליצירט. ווארים אונגליקליכערווייז זענען א סך מיספערשטענדענים פאָרגעקומען וועגען דעם פּונקט. מען האָט געמיינט, אז די אלגעמיינע פאָרמולען, וואָס מענשען האָבען אויסגעקלערט כדי אויסצודריקען גרופּען פון איינצעל־פאקטען, וועלכע האָבען איינפאכער געמאכט זייערע בעגריפען, פעראייניגענדיג א סך פאקטען אין איינעם, מוזען איינפאכער מאכען אויך די בעגריפען פון דעם קינד. זיי האָבען פערגעסען, אז א געגעראליזאציע איז נור איינפאך אין פערגלייך מיט דער גאנצער מאסע פון איינצעלנע ווארהייטען, וועלכע זי פאסט אום; אז זי איז אָבער מעהר קאָמפּליצירט פאר יעדער איינער פון די ווארהייטען, ווען מען נעהמט זיי איינצעלוויין; אז די גענעראליזאציע מאכט גרינגער דעם זכרון און העלפט דעם פערשטאנד נור יעמאָלט, ווען מען האָט שוין ערוואָרבען א סך פון אָט די איינצעלנע ווארהייטען, און אז פאר דעם פערשטאנד וואָס בעזיצט ניט אָט די איינצעלנע ווארהייטען, איז זי נויטיגערווייז גאָר א בעהאלטענער סוד. אָט אזוי צונויפמישענדיג צוויי סאָרטען פעראיינפאכונגען, האָבען די לעהרער תמיד געמאכט דעם פעהלער אָנהויבענדיג מיט „ערשטע פּרינציפּען“: א פיהרונג וואָס געהט בעצם, הגם ניט אויפ'ן אויסזעהען, להיפך צו דעם גרונדרעגעל, וועלכער איז מחיב, אז מען דארף בעקאנט מאכען דעם פערשטאנד מיט פּרינציפּען נור דורך די פערמיטלונג פון ביישפּיעלען, און אזוי דארף מען איהם פיהרען פון פרט צום כלל, פון די קאָנקרעטע צו די אבסטראקטע זאכען.

4. די ערציהונג פון קינד מוז שטימען אי אין פאָרם, אי אין איינאָרדנונג, מיט דער ערציהונג פון דער מענשהייט, היסטאָריש בעטראַכט. אין אַנדערע ווערטער: די ענטשטעהונג פון וויסען ביי דעם אינדיווידום מוז געהן דעמזעלבען וועג ווי די ענטשטעהונג פון וויסען ביי דער ראַסע. גענוי בעטראַכט קען מען זאָגען, אַז דער פרינציפּ איז שוין פריהער אויסגעדריקט געוואָרען על פּי סברא; וואָרים וויבאַלד זיי זענען ביידע פּראָצעסען פון ענטוויקלונג, מוזען זיי דאָך שטימען מיט די אַלגעמיינע געזעצען פון ענטוויקלונג, וואָס זענען אויבען אָנגעוויזען געוואָרען, און בכן מוזען זיי אויך שטימען איינע מיט די אַנדערע. פונדעסטוועגען האָט אָט די בעזונדערע בעטאָנונג פון דעם פערגלייך אַ ווערטה, צוליעב דער ספּעציעלער הדרכה וואָס זי קען אונז געבען. די מענשהייט, גלויבען מיר, האָט צו פערדאַנקען אָ ג י ו ס ט ק אָ נ ט פאַר אָנוויינען אויף דעם דאָזיגען פּאַראַלעל; און מיר קענען אָננעהמען אָט דעם פּרט פון זיין פילאָסאָפיע, לגמרי זיך ניט אונטערשרייבענדיג אונטער די איבעריגע געדאַנקען. די לעהרע קען ווערען אונטערשטיצט פון צוויי טעמים, גאַנץ אונאָבהענגיג פון אַ וועלכער עס איז אַבסטראַקטער טעאָריע; און יעדער איינער פון די טעמים איז גענוג איהר צו בעפעסטיגען. איינער קען אַרויסגעבראַכט ווערען פון דעם געזעץ פון פערערבונג, בעטראַכטענדיג עס אין זיינע ברייטערע פאָלגען. וואָרים אויב עס איז אמת, אַז מענשען ווייזען אַרויס אַן עהנליכקייט צו זייערע אורעלטערן אי אין אָנבליק, אי אין כאַראַקטער — אויב עס איז אמת, אַז געוויסע גייסטיגע ערשיינונגען, ווי משוגעת, קומען פאַר דורות נאָכאַנאַנד אין די מיטגליעדער פון דערזעלביגער פאַמיליע אין דעמזעלביגען עלטער; אויב, אויסלאָזענדיג אינדיווידועלע פעלען, ביי וועמען די שטריכען פון פיעלע טוידטע אורעלטערן, וואָס מישען זיך דורך מיט די שטריכען פון איינינגע לעבעדיגע, פערדעקען דאָס דאָזיגע געזעץ, נעהמען מיר די נאַציאָנאַלע טיפּען און בעמערקען ווי די קאָנטראַסטען צווישען זיי האַלטען זיך פעסט פון דור אויף דור —— ווען מיר געדענקען, אַז די אַלע בעזונדערע טיפּען זענען געקומען פון אַ געמיינשאַפטליכען שטאַם, און בכן אַז די איצטיגע קענטיגע חלוקים צווישען זיי האָבען געמוזט אַרויסוואַקסען פון דער ווירקונג פון מאָדיפּי־

צירענדע אומשטענדען אויף די כסדר־קומענדיגע דורות, וועלכע האָבען אלע איבערגעגעבען די אַנגעקליבענע זומענדערונגען צו זייערע קינדער — אויב מיר געפינען, אז די דיפערענצען זענען איצט אָרגאַנישע, אזוי אז א פראַנצויזיש קינד, למשל, וועט אויסוואַקסען א פראַנצויז אפילו ווען ער זאָל ערצויגען ווערען צווישען פרעמדע; און אויב דער אַלגעמיינער פאַקט אין אָט דער בעלייכטונג איז אמת בנוגע צו דער גאַנצער נאַטור פון מענשען, אריינגעהמענדיג אין חשבון אויך זיין שכל — דאַן פאָלגט דערפון, אז אויב עס איז פאַראַן א געוויסע אָרדנונג, אין וועלכער די מענשליכע ראַסע האָט ערוואָרבען איהרע פערשיעדענע סאָרטען קענטניסען, מוז אויך אויסוואַקסען א נייגונג אין יעדען קינד צו ערווערבען אָט די סאָרטען קענטניסען אין דערזעלבער אָרדנונג. דאָס הייסט, אז אפילו ווען די דאָזיגע אָרדנונג וואָלט בעצם געווען א גלייכגילטיגע, וואָלט עס אויך אויסגעהאָלפען די ערציהונג, ווען מען פיהרט דעם אינדיווידועלען פערשטאַנד אין די טריט וואָס דער אַלגעמיינער פערשטאַנד האָט דורוגעמאַכט. אָבער די אָרדנונג איז בעצם ג א ר נ י ט קיין גלייכגילטיגע; דעריבער איז עס א גרינדליכער טעם פאַר וואָס די ערציהונג דאַרף זיין א ווידערהאָלונג פון דער ציוויליזאַציע אין א קליינעם מאָסשטאַב: מען קען בעווייזען, אי אז דער היסטאָרישער סדר איז אין זיינע הויפּטשטריכען געווען א נויטווענדיגער, אי אַז די אורזאַכען וואָס האָבען איהם אַרויסגערופען, פאַסען זיך צום קינד, אַזוי גוט ווי צו דער ראַסע. ניט אויסרעכענענדיג די אַלע אורזאַכען איינציגווייז, וועט דאָ גענוג זיין אָנצו־ווייזען, אַז היות ווי דער פערשטאַנד פון דער מענשהייט, זיך געפינענדיג אין מיטען פון ערשיינונגען און שטרעבענדיג זיי צו בעגרייפען, האָט געגרייכט, נאָך ענדלאָזע פעי־גלייכונגען, חקירות, עקספּערימענטען און טעאָריען, זיין היינטיגען וויסען דורך א געוויסען בעשטימטען גאַנג; איז דער שכל מחיב, אַז די שיכות צווישען גייסט און ערשיינונגען איז מסתמא אַזעלכע, וואָס דערלאָזט ניט גרייכען דאָס דאָזיגע וויסען דורך קיין שום אַנדער גאַנג; און אזוי ווי יעדען קינד׳ס פערשטאַנד שטעהט צו די ערשיינונגען אין דערזעלביגער שיכות, הייסט עס, אַז ער קען זיי גרייכען אויך נור דורך דעמזעלביגען גאַנג. איז דעריבער, ווען

מיר ווילען בעשליסען מכח א ריכטיגער מעטאָדע פון ערציהונג, קענען מיר בעקומען א הילף פון דער פאָרשונג וועגען דעם גאנג פון דער ציוויליזאציע.

5. איינער פון די שלוסען, צו וועלכען אזא פאָרשונג פיהרט אונז, איז, אז מיר דארפען אין יעדען צווייג פון אונטערריכט געהן פון דעם עמפירישען צו דעם ראציאָנאלען. אין פערלויף פון דער גאנצער צייט פון מענשליכען פראָגרעס האָט יעדע וויסענשאפט זיך ענטוויקעלט פון דער קונסט, וואָס ענטשפּרעכט איהר. עס קומט פון דער נויטווענדיגקייט, וועלכע מיר פיהלען אי אינדיווידועל, אי אלס ראסע, צו דערגרייכען דאָס אבסטראקטע דורך דאָס קאָנקרעטע, אז עס מוז פריהער זיין פראקטיקע און א וואקסענדע ערפאהרונג מיט איהרע עמפירישע גענעראליזאציעס, איידער עס קען זיין א וויסענשאפט. וויסענשאפט איז אָרגאניזירטע קענטניס; איידער אָבער די קענטניס קען ווערען אָרגאניזירט, מוז מען זי דאָך וויפיעל עס איז פריהער האָבען. יעדער למוד מוז דעריבער האָבען א ריין־עמפירישע איינלייטונג, און ערסט יעמאָלט ווען עס האָט זיך שוין אָנגעקליבען א גרויסער אוצר פון בעאָבאכטונגען, קענען זיך אָנפאנגען וועגען דעם די חקירות פון שכל. אלס בעלייכטענדע אָנווענדונג פון אָט דעם רעגעל, קענען מיר ברייגען אביישפּיעל פון דער מאָדערנער מעטאָדע פון געבען גראמאטיקע ניט פאר דער שפּראך, נור נאָך איהר; אָדער די אלגעמיינע געוועהנהייט פון געבען פריהער א קורס פון פראקטישען צייכענען איידער מען גיט די לעהרע פון פערספּעקטיווען. שפּעטער־צו וועט נאָך אָנגעוויזען ווערען אויף ווייטערדיגע אָנווענדונגען פון דעמזעלביגען רעגעל.

6. א צווייטער שלוס פון דעם פריהערדיגען אלגעמיינעם פּרינציפּ, אויף וועלכען מען קען גאָר ניט צו־שטארק דריקען, איז, אז דער פּראָצעס פון זעלבסטענטוויקלונג מוז אין דער ערציהונג אזויפיעל ערמוטיגט ווערען, ווי נור מעגליך. קינדער דארף מען פיהרען, זיי זאָלען מאכען זייערע אייגענע אונטערזוכונגען און ציהען זייערע אייגענע שלוסען. מען דארף זיי א ו י ס ז אָ ג ע ן אזוי וועניג ווי מעגליך, און מאכען זיי זאָלען אליין ע נ ט ד ע ק ע ן אזויפיעל ווי מעגליך. די מענשהייט האָט אין גאנצען פּראָגרעסירט

נור דורך אליין לערנען־זיך; און אז יעדער פערשטאנד מוז פראָ־גרעסירען אונגעפעהר אויפ'ן זעלביגען אופן, כדי צו דערגרייכען די בעסטע רעזולטאטען, ווערט נאָכאנאנד בעוויזען דורך דעם אויס־געצייכענטען ערפאָלג, וואָס די אליין־געלערנטע מענשען האָבען תמיד געמאכט. די וואָס זענען ערצויגען געוואָרען אויף די געוועהנליכע שוהל־גיינג און האָבען ארויסגעטראָגען די אידעע, אז נור אין דער דאָזיגער געוועהנליכער פאָרם קען מען פראַקטיש דורכפיהרען די ערציהונג, וועלען דענקען, אז עס איז ארויסגע־וואָרפענע ארבייט צו מאכען אז די קינדער זאָלען זיין זייערע אייגענע לעהרער. ווען אָבער זיי וואָלטען איבערדענקען, אז די העכסט־וויכטיגע קענטניס וועגען די ארומיגע זאכען וואָס א קינד קריגט אין זיינע ערסטע יאָהרען, בעקומט עס אָהן קיינעמס הילף — אויב זיי וועלען זיך ערלאינערען, אז דאָס קינד לערנט זיך אליין פון־זיך דעם געברויך פון זיין מוטער־שפראַך — אויב זיי וועלען אָבשאצען די סומע פון לעבענס־ערפאַהרונגען, פון דער אויסער־שוהליגער געלערנטקייט, וואָס יעדער יונגעל זאמעלט אָן אליין פאר־זיך — אויב זיי וועלען בעמערקען דעם אונגעוועהנליכען שארפזין פון דעם פערלאָזענעם לאָנדאָנער גאסען־יונגעל, ווי מען זעהט עס ארויס אויף אלע זייטען וואו ער שטרענגט נור אָן זיינע פעהיגקייטען — און אויב זיי וועלען נאָך ווייטער דענקען ווי־פיעל קעפ עס האָבען אליין אָהן הילף געראנגעלט זיך און דורכ־געקראָכען די פערבאָרגעניסען פון אונזער אונפערנינפטיג־פלאָ־נירטען סדר הלמוד, ווי אויך מאסען אנדערע הינדערניסען א חוץ דעם: וועלען זיי איינזעהן, אז עס איז גאָר ניט קיין אונפער־נינפטיגער שלום צו גלויבען, אז אויב מען זאָל איהם פאָרלעגען די למודים אין ריכטיגער אָרדנונג און ריכטיגער פאָרם, וועט יעדער תלמיד מיט געוועהנליכע פעהיגקייטען בייקומען אלע כסדר'דיגע שוועריגקייטען מיט קנאפוואָס זייטיגער הילף. באמת, ווער קען צוקוקען די שטענדיגע בעאָבאכטונג, פאָרשונג און בעשליסונג, וואָס קומט פאָר אין דעם קינד'ס פערשטאנד, אָדער ווער קען צוהערען זיינע שארפזיניגע בעמערקונגען וועגען זאכען וואָס שטעהען אין'ם קרייז פון זיינע פעהיגקייטען, און ניט איינזעהען, אז אויב מען וואָלט אָט די קרעפטען, וואָס ער ווייזט ארויס, סיסטעמאטיש פער־

װענדעט אויף למודים אין דעמזעלביגען קרייז, װאָלט ער זיי לייכט געקענט בעהערשען גאָר אָהן הילף? די נויטיגקייט נאָכאנאנד רק צו דערצעהלען, נעהמט זיך פון אונזער דומהייט, ניט פון דעם קינד׳ס. מיר רייסען איהם אװעק פון די זאכען, אין װעלכע ער איז פעראינטערעסירט און איז שטארק ארייננעטהון צו בענעהמען אליין פון־זיך. מיר ברייננען איהם פאקטען, װאָס זענען צו־קאָמפּליצירט ער זאָל זיי קענען פערשטעהן, דעריבער װערען זיי איהם נמאס. זעהענדיג אז ער װיל ניט מיט׳ן גוטען װילען אויסלערנען די דאָזיגע פאקטען, שטופּען מיר זיי איהם אריין אין קאָפּ מיט געװאַלט דורך דראָהונגען און שטראָפען. ענטזאָגענדיג איהם אָט אזוי די קענטניס װאָס ער פערלאנגט, און אָנשטאָפּענדיג איהם מיט קענטניס, װעלכע ער קען ניט פערדייהען, שאַפען מיר א קרענקליכען צושטאנד פון זיינע פעהיגקייטען און א װידערװילען צו קענטעניס איבערהויפּט, װאָס שטאַמט אָב דערפון. און דאן, װען דאָס קינד, אלס רעזולטאט טיילװייז פון דער נארישער פּוילקייט װאָס מיר האָבען גורם געװען, און טיילװייז פון דעם װאָס זיינע למודים זענען נאָך אלץ אונפּאסיגע, קען דאָס קינד גאָר נישט ניט פערשטעהן אָהן ערקלערונגען, און ער װערט בלויז א פּאסיװער פערנעהמער פון אונזער אונטערריכט, קומען מיר און בעשליסען, אז מען מוז נויטיגערװייז אָט אזוי אָנפיהרען די ערציהונג. נאָכדעם װי מיר האָבען מיט אונזער מעטאָדע געשאַפען אן אונבעהאָלפענקייט, מאכען מיר די אונבעהאָלפענקייט פאר דעם גרונד פון אונזער מעטאָדע. עס איז קלאָר, אז מען קען קיין ראיה ניט ברייננען פון דער ערפאהרונג פון פּעדאגאָגען אנטקעגען דעם סיסטעם, װאָס מיר פערטיידיגען. און יעדערער װאָס זעהט דאָס, װעט אויך איינזעהען, אז מיר מעגען גאנץ רוהיג פאָלגען די דיסציפּלין פון דער נאטור דורכאויס; אז מען קען דורך א פעהיגע הדרכה מאכען דער פערשטאנד זאָל זיך אליין ענטװיקלען אויף זיינע שפּעטיגערע שטופען, אזוי װי ער ענטװיקעלט זיך אליין אויף זיינע פריהערדיגע; און אז נור אויף דעם װעג אליין קען מען ארויסברייננען די העכסטע קראַפט און טהעטיגקייט.

7. אלס די לעצטע פראָבע, לויט װעלכער צו אורטיילען יעדען פּלאן פון בילדונג, דארף אונז דיענען די פראגע: שאַפט דער

פלאַן אין די תלמידים אַן אַנגענעהמע אויפרעגונג? אויב מיר זענען אין ספק צי אַ געוויסע פאָרם אָדער איינאָרדנונג איז מעהר אין איינקלאַנג מיט די פריהערדיגע פרינציפּען איידער אַנאַנדער פאָרם, קענען מיר זיך זיכער האַלטען ביי אָט דעם קריטעריום. אפילו ווען דער פאָרגעשלאָגענער קורס, טעאָרעטיש בעטראַכט, שיינט צו זיין דער בעסטער, דאָך אויב ער רופט ניט אַרויס קיין אינטערעס, אָדער ער רופט אַרויס אַ קלענערען אינטערעס ווי אַנאַנדער קורס, דאַרפען מיר איהם אַוועקוואַרפען; וואָרים מען דאַרף זיך מעהר פערלאָזען אויף דעם קינד'ס גייסטיגע אינסטינקטען איידער אויף אונזערע חקירות. בנוגע צו די גייסטיגע פעהיגקייטען קענען מיר מיט צופערטרויען זיך פערלאָזען אויפ'ן אַלגעמיינעם געזעץ, אַז אונטער נאָרמאַלע אומשטענדען זענען געזונדע בעשעפטיגונגען אַנגענעהם, בעת פערקעהרט, בעשעפטיגונגען וואָס פערשאַפען שמערץ, זענען ניט קיין געזונדע. הגם הייַנטיגען טאָג שטימען אונזערע געפיהלען און ליידענשאַפטען ניט גאַנץ פאָלשטענדיג מיט דעם געזעץ, דאָך די אינטעלעקטועלע נאַטור פון מענשען, אָדער צום וועניגסטען די טיילען פון איהר וואָס דאָס קינד ציַיגט אַרויס, שטימען כמעט אין גאַנצען מיט'ן געזעץ. די אָבנייגונגען וואָס דער תלמיד פיהלט צו דעם אָדער יענעם למוד, וועלכע ערגערן דעם געוועהנליכען לעהרער, זענען ניט איינגעבאָרענע געפיהלען, נור זיי קומען אַרויס פון דעם לעהרער'ס ניטפערשטענדיגען סיסטעם. פ ע ל ל ע נ ב ע ר ג זאָגט: „די ערפאַהרונג האָט מיך געלערנט, אַז פוילקייט ביי יונגע מענשען געהט דירעקט אַזוי להיפך צו זייער טבע פון צו זיין טהעטיג, אַז אויב עס איז ניט די פאָלגע פון שלעכטער ערציהונג, איז עס כמעט אַלעמאָל פערבונדען מיט עפּעס אַ קאָנסטיטוציאָנעלען פעהלער". און אָט די נאַטירליכע טהעטיגקייט, צו וועלכער די קינדער זענען אַזוי גענייגט, איז נישט מעהר ווי אַ יאָגען זיך נאָך די פערגניגענס, וואָס די געזונדע איבונג פון די פעהיגקייטען פערשאַפט. עס איז אמת, אַז איינִיגע פון די העכערע גייסטיגע קרעפטען, וועלכע זענען דערווייַלע נאָך וועניג ענטוויקעלט ביי דער ראַסע, און זענען איינגעבאָרען ביז אַ געוויסען גראַד נור ביי די גרעסטע קעפּ, זענען ניט אויפגעלעגט צו פאַרטראָגען די סומע אָנשטרענגונג וואָס עס פאַ־

דערט זיך פון זיי. אָט די קרעפטען אָבער, טאַקי מחמת זיי זענען אַזוי קאָמפּליצירט, וועלען אין אַ נאָרמאַלען בילדונגס־קורס קומען אין איבונג ערסט צום סוף, און מען וועט דעריבער אויף זיי ניט ארויפלעגען קיין ארבייט ביז דער תּלמיד גרייכט דעם עלטער, ווען עס קענען שוין אויף איהם ווירקען ווייטערע מאָטיוועו, און מען קען מאַכען, אַז אַ ניט־דירעקטער פערגעניגען זאָל אריבערוועגען אַ דירעקטען פערגעניגען. אָבער ביי אַלע פעהיגקייטען, וואָס זענען ניעדעריגער איידער יענע, איז דער נאָרמאַלער סטימול, די דירעקטע בעפרידיגונג וואָס קומט פון דער טהעטיגקייט גופא; און אונטער אַ גוטער הדרכה איז דאָס דער איינציגער נויטווענדיגער סטימול. ווען עס ווערט נויטיג צו זוכען עפּעס אַן אַנדער אָנרעגונג, מוזען מיר יעמאָלט אָננעהמען דעם פאַקט גופא פאַר אַ בעווייז, אַז מיר זענען אויף אַ פאַלשען וועג. די ערפאַהרונג בעווייזט אונז וואָס אַ טאָג אַלץ מיט מעהר קלאָרקייט, אַז מען קען אַלעמאָל געפינען אַ מעטאָדע, וועלכע זאָל ארויסרופען אַן אינטערעס און אַפילו אַ פערגעניגען; און אַלעמאָל לאָזט זיך אויס, אַז אַזאַ מעטאָדע איז לויט אַלע אַנדערע פּראָבעס טאַקי די ריכטיגע.

ביי דעם רוב מענשען וועלען אָט די לייטענדע פּרינציפּען האָבען אַ קנאַפּען געוויכט, ווען מען זאָל זיי איבערלאָזען אין אָט דער אַבסטראַקטער פאָרם. טיילס, דעריבער, כּדי צו געבען ביישפּיעלען פון זייערע אָנווענדונגען, און טיילס מיט דער אַבזיכט צו מאַכען פערשיעדענע ספּעציעלע פאָרשלאַגען, וועלען מיר איצט איבערגעהן פון דער טעאָריע פון ערציהונג צו איהר פּראַקטיקע.

עס איז געוועזען פּעסטאַלאָצי'ס מיינונג — און עס איז אַ מיינונג, וואָס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען זינט זיין צייט — אַז די ערציהונג, וואָסערע זי זאָל ניט זיין, דאַרף זיך אָנהויבען פון וויעג־אָן. ווער עס האָט נור אויפמערקזאַם בעמערקט, ווי דאָס פּיצעל קינד קוקט מיט ווייט־געעפענטע אויגען אויף די אַרומיגע זאַכען, ווייס גאַנץ גוט, אַז די ערציהונג הויבט זיך ווירקליך אָן אַזוי פריה, צי דאָס איז אונזער כּונה, צי ניט. דער פאַקט איז, אַז דעם קינד'ס טאַפּען מיט די פינגערלעך און לעגען אין מויל יעדע זאַך וואָס עס קען דערלאַנגען, ווי אויך זיין צוהערען־זיך

מיט אַן אָפּענעם מיילכעל צו יעדען קלאַנג, זענען די ערסטע טריט פון דער רייה, וועלכע ענדיגט זיך מיט אַן ענטדעקונג פון ניט־גע־זעהענע פּלאַנעטען, מיט אַן ערפינדונג פון ־עכען־מאַשינען, מיט אַ בעשאַפונג פון גרויסע געמעלדען אָדער מיט קאָמפּאָזיציעס פון סימפאָניען און אָפּעראַס. עס שטעלט זיך אַ פראַגע, וויבאַלד אַז אַט די טהעטיגקייט פון די חושים איז גאַנץ פון אָנהויב אָן אַ נאַ־טירליכע און אַן אונפערמיידליכע, צי זאָלען מיר ניט בעזאָרגען גענוג פערשיעדענע מאַטעריאַלען, כדי די חושים זאָלען האָבען גענוג איבונג? און עס פערשטעהט זיך, אַז ווען מען שטעלט אַט אַזוי די פראַגע, קען מען קיין אַנדער ענטפער ווי יאָ אויף איהר ניט געבען. אָבער, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, די איינשטימונג מיט פעסטאַלאָצי׳ס טעאָריע איז נאָך ניט מחיב, אַז מען מוז איינשטי־מען מיט זיין פּראַקטיקע; און אַט דאָ האָבען מיר אַ פאַל וואָס פאַסט זיך צום פּונקט. רעדענדיג וועגען דעם למוד פון אויס־לעגען, זאָגט ער אַזוי: —

„דאָס אויסלעגען־בוך דאַרף דעריבער ענטהאַלטען אַלע קלאַנ־גען פון דער שפּראַך, און מען דאַרף זיי לערנען אין יעדער פאַמיליע פון דער פריהעסטער קינדהייט אָן. דאָס קינד וואָס לערנט זיך אויסלעגען, דאַרף איבערזאָגען די ווערטער פאַר דעם עופה׳לע אין וויעג, איידער עס קאָן נאָך ארויסרעדען אַ וואָרט, כדי אַז די ווער־טער וואָס עס הערט, זאָלען דורך די אָפטע ווידערהאָלונג טיעף איינגעדריקט ווערען אויף זיין מוח“.

צונויפבינדענדיג אַט די רייד מיט די עצות פאַר אַ „קינדער־שטוב מעטאָדע“, וואָס געפינען זיך אין זיין „האַנדבוך פאַר מו־טערס“, אין וועלכען זיינע ערסטע שטונדען בעשטעהען פון די נעמען, די ערטער, די פערבינדונגען, די צאָהלען, די איינענשאַפטען און געברויכען פון די גליעדער פון קערפּער, ווערט אונז קלאָר, אַז פעסטאַלאָצי׳ס בעגריפען וועגען דער ערסטער גייסטיגער ענטוויקלונג זענען געוועזען צו־רויה, ער זאָל קענען ערפינדען פערשטענדיגע פּלע־נער. לאָמיר בעטראַכטען דעם גאַנג וואָס די פּסיכאָלאָגיע דיקטירט אונז.

די ערסטע איינדרוקען, וואָס דער מוח קען פערנעהמען, זענען די עלעמענטאַרע עמפּינדונגען, וועלכע ווערען געשאַפען פון ווידער־

שטאנד, ליכט, קלאנג א. ז. וו. עס איז קלאָר, אז עס קענען ניט זיין קיין צונויפגעשטעלטע בעוואוסטזיינס־צושטאנדען אפריהער פאר די איינצעלנע בעוואוסטזיינס, פון וועלכע זיי זענען צונויפגע־שטעלט. עס קען ניט זיין קיין פאָרשטעלונג פון פאָרם, אוואו מען האָט ניט א בעקאנטשאפט מיט ליכט אין זיינע שאטירונגען און אייגענשאפטען, אָדער מיט ווידערשטאנד אין זיינע פערשיעדענע גראדען פון שטארקייט; וואָרים, ווי מען ווייס עס שוין פון לאנג, מיר דערקענען די זיכטבארע פאָרם דורך פערשיידענהייטען פון ליכט, און די פיהלבארע פאָרם דורך פערשיידענהייטען פון ווידער־שטאנד. דאָסגלייכען קען מען ניט דערקענען קיין צונויפגעשטעל־טען (ארטיקולירטען) קלאנג, כל זמן מען איז ניט בעקאנט געוואָ־רען מיט די איינפאכע קלאנגען, פון וועלכע דער צונויפגעשטעלטער בעשטעהט. און אזוי מוז עס זיין אויך ביי יעדען אנדער פאל. איז דעריבער, פאָלגענדיג דעם נויטיגען געזעץ פון געהען פון איינ־פאכען צום פיעלפאכען, דארפען מיר פערזאָרגען פאר'ן קינד א געניגענדע צאָהל זאכען, וואָס שטעלען פאָר פערשיעדענע מדריגות און סאָרטען פון ווידערשטאנד, א געניגענדע צאָהל זאכען, וואָס שלאָגען אָב ליכט אין פערשיידענע סומען און אייגענשאפטען, און א געניגענדע צאָהל קלאנגען וואָס הילכען אין א קאָנטראסט לויט זייער שטארקייט, זייער הויכקייט און זייער „טעמבער". אז די קינדערשע אינסטינקטען בעשטעטיגען אין גאנצען אָט דעם שלום וואָס מיר גרייכען אפריאָרי (על משקל ראשון), וועלען אלע איינ־זעהען, דערמאָנענדיג זיך אָן דעם פערגעניגען, וואָס א קינד האָט בעת ער בייסט זיינע שפיעלצייג, בעת ער טאפט ארום די גלאנ־ציגע קנעפלעך פון זיין ברודער'ס רעקיל, אָדער בעת ער רייסט דעם טאטענ'ס באָרד — דערמאָנענדיג זיך ווי א קינד איז אין גאנצען אריינגעטהון קוקענדיג אויף א בונט־געפארבטען געגענשטאנד, וועל־כען ער בעצייכענט מיט'ן וואָרט „שעהן", ווען ער ווייס דאָס וואָרט, נור צוליעב זיינע העלע פארבען; אָדער ווי זיין געזיכטל ציהט זיך אוים אין א געלעכטער פון די ווערטלעך וואָס זיין מאמע פלאפּעלט צו איהם, פון די פינגער־קלאנגען וואָס א גאסט מאכט צו איהם, אָדער פון יעדען קלאנג וואָס עס האָט ביזאהער ניט געהערט. צום גליק ווערען אָט די ערסטע פאָדערונגען פון דער ערציהונג אין א

גרויסען ערך דערפילט דורך די געוועהנליכע פיהרונגען פון קינדער־צימער. עס בלייבט אָבער נאָך פיעל איבער וואָס מען דאַרף טהון, און עס איז מעהר וויכטיג ווי מען מיינט, אז מען זאָל עס טאָקי טהון. יעדער חוש האָט בכח אריינצונעהמען מעהר לעבעדיגע איינדרוקען אין דעם משך פון זיין פון־זיך'דיגער טהעטיגקייט, וועלכע בעגלייט זיין ענטוויקלונג, איידער אין וועלכער עס איז אנדער צייט. א חוץ דעם אָבער, וויבאַלד אז אַט די איינפאַכסטע עלעמענטען מוזען דאָך אמאָל אויסגעלערנט ווערען, און וויבאַלד אז דאָס אויסלערנען זיך, צי פריהער, צי שפּעטער, מוז דאָך אוועק־נעהמען צייט, איז עס פשוט אַן עקאָנאָמיע צו בעשעפטיגען די ערסטע שטופע פון דער קינדהייט, ווען עס איז ניט מעגליך קיין אנדער אינטעלעקטועלע טהעטיגקייט, אויף צו קריגען א פאָלשטענ־דיגע בעקאַנטשאַפט מיט די דאָזיגע עלעמענטען אין אלע זייערע פערשיידענע פאָרמען. און לאָמיר אויך אגב ניט אויסלאָזען דעם פאַקט, אז די שטענדיגע בעפרידיגונג, וועלכע דאָס קינד פיהלט ווען מיר פערשאַפען איהם ווי געהעריג איז אַט די איינדרוקען, וואָס עס ציהט אין זיך אריין אַזוי גערן, מוז אויך האָבען א גוטע פעולה אויף זיין געמיטה, ווי אויף זיין געזונד. מען וואָלט דאָ גע־קענט, וואָלט נור אַזוי פיעל פלאַץ געווען, גאַנץ גוט געבען עטליכע אָנדייטונגען, ווי אַזוי צו בעזאָרגען מעהר סיסטעמאַטיש יענע נוי־טיגע איינפאַכסטע איינדרוקען. מיר מוזען זיך אָבער בענוגענען אָנצייגענדיג נור, אז האַלטענדיג זיך ביי'ן ענטוויקלונגס־געזעץ, וואָס פיהרט פון אונבעשטימטען צום בעשטימטען, מוז יעדע דעראַרטיגע בעזאָרגונג זיין געבויט אויף דעם שלום, אז אין דער ענטוויקלונג פון יעדען חוש ווערען צוערסט בעגריפען די איינדרוקען וואָס האָ־בען קענטיגע קאָנטראַסטען. דעריבער דאַרף מען צוערסט בעזאָרגען די קלאַנגען וואָס אונטערשיידען זיך פיעל אין זייער שטאַרקייט און הויכקייט פון טאָן, די פאַרבען וואָס זענען אין קאָליר זעהר ווייט איינע פון די אַנדערע, און די געגענשטאַנדען וואָס זענען זעהר פערשיידען אין זייער האַרטקייט און געביי. און דאַן, אין יעדען פאַל, מוז דער איבערגאַנג פון אַט די איינדרוקען צו אַנדערע מעהר־עהנליכע זיין א לאַנגזאַמער און אַ שטופּענמעסיגער.

געהענדיג ווייטער צו דעם „זאַכען־אונטעררי״כט“, וועלכער

שטעלט גאַנץ געוויס מיט זיך פאָר א נאַטירליכע פאָרטזעצונג פון יענער אַנפאַנגליכער זינען־בילדונג, מוז מען בעמערקען, אַז דער סיסטעם, וואָס ווערט געוועהנליך געברויכט, געהט אין גאַנצען להיפך צו דער נאַטור־מעטאָדע, ווי מען קען זי געפינען אי אין קינדהייט, אי אין דערוואַקסענעם לעבען, אי אין׳ם גאַנג פון ציוויליזאַציע. „דעם קינד, זאָגט מ א ר ס ע ל, מוז מען צ י י ג ע ן, ווי אַלע טיילען פון א זאַך זענען צונויפגעבונדען, א. אַז. וו.״ און די פערשיידענע האַנדביכער פון „זאַכען־אונטערריכט״ האָבען גאַנצע רשימות פון די פאַקטען, וואָס מען דאַרף דעם קינד ד ע ר צ ע ה ־ ל ע ן מכח יעדער זאַך וואָס מען גיט איהם אין האַנד אריין.

עס איז אָבער גענוג נור א בליק צו טהון אויפ׳ן קינד׳ס טעגליכען לעבען כדי איינצוזעהען, אַז אַלע ידיעות פון זאַכען וואָס עס בעקומט איידער עס האָט זיך אויסגעלערנט רעדען, זענען זעלבסט־געוואונענע; אַז די אייגענשאַפטען פון האַרטקייט און געוויכט וואָס זענען פערבונדען מיט דעם אויסזעהן פון געוויסע זאַכען, די בעזונדערע פאָרמען און פאַרבען וואָס געהערען צו בעזונדערע פערזאָנען, די ספּעציעלע קלאַנגען וואָס חיות פון ספּעציעלע געשטאַלטען ברייגנען ארויס, זענען אַלע ערשיינונגען, וועלכע דאָס קינד בעמערקט אַליין. אויך אין דערוואַקסענעם עלטער, ווען קיין לעהרער ביי דער האַנד זענען ניטאָ, מוז מען אַליין, אָהן קיינעמס הילף, מאַכען די בעאָבאַכטונגען און ציהען די שלוסען, וועלכע זענען נויטיג אַלעווייל פאַר׳ן אויפפיהר; וואָרים פון די ריכטיגקייט און פאַלשטענדיגקייט פון די בעאָבאַכטונגען הענגט אָב דער ערפאָלג פון לעבען. היינט אויב אַזוי, זעהט עס דען אויס וואַהרשיינליך, אַז ביים מאַן און ביים קינד קומט פאָר דערזעלביגער פּראָצעס וואָס געהט אָן אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט בכלל, און אין דער פעריאָדע צווישען קינדהייט און מאַנהייט זאָל מען גאָר דאַרפען פאָלגען א פערקעהרטען פּראָצעס? און דערצו גראָד אין אַזא איינפאַכען פּרט, ווי לערנען די אייגענשאַפטען פון זאַכען? איז עס ניט, פערקעהרט גאָר, קלאָר פון אויבען אויף, אַז מען מוז פאָלגען איין מעטאָדע אומעדום? און רוקט אונז דען ניט נאָכאַנאַנד די נאַטור אַליין אָט די מעטאָדע אין די אויגען, ווען מיר האָבען נור דעם שכל דאָס צו פערשטעהן און די עניוות זי אָנצונעהמען?

וואָס קען האָבען א קלערערע בעדייטונג, ווי דער פערלאַנג פון קינדער נאָך גייסטיגער סימפּאַטיע? מערקט ווי דאָס קינד, זיצענדיג אויף אייערע קניע, שטופּט אייך אין געזיכט דאָס שפּיעלצייג וואָס ער האַלט, כדי איהר זאָלט קוקען אויף דעם. זעהט ווען ער טהוט א סקריפּ מיט'ן נאסען פינגער אויפ'ן טיש, ווי ער דרעהט זיך אום און קוקט אויף אייך, טהוט עס נאָך אמאָל און קוקט ווידער אויף אייך, זאָגענדיג אויף אזא אופן אזוי קלאָר ווי עס קען: „הערסט דעם נייען קלאַנג?" קוקט זיך צו, ווי די עלטערע קינדער קומען אריין אין צימער מיט קולות: „מאַמאַ, זעה וואָס פאַר א מאָדנע זאַך", מאַמאַ, קוק אהער," „מאַמאַ, קוק אויף דאָס"—א געוועהנהייט וועלכע זיי וואָלטען אָנגעהאַלטען, ווען די נארישע מאַמאַ וואָלט ניט אָנגעשריען זיי זאָלען איהר ניט דרעהען א קאָפּ. בעמערקט בעת די קינדער שפּאַציערען מיט זייער שטוב־מיידעל אין גאָרטען, ווי יעדער „פּיזיקל" לויפט־צו צו איהר מיט דער פרישער בלום וואָס ער האָט אָנגעריסען, צו צייגען איהר ווי שעהן זי איז, און ארויסקריגען א וואָרט פון איהר אויך, אז די בלום איז שעהן. הערט זיך צו מיט וואָס פאַר אן אימפּעט יעדער „ווייסער חברה'ניק" וועט אייך בעשרייבען עפּעס א נייאיגקייט וואָס ער האָט געזעהען, ווען ער קען נור געפינען וועמען עס איז וואָס זאָל זיך אינטערעסירען צו הערען. ליעגט ניט דער שלוס, וואָס מען קען דערפון ציהען, פון אויבען־אויף? איז עס ניט קלאָר, אז מיר מוזען צופּאַסען אונזערע וועגען צו אָט די גייסטיגע אינסטינקטען? אז מיר מוזען נור סיסטעמאַטיזירען דעם נאַטירליכען פּראָצעס? אז מיר מוזען זיך צוהערען צו אַלץ וואָס דאָס קינד האָט אונז צו זאָגען וועגען יעדען געגענשטאַנד, און פיהרען איהר דערצו אז ער זאָל זאָגען אַלץ וואָס ער קען נור דענקען וועגען דעם געגענשטאַנד? אז מיר מוזען אָפטמאָל ארויסרופען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף אזויגע פאַקטען, וואָס ער האָט נאָך ניט געהאָט בעמערקט, כדי ער זאָל זיי אַליין בעמערקען ווען נור זיי וועלען ווידער פאָרקומען; און אז מיר מוזען געהן אַלץ ווייטער און מיט דער צייט אָנצייגען איהם אָדער בעזאָרגען איהם מיט א נייער רייה פון זאַכען, אויף פאַר אזא טיעפער אונטערזוכונג? בעמערקט ווי אזוי, לויט אָט דער מעטאָדע, די אינטעליגענטע מוטער פיהרט אָן איהר אונטערריכט.

ערסטענס מאכט זי איהר קליינעם יונגעל בעקאנט טריט ביי טריט מיט די נעמען פון די איינפאכע אייגענשאפטען, ווי הארטקייט, ווייכקייט, קאליר, געשמאק, גרויס: און בעת זי טהוט עס, געפינט זי ווי ער העלפט איהר מיט, דא ברייננענדיג איהר עפעס צו צייגען אז עס איז רויט, דארט עפעס אנאנדער זאך זי זאל פיהלען אז עס איז הארט, אזוי שנעל ווי זי גיט איהם ווערטער פאר אט די אייגענשאפטען. דאן, בעת זי מאכט איהם אויפמערקזאם אויף נאך אן אייגענשאפט אין עפעס א נייער זאך וואס ער ברייננט איהר, נעהמט זי זיך די מיה איינאיינעם צו דערמאהנען יענע אייגענשאפטען וואס ער וויים שוין, כדי דורך די נאטירליכע נייגונג פון נאכאהמונג זאל ער זיך צוגעוועהנען איבערצוזאגען זיי איינע נאך די אנדערע. שטופענווייז, ווען עס טרעפען פעלען וואו ער פערפעהלט אנצורופען איינע אדער מעהרערע פון די אייגענשאפטען מיט וועלכע ער איז שוין בעקאנט געווארען, פיהרט זי איין די מאדע פון פרעגען איהם צי איז ניט פאראן נאך עפעס וואס ער קען איהר דערצעהלען וועגען דער זאך וואס ער האלט. עס קען זיין אז ער פערשטעהט ניט. נאכדעם ווי זי לאזט איהם טראכטען א ווײלע, זאגט זי איהם אויס; אפשר לאכט זי פון איהם א ביסעל פאר וואס ער האט ניט געטראפען. וויעדערהאלט עס זיך א פאר מאל, בעגרייפט ער שוין וואס מען דארף טהון. ווען זי זאגט נעכסטען מאל, אז זי וויים נאך עפעס וועגען דעם גענענשטאנד, מעהר איידער ער האט איהר געזאגט, דערוועקט זיך אין איהם זיין שטאלץ; ער קוקט אויף דעם מיט גרויס אויפמערקזאמקייט; ער דענקט איבער אלץ וואס ער האט געהערט, און אזוי ווי די שאלה איז א לייכטע, געפינט ער עס אויס אין א ווײלע ארום. ער איז מלא שמחה פון זיין ערפאלג, און זי סימפאטיזירט מיט איהם. ווי אלע קינדער, האט ער גרויס הנאה ווען ער ענטדעקט זיינע קרעפטען. ער וויל נאך מעהר נצחונות, און געהט ארום זוכען נאך זאכען, וועגען וועלכע איהר צו דערצעהלען. ווי נור זיינע פעהיגקייטען וויקלען זיך פונאנדער, לעגט זי צו איין אייגענשאפט נאך דער אנדערער צו זיין צעטיל: געהענדיג ווייטער פון הארטקייט און ווייכקייט צו קראציגקייט און גלאטקייט, פון קאליר צו גלאנציגקייט, פון איינפאכע קערפער צו צונויפגעזעצטע—אט אזוי שטענדיג קאמפליצירענדיג די פראגע,

וואָס מעהר קאָמפּעטענט ער ווערט, שטענדיג אַרויפלעגענדיג מעהר אַרבייט אויף זיין אויפמערקזאַמקייט און זכרון, שטענדיג אָנהאַלטענדיג זיין אינטערעס, פערזאָרגענדיג איהם אַלץ מיט אַזוינע נייע איינדרוקען, וועלכע זיין מוח קען בעגרייפען, און שטענדיג פערשאַפענדיג איהם צופרידענהייט, דורכדעם וואָס ער קען בייקומען די דאָזיגע קליינע שווערקייטען. אָט אַזוי האַנדלענדיג איז קלאָר, אַז זי פיהרט נור אויס יענעם פון־זיך׳דיגען פּראָצעס, וועלכער איז אָנגעגאַנגען אין משך פון נאָך אַ פריהערדיגער פּעריאָדע — פּשוט זי העלפט די זעלבסט־ענטוויקלונג; און זי העלפט אויף דעם אופן, וואָס ווערט אָנגעדייטעט דורך דעם יונגעל׳ס אינסטינקטיווען פערהאַלטען זיך צו איהר. עס איז קלאָר, אַז די מעטאָדע וואָס זי נעהמט אָן איז די בעסטע וואָס מען קען אויסרעכענען אויף איינצופיהרען אַ הרגל פון טיעפער בעאָבאַכטונג, און דאָס איז טאַקי דער אויסגעשפּראָכענער צוועק פון דעם גאַנצען למוד. *זאָגען* אַ קינד דאָס און *צייגען* איהם יענעס, הייסט ניט לערנען איהם ווי צו בעאָבאַכטען, נור מאַכען איהם פאַר אַ פּשוט׳ן מקבל פון אַנאַנדערען׳ס בעאָבאַכטונגען: אַ פיהרונג וועלכע שוואַכט אָב אַנשטאַט צו שטאַרקען זיינע קרעפטען פון זעלבסט־אונטעררויכט; וועלכע בערויבט איהם פון די פערגעניגענס וואָס קומען פון ערפאָלגרייכער טהעטיגקייט; וועלכע גיט איבער אָט די גאַנץ־אָנציהענדע קענטניסען אין אַ פאָרם פון אַ געצוואונגענעם למוד; און וועלכע שאַפט די גלייכגילטיגקייט און אפילו דעם ווידערווילען, וואָס די קינדער פיהלען גאָר ניט זעלטען צו די דאָזיגע זאַכען־אונטעררויכטען. פערקעהרט, געהן מיט דעם גאַנג וואָס מיר האָבען בעשריבען, הייסט איינפאַך פיהרען דעם פערשטאַנד וואו ער קען קריגען זיינע ריכטיגע שפּייז; עס הייסט פעראייניגען מיט די גייסטיגע אַפּעטיטען זייערע נאַטירליכע בעגלייטער — דאָס זעלבסט־פערטרויען און דעם פערלאַנג נאָך סימפּאַטיע; עס הייסט מיטברייגען דורך די דאָזיגע פעראייניגונג אַ שטאַרקען כח פון אויפמערקזאַמקייט, וואָס פערזיכערט אַז די בעגריפען וועלען זיין לעבעדיגע און פאָלשטענדיגע; און דאָס מיינט אויך צוגעוועהנען דעם פערשטאַנד פון אָנהויב־אָן צו פּראַקטיצירען יענע זעלבסט־הילף, וועלכע ער וועט סוף כל סוף מוזען אָננעהמען.

דעם „זאַכען־אונטערריכט“ דאַרף מען אָנפיהרען ניט נור אויף א גאַנץ פערשיידענער אַרט ווי ער ווערט געוועהנליך אָנגעפיהרט, נור מען דאַרף איהם אויך אויסשפּרייטען אויף אַ פיעל ווייטערן קרייז פון זאַכען און מען דאַרף איהם אָנהאַלטען ביז אַ פיעל שפּע־טערע פּעריאָדע, איידער מען טהוט עס איצטער. ער דאַרף ניט בעגרעניצט ווערען אויף די זאַכען וואָס געפינען זיך אין הויז, נור ער דאַרף אריינגנעהמען די זאַכען פון די פעלדער און די וועלדלעך, פון די שטיין־גריבער און פון ברעג ים. ער דאַרף ניט אויפהערען מיט דער פריהעסטער קינדהייט, נור ער דאַרף אָנהאַלטען אין פער־לויף פון דער יוגענד־פּעריאָדע, אויף אַן אופן וואָס זאָל אונבע־מערקטערהייט אריבערגעהן אין די אונטערזוכונגס־ארבייט פון דעם נאַטור־פאָרשער און דעם וויסענשאַפטס־מאַן. דאָ דאַרף מען אויך נור פאָלגען די הדרכה פון דער נאַטור. וואו קען מען אָנטרעפען אַ שטאַרקערע פרייד, ווי די שמחה פון קינדער בעת זיי קלייבען אָן גייע בלומען און בעטראַכטען נייע אינסעקטען, אָדער בעת זיי זאַמלען שטיינדלעך און ים־שיסעלעך? און ווער קען עס ניט בע־גרייפען, אַז סימפּאַטיזירענדיג מיט זיי קען מען זיי ארויספיהרען אויף אַ הויכע שטופע פון פאָרשונג אין דעם געביי און די אייגענ־שאַפטען פון די אַלע זאַכען? יעדער באָטאַניקער, וואָס האָט מיטגע־נומען קינדער מיט זיך אין די וועלדער און אַלעען, האָט געמוזט בעמערקען מיט וואָס פאַר אַ חשק זיי האָבען זיך בעטייליגט אין זיינע פאָרשונגען, ווי פלייסיג זיי האָבען אויסגעזוכט פלאַנצען פאַר איהם, מיט וואָס פאַר אַ געשפּאַנטקייט זיי האָבען געקוקט בעת ער האָט אונטערזוכט די פלאַנצען, און ווי זיי האָבען איהם פערוואָר־פען מיט פראַגען. דער געטרייער אָנהענגער פון ב ע ק אָ ן — „דער דיענער און אויסטייטשער פון דער נאַטור“—וועט איינזעהען, אַז מיר דאַרפען עניוות'דיג אָננעהמען דעם וועג פון בילדונג, וואָס ווערט אונז אויף דעם אופן אָנגעצייגט.

ווען דאָס קינד איז שוין בעקאַנט געוואָרען מיט די איינפאַ־כערע אייגענשאַפטען פון אונאָרגאַנישע זאַכען, דאַרף מען איהם פיהרען דורך דעמזעלבען פּראָצעס ער זאָל פאָלשטענדיג אונטער־זוכען די זאַכען וואָס ער קלייבט אויף אין זיינע טעגליכע שפּאַ־ציערגייענג. צוערסט דאַרף מען איהם לאָזען בעמערקען די וועניגער־

קאָמפּליצירטע פאַקטען וואָס זיי שטעלען מיט זיך פאָר: ביי פלאַנ־צען, די צאָהל, דעם קאָליר און די פאָרמען פון די בלומען־בלעטלעך, די געשטאַלט פון׳ם שטאָק און די בלעטער; ביי אינסעקטען, די צאָהל פון די פליגלען, פיסלעך און פיהל־הערנער, און זייערע קאָ־לירען. ווען ער האָט די פונקטען גענוי בעמערקט און ריכטיג אָב־געשאַצט, קען מען כסדר אריינבריינגען וויכטיגע פאַקטען: אין איין פאַל, די צאָהל פון די בלומען־פעדים און זוימען־שטעקלעך, די פאָרמען פון די בלומען, צי שטראַהלען־ארטיג, צי פאָרמעסיג; די איינאָרדנונג און געביי פון די בלעטער, צי איינע אַנטקעגען די אַנדערע, צי איבערהיפּיג, מיט שטעקלעך אָדער אָהן שטעקלעך, גלאַט אָדער האָריג, ווי צאַקען, ווי צעהנער, אָדער געקאַרבט; אין דעם אַנדער פאַל, די איינטיילונגען פון קערפּער, די טיילען פון בויך, די צייכענס פון די פליגלען, די צאָהל שלעסער פון די פיס, און די פאָרמען פון די קלענערע אָרגאַנען—דער סיסטעם דאַרף אומעדום זיין, מאַכען עס זאָל ווערען ביי׳ן קינד אַן אמביציע צו דערצעהלען אַלץ וועגען יעדער זאַך וואָס ער געפינט. שפּעטער, ווען ער האָט דערגרייכט דעם פּאַסיגען עלטער, קען מען איהם געבען, אַלס אַ גרויסע טובה, די מיטלען צו קאָנסערווירען די פלאַנצען, וועלכע זענען איהם געוואָרען טייער צוליב דעם וויסען וואָס ער האָט בע־קומען פון זיי; און מיט דער צייט, אַלס נאָך אַ גרעסערע טובה, קען מען איהם אויך געבען אַן אַפּאַראַט אויף צו האַלטען די לאַר־ווען פון די געוועהנליכע זומער־פויגעלעך און מאַטען אין דעם משך פון זייער פערוואַנדלונג—אַ בעשעפטיגונג, וועלכע, ווי מיר קענען אליין עדות זאָגען, גיט די העכסטע בעפרידיגונג. מען האַלט עס אָן מיט גרויס חשק יאָהרען־לאַנג, און אויב מען פערבינדט עס נאָך מיט אַן ענטאָמאָלאָגישע (פון פליגען און אַנדערע אינסעקט־טען) קאָלעקציע, גיט עס צו אַ שטאַרקען אינטערעס צו די שבת־נאָכמיטאַג׳דיגע שפּאַציערגיינג, און איז אגב אַ פאָרטרעפליכע איינלייטונג צום שטודיום פון פיזיאָלאָגיע.

מיר ריכטען זיך אַז פיעלע וועלען אונז זאָגען, אַז אָט די גאַנצע ארבייט הייסט ארויסוואַרפען צייט און ענערגיע לאיבוד, און אַז עס וואָלט אַ סך ניצליכער געווען די קינדער זאָלען זיך בעשעפטי־גען מיט שרייבען און רעכענען, און אַזוי זיך צוגרייטען פאַר די

געשעפטען פון לעבען. מיר בעדויערען וואָס אזעלכע רויהע אידעען וועגען ערציהונג און אזא ענגער בעגריף פון ניצליכקייט זאָלען נאָך עקזיסטירען ביי היינטיגען טאָג. ניט זאָגענדיג מעהר גאָרנישט וועגען דער נויט סיסטעמאַטיש צו בילדען די חושים און וועגען דעם ווערטה פון די אויבען־דערקלערטע האנדלונגען אויף צו פערענטפערען יענע נויט, זענען מיר גרייט זיי צו פערטיידיגען אפילו אין דעם פרט פון די קענטנים גופא וואָס מען געווינט דורך זיי. אויב מענשען דארפען מעהר ניט זיין ווי פשוטע בעלי בתים, מעהר ניט ווי קרעמער וואָס גריבלען זיך אין זייערע קאָנטאָ־ביכער, אָהן וועלכע־עס־איז אנדערע געדאנקען אחוץ זייער מסחר—אויב עס איז רעכט זיי זאָלען זיין ווי דער שטאָדט־יונג, וועמעס בעגריף וועגען די פערגעניגענס פון לאנד גרייכט ניט ווייטער איידער צו זיצען אין א שענק, רויכערען א פיפקע און טרינקען ביער; אָדער ווי דער פריץ, וועלכער דענקט וועגען וועלדער ווי פלעצער וואו צו שיסען, ניט־קולטיווירטע פלאנצען זענען ביי איהם נישט מעהר ווי ווילדע גראָזען, און ביי וועמען דאָס גאנצע טיער־רייך טיילט זיך איין אין דריי קלאסען: חיות, שרצים און פיה—דאן איז טאקי געווים איבעריג צו לערנען עפעס וואָס העלפט ניט דירעקט פול צו מאכען דעם טיש־קעסטיל און אנפאקען דעם שפייז־קאמער. אויב אָבער מיר האָבען פאר זיך א מעהר־ווירדיגען ציעל איידער צו זיין פשוט'ע לאסט־פיה—אויב עס שטעקען אויך אנדערע נוצען אין די זאכען וואָס רינגלען אונז ארום, אחוץ זייער כח איינצובריינגען געלד—אויב עס זענען פאראן העכערע פעהיגקייטען צו בילדען אחוץ די פעהיגקייטען פון האבעווען און געניעסען—אויב די פערגעניגענס וואָס פאָעזיע און קונסט און וויסענשאפט און פילאָסאָפיע קענען בריינגען, האָבען אויך עפעס א בעטרעף: דאן איז כדאי אז מען זאָל אויפמונטערן די אינסטינקטיווע נייגונג, וואָס יעדעס קינד צייגט ארוים, צו בעאָבאכטען נאטירליכע שעהנקייטען און אונטערזוכען נאטירליכע ערשיינונגען. אָבער אָט די גראָבע נוצען־אויסרעכענונג, וועלכע איז צופרידען צו קומען אויף דער וועלט און אוועקגעהן פון איהר, ניט וויסענדיג וואָס פאר א וועלט דאָס איז און וואָס עס איז פאראן אין איהר, קען בעקעמפפט ווערען אויף איהר אייגענעם באָדען. מיט דער צייט וועט מען אויסגעפינען, אז עס איז

מעהר וויכטיג צו וויסען די געזעצען פון לעבען, איידער וועלכע עס איז אַנדערע קענטניסע אויף דער וועלט; אז די לעבענס־געזעצען זענען דער פונדאמענט, ניט נור פון אַלע קערפּערליכע און גייסטיגע פּראָצעסען, נור אויך, ווי די סברא איז מחיב, פון אַלע געשעפטען פון הויז און פון גאַס, פון אַלע מסחרים, פון דער גאַנצער פּאָליטיק און דער גאַנצער מאָראַל; און אז דעריבער איז ניט מעגליך צו רעגולירען ווי עס דארף צו זיין, ניט דעם פּערזענליכען, ניט דעם געזעלשאַפטליכען אויפפיהר, כל זמן מען האָט ניט קיין ריכטיגע השגה פון זיי. מען וועט אויך איינזעהען, אז די לעבענס־געזעצען זענען בעצם אומעדום אין דער גאַנצער אָרגאַנישער שעפּפונג די זעלביגע, און אז מען קען זיי ריכטיג ניט פערשטעהן אין זייערע צונויפגעזעצטע ערשיינונגען, כל זמן מען האָט זיי ניט שטודירט אין זייערע איינפאַכע ערשיינונגען. און ווען מען וועט דאָס איינזעהן, וועט מען שוין אויך זעהען, אז דערמיט וואָס מען העלפט דעם קינד צו בעקומען אַ קענטשאַפט פון דאָס וואָס עס טהוט זיך אין דרויסען, פאר וועלכער ער צייגט ארויס אזא גרויסען חשק, און דערמיט וואָס מיר שטיצען דער ערוועקבונג פון אזוינע קענטניסען אין פערלויף פון דער יוגענד, ברייגגען מיר איהם איינפאַך־מיט עס זאָל אַנזאַמלען דעם רויה־מאַטעריאַל פון דעם צוקינפטיגען בנין—די פאַקטען, וועלכע וועלען איין שעהנעם טאָג איהם קלאָר מאַכען מיט דער עכטער קראַפט יענע גרויסע וויסענשאַפטליכע גע־נעראַליזאַציעס, דורך וועלכע עס קענען ריכטיג אָנגעפיהרט ווערען אַלע מענשליכע טהאַטען.

איינער פון די פיעלע צייכענס פון די מעהר־ראַציאָנאַלע בליקען איבער גייסטיגע בילדונג, וואָס הויבען איצט אָן צו גילטען, איז די וואַקסענדע אָנערקענונג וואָס עס קריגט איצט דער למוד פון צייכענען אַלס אַן עלעמענט פון ערציהונג. מען מעג נאָך אַמאָל מאַכען די בעמערקונג, אז לעהרער נעהמען ענדליך אויף דעם קורס, וואָס די נאַטור האָט זיי שטענדיג געדרוקט אין די אויגען. די פּראָבעס, גאַנץ פון־זיך, וואָס קינדער מאַכען אויסצומאָלען מענשען, הייזער, בוימער און חיות, וועלכע זיי זעהען ארום זיך, אויף אַ טאַפעל אויב זיי קענען קיין בעסערע זאַך ניט קריגען, אָדער מיט אַ בליי־פעדער אויף פאַפּיער, ווען זיי קענען זיי אויסבעטלען—

זענען אַלעמען בעקאַנט. קריגען דורכצובלעטערן אַ בוך פון בילדער איז איינס פון זייערע העכסטע פערגעניגענס; און ווי געוועהנליך רופט זייער שטאַרקע נאָכאַהמונגס־טענדענץ באַלד אין זיי ארויס די אַמביציע אַליין צו מאַכען בילדער. דאָס שטרעבען צו מאַכען אַ בילדעל פון די אויפפאַלענדע זאַכען וואָס זיי זעהען, איז אַ ווייטערדיגע אינסטינקטיווע איבונג פון די חושים — אַ מיטעל ווי צו פועל'ן נאָך גרעסערע פינקטליכקייט און פאַלשטענדיגקייט פון בעאָבאַכטונג. סיי זוכענדיג צו פעראינטערעסירען אונז אין זייערע ענטדעקונגען וועגען די זינליכע אייגענשאַפטען פון זאַכען, און סיי דורך זייערע בעמיהונגען צו צייכענען, בעטען זיי זיך ביי אונז אַקוראַט דעם סאָרט בילדונג, וואָס איז זיי נויטיגער פאַר אַלץ.

וואָלטען די לעהרער געפאָלגט די וואונקען וואָס די נאַטור גיט זיי, ניט נור צו מאַכען דאָס צייכענען פאַר אַ טייל פון ערציהונג, נור אויך אויסצוקלייבען מעטאָדען ווי דאָס צו לערנען, וואָלטען זיי אויפגעטון מעהר איידער זיי האָבען אויפגעטון. וואָס זוכט דאָס קינד די ערסטע זאָך פאָרצושטעלען? די זאַכען וואָס זענען גרויס, זאַכען וואָס האָבען אָנציהענדע קאָלאָרען, זאַכען ארום וועלכע זיינע אנגענעהמע עראינערונגען דרעהען זיך מייסטענס ארום—דאָס זענען, מענשליכע וועזענס פון וועמען עס האָט בעקומען אַזויפיעל געפיהלען; קיה און הינט, וועלכע אינטערעסירען איהם צוליב די פיעלע ערשיינונגען וואָס זיי שטעלען פאָר; הייזער, וואָס מען קען אַלע ווייל זעהען און זענען אויפפאַלענד מיט זייער גרויס און דורך דעם קאָנטראַסט פון זייערע טיילען. און וועלכער פון די פראָצעסען פון פאָרשטעלונג גיט איהם דאָס גרעסטע פערגעניגען? מאָלען אין פאַרבען. פאַפּיער און בליי־פעדער זענען גוט, ווען עס איז קיין בעסערע זאַך ניטאָ, אָבער אַ קעסטיל פאַרבען מיט אַ פּינזעל— דאָס איז אַן אמת'ר אוצר. האָט ער די פאַרבען, איז צייכענען די אויסערע שטריכען ביי איהם ניט אַזוי וויכטיג, ער מאַכט די שטריכען דערהויפּט כדי צו קענען זיי קאָלאָרירען; און אויב ער קען קריגען די ערלויבניס צו קאָלאָרירען אַ בוך פון געדרוקטע בילדער, וואָס פאַר אַ גרויסע געפעליגקייט דאָס איז פאַר איהם! איז דעריבער ווי אָט אַזאַ פּאָזיציע זאָל ניט אויסזעהען לעכערליך אין די אויגען פון די לעהרער פון צייכענען, וועלכע לעגען אָב דאָס

קאַלאַרירען אויף שפּעטער, און לערנען די פאָרם דורך א פּעראָ־מערטע דיסציפּלין פון קאָפּירען ליניען, גלויבען מיר דאָך, אז דער בילדונגס־קורס, וואָס איז דאַ אָנגעצייכענט געוואָרען, איז דער איינציג־ריכטיגער. דער פאַקט אז די פארב קומט פריהער פאר דער פאָרם, וועלכער האָט, ווי עס איז שוין אָנגעצייגט געוואָרען, א פּסי־כאָלאָגישען גרונד, דאַרף אָנערקענט ווערען גלייך אין אָנהויב; און די זאכען, וועלכע די קינדער מאכען־נאָך, דאַרפען אויך גלייך פון אָנהויב טאַקי זיין ווירקליכע זאכען. די גרעסערע פרייד, וואָס ניט נור קינדער אליין האָבען אזוי שטאַרק פון פארבען, נור וואָס עס פערבלייבט אויך אויף׳ן גאַנצען לעבען ביי א רוב מענשען, דאַרף שטענדיג בענוצט ווערען אלס דער נאַטירליכער סטימול אויסצו־לערנען זיך די פערהעלטניסמעסיג שווערע און ניט־אָנציהענדע פאָרם: דאָס פערגעניגען פון דעם שפּעטיגערן פארבען דאַרף זיין די בעלוינונג וואָס ער וועט האָבען אין אויסזיכט פאר דער ארבייט פון צייכענען. און מען דאַרף ערמונטערן די שטרעבונגען פאַרצו־שטעלען אינטערעסאַנטע ווירקליכקייטען, מיט דער איבערצייגונג, אז ווען זייער ערפאַהרונג וועט ווערען ברייטער, און די איינפאַכערע, מעהר פּראַקטישע זאכען וועלען אויך ווערען אינטערעסאַנט, וועלען זיי יענע זאכען אויך פּרובירען מאָלען: ביז וואַנען זיי וועלען ביס־לעכווייז זיך דערנעהנטערן צו אזוינע נאָכאַהמונגען וואָס האָבען עפּעס אַן עהנליכקייט צו די ווירקליכע זאכען. די שטאַרקע אונבע־שטימטקייט, אין איינקלאַנג מיט׳ן געזעץ פון ענטוויקלונג, וואָס אַט די ערסטע פּראָבעס ווייזען ארויס, איז גראָד ניט קיין גרונד פּאַרוואָס מען זאָל זיי איגנאָרירען. עס מאכט ניט אויס, ווי אומ־געלומפּערט די געשטאַלטען וואָס זיי מאָלען זאָלען ניט זיין; עס מאכט ניט אויס, ווי גראָב און שרייענד די קאָלירען זאָלען ניט זיין. די פראַגע איז ניט, צי דאָס קינד מאכט גוטע צייכענונגען. די פראַגע איז, צי דאָס קינד ענטוויקעלט זיינע פעהיגקייטען. ער דאַרף צוערסט בעקומען א געוויסען קאָנטראָל איבער זיינע פינגער, ער דאַרף קריגען איינינע עלעמענטאַרע גערדאַנקען פון עהנליכקייט; און אַט די פּראַקטיקע איז פאר די דאָזיגע צוועקען בעסער איידער יעדער אַנדער מיטעל, ווייל זי איז א פרייוויליגע און א אינטערע־סאַנטע ארבייט. מען קען קיין פאָרמאַלע שטונדען פון צייכענען אין

די ערסטע קינדער־יאָהרען ניט געבען. זאָלען מיר דעריבער אונ־טערדריקען, אָדער פערפעהלען צו העלפען, די שטרעבונגען צו זעלבסט־בילדונג? אָדער מיר זאָלען, פערקעהרט, אויפמונטערן און זיי מדריך זיין אַלס נאָרמאַלע איבונגען פאַר די חושים און די טעכנישע קרעפטען? אויב מיר קענען, געבענדיג זיי ביליגע גראַוויר־רען אויף צו קאָלאָרירען, אָדער איינפאַכע אומרים־קאַרטען אויף צו בעפאַרבען זייערע גרעניץ־ליניען, ארויסרופען אויף אַן אַנגע־נעהמען אופן, ניט נור דעם חוש פון פאַרבען, נור צופעליג אויך ארויסברייינגען עפּעס אַ בעקאַנטשאַפט מיט דעם אויסזעהען פון זאַ־כען און לענדער, ווי אויך אַ געוויסע פעהיגקייט פריי ארומצופיה־רען דעם פּינזעל; און אויב, בעזאָרגענדיג אַנציהענדע זאַכען, קענען מיר אין זיי אויפהאַלטען די אינסטינקטיווע ארבייט פון מאָלען בילדלעך, ווי רויה זיי זאָלען אפילו ניט זיין—וועלען מיר האָבען דעם רעזולטאַט, וואָס בעת די צייט וועט קומען צו נעהמען שטונדען אין צייכענען, וועלען זיי שוין בעזיצען אַ געוויסע געניטקייט, וועל־כע זיי וואָלטען זאָנסט ניט געהאַט. מען וועט האָבען געוואונען צייט, און מען וועט איינשפּאָרען מיה און ארבייט אי פאַר'ן רבי'ן, אי פאַר'ן תלמיד.

מען קען לייכט איינזעהן פון דאָס וואָס איז געזאָגט געוואָרען, אַז מיר פערדאַמען די פּראַקטיקע פון צייכענען נאָך אַ פאַרשריפט; און נאָך מעהר פערדאַמען מיר די פאָרמאַלנע דיסציפּלין פון לער־נען צו מאַכען גלייכע ליניען און געבויגענע ליניען און צוזאַמענ־געזעצטע ליניען, מיט וועלכע איניגע לעהרער האָבען אַ מאָדע אָנצופאַנגען דעם למוד. מיר בעדויערן וואָס די „געזעלשאַפט פאַר קונסט" האָט, ניט לאַנג צוריק, אין איהר סעריע פון האַנדביכער איבער דעם „עלעמענטאַרען קונסט־אונטערריכט", געגעבען איהר הסכם אויף אַן עלעמענטאַרען צייכען־בוך, וועלכער איז אין פּרינ־ציפּ דער פעהלערהאַפטעסטער וואָס מיר האָבען ווען עס איז גע־זעהען. מיר מיינען דאָס ביכעל "Outline from Outline or from the Flat" פון דזשאָהן בעלל, שטיינשניצער. ווי ער דער־קלערט אין זיין פאָררעדע, איז די כונה פון'ם ווערק „צו געבען דעם שילער אַן איינפאַכע אָבער לאָגישע מעטאָדע פון אונטערריכט";

און מיט דעם צוועק הויבט ער אָן מיט א צאָהל דעפיניציאָנען, ווי פאָלגט:—

„אַן איינפאַכע ליניע אין צייכענען איז א דיענער שטריך געצויגען פון איין פונקט צו אַנאַנדערן.

לויט זייער טבע אין צייכענען, קען מען די ליניען איינטיילען אין צוויי קלאַסען:

1. גלייכע, ד. ה. שטריכען, וואָס געהען דעם קירצעסטען וועג צווישען צוויי פונקטען, ווי א. ב.

2. אָדער געבויגענע, ד. ה. שטריכען, וואָס געהען ניט דעם קירצעסטען וועג צווישען צוויי פונקטען, ווי ג. ד.“

און אַט אַזוי געהט זיך די איינלייטונג ווייטער צו האָריזאָנטאַלע ליניען, פערפּענדיקולאַרע ליניען, קרומע ליניען, פערשיידענע סאָרטען ווינקלען און צו די פערשיידענע פיגורען, וועלכע ליניען און ווינקלען שטעלען צונויף. דאָס ווערק איז אין קורצען א גראַמאַטיק פון פאָרם, מיט איבונגען. אַט אַזוי, הייסט עס, וויל מען אין דעם למוד פון צייכענען ווידער איינפיהרען דאָס סיסטעם, וואָס הויבט אָן מיט א טרוקענעם אַנאַליז פון עלעמענטען, וועלכער איז אין דעם למוד פון שפּראַכען שוין צוקלאַפּט געוואָרען. מען הייסט אונז אָנפאַנגען מיט דעם בעשטימטען, אַנשטאָט מיט דעם אונבעשטימטען. דאָס אַבסטראַקטע זאָל זיין די פאָרשטופּע פון דעם קאָנקרעטען. די וויסענשאַפטליכע בעגריפען זאָלען קומען פריהער פאַר די עמפּירישע ערפאַהרונגען. אז דאָס איז דער היפך פון דעם נאָרמאַלען סדר, האָבען מיר קוים נויטיג צו ווידערהאָלען. וועגען דעם מנהג אָנצוהויבען די קונסט פון רעדען א וועלכע עס איז שפּראַך דורך איבונגען אין די שפּראַך־עלעמענטען און זייערע פונקציעס, איז ריכטיג בעמערקט געוואָרען, אז עס איז אונגעפעהר אַזוי קלוג ווי, למשל, איינצולייטען די קונסט פון געהן דורך א קורס לעקציעס איבער די ביינער, מוסקולען און נערוועז פון די פיס. גאַנץ דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען דעם פּלאַן איינצולייטען די קונסט פון מאָלען זאַכען דורך א נאָמענקלאַטור און דעפיניציאָנען פון ליניען, וועלכע די זאַכען ווייזען אַרויס ווען מען אַנאַליזירט זיי. אַט די טעכנישע איינצעלהייטען זענען פונקט אַזוי אָבשטויסענד, ווי זיי זענען

איבעריג. זיי פערמיאוס'ן דעם למוד גליין ביים אנהויב; און צו־ ליב וואס? כדי צו לערנען עפעס אזוינס, וואס אין משך פון דער פראקסים וועט מען אויסלערנען אליין פון זיך! פונקט אזוי ווי דאס קינד לערנט זיך אויס צופעליג די בעדייטונג פון די געוועהנלי־ כע ווערטער, פון די געשפרעכען וואס ער הערט זיך אן, אהן דער הילף פון ווערטערביכער, אזוי וועט ער מיט דער צייט, פון די בעמערקונגען וועגען זאכען, פון בילדער און פון זיינע אייגענע צייכנונגען, זיך אויסלערנען, ניט נור אהן מיה, נור אפילו מיט פערגעניגען, די אייגענע וויסענשאפטליכע טערמינען, וועלכע זענען פאר איהם אונפערשטענדליך און אן אבקומעניש, ווען ער לערנט זיי אלס דעם ערסטען אנפאנג.

אויב מען קען נור זיך וויפיעל עס איז פערלאזען אויף די פריהער געגעבענע אלגעמיינע פרינציפען פון ערציהונג, דאן מוז אויך דער פראצעס פון לערנען זיך צייכענען זיין דורכאויס א פארט־ זעצונג פון יענע אויבען־בעשריבענע שטרעבונגען, וואס פערדיענען מען זאל זיי ערמונטערן. ביי דער צייט, וואס די פרייווילינ־אנגע־ פאנגענע פראקסים וועט האבען געגעבען א געוויסע פעסטקייט אין האנד און וויפיעל עס איז נישקשה'דיגע אידעען פון פראפארציע, וועלען זיי שוין האבען אן אונבעשטימטען בעגריף פון א קערפער, ווי ער שטעלט פאר זיינע דריי דימענסיאנען (לענג, ברייט און טיעפקייט) אין פערספעקטיוו. און שפעטער, נאך די פערשיידענע ניט־געלונגענע, כינעזען־ארטיגע פראבעס איבערצוגעבען דעם אויס־ זעהען אויף פאפיער, ווען עס איז שוין אויסגעוואקסען א היבש־ קלארער בעגריף וועגען דער זאך, וואס ער וויל פארשטעלען, און עס האט זיך בעוויזען א פערלאנג דאס פארצושטעלען, קען מען איהם געבען די ערסטע שטונדע אין עמפירישער פערספעקטיוו מיט דעם אפאראט וואס מען געברויכט אפטמאל אויף צו דערקלערען די פער־ ספעקטיוו וויסענשאפטליך. דאס קלינגט שרעקליך; דער עקספערי־ מענט איז אבער אי אינטערעסאנט, אי בעגרייפליך פאר יעדען יונגעל און מיידעל פון א גאנץ געוועהנליכען פערשטאנד. נעהמט א פלאטע גלאז, איינגעראהמט אזוי, אז עס זאל קענען שטעהן ווער־ טיקאל אויפ'ן טיש; שטעלט עס אוועק פאר'ן שילער און לעגט אוועק אויף דער אנדער זייט א בוך אדער אן עהנליכען איינפאכען

געגענשטאַנד; הייסט איהם האַלטען זיין אויג אין איין פּאָזיציע און מאַכען פּינטלעך מיט טינט אויפ'ן גלאָז אַזוי, אַז די פּינטלעך זאָלען טרעפען אָדער בעדעקען די ווינקלען פון אָט דעם געגענשטאַנד. הייסט איהם נאָכהער פערבינדען אָט די פּינטלעך דורך ליניען; ער וועט יעמאָלט דערזעהען, אַז די ליניען וואָס ער מאַכט, פּערדעקען אָדער טרעפען זיך צוזאַמען מיט די אומריסען פון דעם געגענשטאַנד. ווען מען לעגט נאַכהער אַוועק אַ בלאַט פּאַפּיער אויף דער אַנדער זייט פון גלאָז, דערזעהט ער קלאָר, אַז די ליניען, וועלכע ער האָט אויף דעם אופן געצייכענט, שטעלען פאָר דעם געגענשטאַנד ריכטיג ווי ער זעהט איהם. און ניט נור זעהען זיי אויס עהנליך, נור ער בעגרייפט אַז זיי מוזען זיין עהנליך צום געגענשטאַנד, וואָרים ער האָט דאָך זיי געמאַכט זיי זאָלען שטימען מיט זיינע. אַוועקנעהמענדיג דאָס פּאַפּיער קען ער זיך איבערצייגען, אַז זיי שטימען טאַקי מיט זיינע אומריסען. עס איז אַ נייער און אויפפאַלענדער פאַקט, און ער דיענט איהם אַלס אַן עקספּערימענטאַלער בעווייז, אַז ליניען פון געוויסע לענגען, ווען מען שטעלט זיי אַוועק אין געוויסע ריכטונגען אויף אַ פלאַך, קענען פאָרשטעלען ליניען פון אַנדערע לענגען, וואָס האָבען אַנדערע ריכטונגען אין רוים. ביסלעכוויז בייטענדיג די פּאָזיציע פון דעם געגענשטאַנד, קען מען איהם מיטברייננגען צו בעאָבאַכטען, ווי געוויסע ליניען ווערען קירצער און פערשווינדען, בעת אַנדערע ווערען אָנזיכטיג און ציהען זיך אויס אין דער לענג. פון צייט צו צייט קען מען אויפ'ן זעלביגען אופן איהם בעווייזען דאָס צוזאַמענלויפען אין איין פּונקט פון פּאַראַלעלע ליניען, ווי טאַקי אויך אַלע הויפּט־פּאַקטען פון פּערספּעקטיוו. אויב ער האָט זיך ריכטיג צוגעוועהנט צו זעלבסט־הילף, וועט ער מיט פערגעניגען פּרובירען, ווען מען וועט עס איהם פאָרשלאָגען, צו צייכנען אויף פּאַפּיער איינע פון אָט די אומריסען מיט'ן אויג אַליין; און באַלד קען עס ביי איהם געהן אין נצחון צו צייכענען אַ פאָרשטעלונג גאָר אָהן הילף, וואָס זאָל זיין אַזוי עהנליך ווי מעגליך צו אַ צייכענונג וועלכע ער וועט נאַכהער סקיצירען אויף גלאָז. מען קען אָט אַזוי קריגען אַ בעקאַנטשאַפט מיט די ליניען־ערשיינונגען פון זאַכען און אַ פעהיגקייט זיי פאָרצושטעלען, גאָר אָהן דער אונפערשטענדליכער, מעכאַנישער מעטאָדע פון קאָפּירען אַנדערע צײ־

בענוצען, נור מיט אַ מעטאָדע וועלכע איז אין דערזעלביגער צייט אי איינפאַך, אי אָנציהענד, ראַציאָנאַל און דאָך ניט אַבסטראַקט. צו די דאָזיגע מעלות זייט נאָך מוסיף אָט די: ערסטענס, אַז אַפילו אָט אַזוי פריה לערנט זיך שוין דער תּלמיד אויס, כמעט אונבע־וואוסטזיניג, די אמת'ע טעאָריע פון אַ בילד (אַז עס איז אַן אויס־ליניִרען פון זאַכען, ווי זיי ערשיינען פאַר'ן אויג ווען מען וואַרפט זיי אַרויף אויף אַ פלאַך, וואָס שטעהט צווישען זיי און איהם); און צווייטענס, אַז ווען ער ווערט אַלט גענוג אָנצוהויבען די וויסענ־שאַפטליכע פּערספּעקטיוו, איז ער שוין גרינדליך בעקאַנט מיט די פאַקטען, וועלכע שטעלען צונויף איהר לאָגישען פונדאַמענט.

אויף צו בעווייזען אַ ראַציאָנאַלען וועג פון איבערגעבען עלע־מענטאָרע בעגריפען אין געאָמעטריע, האָבען מיר ניט קיין בעסערן מיטעל ווי צו ברייגנען דעם פאָלגענדען זאַץ פון ווייז:—

„אַ קינד איז געווען געוועהנט צו בענוצען ק ו ב ע ן (פיער־עקיגע קליינצלעך פון דערזעלביגער מאָס אין לענג, ברייט און טיעף) אין אַריפמעטיק; לאָז ער זיי אויך געברויכען פאַר די עלעמענטען פון גע־אָמעטריע. איך וואָלט אָנפאַנגען מיט סאָלידע (האַרטע) קערפּער, דער היפּך פון דעם געוועהנליכען פלאַן. עס שפּאָרט איין די גאַנצע שווער־קייט פון אונזיניגע דעפיניציאָנען און שלעכטע ערקלעהרונגען מכח פונקטען, ליניען און פלעכען, וועלכע זענען נישט מעהר ווי אַבסטראַק־ציעס... אַ קוב שטעלט פאַר אַ סך פון די הויפּט עלעמענטען פון געאָ־מעטריע; עס בעווייזט אויף איין מאָל פונקטען, גלייכע ליניען, פּאַראַ־לעלע ליניען, ווינקלען, פּאַראַלעלאָגראַמען, א. ז. וו., א. ז. וו. די קובען קענען צוטיילט ווערען אין פערשיעדענע טיילען. דער תּלמיד איז שוין בעקאַנט געוואָרען מיט אַזוינע טיילען אין חשבונ'ען, איצט נעהמט ער זיך פערגלייכען זייערע בעזונדערע טיילען, און זייער שייכות איינע צו די אַנדערע... פון דאַנען געהט ער ווייטער צו קוגלען, וועלכע גיבען בכלל א. אַז. וו. ווי ער ווערט נישקשה'דיג בעקאַנט מיט סאָלידע קער־פער, קען ער איצטער נעהמען אַנשטאָט זיי פלעכען. דער איבערגאַנג פער, קען ער איצטער נעהמען אַנשטאָט זיי פלעכטען. דער איבערגאַנג קען געמאַכט ווערען גאַנץ לייכט. זאָל מען דעם קוב, צ. ב. צושניידען אויף דינע טיילען און אַוועקלעגען אויף אַ פּאַפּיער; ער וועט דאַן זעהן אַזוי פיעל פלאַכע פיער־עקען, וויפיל ער האָט טיילען; דאָסגלייכען מיט

אַלע איבעריגע. קוגלען קענען בעהאַנדעלט ווערען אויפ'ן זעלבען אופן; אַט אַזוי וועט ער זעהן ווי איבערפלעכען ענטשטעהען אין דער ווירקליכקייט, און ער וועט זיי לייכט קענען אַבציהען (אַבסטראַהירען) אין יעדען סאָלידען קערפּער.

ער לערנט זיך אויף דעם אופן אויס דעם אַלף-בית און לעזען פון געאָמעטריע. דערנאָך געהט ער זי שרייבען.

די איינפאַכסטע, און דעריבער די ערשטע אויפגאַבע, איז בלויז אַוועקלעגען אַט די פלעכען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער און אַרומפיהרען מיט'ן בלייפעדער אַרום זיי. ווען ער האָט דאָס אָפט געטהון, קען מען דעם פלאַך אַוועקלעגען אַביסעל פון ווייטען און הייסען דאָס קינד איהם קאָפּירען: און אַזוי ווייטער".

ווען דער תלמיד האָט בעקומען אַ געוויסע סומע פון געאָמעטרישע בעגריפען אויף אַזאַ מין אופן ווי דער, וואָס ווייז רעקאָמענדירט, קען מען געהן אַ טריט ווייטער, איינפיהרענדיג די פּראַקטיק פון פּ ר ו ב י ר ע ן די ריכטיגקייט פון די פיגורען, וואָס זענען געצייכענט געוואָרען מיט'ן אויג: דערוועקענדיג אויף אַט דעם אופן ערסטענס, אַן אַמביציע צו מאַכען זיי פּינקטליך, און צווייטענס, בעווייזענדיג נאָכאַנאַנד ווי שווער עס איז צו פערווירקליכען די דאָזיגע אמביציע. עס קען כמעט קיין ספק ניט זיין, אַז די געאָמעטריע האָט זיך אורשפּרינגליך גענומען (ווי, באמת, דאָס וואָרט גופא איז מחיב) פון די מעטאָדען, וואָס די בעלי מלאכות און אַנדערע האָבען אויסגעפונען אויף צו מאַכען גענויע אויסמעסטונגען פאַר די פונדאַמענטען פון געביידען, פאַר פלעצער־אַבצוימונגען, און דערגלייכען; און אַז מען האָט זיך גענומען אַנקלייבען איהרע וואַרהייטען נישט מעהר ווי מיט דער כונה, וואָס זיי קענען זיין פון דירעקטע נוצען. זיי דאַרפען פאַרגעבראַכט ווערען פאַר'ן תלמיד אונטער עהנליכע פערהעלטניסען. בעת'ן אויסשניידען שטיקער פּאַפּיער אויף צו מאַכען זיינע קאַרטען־בנינים, צייכענענדיג ציערליכע פיגורען כדי זיי צו קאָלאָרירען, און ביי זיינע פערשיידענע בעלעהרענדע בעשעפטיגונגען, אין וועלכע אַן ערפינדערישער לעהרער קען איהם אַריינפיהרען, מעג מען איהם מיט נוצען לאָזען פאַר אַ געוויסע צייט אויף דער שטופע, אין וועלכער דער פּרימיטיווער בוי־מייסטער האָט זיך געפונען—פון פאַרלויפיגע, ניט־זיכערע פּראָבעס: ער

וועט אויף דעם אופן לערנען פון ערפאהרונג, ווי שווער עס איז צו פערווירקליכען זיינע צוועקען מיט די חושים אליין. שפעטער, אז ער האט שוין דורכגעמאכט די פאסענדע צייט צו געברויכען א צירקעל, וועט ער אפילו פערשטעהן דעם ווערטה פון דעם דאזיגען אינסטרומענט, וועלכע גיט איהם די מעגליכקייט צו בעשטעטיגען וואס ער האט געטראפען בלויז מיט'ן אויג, אבער ער וועט נאך אלץ זיין געשטערט אין דער ארבייט צוליב די אונפאלקאמענהייטען פון דער התחלה־מעטאדע. אויף דער שטופע קען מען איהם לאזען נאך א ווייטערדיגע שטיקעל צייט: טיילווייז מחמת ער איז נאך צו־יונג פאר עפעס העכערעס, און טיילווייז ווייל עס איז כדאי מען זאל איהם מאכען נאך שטארקער פיהלען דעם מאנגעל פון סיסטעמאטי־שע מיטלען און פלענער. אויב מען דארף זעהן אז דער פראצעס פון אנזאמלען קענטניס זאל אלעמאל זיין א אינטערעסאנטער; און אויב די ערסטע ציוויליזירונג פון קינד, אזוי גוט ווי אין די פריהע ציווי־ליזאציע פון דער ראסע, האט וויסענשאפט א ווערטה נור בערך וואס זי דיענט דער קונסט — איז עס קלאר, אז די ריכטיגע איינ־ליטונג אין געאמעטריע איז, ארבייטען לאנג אויף די אייגענע אויפבויענדע (קאנסטרוקטיווע) פראצעסען, וועלכע די געאמעטריע וועט מאכען לייכטער דורכצופיהרען. בעמערקט, אז אויך דא צייגט די נאטור אליין אן דעם וועג. קינדער ווייזען ארויס א שטארקע נייגונג אויסצושניידען זאכען פון פאפיער, מאכען, בויען—דאס איז א נייגונג, וואס אז מען זאל זי אויפמונטערן און דירעקטירען, וועט זי ניט נור פארברייטען דעם וועג פאר וויסענשאפטליכע בעגריפען, נור זי וועט אויך ענטוויקלען די קרעפטען פון מאניפולירען (שאפען זיך מיט זאכען), אין וועלכע דאס רוב מענשען זענען אזוי פעהלער־האפטיג.

ווען די בעאבאכטונגס און ערפינדערישע פעהיגקייטען האבען שוין דערגרייכט די נויטיגע מדרגה פון קראפט, קען מען דעם תלמיד אריינפיהרען אין עמפירישע געאמעטריע; ד. ה. אין געאמעטריע, וועלכע האט צו טהון מיט מעטאדישע לעזונגען פון פראבלעמען, אבער נאך ניט מיט די בעווייזען (דעמאנסטראציעס) פון די לעזונ־גען. דאס, ווי אלע אנדערע איבערגאנגס־שטופען פון ערציהונג, דארף ניט געמאכט ווערען פארמאל, נור צופעליג; און מען דארף נאך

אַלץ האַלטען אין אויג די שיכות פון דעם צו דער קאָנסטרוקטיווער קונסט. א פּראָבלעם וואָס וועט אינטערעסירען דעם תלמיד און דיענען ווי א גוטע התחלה, איז איהם געבען נאָכמאַכען פון קאַרטפּאַפּיער א טעטראַהעדער—א פיגור פון פיער גלייכע דריי־עקען. פרובירענדיג דאָס מאַכען געפינט ער, אז מען מוז צייכענען פיער גלייכזייטיגע דריי־עקען, וואָס זענען איינגעאָרדענט אין ספּעציעלע פּאָזיציעס. אזוי ווי, ניט האָבענדיג קיין גענויע מעטאָדע, קען ער עס ניט מאַכען פּינקטליך, געפינט ער אויס, ווען ער שטעלט אוועק די דריי־עקען אין זייערע פּאַסענדע פּאָזיציעס, אז ער קען ניט מאַכען די זייטען זאָלען זיך צופּאַסען, און אז די ווינקלען ביי'ן שפּיץ קומען זיך ניט צונויף. איצטער מעג מען איהם צייגען ווי מען קען, אז מען זאָל בעשרייבען א פּאָר קרייזען, יעדען פון אָט די דריי־עקען צייכענען מיט פּאָלקאָמענער ריכטיגקייט און גאָר אָהן טרעפענים; און נאָך זיין פריהערדיגער ארויסגעוואָרפענער ארבייט וועט ער טייער האַלטען די בעלעהרונג. האָבענדיג אָט אזוי איהם געהאָלפען צו לעזען דאָס ערסטע פּראָבלעם, מיט דער כונה כדי צו בעלייכטען פאַר איהם די טבע פון געאָמעטרישע מעטאָדען, דאַרף מען איהם ווייטער לאָזען אליין, ער זאָל די פראַגען וואָס מען שטעלט איהם לעזען אזוי גוט ווי ער קען. איבערהאַקען א ליניע אין צוויי, אויפשטעלען א פּערפּענדיקולאַר, בעשרייבען א קוואַדראַט, איבערהאַקען א ווינקעל, ציהען א ליניע פּאַראַלעל צו אַנאַנדערער, בעשרייבען א זעקס־עק—זענען פּראָבלעמען, וועלכע ער וועט קענען, מיט א ביסעל געדולד, אליין אויסגעפינען. פון די, ווייטער, קען מען איהם פיהרען טריט ביי טריט צו מעהר־קאָמפּליצירטע פּראַגען, וועלכע ער וועט דורכקריכען, אונטער א ריכטיגער אויפזיכט, אליין אָהן הילף.

פיעלע מענשען, וועלכע זענען ערצויגען געוואָרען אונטער דעם אַלטען רעזשים, וועלען בלי ספק קוקען סקעפּטיש אויף אָט די בעהויפּטונג. מיר רעדען אָבער פון פאַקטען, און זיי זענען ניט קיין קליינע צאָהל, און אויך ניט קיין אויסנאַהמס־פאַקטען. מיר האָבען געזעהען א קלאַס פון יונגלעך, וועלכע זענען אזוי פּעראינטערעסירט געוועזען אין אויסאַרבייטען לעזונגען פאַר אזוינע פּראָבלעמען, אז זיי האָבען געוואַרט אויף זייער שטונדע אין געאָמעטריע ווי

אויף די הויפּט־פּאַסירונג פון וואָך. אין משך פון לעצטען מאָנאַט האָבען מיר געהערט פון א שוהל פאַר מיידלעך, וואו עטליכע פון די יונגע פרייליגס בעשעפטיגען זיך פרייוויליג מיט געאָמעטרישע פראַגען נאָך די שוהל־שטונדען; און פון נאָך אַ שוהל, וואו ניט נור זיי טהוען דאָס, נור וואו איינע פון זיי בעט זיך מען זאָל איהר געבען פּראָבלעמען אויף צו לעזען אין פערלויף פון די יום־טוב פעריען: די ביידע פּאַקטען גיבען מיר איבער אויף די נאמנות פון׳ם לעהרער. דאָס זענען שטאַרקע בעווייזען ווי אויספיהרבאַר עס איז און ווי גרויס עס זענען די נוצען פון זעלבסטענטוויקלונג! אַ צווייג פון קענטניס, וועלכער אין דעם געוועהנליכען שטייגער ווי מען לערנט איהם, איז טרוקען און אפילו אָבשטויסענד, קען ווערען, ווען מען פאָלגט די מעטאָדע פון דער נאַטור, שטאַרק אינטערע־סאַנט און אָן אַ שיעור ניצליך. מיר זאָגען אָהן אַ שיעור ניצליך, ווייל די ווירקונגען בעשרענקען זיך ניט נור אויף דעם געווינס פון געאָמעטרישע פּאַקטען, נור זיי רעוואָלוציאָנירען אָפּט דעם גייסטי־גען צושטאַנד. עס האָט נאָכאַנאַנד געטראָפען, אַז קינדער וואָס זייערע מוחות זענען פערדולט געוועזען פון דעם שטענדיגען קנעלען מיט זיי—פון די אַבסטראַקטע פאָרמולען, די לאַסטיגע אויפגאַבען און אָנשטאָפּען זיך דעם קאָפּ — האָבען מיט אַמאָל דערשפּיהרט אַן אויפוואַכען פון זייער פערשטאַנד, ווי נור מען האָט אויפגע־הערט זיי צו מאַכען פאַר פּאַסיווע מקבלים און געפיהרט זיי צו ווערען אַקטיווע ענטדעקער. ווי נור מען האָט דורך אַביסעל סימ־פּאַטיע קלענער געמאַכט די ענטמוטיגונג, וואָס זיי האָבען גע־פיהלט דורך די שלעכטע וועגען פון לערנען, און ווי נור מען האָט אַרויסגערופען אין זיי גענוג געדולד און אויסדויער צו געווינען דעם ערסטען ערפאָלג, וואַקסט אַרויס אַ געפיהל־איבערקעהרעניש, וואָס מאַכט אַן איינדרוק אויף זייער גאַנצער נאַטור. זיי האַלטען זיך ניט מעהר פאַר אונפעהיגע; זיי פיהלען אַז זיי קענען אויך עפּעס אויפטהון. און ביסלעכווייז, ווי איין ערפאָלג קומט נאָך דעם אַנדערן, פערשווינדט די דריקענדע לאַסט פון פערצווייפלונג און זיי נעהמען זיך אַטאַקירען די שוועריגקייטען פון זייערע אַנדערע למודים מיט אַ קוראַזש וואָס מאַכט זיכער דעם זיעג.

עטליכע וואָכען נאָכדעם ווי די דאָזיגע בעמערקונגען זענען

צום ערסטען מאָל געדרוקט געוואָרען, האָט פּראָפעסאָר טינדאַל, אין אַ פאָרטראַג אין קעניגליכען אינסטיטוט, „וועגען דער וויכטיגקייט פון דעם שטודיום פון פיזיק אַלס אַ צווייג פון ערציהונג“, געגעבען ענטשיידענדע ראיות פאַר דיזעלבע געדאנקען. זיין עדות, וואָס איז בעגרינדעט אויף פּערזענליכע בעאָבאַכטונגען, האָט אַזאַ גרויסען ווערטה, אַז מיר קענען זיך ניט אָבהאַלטען פון צו ציטירען זיינע ווערטער. ער דערצעהלט: —

„איינע פון די פליכטען, וואָס איז אויסגעפאַלען אויף מיין חלק, אין משך פון יענער פעריאָדע, וועגען וועלכער איך האָב פריהער גערעדט, איז געווען צו אונטעררוכטען אַ קלאַס אין מאַטעמאַטיק; און איך האָב אויסגעפונען, אַז אייקליד און די אלטע געאָמעטריע בכלל, אויב מען האָט זיך נור געווענדעט צום פערשטאַנד, איז געווען אַ זעהר אָנציהענדער למוד פאַר די יונגוואַרג. מיין געוועהנליכער פיהר איז אָבער געווען, אָוועקצונעהמען די יונגלעך פון דעם סקאַרבאָוועז סדר פון בוך און ווענדען זיך צו זייער אייגענער קראַפט אין דער בעהאַנדלונג פון פראַגען, וואָס זענען ניט אַריינגעגאַנגען אין יענעם סדר. אין אָנהויב האָט די ענדערונג, אָבקעהרענדיג זיך פון דעם אויסגעטראָטענעם וועג, געוועהנליך אַרויסגערופען אַביסעל אונצופרידענהייט: דאָס יונגוואַרג האָט געפיהלט ווי אַ קינד וואָס מען האָט איבערגעלאָזען צווישען פרעמדע; איך האָב אָבער אין קיין איינציגען פאַל ניט בעמערקט, אַז דער ווידער-ווילען זאָל לאַנג אָנהאַלטען. ווען אַ יונגעל האָט אַמאָל אין גאַנצען פערלאָרען דעם מוטה, פלעג איך איהם דערמונטערן, דערצעהלענדיג איהם דעם אַנעקדאָט וועגען נ י ו ט אָ ן, וואו ער שרייבט-צו דעם חלוק צווישען איהם און אַנדערע מענשען דערהויפּט צו זיין געדולד; אָדער די מעשׂה וועגען מ י ר אַ ב אָ, וועלכער האָט פערזאָגט זיין דיענער, ווען יענער האָט איהם געזאָגט אַז עפּעס אַ זאַך איז געווען אונמעגליך, ער זאָל קיינמאָל מעהר אַזאַ נאַריש וואָרט ניט געברויכען. געטרייסט דערמיט, פלעגט דער יונגעל זיך ווידער נעהמען פאַר זיין אויפגאַבע מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט אפשר בעטייט אַ מין ספק אין מיינע רייד, יעדענפאַלס אָבער האָט ער אַרויסגעוויזען אַן ענטשלוס צו פּרובירען נאָך אַ מאָל. איך האָב געזעהען ווי דעם יונגעלס אויגען האָבען אָנגעהויבען לייכטען, און ענדליך האָב איך איהם געהערט אויסשרייענדיג מיט שׂמחה, אין פערגלייך מיט וועלכער די פרייד פון אַרכימעד איז נור גע-

ווען אַ צופרידענער שמייכעל, „איך האָב עס געפונען, הערר לעהרער!“ דאָס בעוואוסטזיין פון דער אייגענער קראַפט, וואָס האָט זיך אין איהם אויף דעם אופן דערוועקט, האָט געהאַט אַן אונגעהויערען ווערטה; און דער פּראָגרעס פון׳ם קלאַס איז דורך אָט די ערמונטערונג באמת געווען אַ וואונדערבאַרער. מיין מנהג איז אָפט געווען, געבען די יונגלעך די ברירה, ענטוועדער אויסצוארבייטען זייערע פּראָפּאָזיציעס אין בוך, אָדער פּרובירען זייערע קרעפטען אויף אַנדערע אויפגאַבען וואָס זענען דאָרט׳ן ניט געשטאַנען. זיי האָבען קיינמאָל ניט, איך וויים ניט פון קיין איינציגען פאַל, אויסגעקליבען דאָס בוך. איך בין שטענדיג געווען פערטיג זיי אויסצוהעלפען, ווען איך האָב געדענקט, אַז מיין הילף איז געווען נויטיג; מיין אָנגעבאָטענע הילף פלעגען זיי אָבער אַלעמאָל אָבזאָגען. די חברה-לייט האָבען פערזוכט דעם טעם פון אַ גייסטיגען נצחון און האָבען געפאָדערט מען זאָל זיי לאָזען געווינען אייגענע זיעגען. איך האָב געזעהען זייערע געאָמעטרישע פיגורען אָנגעשריבען אויף די ווענט, איינגעשניטען אין די שטאַנגען אויף זייער שפּיעל-פּלאַטץ, און אַ סך אַנדערע בעווייזען פון דעם לעבעדיגען אינטערעס, וואָס זיי האָבען גענומען אין דעם געגענשטאַנד. איך אליין, וואָס געהערט צו ערפאַהרונג אין לערנען מיט קינדער, בין געווען אַן אמת׳ער פּריטץ: איך האָב קיין ברעקיל ידיעה ניט געהאַט אין די רעגעלן פון „פּעדאַגאָגיע“, ווי די דייטשען רופען עס אָן; איך האָב זיך נור געהאַלטען אָן דעם גייסט, וואָס איז אָנגעוויזען געוואָרען אין אָנהויב פון מיין פאָרטראַג, און האָב זיך געמיהט צו מאַכען די געאָמעטריע ניט פאַר אַ צ ו ו י ג, נור פאַר אַ מ י ט ע ל פון ערציהונג. דער עקספּערימענט איז געווען ערפאָלגרייך, און איניגע פון די העכסט אַנגענעהמע שטונדען פון מיין לעבען זענען פערבראַכט געוואָרען צוקוקענדיג ווי קרעפטיג און פרוי-לער עס וואַקסען די גייסטיגע קרעפטען, ווען מען ווענדט זיך צו זיי לויט דעם אופן וואָס איך האָב דאָ בעשריבען“.

די עמפּירישע געאָמעטריע, וועלכע גיט אַן אונענדליכע רייה פון
ראָבלעמען, דאַרף מען אָנהאַלטען צוזאַמען מיט אַנדערע למודים
אהרען לאַנג; און מען קען עס מיט גרויסע נוצען אַלעמאָל צו-
ויפפיהרען מיט יענע קאָנקרעטע אָנווענדונגען פון איהרע פּרינ-
יפּען, וועלכע דיענען איהר אַלס איינלייטונג. נאָך דעם קוב, דעם
כט־עק (אָקטאַהעדער) און די פערשיידענע פאָרמען פון פּיראַ-

מידען און פריזמען, קענען קומען די מעהר־קאמפליצירטע רעגולערע קערפער — דער צוועלף־עק (דאָדעקאהעדער) און דער צוואנציג־עק (איקאָסאהעדער) — וואָס עס פאָדערט זיך, אויף אויפצובויען זיי פון איינצעלנע שטיקלעך קאַרט־פאפיער, א היבש ביסעל שארפזין. פון זיי קען מען אויף א נאטירליכען אופן אריבערגעהן צו אזוינע מאָדיפיצירטע פאָרמען פון רעגולערע קערפער, וועלכע מען בעגעגענט ביי קריסטאָלען — דעם אָבגעשטומפטען קוב, דעם קוב מיט אן אָבגעשטומפטען דיהעדראל (צוויי־עק) און סאָלידע ווינקלען, דעם אָקטאהעדער און די פערשיידענע פריזמען, וועלכע זענען מאָדיפיצירט אויף׳ן זעלביגען אופן: בעת׳ן נאָכמאכען די צאָהלרייכע פאָרמען, וואָס פערשיידענע מעטאלען און זאלצען נעהמען אָן, קען מען אגב געווינען א בעקאנטשאפט מיט די הויפט פאקטען פון דער מינעראלאָגיע.*)

נאָכדעם ווי מען האָט פאר א לאנגע צייט געמאכט אזוינע איבונגען וועט די ראציאָנאלע געאָמעטריע, ווי מען קען זיך פאָרשטעלען, ניט געבען קיינע שטערונגען. זייענדיג געוועהנט צו בעטראכטען די שיכות׳ן צווישען פאָרם און צאָהל, און ניט גאנץ קלאָר איינזעהענדיג פון צייט צו צייט, אז געוויסע רעזולטאטען מוזען על פי נויט ארויסקומען דורך געוויסע מיטלען, הויבט דער שילער אָן צו קוקען אויף די בעווייזען פון אייקליד ווי אויף הוספות, וואָס האָבען איהם אויסגעפעהלט אין זיינע בעקאנטע פּראָבלעמען. זיינע גוט־דיסציפּלינירטע פעהיגקייטען גיבען איהם די מעגליכקייט לייכט צו פערשטעהן איין פּראָפּאָזיציע נאָך דער אנדערער און צו שעצען זייער ווערטה; און אָפטמאָל האָט ער די בעפרידיגונג צו געפינען, אז עטליכע פון זיינע אייגענע מעטאָדען ווערען בעוויזען אלס ריכטיגע. אָט אזוי האָט ער א פערגעניגען פון דאָס, וואָס פאר דעם ניט פאָרבערייטעטען איז א טרויעריגע אויפגאבע. מיר דארפען נאָך דערצו מוסיף זיין, אז זיין פערשטאנד וועט באלד דערגרייכען א צושטאנד, וואָס האָט פון אלע איבונ־

---

*) די וואָס זוכען הילף דורכפיהרענדיג דעם אויבען-בעשריבענעם בילדונגס-סיסטעם, קענען עס געפינען אין א קליין ווערקיל מיט׳ן נאָמען Inventional Geometry, געדרוקט פון Williams & Norgate.

נען דעם גרעסטען ווערטה פאר די דענקענדע פעהיגקייטען — ארויספיהרען אייגענע אָריגינעלע בעווייזען. אין גיכען וועט ער קענען אויספיהרען אזוינע טעאָרעמען, ווי די וואָס קומען צום סוף פון די שפּעטיגערע ביכער פון טשאַמבער׳ס אייקליד; און בעת׳ן בעווייזען זיי, וועט דער פּראָצעס פון זעלבסטענטוויקלונג ניט זיין בלויז אן אינטעלעקטועלער, נור אויך א מאָראַלער.

פאָרטזעצען אָט די אַנדייטונגען נאָך ווייטער, וואָלט הייסען שרייבען א פּרטים׳דיגע אָבהאַנדלונג איבער ערציהונג, וואָס מיר האָבען ניט בדעה צו טהון. די פאָריגע אָנצייכנונגען פון פלענער ווי צו איבען די חושים אין די ערסטע קינדער יאָהרען, ווי אַנצוּפיהרען דעם זאַכען־אונטעררריכט, ווי צו לערנען צייכנען און געאָמעטריע, מוזען בעטראַכט ווערען נישט מעהר וויביישפּיעלען וואָס בעלייכטען די מעטאָדע, וועלכע די פריהער־בעצייכענטע אלגעמיינע פּרינציפּען דיקטירען. מיר גלויבען, אז זיי וועלען זיך ארויסווייזען, ביי אן אונטערזוכונג, ניט נור אלס אזוינע, וואָס פאָדערען פון איינפאַכען צום פיעלפאַכען, פון׳ם אונבעשטימטען צום בעשטימטען, פון׳ם קאָנקרעטען צום אבסטראַקטען, פון׳ם עמפּירישען צו דעם ראַציאָנאַלען, נור אויך אלס אזוינע וואָס שטעלען צופרידען די וויטערדיגע פאָדערונגען, אז די ערציהונג זאָל זיין א ווידערהאָלונג פון דער ציוויליזאַציע אויף א קליינעם מאָסשטאַב, אז זי זאָל זיין אזוי פיעל ווי מעגליך א פּראָצעס פון זעלבסטענטוויקלונג, און אז זי זאָל אויך זיין אַקוראַט אזוי פיעל אנגענעהם. ווען אָט די אַלע קאָנדיציעס ווערען דערפילט דורך איין סאָרט מעטאָדע, זעהען מיר אין דעם אי א בעשטעטיגונג פאַר די דאָזיגע קאָנדיציעס, אי א בעווייז, אז דער סאָרט מעטאָדע איז דער ריכטיגער. מערקט אייך אויך, אז אָט די מעטאָדע איז דער לאָגישער פּועל יוצא פון דער טענדענץ, וואָס כאַראַקטעריזירט אַלע מאָדערנע פערבעסערונגען אין דער ערציהונג — זי נעהמט אָן אין גאַנצען דעם נאַטור־סיסטעם, וואָס זיי נעהמען נור אָן טייל־ווייז; און זי ווייזט ארויס די דאָזיגע פאָלשטענדיגע אָננאַהמע פון דעם נאַטור־סיסטעם, אזוי גוט דורכדעם וואָס זי פאָלגט די אויבען־בעשריבענע פּרינציפּען, ווי דורכדעם וואָס זי פאָלגט די אַנדייטונגען, וועלכע דער פונאַנדערוויקלענדער פערשטאַנד גופא

גיט: זי העלפט זיינע פון־זיך׳דיגע טהעטיגקייטען און העלפט אויף דעם אופן די ענטוויקלונג, מיט וועלכער די נאטור איז בעשעפטיגט. עס שיינט, אלזא, אז מיר האבען גענוג גרונד צו בעשליסען, אז די ארט האנדלונג, פון וועלכער מיר האבען אויבען געגעבען בייי־שפיעלען, קומט־צו זעהר נאהענט צו דער ריכטיגער האנדלונג.

נאך א פאר פאראגראפען מוז מען צולעגען, אום פעסט־צושטעלען נאך ווייטער די צוויי אלגעמיינע פרינציפען, וועלכע זענען צו גלייכער צייט אי די וויכטיגסטע, אי די וואס מען היט אב אם וועניגסטען: ערסטענס, אז דער פראצעס פון ערציהונג, דורך די גאנצע יוגענד־פעריאדע, אזוי גוט ווי אין דער קינדהייט און אין דערוואקסענעם עלטער, דארף פארקומען אין דער פארם פון זעלבסט־אונטערריכט; און צווייטענס, דער פרינציפ, וועלכער איז נור די אנדער זייט פון דעם ערסטען, אז די ארויסגערופענע גייסטי־גע טהעטיגקייט זאל אין עצם זיין דורכאויס אנגענעהם און צו־פרידענשטעלענד. אויב דער פארווערטס־גאנג פון איינפאכען צום פיעלפאכען, פון אונבעשטימטען צום בעשטימטען און פון קאנקרעטען צום אבסטראקטען מוז בעטראכט ווערען אלס די גרינדליכע פא־דערונג, וואס די וויסענשאפטליכע פסיכאלאגיע דיקטירט, דאן ווע־רען די פאדערונגען, אז קענטניס מוז זיין זעלבסט־ערווארבען און עס מוז זיין אויף אן אנגענעהמען אופן ערווארבען, די פראבע, לויט וועלכע מיר קענען אורטיילען, צי די פארשריפטען פון דער וויסענשאפטליכער פסיכאלאגיע ווערען ווירקליך אבגעהיט. אויב די ערסטע פערקערפערן אין זיך די הויפט גענעראליזאציעס פון דער וויסענשאפט פון גייסטיגען וואקסען, זענען די אנדערע די הויפט עיקרים פון דער קונסט ווי צו פלעגען דאס גייסטיגע וואקסען. ווארים עס איז קלאר ערסטענס, אז אויב די טרעפ פון אונזער סדר הלמודים זענען אזוי געאורדענט, אז דער תלמיד קען אליין אויף זיי כסדר ארויפגעהן אהן זייטיגער הילף, אדער מיט גאר קנאפּוואס הילף, דאן מוזען זיי מסתמא שטימען מיט די שטופען פון דער ענטוויקלונג פון זיינע פעהיגקייטען; און צווייטענס, אויב דאס כסדר׳דיגע קלעטערן אויף די טרעפ בע־פרידיגט איהם אינערליך, איז דערפון געדרונגען, אז מסתמא פא־

דערט די ארבייט פון איהם נישט מעהר ווי א נאָרמאלע איבונג פון זיינע קרעפטען.

אָבער מאַכען די ערציהונג פּאר א פּראָצעס פון זעלבסט־ענטוויקלונג האָט נאָך אנדערע נוצען, א חוץ דאָס וואָס עס האלט אונזערע לִמוּדים אין דער ריכטיגער אָרדנונג. די ערסטע זאַך, גאַראַנטירט עס א לעבהאפטיגען און דויערענדיגען איינדרוק, וואָס די געוועהנליכע מעטאָדען קענען קיינמאָל ניט פּועל'ן. יעדע ברעקיל קענטנים, וואָס דער תלמיד האָט אליין ערוואָרבען, יעדעס פּראָבלעם וואָס ער האָט אליין געלעזט, ווערט צוליעב דעם נצחון דערפון א סך מעהר־גרינגדליך זיינס, איידער עס וואָלט געקענט ווערען אויף א וועלכען עס איז אנדער אופן. די פּאָרבערייטענדע טהעטיגקייט פון פערשטאַנד, אָהן וועלכער ער וואָלט ניט געקענט האָבען זיין ערפאָלג, די קאָנצענטראַציע פון געדאַנק וואָס איז נויטיג דערצו, און די אויפרעגונג וואָס קומט ווען ער געווינט דעם נצחון, ווירקען אינאיינעם צו רעגיסטרירען די פאַקטען אין זיין זכרון אויף אזא אופן, ווי עס וואָלט קיינמאָל ניט געקענט רעגיסטרירט ווערען בלויז פון הערען וואָס דער לעהרער זאָגט אָדער פון לעזען אין שוהל־ביכער. אפילו ווען עס געלינגט איהם ניט אליין צו לעזען דאָס פּראָבלעם, ווערט די שפּאַנונג, אין וועלכער זיינע פעהיגקייטען האָבען זיך איינגעפונען בעת ער האָט געארבייט אויף דעם, פערזיכערן זיין געדענקען דעם ענטפער, ווען מען זאָגט איהם אוים, א סך בעסער איידער ווען ער וואָלט עס איבערגע־חזרט א האלב־דוצען מאָל. היינט ווייעדער, בעמערקט אז אָט די דיסציפּלין רופט נויטיגערווייז ארוים א שטענדיגע אָרגאַניזירונג פון די קענטניסען וועלכע ער בעקומט. עס ליעגט אין דער נאטור גופא פון די פאַקטען און שלוסען, וועלכע מען פערנעהמט אויף אָט דעם נאָרמאלען אופן, אז זיי ווערען כסדר די גרונד־זאַצען (פּרעמיזען) פון ווייטערדיגע שלוסען — די מיטלען אויף צו לעזען ווייטערדיגע פראַגען. די לעזונג פון דעם נעכטיגען פּראָבלעם העלפט דעם תלמיד בייצוקומען דעם היינטיגען. אזוי ווערט דאָס וויסען, גלייך ווי מען נעהמט עס אריין אין קאָפּ, פערוואנדעלט אין א פעהיגקייט, און העלפט שוין דערמיט דער אלגעמיינער פונקציע פון דענקען: עס ליעגט ניט בלויז אָנגעשריבען אויף די בלעטער פון א אינעווע־

ניגסטער ביבליאָטעק, ווי אז מען לערנט עס אויף אויסוועניג. מערקט אייך ווייטער די מאָראַלע אויסבילדונג, וואָס אָט די שטענדיגע זעלבסט־הילף ברייננט מיט. קוראַזש אין דעם נעהמען זיך פאַר שוויריגקייטען, געדולדיגע קאָנצענטרירונג פון דער אויפמערקזאַמקייט, אויסדויער ווען די פּראָבעס געלינגען ניט — דאָס זענען כאַראַקטער־שטריכען, וועלכע דאָס שפּעטערע לעבען פאָדערט זעהר שטאַרק, און אָט דער סיסטעם, וואָס מאַכט דעם פערשטאַנד אַרבייטען פאַר זיין ערנעהרונג, ברייננט אַקוראַט אָט די כאַראַקטער־שטריכען ספּעציעל ארויס. אז עס איז דורכאויס פּראַקטיש דורכצופיהרען דעם אונטעררייכט אויף אזא אופן, קענען מיר גופא זאָגען עדות, האָבענדיג אליין געהאַט אזוי צו לעזען די לפי ערך קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון פּערספּעקטיווע. און אַז די פיהרער צווישען די לעהרער האָבען אָנגעהויבען צו געהן אויף דעם וועג, קען מען ארויסזעהען צוגלייך אַי פון דעם וואָס פּעלענבערג האָט געזאָגט: „די אינדיווידועלע, זעלבסטשטענדיגע טהעטיגקייט פון דעם תלמיד איז אַ סך מעהר וויכטיג, איידער דאָס אַלטעגליכע פּער׳עסק׳טע בעל־הבית׳עווען פון די, וואָס נעהמען זיך אונטער צו זיין ערציהער“; אַי פון האָרייס מאַן׳ס מיינונג, אַז „אונגליקליכערוויז בעשטעהט היינטיגען טאָג ביי אונז די ערציהונג צופיעל פון זאָגען, ניט פון ערציהען“; אַי אויך פון דער בעמערקונג, וואָס מאַרסעל האָט געמאַכט, אַז „וואָס דער לערנער געפינט אוים דורך גייסטיגע אָנשטרענגונג, וויים ער בעסער איידער דאָס, וואָס מען האָט איהם אויסגעזאָגט“.

דאָס אייגענע איז אויך מיט דער פאָדערונג, וועלכע איז די אַנדער שיכות־זייט פון דער פאָריגער, אַז די אָנגעווענדעטע מעטאָדע פון בילדונג מוז זיין אַזוינע, וואָס רופט ארויס אַן אינערליך־גליקליכע טהעטיגקייט — ד. ה. אַ טהעטיגקייט וואָס איז אַ גליקליכע, ווייל זי איז בעצם אַליין אַ געזונדטע, ניט ווייל מען קען דורך איהר בעקומען אינערליכע בעלוינונגען. פאָלגט מען אָט די פאָדערונג, איז אַ חוץ וואָס זי האַלט אונז אָב פון צו געהן להיפך צו דעם נאָרמאַלען פּראָצעס פון ענטוויקלונג, ברייננט זי אגב אורחא טאַקי פּאָזיטיווע וויכטיגע נוצען אויך. אויב מיר האַלטען ניט ביי׳ן אומקעהרען זיך צו אַן אַסקעטישער מאָראַל (אָדער ריכטיגער,

אונמאָראל), מוז די אויפהאלטונג פון יוגענדליכער גליקזעליגקייט בעטראכט ווערען אלס א טייערער צוועק פאר זיך אליין. אָבער, ניט אָבשטעלענדיג זיך אויף דעם פונקט, ווילען מיר גלייך מאַכען די בעמערקונג, אז אַן אנגענעהמער געמיטה־צושטאנד איז א סך מעהר גינסטיג פאר אינטעלעקטועלער ארבייט, איידער א צושטאנד פון גלייכגילטיגקייט אָדער פון עקעל. יעדער איינער וויים, אז די זאכען וואָס מען האָט געלעזען, געהערט אָדער געזעהן מיט אַן אינטערעס, געדענקען זיך בעסער, איידער די זאכען וואָס מען האָט געלעזען, געהערט אָדער געזעהן אָהן חשק. אין איין פאַל זענען די בעטרעפענדע אָרגאנען אקטיוו פערנומען מיט די זאכען וואָס ווערען זיי פאָרגעשטעלט; אין דעם אנדער פאַל זענען זיי ניט פערנומען מיט זיי אַקטיוו, און די אויפמערקזאמקייט ווערט נאָכאנאנד אוועקגעריסען פון אנדערע, מעהר אָנציהענדע געדאנקען. דעריבער זענען די איינדרוקען אין איין פאַל שטארקע, און אין דעם אנדערן, שוואכע. א חוץ דעם אָבער, וואָס אויב דער תלמיד האָט ניט קיין אינטערעס אין דעם למוד, איז זיין שכל פערשלאָפען, מוז מען נאָך צו־לעגען די פאראליזירענדע ווירקונג, וואָס די מורא פאר די פאָלגען ברייגגט מיט. אָט די מורא, אָבציהענדיג זיין אויפמערקזאמקייט, פערגרעסערט נאָך מעהר די שוויריגקייט וואָס ער פיהלט צונויפצונעהמען זיינע גייסטיגע כחות אויף צו בעגרייפען זאכען, וועלכע זענען איהם נמאס. עס איז דעריבער קלאָר, אז די ווירקזאמקייט פון דעם לערנען וועט, אונטער גלייכע אומשטענדען, זיין פראָפּאָרציאָנעל צו דער אנגענעהמליכקייט, מיט וועלכער די ארבייט ווערט געטהון.

מען מוז אויך נעהמען אין אָנבעטראכט, אז פון דעם שטענדיגען פערגעניגען אָדער שמערץ, וואָס די טעגליכע למודים פערשאפען, הענגען אָב גאנץ שווערע מאָראלע פאָלגען. יעדער איינער וואָס וועט פערגלייכען די פנים'ער און די מאניערען פון צוויי יונגלעך — פון איינעם וואָס פיהלט זיך גליקליך דורכדעם וואָס ער לערנט זיך אוים אינטערעסאנטע ענינים, און פון אנאנדערן, וואָס פיהלט זיך אונגליקליך, דורכדעם וואָס זיינע למודים זענען איהם נמאס און ער קען זיי דעריבער ניט בעגרייפען, און וואָס מען קוקט אויף איהם קרום און מען שרעקט איהם און מען בע־

שטראָפט איהם — וועט מוזען איינזעהן, אז איינעם'ס כאראַקטער ווערט פערבעסערט, און דעם אנדערן'ס ווערט צוקאַליעטשעט. ווער עס האָט נור בעמערקט די ווירקונגען וואָס ערפאָלג פון איין זייט, און אַ דורכפאַל, פון דער אַנדער זייט, האָבען אויף'ן גייסט, און אויך דעם איינפלוס וואָס דער גייסט האָט אויף'ן קערפּער, דער וועט איינזעהן, אז אין איין פאַל איז די ווירקונג אי אויף'ן טעמפּעראַ־מענט, אי אויף'ן געזונד זעהר אַ גינסטיגע, בעת אין דעם אַנדער פאַל שטעקט אַ סכנה, אז עס קען זיך אַבשטעלען אַ שטענדיגע פעראומערטקייט און מוטהלאָזיגקייט, אָדער אפילו אַ שטענדיגע קערפּערליכע אַבשוואַכונג.

עס פערבלייבט נאָך צו בעטראַכטען אַנאַנדער אינדירעקטען רעזולטאַט, וועלכער איז אויך ניט פון קיין קליינער וויכטיגקייט. די בעציהונג צווישען די לעהרער און זייערע תלמידים ווערט, אונ־טער זאָנסט גלייכע אומשטענדען, אַ פריינדליכע און אַן איינפלוס־רייכע, אָדער פערקעהרט, אַ פיינדליכע און אַ מאַכטלאָזע, יע נאָכ־דעם צי דער סיסטעם פון בילדונג פערשאַפט נחת אָדער צער. מענשליכע בעשעפעניסען שטעהען אונטער דער שליטה פון זייערע אסאָציאירטע אידעען. אויף דעם וואָס פערשאַפט טעגליך שמער־צען קען מען ניט אַנדערס קוקען ווי מיט אַ בעהאַלטענער שנאה; און אויב ער רופט ניט ארויס קיין אַנדערע געפיהלען אַ חוץ שמערצליכע, וועט מען איהם אונבעדינגט האַסען. פערקעהרט, דער וואָס העלפט נאָכאַנאַנד די קינדער צו דערגרייכען זייערע צוועקען, דער וואָס בעזאָרגט זיי אַלע ווייַלע מיט די בעפרידיגונגען פון נצחון, דער וואָס ערמונטערט זיי אַלע ווייַלע אין זייערע שוועריג־קייטען און סימפּאַטיזירט מיט זיי אין זייערע ערפאָלגען, דעם וועט מען האָלט האָבען; און אויב ער איז אַלעמאָל קאָנסעקווענט אין זיינע האַנדלונגען, מוז מען איהם ליעב האָבען. און אויב מיר נעדענקען ווי איינפלוסרייך און גוט עס איז דער קאָנטראָל פון אַ לעהרער אין וועלכען מען פיהלט אַ פריינד, אין פערגלייך מיט'ן קאָנטראָל פון דעם, אויף וועמען מען קוקט מיט שנאה אָדער אפילו נור מיט גלייכגילטיגקייט, וועלען מיר דערפון קענען דרינגען, אַז די אינדירעקטע נוצען פון אָנפיהרען די ערציהונג לויט'ן פּרינציפּ פון גליקליבקייט, זענען ניט פיעל ווייניגער וויכטיג איידער איהרע

דירעקטע נוצען. פאר די וועלכע צווייפלען נאך אין דער מעגליכ־קייט דורכצופיהרען דעם סיסטעם, וועלכען מיר פערטיידיגען דא, האבען מיר דעם פריהערדיגען ענטפער, אז ניט נור די טעאריע אליין ווייזט אן אויף איהם, נור אז אויך די ערפאהרונג רעקאמענדירט איהם. צו די פיעלע ערקלערונגען פון בעריהמטע לעהרער, וועלכע האבען דערויף עדות געזאגט זינט פעסטאלאצי'ם צייט, קען מען דא נאך צוגעבען די מיינונג פון פראפעסאר פ י ל ל א נ ס, וועל־כער מאכט די בעהויפטונג אז „דא וואו די יונגע לייטע ווערען אונ־טעררירכטעט ווי זיי דארפען ווערען אונטעררדיכטעט, זעגען זיי פונקט אזוי גליקליך אין שוהל, ווי ביים שפיעלען זיך, און זעלטען וועניגער צופריעדען, אפטמאל אפילו נאך מעהר צופריעדען, מיט די ריכטיג־אנגעפיהרטע איבונגען פון זייערע גייסטיגע ענערגיען, איי־דער מיט די איבונגען פון די קרעפטען פון זייערע מוסקולען“.

אלס א לעצטען גרונד פאר וואס מען זאל מאכען די ערציהונג פאר א פראצעס פון זעלבסט־אונטערריכט, און ממילא פאר א פראצעס פון אן אנגענעהמען אונטעררירכט, קענען מיר אנווייזען אויף דעם פאקט, וואס נור אין דעם ערך אויף וויפיעל זי איז אזעלכע, קען מען דערוווארטען, אז זי וועט ניט אויפהערען ווען די שוהל־צייט הערט אויף. כל זמן די ערווערבונג פון קענטעניסען איז געוועהנליך אן אבשטויסענדע ארבייט, וועט זיך געפינען א נייגונג איהר אוועק־צו־ווארפען, אזוי שנעל ווי מען קען זיך בע־פרייען פון דעם צוואנג פון די עלטערן און די רביים. ווען אבער די ערווערבונג פון קענטעניסען וועט געמאכט ווערען עס זאל זיין א געוועהנליך אנגענעהמע ארבייט, יעמאלט וועט פונקט אזוי זיך געפינען א נייגונג אנצוהאלטען אהן קיינעמס אויפזעהערשאפט די אייגענע זעלבסט־בילדונג, וואס איז פריהער אנגעפיהרט געווא־רען אונטער אן אויפזעהערשאפט. אזוינע רעזולטאטען זענען אונ־פערמיידליך. כל זמן די געזעצען פון אידעען־פערבינדונגען וועט לען זיין אמת, כל זמן מענשען וועלען פיינט האבען די זאכען און פלעצער וואס רופען אין זיי ארויס שמערצליכע ערינערונגען, און וועלען הנאה האבען פון די וואס רופען אין זיי ארויס אמאליגע פערגניגענס — אזוי לאנג וועט א שמערצליכער אונטעררירכט מא־כען די למודים אבשטויסענד, און א פערגניגענדליכער אונטעררירכט,

אנציהענד. די מענשען, וועמען דאס לערנען אין זייערע יונגעלשע יאהרען איז אנגעקומען אין דער פארם פון אומעטיגע לאסטען מיט דראהונגען און בעשטראפונגען, און וועלכע זענען קיינמאל ניט געפיהרט געווארען אויף די דרכים פון זעלבסשטענדיגען פארשען, וועלען, ווי עס שיינט, ניט זיין קיין לערנער אין זייערע שפעטיגערע יאהרען; בעת פערקעהרט, די וועמען דאס לערנען איז אנגעקומען אין נאטירליכע פארמען און אין די פאסענדע צייטען, און וועלכע געדענקען די פאקטען וואס זיי האבען געלערנט, ניט נור אלס אינטערעסאנטע זאכען אין־זיך, נור אויך אלס די געלעגענהייטען מיט וועלכע עס איז געקומען א לאנגע רייה פון בעפריעדיגענדע ערפאלגען, די וועלען גאנץ וואהרשיינליך אנהאלטען אויפ'ן גאנ־צען לעבען דעם זעלבסט־אונטעררריכט, וואס האט זיך אנגעהויבען אין זייער יוגענד.

די מאָראַלע ערציהונג.

קאַפּיטעל III.

די מאָראַלע ערציהונג.

דער גרעסטער חסרון פון אונזערע ערציהונגס־פּראָגראַמען ווערט גאָר אין גאַנצען פערזעהען. בעת עס ווערט אַ סך אויפגעטהון אין פּרט פון איינצעלנע אויסבעסערונגען אין אונזערע סיסטעמען, אַי אין זייער עצם, אַי אין זייערע פאָרמען, איז דערווייל אָבער די העכסט דרינגענדע פאָדערונג נאָך גאָר ניט אנערקענט געוואָרען פאַר אַ פאָדערונג. פאָרברייטען די יוגענד פאַר די פליכטען פון לעבען, איז מען שוין בשתיקה מודה, אַז עס איז אַ צוועק, וועלכען די עלטערן און די לעהרער דאַרפען האָבען אין זינען; און גליקליכערוויז ווערט שוין דער ווערטה פון די זאַכען וואָס מען לערנט זיי, און די גוטסקייט פון די מעטאָדען ווי מען לערנט זיי, בעשיינפערליך געאורטיילט לויט דעם ערך אויף וויפיעל זיי זענען צוגעפּאַסט צו דעם דאָזיגען צוועק. אויף דעם גרונד ווערען אָנגעפיהרט די ויכוחים, וויפיעל עס איז רעכט אַריינצופיהרען אויפ'ן אָרט פון דער אויסשליסליך־קלאַסישער ערציהונג, אַן ערציהונג אין וועלכער די מאָדערנע שפּראַכען זאָלען אויך האָבען אַ חלק. און צוליעב די אייגענע טעמים טענה'ט מען שוין אויך פאַר דער נויטיגקייט צו פערגרעסערן דעם סכום פון די וויסענשאַפטס־למודים. אָבער הגם מען זאָרגט זיך פיעל־ווינציג צוצוגרייטען די יוגענד פוןביידע געשלעכטער פאַר זייער געזעלשאַפטליכער פּאָזיציע און פאַר דעם בירגערשטאַנד, הויבט מען אַ האָר זיך ניט אָן צו זאָרגען זיי צו צוגרייטען פאַר דער פּאָזיציע פון עלטערן. בעת מען זעהט איין, אַז מען מוז האָבען גאַנץ טיכטיגע פאָרברייטונגען כדי צו קענען פערדיענען אויפ'ן לעבען, קומט עס אויס ווי מען וואָלט זיך געטראַכט, אַז פאַר אויפהאָדעווען קינדער איז גאָר קיין שום פאָרברייטונג ניט נויטיג. בעת אַ יונגעל פערברייננגט אַ סך יאָהרען אויף אַזוינע קענטעניס, וואָס

זייער הויפטווערטה איז נור ווייל „די ערציהונג פון א זשענטעלמאן“ בעשטעהט אין דעם; און בעת וואס א מיידעל פערברייננט פיעלע יאהרען אויף אזוינע ציערליכע השלמות, מיט וועלכע זי זאל קענען שיינען אויף בעלער — גיבען זיי קיין איינציגע שטונדע ניט אב אויף צוצוגרייטען זיך פאר דער שווערסטער פון אלע פעראנטווארטליכקייטען: די אויפפאסונג פון א פאמיליע. זאל עס זיין דערפאר, וואס די פעראנטווארטליכקייט איז נישט מעהר ווי א ווייטלויפיגע מעגליכקייט? ניין, אין גענענטייל, זי וועט זיכער אויספאלען אויף ניין צעהנטיל פון זיי. איז עס אפשר דערפאר, ווייל מען קען עס אזוי לייכט דערפילען? געוויס ניט: פון אלע פונקציעס, וואס א דערוואקסענער מענש האט צו דערפילען, איז זי גראד די שווערסטע. זאל עס זיין דערפאר, ווייל מען קען יעדען איינעם געטרויען, אז דורך זעלבסט־אונטעררי̈כט וועט ער אדער זי שוין צוגרייטען־זיך פאר דער אויפגאבע פון פאטער־אדער־מוטערשאפט? ניין: ניט נור האלט מען ניט אזא זעלבסט־אונטערריכט פאר נויטיג, נור עס איז גאר א קנאפע סברא, אז ביי אזא קאמפליצירטען ענין קען דער זעלבסט־אונטערריכט האבען אן ערפאלג. עס איז ניטא קיין שכל'דיגער אויסרייד פאר וואס מען זאל די קונסט פון ערציהונג ארויסלאזען פון אונזער קוריקולום. מיר מוזען מודה זיין, אז סיי פון'ם שטאנדפונקט פון דעם איינפלוס וואס עס קען האבען אויפ'ן גליק פון די עלטערן, סיי מחמת דעם איינפלוס וואס עס קען האבען אויפ'ן כאראקטער און לעבען פון די קינדער און זייערע קומענדע דורות, איז די קענטעניס אנצו־ווענדען די ריכטיגע מעטאדען פון דער קערפערליכער, גייסטיגער און מאראלער בילדונג פון דער יוגענד, א קענטעניס וואס איז פון דער העכסטער וויכטיגקייט. אין א קורס פון למודים, וואס יעדער מאן אדער פרוי מאכט דורך, דארף אט דער געגענשטאנד זיין דער לעצטער. אזוי ווי דער סמן פון קערפערליכער צייטיגקייט איז די פעהיגקייט צו געבעהרען קינדער, אזוי איז דער סמן פון גייסטיגער צייטיגקייט די פעהיגקייט צו ערציהען די קינדער. די טעאריע און פראקטיקע פון ערציהונג איז דער געגענשטאנד וואס שליסט איין אין זיך אלע אנדערע געגענשטענדע, און דעריבעה

דארף דאָס זיין דער הויך־פּונקט פון דער ערציהונג.

ווען אזא פאָרברייטונג איז ניטאָ, געפינט זיך די הדרכה פון קינדער, און ספּעציעל די מאָראַלע הדרכה, אין אַ זעהר טרויעריגען צושטאַנד. די עלטערן דענקען ענטוועדער גאָר ניט וועגען דער זאַך, אָדער אויב זיי דענקען יאָ, זענען זייערע שלוסען רויהע און ניט־אויסגעהאַלטענע. די בעהאַנדלונג וואָס ווערט מעהרסטענטיילס אָנגעווענדעט, און דערהויפּט פון די מוטערס, ביי יעדער געלעגענהייט, איז די וועלכע דער אימפּולס רופט אַרויס אין׳ם מאָמענט: זי קומט ניט אַרויס פון אַ וועלכער עס איז איבערלעגטער איבערצייגונג מכח וואָס עס וועט פאַר׳ן קינד זיין מעהר טובה, נור זי דריקט נישט מעהר אויס ווי די בעת מעשה׳דיגע געפיהלען, סיי גוטע, סיי שלעכטע, פון די עלטערן, און זי בייט זיך פון שטונדע צו שטונדע אַקוראַט ווי די געפיהלען בייטען זיך. אָדער אויב אַ חוץ די בעפעהלען פון זייערע געפיהל־שטימונגען, האַלטען זיי אויך פון וועלכע עס איז בעשטימטע לעהרען און מעטאָדען, זענען דאָס אַזוינע לעהרען, וואָס זענען איבערגעגעבען געוואָרען פון דער פערגאַנגענהייט, אָדער אַזוינע מעטאָדען, אויף וועלכע די עראינערונגען פון דער קינדהייט האָבען זיי אַרויפגעפיהרט, אָדער גאָר אַזעלכע וואָס זיי האָבען איבערגענומען פון ניאַנעס און בעדיענטע — מעטאָדען וועלכע זענען ערפונען געוואָרען ניט פון דער אויפקלערונג, נור פון דער אונוויסענהייט פון זייער צייט.

קריטיקערענדיג דעם כאַאָטישען צושטאַנד פון די מיינונגען און האַנדלונגען, וואָס זענען שייך צו דער זעלבסט־רעגיערונג (אין דער פאַמיליע), שרייבט ריכטער (זשאַן פּאָול) אַזוי: —

„ווען מען זאָל אַ שטייגער פערעפענטליכען די פערדעקטע חלוקי דעות פון אַ געוועהנליכען פאָטער און מאַכען פון דעם אַ פּלאַן פון למודים, אַ קאַטאַלאָג פון לעקציעס פאַר אַ מאָראַלער ערציהונג, וואָלט עס קלינגען אונגעפעהר אַזוי: אין דער ערסטער שטונדע „מוז מען לייענען דעם קינד — ענטוועדער איך אַליין זאָל לייענען, אָדער דער לעהרער — די ריינע מאָראַל“; אין דער צווייטער שטונדע — געמישטע מאָראַל, אָדער אַזוינע וואָס מען קען אָנווענדען פאַר די אייגענע נוצען“; אין דער דריטער — „זעהסטו ניט וואָס דיין פאָטער טהוט?“ אין דער פיער־

טער — „דו ביזט נאָך אַ קליינער, און דאָס פּאַסט נור פאַר דערוואַקסענע“; אין דער פינפטער — „דער עיקר איז, דו זאָלסט זעהען זיך אַרויפאַר-בייטען אין דער וועלט און דערדיענען זיך צו עפּעס אין שטאַאַט“; אין דער זעכסטער — „ניט דאָס צייטווייליגע, נור דאָס אייביגע בעשטימט דעם ווערטה פון מענשען“; אין דער זיעבענטער — „דעריבער פער-לייד בעסער אַן אונרעכט און זיי פריינדליך“; אין דער אַכטער — „דו זאָלסט זיך אָבער מוטהיג פערטיידיגען ווען איינער גרייפט דיך אָן“; אין דער ניינטער — „מאַך ניט קיין טומעל, מיין ליעב קינד“; אין דער צעהנטער — „אַ יונגעל מוז ניט זיצען אַזוי שטיל“; אין דער עלפטער — „דו מוזט אביסעל מעהר פאָלגען דיינע עלטערן“; אין דער צוועלפטער שטונדע — „און דו מוזט זיך אליין ערציהען“. אַט אַזוי יעדע שטונדע ביימענדיג זיינע פּרינציפּען, בעהאַלט דער פאַטער זייער ניט-אויסגעהאַלטענקייט און זייער איינזייטיגקייט. און וואָס ס'איז שייך צו זיין פרוי, איז זי ניט גלייך צו איהם און אויך ניט גלייך צו יענעם קאָמיקער, וועלכער איז אַרויפגעקומען אויפ'ן סצענע אין הויף-טעאַטער מיט אַ פּעקיל פּאַפּיערען אונטער יעדען אָרים, און אַז מען האָט איהם געפרעגט, וואָס טראָגסטו אונטער'ן רעכטען אָרים? האָט ער געענטפערט: „בעפעהלען!“ און וואָס טראָגסטו אונטערן לינקען אָרים? — „געגענבעפעהלען!“ ניין, די מוטער קען מען א סך בעסער פערגלייכען צו יענעם ריעז ב ר י אַ ר ע ו ס, וועלכער האָט געהאַט הונדערט אָרימס און אַ פּעקיל פּאַפּיערען אונטער יעדען אָרים....“

אזא מין צושטאַנד לאָזט זיך ניט אזוי גיך ענדערן. דורות מוזען פערבייגעהן איידער מען וועט קענען דערוואַרטען א גרויסע פערבעסערונג. די ערציהונגס־סיסטעמען, אזוי גוט ווי פּאָליטישע אינסטיטוציעס, מאַכט מען ניט: זיי ו ו אַ ק ס ע ן; און אין א קורצען משך זעהט זיך דאָס וואַקסען ניט אָן. ווי לאַנגזאַם אָבער יעדע פערבעסערונג זאָל ניט קומען, הייסט עס אלץ אז מען מוז אָנווענדען מיטלען כדי אפילו די לאַנגזאַמע פערבעסערונג זאָל קע־נען אָנקומען; און איינס פון די מיטלען איז — דיסקוסיאָן.

מיר געהערען ניט צו יענע וועלכע גלויבען אין לאָרד פּאַל־מערסטאָן'ס דאָגמע, אז „אלע קינדער ווערען געבוירען גוטע“. בכלל גערעדט, שיינט אונז אז די פערקעהרטע דאָגמע. ווי ניט ריכטיג זי

זאָל ניט זיין, איז דאָך וועניגער ווייט אוועק פון דעם אמת, איידער יענע. מיר שטימען אויך ניט איין מיט די וואָס דענקען, אז מען קען דורך א פעהיגע ערציהונג מאַכען פון קינדער אַלץ וואָס מען וויל זיי זאָלען זיין. אדרבא פערקעהרט, מיר זענען איבערצייגט, אז אויב אפילו עס איז מעגליך צו פערקלענערן דורך א קלוגע פיהרונג געוויסע נאַטירליכע פעהלערן, איז אָבער אונמעגליך זיי אין גאַנצען אוועקצונעהמען. דער געדאַנק אז מען וואָלט קענען דורך א פאָלקאָמענעם סיסטעם פון ערציהונג גלייך בעשאַפען א אידעאַלע מענשהייט, איז א נאָהענטער קרוב צו דעם אַנדער געדאַנק, וואָס ליעגט איינגעשלאָסען אין שעללי'ס פּאָעמען, אַז אויב די מענשהייט וואָלט נור אויפגעגעבען איהרע אַלטע אינסטיטוציעס און איהרע פאָראורטיילען, וואָלטען גלייך פערשווינדען אַלע צרות פון דער וועלט: ניט דער און ניט יענער געדאַנק קען ניט זיין אָנגענומען ביי די, וועלכע האָבען אונפּאַרטייאיש שטודירט די מענשליכע אַנגעלעגענהייטען.

פון דעסטוועגען קענען מיר דאָך ווי געהעריג איז סימפּאַטיזירען מיט די וואָס האַלטען זיך פאַר אזוינע צו־היטציגע האָפנונגען. ענטוזיאַזם, געטריבען אפילו ביז צום פאַנאַטיזם, איז א ניצליכע בעוועגונגס־קראַפט — אפשר גאָר אַזאַ קראַפט, וואָס מען קען אָהן איהר ניט אויסקומען. עס איז קלאָר, אַז דער בעגייסטערטער פּאָליטישער טהוער וואָלט קיינמאָל אַזוי פיעל ארבייט ניט אויפגעטהון און קיינמאָל אזוי פיעל אָפּפער ניט געבראַכט, אויב ער וואָלט ניט געגלויבט, אַז די רעפאָרם פאַר וועלכער ער קעמפּפט איז די איינציגע זאַך וואָס איז אַזוי נויטיג. דער געגנער פון שטאַרקע געטרענק וואָלט אַגיטירען א סך וועניגער ענערגיש, ווען ער וואָלט ניט געווען איבערצייגט, אַז שכרות איז דער וואָרצעל פון אַלע געזעלשאַפטליכע צרות. אין פילאַנטראָפּישע זאַכען, ווי אין אַלע אַנדערע, קומען ארויס גרויסע נוצען פון א „צוטיילונג דער ארבייט”; און כדי עס זאָל קענען זיין א צוטיילונג פון דער ארבייט, מוז יעדער מין פילאַנטראָפּ זיך מעהר אָדער וועניגער אונטערוואַרפען אונטער זיין אויפגאַבע — ער מוז האָבען אַן איבערטריבענעם גלויבען אין זיין ארבייט. דערפאַר קענען מיר זאָגען וועגען די וואָס האַלטען די אינטעלעקטועלע אָדער מאָראַלע ערציהונג פאַר א פאַנאַצעא (א רפואה צו אַלץ), אַז

זייערע צו־גרויסע ערוואַרטונגען זענען ניט אָהן נוצען; אַז אפשר איז עס גאָר אַ שטריך פון דער „וואוילטעטיגער אָרדנונג פון אַלע זאַכען“, וואָס מען קען פון אָרט ניט ריהרען זייער פערטרויאונג אין זייער ארבייט.

אָבער ווען עס וואָלט אַפילו אמת געווען, אַז מען קען דורך אַ וועלכען עס איז מעגליכען סיסטעם פון מאָראַלען קאָנטראָל פורעמען די קינדער אין דער געווינשטער פאָרם, און אַפילו ווען מען וואָלט געקענט אַלע עלטערן מאַכען גלויבען אין דעם סיסטעם, וואָלטען מיר נאָך אַלץ געשטאַנען ווייט פון אויסצופיהרען דעם צוועק וואָס מיר בעאָבזיכטיגען. מען פערגעסט, אַז די דורכפיהרונג פון אַזאַ מין סיסטעם פאָדערט מצד פון די דערוואַקסענע אַזאַ מדרגה פון פערנונפט און גוטסקייט און זעלבסטבעהערשונג, וואָס קיינער פערמאָגט עס ניט. דער טעות וואָס ווערט געמאַכט פון די, וועלכע דיסקוטירען די פראַגען פון הויזליכער דיסציפּלין, ליעגט אין דעם, וואָס זיי שרייבען צו אַלע פעהלערן און שוויריגקייטען צו די קינדער און גאָר קיין פעהלערן ניט צו די עלטערן. די אַלגעמיין־אָנגענומענע מיינונג וועגען פאַמיליען רעגירונג, ווי וועגען דער נאַציאָנאַלער רעגיערונג, איז, אַז די גוטע מדות זענען ביי די הערשער און אַלע חטאים געפינען זיך ביי די בעהערשטע. אַז מען זאָל וועלען אורטיילען לויט די טעאָריען פון ערציהונג, קומט אויס, אַז די מענער און פרויען ווערען אינגאַנצען אַנדערע מענשען אין זייערע בעציהונגען צו קינדער. די בירגער מיט וועמען מיר פיהרען געשעפטען, די מענשען וועלכע מיר בעגעגענען אין דער וועלט — זיי, ווייסען מיר, זענען זעהר ניט קיין פאָלקאָמענע ברואים. אין די טעגליכע סקאַנדאַלען, אין די מחליקות צווישען פריינד, אין די באַנקראָטען־ערקלערונגען, אין די געריכט־פּראָצעסען, אין די פּאָליציי־ראַפּאָרטען, קומט אונז נאָכאַנאַנד פאָר צו זעהן די דורכדרינגענדע אייגענוציגקייט, אונעהרליכקייט און פשוט׳ע ברוטאַליטעט. דאָך, ווען מיר נעהמען זיך קריטיזירען די פיהרונגען אין קינדער־צימער און נעהמען פונאַנדערקלייבען די שלעכטע אויפפיהרונגען פון די יונגוואַרג, איז על פי הרגל גאָר ביי אונז קיין פראַגע ניט, אַז אין דער בעהאַנדלונג פון זייערע יונגלעך און מיידלעך זענען אָט די זינדיגע מענשען אין גאַנצען פריי פון מאָראַלער שולדיגקייט!

אזוי וויט איז דאָס פון דעם אמת, אז מיר שטעלען זיך ניט אָב ארויפצו־וואַרפען אויף די שלעכטע אויפפיהרונג פון די עלטערן די שולד פון א גרויסען טייל פון די הויזליכע חטאים, וואָס מען שרייבט געוועהנליך־צו צו די פערדאָרבענקייטען פון די קינדער. מיר זאָגען עס ניט ווענען יענע מעהר־סימפּאַטעטישע מענשען און איינגעהאַלטענע נאַטורען, אין וועלכען קלאַס מיר האָפען אז מען קען ארייגרעכענען די מעהרסטע פון אונזערע לעזער: אָבער מיר זאָגען עס יאָ ווענען דער מאַסע. וואָס פאַר א סאָרט מאָראַלע בילדונג קען מען דערוואַרטען פון א מוטער, וועלכע שאָקעלט יעדעס מאָל מיט כעס איהר ברוסט־קינד פאַרוואָס עס וויל ניט זויגען, ווי מיר האָבען אליין איין מאָל געזעהן ווי א מוטער האָט עס געטהון? וויפיעל געפיהל פון גערעכטיגקייט קען א פאָטער איינפלוסען, וועלכער אז ער דערהערט די קולות פון קינד, וואָס האָט זיך פערקוועטשט דעם פינגער צווישען פענסטער, כאַפּט ער זיך איהם שלאָגען, אַנשטאָט גלייך לויז צו מאַכען דעם פינגער? אז עס זענען פאַראַן אזוינע טאַטעס, האָט אונז דערצעהלט איינער, וואָס האָט אליין מיט זיינע אויגען געזעהן אזא מעשה. אָדער, מיר וועלען נעהמען נאָך א שטאַרקערן פאַל, וועלכען מיר ווייסען אויך פון א דירעקטען עדות — וואָס פאַר ערציהונגס־אויסזיכטען קען האָבען אזא יונגעל, ווען מען האָט מכבד געווען מיט שמיטץ, בעת מען האָט איהם געבראַכט א היים מיט אַן אויסגעלונקענעם פוס? אמת, דאָס זענען זעהר שטאַרקע ביישפּיעלען — פעלען וואָס בעווייזען אין מענשליכע וועזענס יענעם בלינדען אינסטינקט, וועלכער טרייבט די ווילדע חיות צו טוידטען די שוואַכליכע און פערוואונדעטע פון זייער אייגענעם מין. אָבער הגם זיי זענען ביישפּיעלען פון די ערגסטע פעלען, דאָך כאַראַקטעריזירען זיי די געפיהלען און דעם אויפפיהר, וואָס מען קען אַלע טאָג זעהען ביי פיעלע פאַמיליען. ווער האָט ניט געזעהן א סך מאָל ווי טאַטע־מאַמע, אָדער די ניאַנע האָט אָנגעפאַטשט א קינד פאַר אויפגערעגטקייט, וואָס די סבה איז מסתמא געווען עפּעס א קערפּערליכער ליידען? צוקוקענדיג אמאָל ווי א מוטער כאַפּט אויף דאָס פּיצעל קינד וואָס איז געפאַלען, ווער האָט ניט געקענט דערזעהן אי אין דער גראָבקייט, אי אין איהר שאַרפען געשריי „אָה, דו שלים־מזל!“ א בייזקייט וואָס זאָגט פאַראויס

צוקינפטיגע רייסערייען אָהן א סוף? געפינט זיך ניט אין דעם האר־טען טאָן, מיט וועלכען א פאָטער הייסט די קינדער זיין רוהיג, דער בעוויז, אז ער האָט ניט גענוג מיט־געפיהל מיט זיי? זענען ניט די שטענדיגע און אָפט גאָר ניט נויטיגע שטערונגען, וואָס די קינדער מוזען אויסשטעהן — די בעפעהלען צו זיצען רוהיג, וואָס א לע־בעדיג קינד קען ניט פאָלגען, ניט ליידענדיג דערפון גרויסע נערוונע אויפרעגונג; די פערבאָטען, פאָהרענדיג אין וואַגאָן, ניט ארויסצור־קוקען פון פענסטער, וואָס יעדען קינד מיט וויפיעל עס איז איג־טעליגענץ מוז עס פערשאַפען גרויסע ליידען — זענען ניט, פרעגען מיר, אָט די שטערונגען צייכענס פון א שרעקליכען פעהלען פון סימ־פּאַטיע? דער אמת איז, אז די שוויריגקייטען פון דער מאָראַלער ערציהונג האָבען נויטיגערוויז א דאָפּעלטען אורשפּרונג: זיי קו־מען נויטיגערוויז פון די פעראייניגטע פעהלערען אי פון די על־טערן, אי פון די קינדער. אויב כאַראַקטער־פערערבונג איז א געזעץ פון דער נאַטור, ווי יעדער נאַטור־פאָרשער וויים אז עס איז, און ווי אונזערע טעגליכע בעמערקונגען און געוועהנליכע שפּרוך־ווערט־ליך זענען מודה אין דעם, דאַן איז אין דורכשניט די קינדערשע פעה־לערען אַן אָבשפּיגלונג פון די פעהלערען פון די עלטערן. מיר זאָגען אין דורכשניט, ווארים אזוי ווי די רעזולטאַטען זענען קאָמפּליצירט, מחמת די שטריכען וואָס זענען איבערגעגעבען געוואָרען פון ווייטערע אורעלטערן, איז די עהנליכקייט ניט קיין אויסדריקליכע, נור אַן אל־געמיינע. און ווי באַלד דורכשניטליך עקזיסטירט אָט די פעהלערן־פערערבונג, קומט דאָך ממילא אויס, אז די שלעכטע ליידענשאַפטען, וואָס די עלטערן דאַרפען ניט דערלאָזען ביי די קינדער, געפינען זיך אין זיי גופא: עס קען זיין, אז זיי זענען בעהאַלטען פון דער עפענטליכקייט, אָדער פערשטעלט אפשר פון אנדערע געפיהלען, אָבער פאַראַן זענען זיי. עס איז דעריבער קלאָר, אז עס איז קיין האָפנונג ניטאָ אלע זאָלען קענען פּראַקטיצירען עפּעס א אידעאַלען סיסטעם פון דיסציפּלין: די עלטערן זענען ניט גוט גענוג.

נאָך מעהר: וואָלטען שוין אפילו געוועזען אזוינע מעטאָדען, דורך וועלכע מען זאָל קענען גלייך דערגרייכען דעם צוועק וואָס מען וויל; און וואָלטען אפילו די פאָטערס און מוטערס געהאַט גענוג איינזיכט, סימפּאַטיע און זעלבסטבעהערשונג צו קענען דורכפיה־

רען די דאָזיגע מעטאָדען אויסגעהאַלטענערהייט — וואָלט מען יע־מאָלט נאָך אַלץ געקענט אַרגומענטירען, אַז עס וואָלט קיין פּעולה ניט געווען צו רעפאָרמירען די פאַמיליען־רעגיערונג, איידער די אַנ־דערע זאַכען זענען געוואָרען רעפאָרמירט. וואָרים וואָס בעצוועקען מיר אייגענטליך? איז דען ניט דער נעהענטסטער צוועק פון יעטוועדער סאָרט ערציהונג פאָרצובריטען אַ קינד פאַר די עסקים פון לעבען — ד. ה. מאַכען פון איהם אַ בירגער, וועלכער זאָל זיך גוט אויפפיהרען און אין דערזעלבער צייט אויך קענען מאַכען אַ וועג פאַר זיך אין דער וועלט? און מאַכען זיך אַ וועג אין דער וועלט (אונטער וואָס מיר מיינען ניט אָנקלייבען רייכקייט, נור גענוג מיט־לען צו קענען ערציהען אַ פאַמיליע) — צי שליסט דאָס ניט איין אַ געוויסען צופּאַסען־זיך צו דער וועלט ווי זי איז איצט? און אויב מיר וואָלטען געקענט דורך אַ וועלכען עס איז סיסטעם פון בילדונג אַרויסברייגען אַ אידעאַלען מענשליכען וועזען, איז עס ניט צוויי־פעלהאַפט צי אַזאַ מענש וואָלט געטויגט פאַר דער וועלט ווי זי איז איצט? קענען מיר ניט אַדרבא האָבען אַ פערדאַכט, אַז זיין צו־שאַרפער געפיהל פון גערעכטיגקייט און זיין צו־הויכער מאָסשטאַב פון אויפפיהרונג וואָלט איהם געמאַכט דאָס לעבען אונערטרעגליך אָדער אפשר גאָר אונמעגליך? און ווי אפילו בעוואונדערונגסווערטה, פון זיין אינדיווידועלען שטאַנדפּונקט, דער רעזולטאַט זאָל ניט זיין, צערשטערט עס דען ניט זיך אַליין אויף וויפיעל עס איז נוגע דער געזעלשאַפט און דעם קומענדיגען דור? עס איז פאַראַן גענוג גרונד צו דענקען, אַז אין דער פאַמיליע, אַזוי גוט ווי אין דער נאַציאָן, איז אין כלל גערעדט דער סאָרט רעגירונג וואָס איז דאָ, אונגעפעהר אַזוי גוט, ווי דער אַלגעמיינער צושטאַנד פון דער מענשליכער נאַטור לאָזט איהם זיין. מיר מעגען האַלטען די מיינונג, אַז דער דורכ־שניטס־כאַראַקטער פון די מענשען בעשטימט אין איין פאַל, אַזוי גוט ווי אין דעם אַנדער פאַל, די אייגענשאַפט פון דעם קאָנטראָל וואָס ווערט אויסגעאיבט. איןביידע פעלען, מעגען מיר קומען צום בעשלוס, פיהרט די פערבעסערונג פון דעם דורכשניטס־כאַראַקטער צו אַ פערבעסערונג פון דעם סיסטעם; און ווייטער נאָך, אַז אויב עס וואָלט מעגליך געווען צו פערבעסערן דעם סיסטעם איידער דער דורכשניטס־כאַראַקטער איז אַ פריהער פערבעסערט געוואָרען, וואָלט

דער פּועל יוצא געווען גיכער אַ שלעכטער אײדער אַ גוטער. דער גראַד פון שטרענגקייט, וואָס די קינדער שטעהען איצט אויס פון זייערע עלטערן און לעהרער, קען בעטראַכט ווערען נור ווי אַ פאַרברייטונג פאר דער גרעסערער שטרענגקייט, וואָס זיי וועלען אַנטרעפען אריינטרעטענדיג אין דער וועלט. און מען מעג טענה'ן, אז אויב עס וואָלט מעגליך געווען פאר די עלטערן און די לעהרער צו בעהאַנדלען די קינדער מיט פאָלקאָמענער גערעכטיגקייט און גאַנצער סימפּאַטיע, וואָלט עס יעמאָלט נור שאַרפער געמאַכט די לײדען, וועלכע זיי וואָלטען שפּעטער אין לעבען געהאַט אויסצושטעהן פון דער גייציגקייט און זעלבסטזוכט פון די מענשען. *)

ווער עס איז קען אָבער פרעגען, „בעווייזט שוין דאָס אפשר ניט צופיעל?“ „אויב אז קיין סיסטעם פון מאָראַלער ערציהונג קען

*) פון אָט דעם סאָרט איז דער ארגומענט, וואָס אייניגע גיבען אָן, פאַר דער גראָבער בעהאַנדלונג וואָס די יונגלעך שטעהען אויס אין אונזערע פאָלקס-שוהלען: וואו די קינדער ווערען אַריינגעפיהרט, ווי זיי זאָגען, אין אַ מיניאַטורנע וועלטיל מיט איהרע שטרענגקייטען, וועלכע גרייטען זיי צו פאַר די שטרענגקייטען פון דער ווירקליכער וועלט. מען מוז מודה זיין, אַז די טענה האָט אַ געוויסע קראַפט; זי איז אָבער ניט קיין גענוגשטאַרקע טענה. וואָרים בעת וואָס די דיסציפּלין פון הויז און שוהל, וועלכע דאַרף טאַקי ניט זיין אַ סך בעסער אײדער די דיסציפּלין פון דערוואַקסענעם לעבען, מוז דאָך אָבער זיין וויפיעל עס איז בעסער, איז די דיסציפּלין וואָס די יונגלעך טרעפען אָן אין איטאָן, ווינטשעסטער, האַראָו א. אז. וו. גאָר ערגער ווי פון דערוואַקסענעם לעבען, מעהר אונגערעכט און גרויזאַם. אַנשטאָט וואָס זי זאָל זיין אַ הילף צום מענשליכען פּראָגרעס, ווי יעדע בילדונג דאַרף זיין, איז דערמיט וואָס זי געוועהנט די יונגלעך צו אַ דעספּאָטישער פאָרם פון רעגיערונג און צו אַ פערקעהר וואָס איז רעגולירט דורך אַ ברוטאַלע מאַכט, פיהרט זי זיי פאָרצובריטען פאַר אַ נידעריגערן צושטאַנד•פון געזעלשאַפט ווי דער איצטיגער. און אַזוי ווי אונזערע•געזעצגעבער ווערען געוועהנליך אויסגעקליבען פון די וואָס זענען ערצויגען געוואָרען אין אַזוינע שוהלען, ווערט דער באַרבאַריש-ווירקענדער איינפלוס אַ שטערונג צו דעם נאַציאָנאַלען פאָרטשריט.

ניט גלייך מאַכען פון די קינדער וואָס זיי זאָלען זיין; אויב אז עס וואָלט אפילו יאָ געווען אזא סיסטעם, זענען די היינטיגע עלטערן צופיעל אונפאַלקאָם צו קענען דאָס דורכפיהרען; און אויב אז מען וואָלט שוין אפילו געקענט ערפאָלגרייך דורכפיהרען אזא סיסטעם, וואָלטען די רעזולטאטען שרעקליך געגאַנגען להיפך צום היינטיגען צושטאַנד פון דער געזעלשאפט: קומט דען דערפון ניט ארויס, ניט נור אז עס איז אונפּראַקטיש צו רעפאָרמירען דעם סיסטעם וואָס ווערט איצטער געברויכט, נור אז עס איז אפילו גאָר ניט כדאי?“ ניין. אלץ וואָס עס פאָלגט פון דעם איז, אז די רעפאָרם אין דער הויזליכער רעגיערונג מוז אַנגעהן אינאיינעם מיט אנדערע רעפאָרמען. עס פאָלגט נור דערפון, אז די מעטאָדען פון דיסציפּלין קענען ניט און דאַרפען ניט אנדערש פערבעסערט ווערען, סיידען נור ביסלעכוויז יעדעס מאָל. עס פאָלגט נור דערפון, אז די פאָדערונגען פון דער אבסטראַקטער גערעכטיגקייט וועלען מוזען אין דער פּראַקטיקע ארונטערגעלאָזען ווערען צוליעב דעם היינטיגען צושטאַנד פון דער מענשליכער נאַטור, צוליעב די אונפאָלקאָמענהייטען אי פון די קינדער, אי פון די עלטערן, אי פון דער געזעלשאַפט; און אז די דאָזיגע פאָדערונגען וועלען קענען פערבעסערט ווערען נור יעמאָלט, ווען דער אלגעמיינער כאַראַקטער וועט ווערען בעסער.

„ווי די מעשה איז — קען אונזער קריטיקער ענטפערן צוריק — זעהט מען קלאָר, אז עס האָט קיין נוצען ניט אויפצושטעלען א וועלכען עס איז אידעאַלען מאָסשטאַב פון פאַמיליען־דיסציפּלין. עס קען ניט זיין קיין פּעולה פון אויסארבייטען און רעקאָמענדירען מעטאָדען, וועלכע שטעהען ווייטער פאר זייער צייט“. מיר טענה׳ן ווייטער פערקעהרט. פּונקט ווי אין דעם פאַל פון דער פּאָליטישער רעגירונג, וואו עס קען זיין אז די ריינע גערעכטיגקייט איז היינטיגען טאָג נאָך ניט פּראַקטיש, פאָדערט זיך דאָך מען זאָל וויסען וואו די גערעכטיגקייט ליעגט, כדי די ענדערונגען וואָס מיר מאַכען זאָלען געהן נעהענטער צו איהר, אנשטאָט ווייטער אוועק פון איהר; אזוי אויך אין דעם פאַל פון דער הויזליכער רעגיערונג, מוז אויפגעשטעלט ווערען א אידעאַל, כדי מען זאָל קענען בהדרגה זיך אלץ מעהר און מעהר דערנעהענטערן צו איהם. מיר דאַרפען קיין מורא ניט האָבען טאָמער וועלען ארויסקומען שלעכ־

טע פאָלגען פון אויפהאַלטען דעם אידעאַל. דער נאַטירליכער קאָנ־סערוואַטיזם פון דער מענשהייט איז דורכשניטליך שטאַרק גענוג ניט צו דערלאָזען קיין צו־שנעלע ענדערונג. עס איז אַלץ אַזוי אָרגאַ־ניזירט, אַז ביז וואַנען מענשען זענען ניט דערוואַקסען צו דער הויך פון אַ נייעם געדאַנק, קענען זיי איהם ניט תופס זיין: נאָמינעל קע־נען זיי דעם געדאַנק האַלטען, אָבער זיין עצם קענען זיי ניט. אפילו ווען די וואַרהייט ווערט שוין יאָ אַנערקענט, בלייבען די הינדערני־סען, וואָס לאָזען איהר ניט ווערען פערווירקליכט, אַזוי פעסט, אַז זיי לעבען אַריבער די געדולד פון די מענשען־פריינד און אַפּילו די גע־דולד פון די פילאָסאָפען. מיר קענען דעריבער זיכער זיין, אַז די שוועריגקייטען וואָס שטעהען אין וועג פון אַ נאָרמאַלער רעגיערונג איבער די קינדער, וועלען אַלע מאָל האָבען גענוג כח אָבצושוואַכען די אָנשטרענגונגען וואָס ווערען געמאַכט זי צו פערווירקליכען.

מיט אָט די איינלייטענדע ערקלערונגען, לאָמיר איצט זיך נעה־מען בעטראַכטען די אמת׳ע ציעלען און מעטאָדען פון אַ מאָראַלער ערציהונג. נאָכדעם ווי מיר וועלען אָבגעבען איינינע זייטלעך אויף אָבצופערטיגען זיך מיט די אַלגעמיינע פּרינציפּען, וועלכע מיר בע־טען מען זאָל לעזען מיט געדולד, וועלען מיר דורך ביישפּיעלען זעהען קלאָר צו מאַכען די ריכטיגע מעטאָדען, ווי אַזוי די עלטערן דאַרפען זיך אויפפיהרען אין די שווערע לאַגען, וואָס קומען אַלע ווייל פאָר אין דער רעגיערונג פון דער פאַמיליע.

ווען אַ קינד פאַלט, אָדער שלאָגט אָב דעם קאָפּ אָן טיש, ליידט עס אַ וועהטאָג, און די ערינערונג דערפון האָט די טבע צו מאַכען ער זאָל זיין מעהר פאָרזיכטיג. דורך די ווידערהאָלונג פון אַזוינע ערפאַהרונגען ווערט דאָס קינד מיט דער צייט דיסציפּלינירט גוט אַכטונג צו געבען אויף זיינע בעוועגונגען. ווען עס ריהרט אָן דאָס הייסע אייזען פון אויווען, רוקט אריין די האַנד אין פלאַם פון ליכט, אָדער גיסט אויס קאָכעדיג וואַסער אויף אַ טייל פון זיין קערפער, איז דער ברען אָדער בריה וואָס ער האָט געקריגען, אַ לעקציאָן וואָס ווערט ניט לייכט פערגעסען. איינע אָדער צוויי אַזוינע פאַסירונגען לאָזען איבער אַזאַ טיעפען איינדרוק, אַז מען קען איהם שפּעטער מיט קיין זאַך ניט איינרעדען צו פעראַכטען אויף דעם אופן נאָך אַמאָל די געזעצען פון זיין קערפּערליכען געביי.

אָט אין די פעלען בעוויזט אונז די נאַטור, אויף דעם פּשוט'סטען אופן, די אמתע טעאָריע און פּראַקטיקע פון מאָראַלער דיסציפּלין — א טעאָריע און א פּראַקטיקע, וועלכע ווי זיי זאָלען פּאַר אויבער־פלעכליכע מענשען ניט אויסזעהן גאַר עהנליך צו די וואָס מיר האַל־טען געוועהנליך, וועלען מיר אָבער אונטערזוכענדיג זיי אויסגעפינען, אז זיי אונטערשיידען זיך פון יענע זעהר פיעל.

בעמערקט ערשטענס, אז אין די בעשעדיגונגען פון קערפּער און אין די בעשטראָפונגען פאַר זיי, זעהען מיר דעם בעגריף פון א שלעכטען אויפפיהר און זיינע פאָלגען צוריקגעפיהרט צו זיינע איינפאַכסטע פאָרמען. הגם, לויט זייער פּאָפּולערער בעדייטונג, קען מען קוים אָנווענדען די ווערטער „רעכט“ און „אונרעכט“ אויף טהאַטען, וועלכע האָבען ניט קיין אנדער ווירקונג אויסער דירעקט קערפּערליכע; דאָך ווער עס טראַכט די זאַך איבער וועט איינזעהן, אז אזוינע טהאַטען מוז מען פּונקט אזוי קענען קלאַססיפיצירען, ווי אַלע אנדערע טהאַטען. פון וואָסער שטאַנדפּונקט זיי זאָלען ניט ארויסגעהן, שטימען אַלע טעאָריען פון מאָראַל איין, אז אַן אויפ־פיהר, וואָס דער סך הכל פון זיינע רעזולטאַטען, פון די אונמיטעל־באַרע ווי פון די ווייטע, איז וואוילטהעטיג, איז א גוטער אויפפיהר; און פערקעהרט, אז אַן אויפפיהר, וואָס דער סך הכל פון זיינע אונ־מיטעלבאַרע ווי פון די ווייטע רעזולטאַטען איז שעדליך, איז א שלעכ־טער אויפפיהר. די ענדליכע מאַסשטאַבען, לויט וועלכע אַלע מענ־שען אורטיילען די אויפפיהרונג, זענען די גליקליכקייט אָדער די צרות וואָס קומען דורך איהר. מיר האַלטען שכרות פאַר אונרעכט, פון וועגען די קערפּערליכע פערדאָרבענקייטען און די בעגלייטענדע מאָ־ראַלע פעהלערען, וואָס קומען אָן אויף דעם שכור און אויף די וואָס זענען אָבהענגיק פון איהם. ווען גניבה וואָלט געבראַכט פערגעניגען אי דעם גנב, אי דעם בע'גנב'טען, וואָלטען מיר עס ניט געפונען אין אונזער קאַטאַלאָג פון זינד. וואָלט מען זיך געקענט פאָרשטעַ־לען, אז די גוטהערציגע טהאַטען פערמעהרען מענשליכע ליידען, וואָלטען מיר זיי ניט רעכענען פאַר גוטהערציג. מען דאַרף נור איבערלעזען דעם ערסטען־בעסטען לייט־אַרטיקעל פון א צייטונג, אָדער צו־הערען זיך צו א וואָסער־עס־איז געשפּרעך איבער געזעלשאַפטליכע עסקים, כדי איינצוזעהן, אז סיי

די געזעצען פון פּאַרלאַמענט, סיי די פּאָליטישע בעוועגונגען, די פילאַנטראָפּישע אַגיטאַציעס, איניִיאַנעם מיט די טהאַטען פון איינצעלנע מענשען, ווערען אַלע געאורטיילט לויט די רעזולטאַטען וואָס מען דערוואַרט פון זיי: צי זיי וועלען פערגרעסערן די פריידען אָדער ליידען פון מענשען. און אויב מיר געפינען, בעת מיר אַנאַליזירען אַלע סעקונדערע, (צווייטע), צוגעפיהרטע אידעען, אַז אָט די פּונקטען זענען אונזערע לעצטע פּראָבעס פון רעכט און אומרעכט, קענען מיר זיך ניט ענטזאָגען צו קלאַסיפיצירען אויך די פיהרונגען פון קערפּער אַלס רעכט און אומרעכט, לויט די וואוילטהעטיגע אָדער שעדליכע רעזולטאַטען, וואָס זיי ברייננגען אַרויס.

צווייטענס, בעמערקט דעם כאַראַקטער פון די שטראָפען, וועלכע פערהינדערן די דאָזיגע קערפּערליכע עבירות. **שטראָפען** רופען מיר זיי אָן, ווייל מיר האָבען ניט קיין בעסערן וואָרט; וואָרים אין דעם בוכשטעבליכען זין פון וואָרט זענען זיי ניט קיין שטראָפען. זיי זענען ניט קיין קינסטליכע און אוננויטיגע יסורים־אָנטהואונג, נור זיי זענען איינפאַך די וואוילטהעטיגע אָבהאַלטס־מיטלען פון טהאַטען, וועלכע געהען בעצם להיפך צום וואוילזיין פון קערפּער — אָבהאַלטס־מיטלען, וואָס אָהן זיי וואָלט דאָס לעבען גיך חרוב געוואָרען דורך די בעשעדיגונגען פון קערפּער. עס איז אַן אייגענטימליכקייט פון אָט די שטראָפען, אויב מיר מוזען זיי אַזוי אָנרופען, וואָס זיי זענען איינפאַך די **אונפערמיידליכע קאָנסעקווענצען** פון די טהאַטען, נאָך וועלכע זיי קומען: זיי זענען נישט מעהר ווי די **אונפערמיידליכע רעאַקציעס**, וואָס קומען דורך דעם קינד'ס טהאַטען.

מען דאַרף אויך האָבען אין זין, אַז די דאָזיגע שמערצליכע צוריקווירקונגען זענען פּראָפּאָרציאָנעל גלייך לויט'ן ערך פון די עבירות. אַ לייכטער אומגליקס־פאַל ברייננגט אַ לייכטען שמערץ; אַ מעהר ערנסטער פאַל — אַ שטאַרקערן שמערץ. די נאַטור האָט ניט פעראָרדענט, אַז דאָס שטיעפעריל, וואָס קוליעט זיך איבער דעם שוועל, זאָל ליידען אַריבער די נויטיגע מאָס, כדי עס זאָל איהם מאַכען זיין נאָך מעהר פאָרזיכטיג, איידער די נויטיגע מאָס ליידען וואָלט איהם געלערנט צו זיין. ניין, זי לאָזט איהם לערנען זיך פון זיינע טעגליכע ערפאַהרונגען די גרעסערע אָדער קלענערע טעות'ן, און פיהרען זיך אין איינקלאַנג דערמיט.

און דאַן בעמערקט לעצטענס, אַז אָט די נאַטירליכע צוריקוויר־קונגען, וועלכע קומען ווי אַ פאָלגע פון דעם קינד'ס שלעכטע מעשים, זענען אַלעמאָל דיזעלביגע, זענען דירעקטע, פעסט־ענטשלאָסענע און מען קען זיך פון זיי ניט אויסדרעהען. קיינע דראָהונגען, נור אַ שטילער, שטרענגער פסק. אַז אַ קינד פערשטעכט זיך דעם פינ־גער מיט אַ נאָדעל, קומט דערפון אַ שמערץ. אויב ער טהוט עס נאָך אַ מאָל, קומט דערזעלביגער רעזולטאַט ווידער, און אַזוי ווייטער אָהן אַ סוף. אומעדום וואו ער האָט צו טהון מיט דער אונבעלעב־טער נאַטור געפינט ער אָט די ניט־פערענדערטע אויסגעהאַלטענקייט, וואָס וויל ניט וויסען פון קיינע תירוצים און וואָס מען קען ניט אַפעלירען אנטקעגען איהר. און דערקענענדיג גאַנץ גיך אָט די שטרענגע אָבער גוטע דיסציפּלין, ווערט דאָס קינד זעהר פאָרזיכטיג ווייטער ניט צו טהון קיין עבירות.

נאָך מעהר בעדייטונג בעקומען אָט די אַלגעמיינע וואַרהייטען, ווען מיר געדענקען, אַז זיי האַלטען פונקט אַזוי אויס אין פערלויף פון דערוואַקסענעם לעבען, אַזוי גוט ווי אין משך פון די ערסטע קינ־דערשע יאָהרען. די ידיעות וועגען די נאַטירליכע פאָלגען, וואָס זיי געווינען דורך די ערפאַהרונג, איז דאָס וואָס עס שטעלט אָב דער־וואַקסענע מענשען, בעת זיי געהען אויף אַ פאַלשען וועג. ווען די הויז־ערציהונג האָט אויפגעהערט און קיין עלטערן אָדער לעהרער, וואָס זאָלען פערבאָטען דעם אָדער יענעם סאָרט אויפפיהר, זענען ניטאָ, יעמאָלט הויבט אָן ווירקען אַ דיסציפּלין, וואָס איז עהנליך צו יענער, דורך וועלכע דאָס יונגע קינד ווערט ערצויגען אַליין צו וויסען ווי צו פיהרען זיך. אויב דער בחור, בעת ער נעהמט זיך פאַר אַ געשעפט אין לעבען, פערגיידעט זיין צייט, טהוט ניט־גע־איילט אָדער ניט־פעהיג די אַרבייט וואָס מען האָט איהם פערטרויט צו טהון, וועט מיט דער צייט שוין קומען די נאַטירליכע שטראָף: מען זאָגט איהם אָב פון שטעל און ער מוז פאַר אַ געוויסער צייט ליידען די צרות פון אַ לפי ערך אָרימערער לאַגע. אויף דעם אונ־פינקטליכען מענשען, וואָס האַלט ניט זיין אָברייד אין געשעפט אָדער פערגעניגען־זאַכען, פאַלען נאָכאַנאַנד די פאָלגליכע אונבע־קוועמליכקייטען, הזיקות און דחקות. דער הענדלער וואָס שטעלט זיך אַ צו־הויכען פראָפיט, פערליערט זיינע קונדען, און קריגט אויף

דעם אופן אן אבשניט אין זיין גייציגקייט. א קלענער־געוואָרענע פּראַקטיקע לערנט דעם נאָכלעסיגען דאָקטאָר צו נעהמען זיך מעהר מיה מיט זיינע פּאַציענטען. דער צו־לייכט גלויביגער קרעדיטאָר און דער צו־היציגער ספּעקולאַנט לערנעןביידע צוגלייך, דורך די שווייריג־קייטען אין וועלכע זייער ניט־אויסגערעכענטקייט האָט זיי אריינגע־דרעהט, ווי נויטיג עס איז צו זיין מעהר פאָרזיכטיג אין זייערע גע־שעפטען. און אזוי געהט עס דורכ׳ן גאנצען לעבען פון יעדען ביר־גער. אין דעם שפּריכווערטיל, וואָס ווערט אזוי אָפט געברויכט ביי אזוינע פעלען — „א קינד וואָס האָט זיך אָבגעברענט, האָט מורא פאר פייער“, זעהען מיר ניט נור אז דער פערגלייך צווישען דער דאָ־זיגער געזעלשאפטליכער דיסציפּלין און דער פריהער נאטור־דיסציפּ־לין פון יונגע קינדער, איז אַן אַלגעמיין אַנערקענטער; נור מיר זעהען אין דעם אויך די געדרונגענע איבערצייגונג, אז אָט די דיסציפּלין איז פון דעם העכסט ווירקזאמען סאָרט. יאָ, דער אמת איז, אז די איבערצייגונג איז מעהר ווי א געדרונגענע: זי איז א קלאָר אויסגע־שפּראָכענע. יעדער איינער האָט געהערט ווי אנדערע האָבען מודה געווען, אז נור „די טייער געקויפטע ערפאהרונג“ האָט זיי מיטגע־בראכט אוועקצו־ווארפען עפּעס א שלעכטען אָדער נאַרישען גאַנג פון אויפפיהרונג וואָס זיי פלעגען פריהער בעגעהן. קריטיקירענדיג די מעשים פון אָט דעם פערשווענדער אָדער פון יענעם ספּעקולאַנט, האָט יעדער איינער געהערט די בעמערקונג, אז עצות זענען געווען ארויסגעוואָרפען, און מעהר גאָר נישט ווי די „ביטערע ערפאהרונג“ האָט אויף זיי געקענט מאכען א ווירקונג: דאָס הייסט, גאָר נישט א חוץ די ליידען פון די אונפערמיידליכע פאָלגען. און אויב מען נויטיגט זיך אין נאָך ווייטערע בעווייזען, אז די נאטירליכע צוריק־ווירקונג איז ניט נור די ווירקזאמסטע שטראָף, נור אז קיין פון מענ־שען־אויסגעקלערטע שטראָף קען ניט פערנעהמען איהר פּלאַץ, האָ־בען מיר אזוינע ווייטערע בעווייזען אין דעם גאנץ בעקאנטען פאקט, וואָס אונזערע פערשיידענע שטראָף־סיסטעמען האָבען אזאַ שלעכ־טען ערפאָלג. פון די פיעלע מעטאָדען פון קרימינעלער דיסציפּלין וואָס זענען פאָרגעשלאָגען און געזעצליך איינגעפיהרט געוואָרען, האָט קיין איינע ניט פערווירקליכט די ערוואַרטונגען פון איהרע פער־טיידיגער. די קינסטליכע בעשטראָפונגען האָבען ניט געבראכט קיי־

נע פערבעסערונגען; אין פיעלע פעלען האָבען זיי גאָר פערגרע־סערט נאָך די פערברעכען. די איינציגע ערפאָלגרייכע רעפאָרמאַ־טאָרישע אָנשטאַלטען זענען די פריוואַט־איינגעפיהרטע, וועלכע דער־נעהנטערן זייער רעזשים צו דער מעטאָדע פון דער נאַטור — וועלכע טהוען ניט פיעל מעהר אַ חוץ וואָס זיי ווענדען אָן די נאַטירליכע פאָלגען פון דעם קרימינעלען אויפפיהר: פערקלענערענדיג דעם פערברעכער'ס פרייהייט אויף וויפיעל עס איז נויטיג פאַר דער זי־כערהייט פון דער געזעלשאַפט, און פאָדערנדיג פון איהם זיך אַליין אויסצוהאַלטען, כל זמן ער לעבט אונטער דעם דאָזיגען צוואַנג. מיר זעהען, אַלזאָ,ביידע זאַכען: ערסטענס, אַז די דיסציפּלין, דורך וועל־כע דאָס יונגע קינד לערנט זיך צו רעגולירען זיינע פיהרונגען, איז די אייגענע דיסציפּלין דורך וועלכע דער גרויסער עולם פון דער־וואַקסענע מענשען האַלט זיך אין אָרדנונג און ווערט מעהר אָדער ווע־ניגער אויסגעבעסערט; און צווייטענס, אַז די מענשליך־ערפונדענע דיסציפּלין פאַר די ערגסטע דערוואַקסענע פערפעהלט דעם צוועק, ווען זי טרעט אָב פון אָט דער העכער־געשטעלטער דיסציפּלין, און פערקעהרט, הויבט אָן צו האָבען אַן ערפאָלג, ווען זי דערנעהנטערט זיך צו איהר.

האָבען מיר דאָ ניט, אויב אַזוי, דעם הויפּט פּרינציפּ פון דער מאָראַלער ערציהונג? זענען מיר ניט מחויב דערפון צו שליסען, אַז דער סיסטעם וואָס האָט אַזאַ גוטע ווירקונג אין פערלויף פון דער קינדהייט און די דערוואַקסענע יאָהרען, וועט זיין פונקט אַזוי וואוויל־טהעטיג אין משך פון דער יוגענד? קען ווער עס איז **גלויבען**, אַז די מעטאָדע וואָס פּאַסט אַזוי גוט אין די ערסטע און אין די לעצטע פעריאָדען פון לעבען, וועט ניט פּאַסען אין דער צווישענדיגער פּער־יאָדע? איז עס ניט קלאָר, אַז די עלטערן, אַלס „אויספיהרער און אויסטייטשער פון דער נאַטור", האָבען אויף זיך די עובדא צו זעהען, אַז זייערע קינדער זאָלען נאָכאַנאַנד דורכמאַכען די אמת'ע קאָנסעק־ווענצען פון זייער אויפפיהר, די נאַטירליכע צוריקווירקונגען — ניט אָבווענדענדיג זיי, אויך ניט פערשאַרפענדיג זיי, און ניט אויפשטע־לענדיג אָנשטאָט זיי קיין קינסטליך־געמאַכטע קאָנסעקווענצען? קיין לעזער אָהן פּאָראורטיילען וועט זיך ניט פערקלערען צי ער זאָל גע־בען דערצו זיין צושטימונג.

א היבשע צאהל מענשען וועלען דאך מסתמא טענה'ן, אז דאס רוב עלטערן טהוען טאקי אזוי — אז די שטראפען וואס זיי לעגען ארויף זענען מעהרסטענטיילס די ריכטיגע קאנסעקווענצען פון'ם שלעכטען אויפפיהר; אז די עלטערן'ס כעס, וואס דריקט זיך אויס אין בייזע ווערטער און טהאטען, איז דער רעזולטאט פון דעם קינד'ס פערזינדיגונג; און אז דאס קינד מאכט טאקי דורך, אין די פיזישע און מאראלע ליידען וואס ער האט אויסצושטעהן, די נאטירליכע צו־ריקווירקונג פון זיין שלעכטער פיהרונג. אט די בעהויפטונג ענט־האלט אינאיינעם מיט א סך טעות'ן אויך עטוואס ווארהייט. עס איז גאר קיין פראגע ניט, אז דער כעס פון די פאטערס און מוטערס איז א ריכטיגע פאלגע פון די קינדערשע חטאים, און אז דער אויסדרוק פון דעם כעס איז א נארמאלער אבהאלטס־מיטעל פון אזוינע חטאים. די געשרייען, דראהונגען און שלעג, וואס א ליידענשאפטליכער פאטער אדער מוטער טיילט אוים די פערזינדיגטע קליינווארג, זענען בלי ספק ווירקונגען, וואס ווערען פאקטיש ארויסגערופען דורך די חטאים פון די קינדער; און בכן דארף מען זיי אין א געוויסען זין בעטראכ־טען ווי איינע פון די נאטירליכע צוריקווירקונגען פון זייערע אומגע־רעכטע טהאטען. מיר זענען אויך גאר ניט פארבערייט צו זאגען, אז אט די אופנים פון בעהאנדלונג זענען ניט רעלאטיוו גערעכטע — דאס הייסט, גערעכטע לפי שיכות צו די אונקאנטראלירבארע קינדער פון שלעכט־קאנטראלירטע דערוואקסענע; גערעכט, אויף וויפיעל דאס איז שייך צו א געזעלשאפטליכען צושטאנד, וואו אזוינע שלעכט־קאנטראלירטע דערוואקסענע שטעלען צונויף די גרויסע מא־סע פון פאלק. ווי מיר האבען שוין געזאגט, די ערציהונגס־סיסטע־מען, פונקט ווי די פאליטישע און אנדערע אינסטיטוציעס, זענען בדרך כלל אזוי גוט, וויפיעל דער צושטאנד פון דער מענשליכער נא־טור לאזט זיי זיין. די בארבארישע קינדער פון בארבארישע עלטערן קען מען הפנים אנדערש ניט האלטען אין צוויק, סיידען דורך בארבארישע מעטאדען, וואס אזוינע עלטערן בענוצען ניט איבערגע־לעגטערהייט; בעת צו זיין אונטערווארפען אונטער אזוינע בארבא־רישע מעטאדען איז אפשר גאר די בעסטע פארברייטונג, וואס אזוינע קינדער קענען האבען פאר דער בארבארישער געזעלשאפט, אין וועל־בער זיי וועלען מיט דער צייט דארפען שפיעלען א ראליע. פערקעהרט

ווידער, די ציוויליזירטע מיטגליעדער פון א ציוויליזירטער געזעלשאַפט ווערן נאַטירליכערהייט ארויסווייזן זייער אונצופרידענהייט אין ווייניגער־געוואַלטיגע פאָרמען — ווערן נאַטירליכערהייט אָנווענדן ווייכערע מיטלען, וועלכע ווערן פאַר זייערע מעהר־אַרטיגע קינדער אויך זיין געננוג שטאַרק. עס איז אמת, הייסט עס, אז אויף וויפיעל עס איז נוגע דעם אויסדרוק פון די עלטערנ'ס געפיהלען ווערט דער פּרינציפּ פון נאַטירליכער צוריקווירקונג טאקי אַלעמאָל מעהר אָדער ווייניגער דורכגעפיהרט. דער סיסטעם פון הויז־רעגיערונג גראַוויטירט (ציהט זיך צום מיטעלפונקט) צו זיין פּאַסענדער פאָרם.

איצטער אָבער בעטראַכט צוויי וויכטיגע פאַקטען. דער ערסטער פאַקט איז, אז אין אזוינע שנעלע איבערגאנגס צושטענדען ווי אונזערע, אין וועלכע עס געהט אָן אַ שטענדיגער קאַמפּף צווישען אַלטע און נייע טעאָריען און אַלטע און נייע פּראַקטיקעס, קענען די אָנגעווענדעטע ערציהונגס־מעטאָדען בדרך הטבע ניט שטעהן אין אַ גאַנצער האַרמאָניע מיט די צייטען. בייגענדיג זיך צו דאָגמען, וואָס האָבען געפּאַסט נור פאַר די דורות וועלכע האָבען זיי ארויסגעגעבען, ווענדען פיעלע עלטערן אָן בעשטראָפונגען וואָס פערלעצען זייערע אייגענע געפיהלען, און אָט אזוי ברייגנען זיי אויף זייערע קינדער א ו נ נ אַ ט י ר ל י כ ע רעאַקציעס; בעת פערקעהרט, אַנדערע עלטערן, האָפּענדיג ענטוזיאַסטיש אז די פאָלקאָמענהייט קומט גלייך אָן, לויפען אַוועק צו דעם אַנדער עקסטרעם. דער צווייטער פאַקט איז, אז די הויפּט־וויכטיגע דיסציפּלין איז ניט דורכצומאַכען די ערפאַהרונג פון די עלטערן'ס ליבּ אָדער טאַדעל, נור עס איז דורכצומאַכען די ערפאַהרונג פון יענע רעזולטאַטען, וועלכע וואָלטען שפּעטער אליין ארויספליסען פון דער אויפפיהרונג, בעת עס איז ניטאָ קיין עלטערן'ס מיינונג אָדער זייער אריינמישען זיך. די אמת בעלעהרענדע און היילזאַמע פאָלגען זענען ניט די, וועלכע די עלטערן וואַרפען ארויף, בעת זיי נעהמען אויף זיך די ראָליע פון דער נאַטור'ס שטעלפערטרעטער; נור דאָס זענען יענע פאָלגען, וואָס די נאַטור אליין וואַרפט ארויף. מיר ווערן זיך נעהמען די מיה קלאָר צו מאַכען דעם חילוק מיט עטליכע ביישפּיעלען, וועלכע ווערן בעווייזען וואָס מיר מיינען ביי נאַטירליכע, אין געגאַנזאַץ צו קינסטליכע צוריקווירקונגען, און צו דערזעלבער צייט ווערן זיי אויך געבען עטליכע פּראַקטישע אָנדייטונגען.

אין יעדער פאַמיליע, וואו עס זענען פאַראַן יונגע קינדער, קומען אַלע טאָג פאַר אַזוינע קינדערישע מעשים, וואָס די מוטערס און די דיענסטען רופען אָן „אַנוואַרפען אַ פולען הויז". אַ קינד האָט ארויס־גענומען זיין קעסטיל שפּיעלצייג און האָט זיי געלאָזט פונאנדער־געוואָרפען אויף דר'ערד. אַ הויפען בלומען, וואָס מען האָט גע־בראַכט פון'ם מאַרגען־שפּאַציער, ליעגט צערוואָרפען אויף די טי־שען און שטולען. אָדער אַ קליין מיידעל, וואָס האָט געמאַכט קלייד־לעך פאַר איהר קוקלע, האָט אָנגעוואָרפען דאָס צימער מיט שמאַט־קעס. די ארבייט פון צורעכט מאַכען די אונאָרדנונג פאַלט מעהרס־טענטיילס אויף ווענען איהר ווילט, נור ניט אויף די, אויף וועמען עס דאַרף פאַלען. טרעפט עס אין קינדער־צימער, וועט די ניאַנע, פערדראָסיג אונטערמורמלענדיג אויף „די קליינע טויגעניכטסען", זיך נעהמען מאַכען אָן אָרדנונג; קומט עס פאַר אנדערס וואו אין הויז, פאַלט די ארבייט געוועהנליך אויף וועמען עס איז פון די עלטערע קינדער, אָדער אויף דעם שטוב־מיידעל: דער בעל עולה גופא קומט אָב מיט נישט מעהר ווי אַ געשריי וואָס מען שרייט אָן אויף איהם. אין אָט דעם גאַנץ איינפאַכען פאַל אָבער זענען פאַראַן אַ סך עלטערן, וועלכע זענען גענוג קלוג, מעהר אָדער ווייניגער אויסגע־האַלטענערהייט, דורכצופיהרען דעם נאַרמאַלען פּלאַן — מאַכען אַז דאָס קינד זאָל אַליין צונויפקלייבען די שפּיעלצייג אָדער די שמאַטקעס. די ארבייט פון ברייגנען זאַכען אין אָרדנונג איז די ריכטיגע פאָלגע פון דעם ברייגנען זיי פריהער אין אונאָרדנונג. דער פאַקט איז אַ טעגליכע ערפאַהרונג פאַר יעדען געשעפטסמאַן אין זיין קאָנטאָר און פאַר יעדער פרוי אין איהר בעל־הבית'ישקייט. און אויב די ערציהונג איז אַ פאָרברייטונג פאַר די עסקים פון לעבען, דאַן דאַרף אויך יעדעס קינד פון אָנהויב אָן דורכמאַכען אָט די ערפאַהרונג יעדען טאָג. אויב דאָס קינד ענטפערט אויף אָט די נאַטירליכע שטראָף מיט אַ ווידערשפּעניגען אויפפיהר, (וואָס קען אפשר זיין, וואו דער פריהער־אָנגעווענדעטער סיסטעם פון מאָ־ראַלער דיסציפּלין איז געווען אַ שלעכטער), דאַן איז דער ריכטיגער וועג, לאָזען דעם קינד פיהלען די שפּעטערדיגע צוריקווירקונג, וואָס זיין ניט־פאָלגען וועט האָבען פעראורזאַכט. האָט ער זיך אָבגע־זאָגט אָדער פערפעהלט אויפצוקלייבען און אוועקלעגען אויף אָן

אָרט די זאַכען וואָס ער האָט אָנגעוואָרפען, ארויפלעגענדיג דורך דעם די ארבייט אויף אַנדערע, דאַרף מען איהם ביי די נעכסטע געלעגענהייט ניט געבען די מיטלען מטריח צו זיין אַנדערע. ווען ער בעט דאָס נעכסטע מאָל זיין קעסטיל שפּיעלצייג, דאַרף זיין מאַמע איהם ענטפערן: „דאָס לעצטע מאָל בעת דו האָסט זיך געשפּיעלט מיט דיינע זאַכען, האָסטו זיי געלאָזען ליעגען אויף ד'רערד, און יאַהאַנאַ האָט זיי געדאַרפט אויפקלייבען. יאַהאַנאַ האָט קיין צייט ניט אַלע טאָג אויפקלייבען די זאַכען, וואָס דו לאָזט זיך אַרומוועלגערן, און איך אַליין קען עס אויך ניט טהון. איז דעריבער, וויבאַלד דו ווילסט ניט צונויפקלייבען דיינע זאַכען ווען דו האָסט זיך אָבגעשפּיעלט, קען איך דיר זיי איצט ניט געבען". דאָס איז פון אויבען אויף אַ נ א ט י ר ל י כ ע פאָלגע, ניט פערגרעסערט און ניט פערקלענערט, און אַזוי מוז עס אויך דאָס קינד בעגרייפען. דערצו קומט די שטראָף אַקוראַט אין דעם מאָ־מענט, ווען זי פיהלט זיך אַם שאַרפסטען. אַ פריש־ערוואַכטער פערלאַנג ווערט צוריקגעוויזען אין דעם מאָמענט, בעת דאָס קינד ריכט זיך אויף אַ בעפריעדיגונג, און דער שטאַרקער איינדרוק, וואָס ווערט דערמיט געמאַכט, מוז האָבען אַ ווירקונג אויף זיין צו־קינפטיגער אויפפיהרונג — אַ ווירקונג, וועלכע וועט פועל'ן, אויב זי ווידערהאָלט זיך מיט אויסגעהאַלטענקייט, אַלץ וואָס איז נור מעגליך, אויסצוקורירען דעם פעהלער. דערצו קען מען נאָך צו־געבען דעם פונקט, אַז דורך די מעטאָדע קריגט דאָס קינד בע־צייטענס אַ לעקציאָן, וועלכע וואָס פריהער ער לערנט עס, אַלץ בעסער איז עס, אַז נור דורך ארבייט קען מען אין אונזער וועלט ריכטיג בעקומען פערגעניגען.

נעהמט אַנאַנדער פאַל. ניט לאַנג צוריק איז אונז אָפּט אויס־געקומען צו הערען די פּאַרוואורפען וואָס מען פלעגט מאַכען אַ קליין מיידעל, וועלכע איז קיין מאָל ניט פערטיג געווען בעת מען האָט בעדאַרפט געהן שפּאַצירען. אַ לעבהאַפטע נאַטור ווי זי איז געווען, וועלכע פלעגט זיך אין גאַנצען אריינטהון אין דאָס, מיט וואָס זי איז בעת מעשה געווען פערנומען, פלעגט זי — קאָנסטאַנצע האָט זי געהייסען — קיינמאָל ניט דערמאָנען זיך אָנצוטהון איהרע זאַכען ביז אַלע זענען שוין געווען פערטיג צו געהן. די גובערנאַנ־

טין און די איבעריגע קינדער האָבען אַלע מאָל אָהן אויסנאַהמע געמוזט אויף איהר ווארטען, און פון דער מאַמען פלעגט מען תמיד אָהן אויסנאַהמע הערען כמעט דיזעלבע געשרייען. ווי אַט דער סיסטעם פון שרייען האָט לגמרי ניט געטויגט, פון דעסטוועגען איז דער מאַמען קיין מאָל ניט איינגעפאַלען לאָזען קאָנסטאַנצע'ן דערשפיהרען די נאַטירליכע שטראָף. דעם אמת געזאָגט, האָט זי עס ניט געוואָלט פּרובירען אפילו ווען מען האָט דאָס איהר ארויפגעבראַכט אויפ'ן זין. אין לעבען ווייס מען, אז אונפּינקטליכקייט ברייננגט־מיט אַ פערלוסט פון געוויסע נוצען, וואָס מען וואָלט זאָנסט געקענט בעקומען: צום ביישפּיעל, מען קומט צום וואָקזאַל ווען דער צוג איז שוין אַוועק, אָדער אָקאָרסט ווי דער דאַמפּפער פערלאָזט דעם ברעג, אָדער ווען אין מארק זענען שוין אויספערקויפט די בעסטע זאַכען, אָדער אין קאָנצערט־זאַל זענען אַלע גוטע פּלעצער שוין בעזעצט. און יעדער איינער קען זעהען, אין די פעלען וואָס ווידערהאָלען זיך נאָכאַנאַנד, אז עס איז דער אויסזיכט פון געוויסע פערלוסטען וואָס עס האַלט אָב די מענשען ניט צו זיין צו־שפּעט. איז ניט דער שלום קלאָר פון אויבען־אויף? דאַרף ניט דער אויסזיכט פון די פערלוסטען קאָנטראָלירען אויך דעם קינד'ס אויפפיהר? איז קאָנסטאַנצע ניט פערטיג אין דער בעשטימטער צייט, איז דער נאַטירליכער רעזולטאַט אז זי בלייבט אין דער היים און פערלירט איהר שפּאַציר־גאַנג. און ווען זי איז איין מאָל אָדער צוויי מאָל געבליבען אין דער היים, בעת די אַנדערע האָבען פערבראַכט אין די פעלדער — נאָכדעם ווי זי האָט געפיהלט, אז פאַר דעם פערלוסט פון אַזאַ גרויסען פערגניגען האָט זי צו פערדאַנקען איהר אונפּינקטליכקייט — וואָלט זי אודאי געבעסערט זיך אויף ווייטער. יעדענפאַלס וואָלט אַזאַ מיטעל געהאַט אַ בעסערע ווירקונג איידער די אייביגע געשרייען, וועלכע מאַכען נור אז דאָס קינד זאָל ווערען אונעמפּינדליך.

אַזוי אויך, ווען זעהר נאַכלעסיגע קינדער צערברעכען אָדער פערלירען די זאַכען וואָס מען גיט זיי, איז די נאַטירליכע שטראָף — די שטראָף וואָס מאַכט דערוואַקסענע מענשען צו געבען מעהר אכטונג — די אונבעקוועמליכקייט וואָס נעהמט זיך דערפון גופא. דער אַרטיקעל, וואָס איז פערלאָרען געגאַנגען אָדער צערבראָכען

געוואָרען, פעהלט, און עס קאָסט געלד אָבצוקויפען א נייעם — דאָס זענען די ערפאַהרונגען וואָס מענער און פרויען האָבען אין אזוינע זאַכען און זיי ווערען דורכדעם דיסציפּלינירט: די קינדערשע ערפאַהרונגען דארפען זיין גלייך צו זייערע, ווי ווייט מעגליך. מיר רעדען דאָ ניט וועגען יענער פעריאָדע בעת דאָס קינד צערדרייסט זיינע שפּיעלצייג אויף שטיקלעך לערנענדיג זיך דורכדעם זייערע פיזישע אייגענשאַפטען, און ווען עס קען נאָך ניט פערשטעהן די רעזולטאַטען פון נאָכלעסיגקייט; מיר מיינען א שפּעטיגערע פע־ריאָדע, ווען עס קען שוין בעגרייפען די בעדייטונג און די נוצען פון אייגענטום. ווען א יונגעל, וואָס איז שוין אַלט גענוג צו קענען האָבען א מעסעריל, איז אזוי אונפאָרזיכטיג מיט איהם, אז ער צערברעכט דאָס קלינגעל, אָדער ער לאָזט עס איבער אין גראָז נעבען די קוסטעס וואו ער איז געזעסען און געשניצט א שטעקיל, ווערט קומען דער ניט־אויסגערעכענטער טאַטע, אָדער אזוי א דער־בארימדיגער קרוב, און ווערט געוועהנליך איהם גלייך קויפען אַן אנדער מעסעריל: ניט איינזעהענדיג אז דערמיט וואָס ער טהוט עס, בערויבט ער דעם יונגעל פון א טייערער לעקציאָן. אין אזא פאַל מעג א טאַטע גאַנץ ריכטיג דערקלערען איהם, אז מעסערלעך קאָסטען געלד, און אז מען מוז אפריהער האָרעווען איידער מען קריגט געלד; אז ער קען ניט בעהויפּטען צו קויפען נייע מעסערלעך פאַר אזא יונגעל וואָס פערלירט אָדער צערברעכט זיי, און אז ביז וואַנען ער ווערט ניט זעהען אין איהם קיין סמנים פון מעהר פאָר־זיכטיגקייט, מוז ער זיך ענטזאָגען צו געבען איהם א נייעם פאַר דעם וואָס ער האָט איבערגעפיהרט. א דיסציפּלין וואָס געהט אין דערזעלבער ליניע ווערט דיענען אויף אָבצוהאַלטען פערשווענדערייען.

די עטליכע בעקאַנטע פעלען, וואָס מיר האָבען דאָ אויסגעקליבען צוליעב דער איינפאַכקייט מיט וועלכער זיי בעלייכטען אונזער פונקט, וועלען יעדען איינעם קלאָר מאַכען דעם חלוק צווישען די נאַטירליכע שטראָפען, וועגען וועלכע מיר בעהויפּטען אז זיי זענען באמת ווירקזאַמע, און די קינסטליכע שטראָפען, וואָס ווערען גע־וועהנליך אָנגעווענדעט אַנשטאָט זיי. איידער מיר געהען ווייטער צו בעווייזען די העכערע און פיינערע אָנווענדונגען פון דעם גענע־בענעם פּרינציפּ, לאָמיר בעמערקען זיינע פיעלע און גרויסע מעלות,

מיט וועלכע ער וועגט אריבער דעם פרינציפ, אָדער בעסער גזאָגט די עמפּירישע פּראַקטיק, וואָס געהט אָן אין די מעהרסטע פאַמיליען.

איין מעלה איז, וואָס אז מען האַנדעלט לויט דעם פּרינציפּ, ווערען געשאַפען ריכטיגע בעגריפען פון אורזאַך און ווירקונג, וועלכע ווערען מיט דער צייט קלאָר און פאַלשטענדיג דורך די אָפטע און אויסגעהאַלטענע ערפאַהרונג. מען איז אַ סך מעהר בטוח מיט אַ ריכטיגען אויפפיהר אין לעבען, ווען מען פערשטעהט די גוטע און שלעכטע פאָלגען פון טהאַטען, איידער ווען מען גלויבט די אויטאָריטעטען וועגען זיי. אַ קינד וואָס געפינט אויס, אַז אָנמאַכען אונאָרדנונג ברײנגט איהם מיט די ארבייט צו ברײנגען די זאַכען אין אָרדנונג; אָדער אַז אויב ער איז קריכעדיגלאַנגזאַם, פערלירט ער אַ געוויסען פערגעניגען, אָדער אַז נאַכלעסיגקייט מאַכט עס זאָל איהם פעהלען עפּעס אַ זאַך וואָס ער וויל שטאַרק האָבען — אַזאַ קינד לערנט די פערבינדונג פון אורזאַך און ווירקונג, אחוץ וואָס ער ליידט פון דער שאַרף־געפיהלטער ווירקונג:ביידע זאַכען, אי דאָס לערנען, אי דאָס ליידען, זענען אַקוראַט די אייגענע, וואָס דאָס ערוואַקסענע לעבען וועט ברײנגען. בעת אָבער דאָס קינד, וואָס קריגט אין אַזוינע פעלען אַ פאָרוואורף אָדער עפּעס אַ קינסטליך־געמאַכטע שטראָף, האָט אָן ערפאַהרונג, ניט נור פון אַזאַ ווירקונג וואָס קימערט איהם אָפט גאָרניט, נור עס פערלירט אויך די בעלעהרונג מכח דער גרינדליכער טבע פון גוטע און שלעכטע פיהרונגען, וועלכע ער וואָלט זאָנסט יאָ געלערנט. עס איז אַ פעהלער פון דעם געוועהנליכען סיסטעם פון קינסטליכע פערגעלטונגען און בעשטראָפונגען — אַ פעהלער, וועלכען מענשען מיט אַ קלאָרען בליק האָבען שוין לאַנג בעמערקט — אַז דערמיט וואָס מען לעגט ארויף, אַנשטאָט די נאַטירליכע רעזולטאַטען פון אַ שלעכטען אויפפיהר, געוויסע צוואַנגארבייט אָדער בעשטראָפונגען, רופט מען ארויס אַ דורך־און־דורך פאַלשען מאָראַלען מאָסשטאַב. אַזוי ווי ער האָט אין גאַנצען משך פון קינדהייט און יוגענד אַלעמאָל בעטראַכט די עלטערנ'ס אָדער דעם לעהרער'ס אונצופרידענהייט פאַר דעם הויפּט רעזולטאַט וואָס קומט פון אַ פערבאָטענער טהאַט, האָט דער יונגער מענש בעקומען

א פעסטע אידעען־פערבינדונג צווישען דער דאָזיגער טהאַט און יענער אונצופרידענהייט אַלס אורזאַך און ווירקונג. און דעריבער, ווי נור די ממשלה פון די עלטערן און לעהרער הערט אויף, און מען דאַרף מעהר ניט מורא האָבען פאַר זייער אונצופרידענהייט, ווערען אין א גרויסען ערך אָבגעשאַפט די צוימען וואָס האַלטען אָב די פערבאָטענע מעשים: וואָרים די אמת'ע צוימען, די נאַטירליכע צוריקווירקונגען, וועלען זיי נאָך האָבען צו לערנען דורך טרויעריגע ערפאַהרונגען. ווי עס שרייבט איינער, וואָס האָט געהאַט א פערזענליכע בעקאַנטשאַפט מיט אָט דעם קורצזיכטיגען סיסטעם: —
„יונגע מענשען, וואָס זענען ארויסגעלאָזען געוואָרען פון דער שוהל פראַנק און פריי, בעזונדערס אַזוינע אויף וועמען די עלטערן האָבען פערנאַכלעסיגט אויסצואיבען אַן איינפלוס, וואַרפען זיך אריין אין אַלערליי מעגליכע סאָרטען פון פערשווענדונגען; זיי ווייסען ניט פון קיין אויפפיהרונגס־רעגעל, זיי זענען אונוויסענד אין די טעמים פון א מאָראַלען אויפפיהר, זיי האָבען קיין פונדאַמענט ניט אויף וואָס זיך צו שטיצען — און ביז וואַנען זיי ווערען ניט שטרענג דיסציפּלינירט פון'ם לעבען, זענען זיי העכסט געפעהרליכע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט“.

די נאַטירליכע דיסציפּלין האָט נאָך א גרויסע מעלה, וואָס זי איז א דיסציפּלין פון ריינער גערעכטיגקייט; און יעדעס קינד וועט איהר אַנערקענען אַלס אַזוינע. יעדער איינער וואָס ליידט גישט מעהר ווי דאָס שלעכטס, וואָס קומט בדרך הטבע פון זיין אייגענער שלעכטער האַנדלונג, איז פיעל וועניגער עלול צו פיהלען אַז ער איז ניט גערעכט בעהאַנדעלט געוואָרען, איידער ווען ער ליידט א קינסטליך־ארויפגעלייגטע שטראָף; און דאָס איז ריכטיג בנוגע צו קינדער, ווי בנוגע צו גרויסע מענשען. נעהמט דעם פאַל פון א יונגעל וואָס איז כסדר א שנאַפּער אויף קליידער, וואָס קריכט אויף פּלאַנקענער און היט זיך ניט, אָדער עס הויבט איהם ניט אָן צו אַהרען אויב ער קויטיגט זיך איין. ווען מען שלאָגט איהם דערפאַר, אָדער מען פערשיקט איהם אין בעט, וועט ער זיך א ודאי פיהלען ווי אַן אומזיסט־בעשטראָפטער, און וועט גיכער האַלטען אין איין טראַכטען וועגען די עולה וואָס מען האָט איהם געטהון, איידער וועגען חרטה האָבען אויף זיינע חטאים. ווי איז אָבער א

שטייגער אַז מען הייסט איהם פּעררי‌כטען וויפיעל מעגליך דעם שאָדען וואָס ער האָט געטהון — אָברייניגען דעם קויט מיט וועלכען ער האָט זיך פערשמירט, אָדער פעררי‌כטען דעם ריס אַזוי גוט ווי ער קען: וועט ער דען ניט פיהלען, אַז די צרה איז אַזוינע וואָס ער האָט אַליין ארויסגערופען? וועט ער דען ניט פיהלען נאָכאַנאַנד, בעת ער קומט אָב זיין שטראָף, די פערבינדונג צווישען דער שטראָף און איהר אורזאַך? און וועט ער דען ניט, טראָץ זיין ערגערן זיך, אָנער־קענען פון דעסטוועגען מעהר אָדער וועניגער קלאָר די גערעכטיג־קייט פון דעם פּלאַן? אויב עטליכע אַזוינע לעקציאָנען פערפעהלען צו ברייננגען א פערבעסערונג — אויב ער פערדאַרבט וויטער זיינע בגדים, און אויב דער פאָטער, האלטענדיג זיך פאַר דעמזעלבען סיס־טעם פון דיסציפּלין, ענטזאָגט זיך אויסצוגעבען געלד אויף נייע בגדים און אויב דערווייל קומען פאַר געלעגענהייטען, ווען דאָס יונגעל קען ניט ארויספאָהרען צוזאַמען מיט די איבעריגע פון דער פאַמיליע אין יום־טוב׳דיגע און אַנדערע פאַראַדנע טעג, ווייל ער האָט ניט אָנצוטהאָן קיין אָנשטענדיגען בגד — איז גאַנץ קלאָר, אַז ווי שאַרף ער זאָל ניט פיהלען די שטראָף, מוז ער בעת מעשה אויך שפּירען די קייט פון דער פעראורזאַכונג, און מוז איינזעהען, אַז דער אור־שפּרונג נעהמט זיך פון זיין אייגענער נאָכלעסיגקייט. און ווען ער זעהט עס איין, וועט ער ניט עמפּפינדען אַזאַ געפיהל פון אונרעכט, ווי ער וואָלט געפיהלט אויב עס וואָלט ניט געווען קיין קלאָרע פער־בינדונג צווישען דעם חטא און די שטראָף.

און ווידער, אונטער אָט דעם סיסטעם איז אי די עלטערנ׳ס, אי די קינדער׳ס טעמפּעראַמענט פיעל וועניגער עלול אויפגעבראַכט צו ווערען, ווי אונטער דעם געוועהנליכען סיסטעם. ווען די עלטערן לעגען ארויף געוויסע שמערצליכע רעזולטאַטען, אַנשטאָט צו לאָזען די קינדער פיהלען די שמערצליכע רעזולטאַטען, וואָס קומען בדרך הטבע פון א שלעכטען אויפפיהר, ברייננגען זיי דערמיט א דאָפּעלטען שאָדען. אַזוי ווי די עלטערן מאַכען פיעלפאַכיגע געזעצען אין זייער פאַמיליע, און אַזוי ווי אין דער אָבהיטונג פון די דאָזיגע געזעצען דריקט זיך ביי זיי אויס די ווירדע און דער אָנזעהען פון זייער אייגענער פּערזאָן, בעטראַכטען זיי יעדע איבערטרעטונג ממש ווי

א בעלײדיגונג פאַר זיך און װי א גרונד פון זײער זײט אין כעס צו װערען. דערצו קומט נאָך די װײטערדיגע ערגערנים פון דעם װאָס זײ נעהמען אױף זיך, אין דער פאָרם פון איבעריגער ארבײט אָדער קאָסטען, יענע שלעכטע פאָלגען, װעלכע מען האָט אײגענטליך געדאַרפט לאָזען פאַלען אױף די װאָס האָבען געטון דאָס אונרעכט. און דאָס אײגענע אױך ביי די קינדער. די שטראָפען װאָס די גויטיגע צוריקװירקונג פון די זאַכען גופא ברײנגט אָן אױף זײ — שטראָפען װאָס װערען ארױפגעלעגט פון אָן אונפערזענליכער קראַפט — שאַפען א לפי ערך לײכטע און פּאַראיבערגעהענדע ער־גערנים; בעת אָבער די שטראָפען, װאָס װערען װילענדיג ארױפ־געלעגט פון פאָטער און מוטער, און װאָס די קינדער דענקען דערנאָך, אז ער אָדער זי איז די סבה דערפון, ברײנגען אי א שװערערע, אי א לענגער־אָנהאַלטענדע ערגערנים. בעטראַכט נור װאָס פאַר אַן אומגליקליכער רעזולטאַט עס װאָלט ארױסגעקומען, װען מען װאָלט זיך בעגאַנגען לױט דער עמפּירישער מעטאָדע פון אָנפאַנג אָן. שטעלט זיך פאָר אז עלטערן װאָלטען געהאַט בכח צו נעהמען אױף זיך די קערפּערליכע לײדען, װאָס אונװיסענהײט און אונגע־שיקטקײט ברײנגען אָן אױף זײערע קינדער; און אז בעת זײ טראָגען אַלײן איבער די דאָזיגע שלעכטע פאָלגען, ברײנגען זײ אױף זײערע קינדער געװיסע אַנדערע שלעכטע פאָלגען בכיון, כדי זײ צו לערנען װי ניט גוט זײער אױפפיהר איז. א שטײגער, װען א קינד, װעמען מען האָט פערזאָגט ניט אָנצוריהרען דעם קעסעל, האָט ניט געפאָלגט און פערגאָסען קאָכעדיג װאַסער אױפ׳ן פוס, נעהמט די מוטער דעם בריה אױף זיך און גיט איהם דערפאַר א פאַטש; און דערגלײכען אין אַלע אַנדערע פעלען. װאָלטען ניט אױף דעם אופן די טעגליכע סבות געװען א קװאַל פון א סך מעהר גרימצאָרן װי איצטער? װאָלט דען יעמאָלט ניט געװען אױף בײדע זײטען א כראָנישע בײזע שטימונג? און דאָך פונקט אזא מעטאָדע װערט פּראַקטיצירט אין די שפּעטיגערע יאָהרען. א פאָטער װאָס שלאָגט אָן זײן יונגעל פאַרװאָס ער האָט אומגערן אָדער מוטהװיליג צעבראָכען זײן שװעסטער׳ס א שפּיעלצײג און בעצאָהלט דערנאָך פאַר אָן אַנדערס, טהוט בעצם די אײגענע זאַך: ער לעגט ארױף אױפ׳ן פערברעכער א קינסטליכע שטראָף און אױף זיך

אליין געהמט ער די נאטירליכע שטראף, און אי זיינע, אי דעם פערזינדיגטען׳ס געפיהלען ווערען ביידע גלייך אומזיסט אויפגע־רעגט. ווען ער וואלט איינפאך איהם געהייסען פערריכטען דעם שאדען, וואלט ער ארויסגערופען א סך וועניגער הארץ־עסענים. ווען ער וואלט דעם יונגעל געזאגט, אז ער, דער יונגעל, מוז אויף זיינע אייגענע קאסטען אבקויפען א ניי שפיעלצייג, און אז ער וועט ניט קריגען קיין טאשען־געלד ביז עס וועט זיך אנקלייבען די נויטיגע סומע, וואלט עס געווען א סך געזינטער פאר זייערע ביי־דענס געמיטהען; און דער יונגעל וואלט פאר איין גאנג געהאט א גוטע און גערעכטע ערפאהרונג, פיהלענדיג א ביסעל ענגלאך אין הוצאות שפעטער. קורץ, דער סיסטעם פון א דיסציפלין דורך נאטירליכע צוריקווירקונגען איז וועניגער שעדליך פאר׳ן געמיטה, ערסטענס ווייל מען זעהט איין אז עס איז נישט מעהר ווי ריינע גערעכטיגקייט, י׳ן צווייטענס, ווייל ער פיהרט אריין אין א גרויסען טייל די אונפערזענליכע קראפט פון דער נאטור, אנשטאט די פערזענליכע קראפט פון די עלטערן.

דערפון פאלגט אויך פון אויבען־אויף דער שלום, אז די שיכות צווישען עלטערן און קינדער אונטער אט דעם סיסטעם וועט זיין א מעהר איינפלוסרייכע, ווייל זי איז א מעהר־פריינדליכע. כעס ביי׳ם פאטער און מוטער אדער ביי׳ם קינד׳, איז אלעמאל שעדליך, קיין נפקא מינה ניט וועלכע סבה עס רופט איהם ארויס, אדער אנטקעגען וועמען ער איז געריכטעט. דער כעס אבער פון פאטער און מוטער צום קינד און פון קינד צום פאטער און מוטער איז ספעציעל שעדליך, ווייל עס שוואכט אב דעם באנד פון מיטגעפיהל, וועלכער איז גרינדליך נויטיג פאר די צוועקען פון א וואוילטהעטיגען קאנטראל. עס איז אן אונפערמיידליכער רעזולטאט, ביי יונגע ווי ביי אלטע, פון דעם געזעץ פון אידעען־פערבינדונג, אז מען קריגט א שנאה צו די זאכען, וועלכע זענען אין דער ערפאהרונג פערבונ־דען מיט אונאנגענעהמע געפיהלען. אדער וואו ס׳איז פריהער גע־ווען א פריינדשאפט, ווערט זי קלענער, אדער אמאל פיהלט מען אנשטאט פריינדשאפט גאר אן אבשטויסונג, אלץ לויט דער צאהל פון שמערצליכע איינדרוקען וואס מען האט בעקומען. די עלטערנ׳ס צארן, וואס גיסט זיך אויס אין געשרייען און שטראפען, קען ניט

פערפעהלען, אויב ער קומט אָפט פאָר, אַרויסצורופען אַ פערפרעמ־
דונג אין די קינדער; און פערקעהרט, דער פערדרוס און די פערבי־
סענקייט פון די קינדער קען ניט פערפעהלען אָבצושוואַכען און צום
סוף אפילו פערניכטען די ליעבשאַפט וואָס מען פיהלט צו זיי.
דערפון נעהמט זיך עס, וואָס אין אַ סך פעלען קוקט מען אויף די
עלטערן (און איבערהויפּט אויף די טאַטעס, וועלכע נעהמען זיך
געוועהנליך די עובדא אויסצוטיילען די שטראָפען) מיט גלייכגיל־
טיגקייט, אויב גאָר ניט מיט אָבנייגונג; און דערפון נעהמען זיך
אזוי פיעל פעלען, וואו מען קוקט אויף די קינדער ווי אויף אָנ־
שיקעניסען. איז וויבאַלד אַלע מוזען איינזעהען, אַז אַזאַ מין פער־
פרעמדונג איז געפעהרליך פאַר דער היילזאַמער מאָראַלער בילדונג,
פאָלגט דערפון אַז די עלטערן מוזען זיך געבען די גרעסטע מיה
אויסצומיידען די געלעגענהייטען פון דירעקטע מחלוקת מיט זייערע
קינדער, און דעריבער דאַרפען זיי מיט דעם גרעסטען אייפער אָנ־
נעהמען אָט די דיסציפּלין פון נאַטירליכע פאָלגען, וועלכע בעפרייט
זיי פון דער עובדא צו בעשטראָפען, און מיידט אויס דעריבער די
געגענזייטיגע ערביטערונגען און פערפרעמדונגען.

מיר געפינען, אַלזאָ, אַז אָט די מעטאָדע פון מאָראַלער בילדונג
על פּי ערפאַהרונג פון די נאָרמאַלע צוריקווירקונגען, וועלכע איז
די העכסט־געשעטצטע מעטאָדע פאַר די ערסטע קינדער־יאָהרען, ווי
פאַר'ן דערוואַקסענעם לעבען, קען פונקט אזוי גוט אָנגעווענדעט
ווערען אין די צווישענדיגע פעריאָדען פון קינדהייט און יוגענד.
פון אַלע מעלות פון דער דאָזיגער מעטאָדע זעהען מיר, ע ר ס ־
ט ע נ ס: אַז זי גיט אונז דאָס דאָזיגע ראַציאָנאַלע וויסען וועגען
אַ גוטען און שלעכטען אויפפיהר, וואָס קומט אַרויס ווען מען האָט
אַ פּערזענליכע ערפאַהרונג פון זייערע גוטע און שלעכטע פאָלגען.
צ ו ו י י ט ע נ ס: אַז דאָס קינד, וואָס ליידט נישט מעהר ווי די
שמערצליכע ווירקונגען פון זיינע אייגענע שלעכטע מעשים, מוז
מעהר אָדער ווייניגער אָנערקענען די גערעכטיגקייט פון די שטראָ־
פען. ד ר י ט ע נ ס: אַז ווען עס אָנערקענט די גערעכטיגקייט פון
די שטראָפען, און עס קריגט זיי דורך דאָס ווירקען פון די זאַכען
גופא, ניט דורך די הענד פון אַ מענשען, ווערט זיין געמיטה וועני־
גער אויפגערעגט; און דער פאָטער אָדער די מוטער, וואָס ערפילט

נור די לפי ערך פאסיווע פליכט פון לאזען די קינדער פיהלען די נאטירליכע שטראפען, קען אויך האבען א לפי ערך רוהיגען געמיטה. פ י ע ר ט ע נ ס: אז וויבאלד עס ווערען אויף דעם אופן אויסגעמי־טען די געגענזייטיגע ערביטערונגען, וועט ממילא בעשטעהן צווישען די עלטערן און קינד א פיעל גליקליכערע און מעהר־איינפלוסרייכע שיכות.

„וואס זאל מען אבער טהון אין די פעלען וואו עס קומען פאר מעהר ערנסטע חטאים?" ווערען איינינע פרעגען. „ווי זאל מען דורכפיהרען את דעם פלאן אין פאל ווען עס איז בעגאנגען געווארען א גניבה? אדער ווען א קינד האט געזאגט א ליגען? אדער ווען ער האט מיאום בעהאנדעלט א יונגערן ברודער אדער א יונגערע שוועס־טער?"

איידער מיר וועלען ענטפערן אויף די פראגען, לאמיר בע־טראכטען דעם מוסר השכל פון עטליכע פאקטען, וואס בעלייכטען דעם ענין.

אונזערער א פריינד, וועלכער האט געלעבט צוזאמען מיט זיין שוואגער'ס פאמיליע, האט איבערגענומען אויף זיך די ערציהונג פון די צוויי קינדער פון הויז, זיין נעפע און זיין ניכטע. אנגעפיהרט האט ער די ערציהונג, קען זיין, אפשר מעהר דורך א נאטירליכע סימפאטיע, איידער לויט איבערגעדאכטע מיינונגען, אין דעם גייסט פון דער מעטאדע, וואס איז אויבען דערקלערט געווארען. די צוויי קינדער זענען אין שטוב געווען זיינע תלמידים און אין דרויסען — זיינע חברים. זיי פלעגען יעדען טאג מיט איהם מיטגעהן אויפ'ן שפאציער און אויף באטאנישע לוסטרייזען, פלעגען מיט חשק ארומלויפען פאר איהם זוכען פלאנצען און זיך צוקוקען בעת ער האט זיי עקזאמינירט און בעשטימט צו וועלכען מין זיי געהע־רען, און אויף אזוינע און אנדערע אופנים האבען זיי שטענדיג גענאסען פערגניגען און בעלעהרונג פון זיין געזעלשאפט. קורץ, מאראליש בעטראכט, האט ער פאר זיי פיעל מעהר פערנומען די פאזיציע פון עלטערן איידער זייערע אייגענע פאטער און מוטער. בעשרייבענדיג פאר אונז די רעזולטאטען פון דער דאזיגער מעטאדע, האט ער צווישען אנדערע פרטים אונז געגעבען דעם פאלגענדען פאל. איינמאל אין אן אבענד, ווען ער האט געדארפט האבען עפעס

א געוויסע זאַך, וואָס איז געלעגען אין אַנאַנדער טייל פון הויז, האָט ער געבעטען זיין נעפע ער זאָל עס איהם ברייינגען. דער יונגעל איז בעת מעשה גראָד געוועזן פּראַינטערעסירט אין עפּעס א שפּיעל־בעל, האָט ער געגעבען זיין געוועהנהייט געמאַכט א תנועה אזוי ווי ער וויל ניט געהן, אָדער ער האָט אָפּען זיך ענטזאָגט, מיר האָבען שוין פערגעסען ווי די מעשה איז געוועזן. זיין אָנקעל, ניט האַלטענ־דיג פון צוואַנג־דרכים, האָט זיך אַליין אויפגעהויבען און איז געגאַנגען נעהמען וואָס ער האָט בעדאַרפט: ארויסווייזענדיג בלויז אין זיין בענעהמען־זיך דעם פערדרוס, וואָס די דאָזיגע אונארטיג־קייט האָט איהם פערשאַפט. און בעת דער יונגעל האָט א ווייל׳ע שפּעטער גענומען פּאָרלעגען מען זאָל אָנהויבען דעם געוועהנליכען שפּיעל, איז זיין פּאָרשלאַג גאַנץ ערנסט צוריקגעוויזען געוואָרען — דער אָנקעל האָט ארויסגעצייגט צו איהם א קאַלטקייט, אָבער נישט מעהר ווי ער האָט נאַטירליך געפיהלט, און דערמיט האָט ער גע־פועל׳ט אז דער יונגעל זאָל פיהלען די נויטיגע פאָלגען פון זיין אויפפיהר. אויף מאָרגען פריה, אין דער געוועהנליכער צייט פון אויפשטעהן, דערהערט אונזער פריינד עפּעס א נייע שטימע נעבען טיער און — עס געהט אריין זיין קליינער נעפע אריינטראָגענדיג דאָס הייסע וואַסער. וואַרפענדיג מיט אויגלעך ארום און ארום אין צימער, זוכענדיג וואָס ער קען נאָך עפּעס טהון, האָט דער יונגעל אויסגערופען: „אהּ! איהר דאַרפט אייערע שטיוועל״, און כהרף עין איז ער גלייך ארונטערגעפלויגען די טרעפּ זיי ארויפצוברייינגען. אויף אזא אופן און אַנדערע אַרטען האָט ער בעוויזען אן אמת׳ע חרטה אויף זיין שלעכטען אויפפיהר. ער האָט זיך געמיהט דורך עקסטראַ דיענסטפערטיגקייט אָבצודיענען איהם פאַר דעם גאַנג וואָס ער האָט אָבגעזאָגט. זיינע בעסערע געפיהלען האָבען אן אמת׳ן נצחון געהאַט איבער די נידעריגערע, און דורך דעם נצחון גופא זענען זיי נאָך שטאַרקער געוואָרען. אזוי ווי ער האָט געפיהלט דעם טעם וואָס עס הייסט פערלירען דעם אָנקעל׳ס פריינדשאַפט, האָט ער צוריקגעווינענדיג זי נאָך מעהר איהר טייער געהאַלטען ווי פריהער.

דער דאָזיגער הערר איז שוין איצט אַליין א פאָטער; ער פיהרט זיך נאָך אַלץ לויט דעם דאָזיגען סיסטעם און געפינט אז

עס פערענטפערט דעם פּראָבלעם פאָלשטענדיג. ער פערהאַלט זיך צו זיינע קינדער דורכאויס ווי אַ פריינד און אַ חבר. מיט אונגע־דולד וואַרטען זיי דער אבענד זאָל קומען, ווייל דאַן וועט ער זיין אין דערהיים; בעזונדערס האָבען זיי הנאה פון די זונטאָגס, ווייל דעמאָלט איז ער מיט זיי צוזאַמען דעם גאַנצען טאָג. בעזיצענדיג אַט אַזוי זייער ליעבשאַפט און פאָלקאָמענעם צוטרויען, געפינט ער, אַז זיין איינפאַכער אויסדרוק פון ליעב אָדער טאַדעל גיט איהם איבערגענוג קאָנטראָל־מאַכט. אויב ער הערט, קומענדיג אַהיים, אַז איינער פון זיינע יונגלעך איז געווען אונאַרטיג, פערטראַגט ער זיך צו איהם מיט אַ קאַלטקייט, אָבער נישט מעהר וויפיעל דעם קינד'ס אויפפיהר רופט אין איהם אַרויס נאַטירליכערהייט; און ער געפינט אַז דאָס אַליין איז די ווירקזאַמסטע שטראָף פאַר זיי. בלויז ניט בעוויזען די געוועהנליכע ליעבשאַפט, דאָס אַליין פערשאַפט זיי גרויסע שמערצען — עס רופט אַרויס מעהר געוויין, איידער שמיטץ וואָלטען אַרויסגערופען. און זיי פיהלען, זאָגט ער, אַ שרעק פאַר אָט דער ריין־מאָראַלער שטראָף די גאַנצע צייט וואָס ער איז ניטאָ צו־הויז: עס גרייכט אַזוי וויט, אַז אָפט דורכ'ן טאָג פרעגען זיך די קינדער נאָך ביי דער מוטער, ווי זיי האָבען זיך אויפגעפיהרט, און צי איהר ראַפּאָרט וועט זיין אַ גוטער. אנ'אומעלט האָט דער עלטערער, אַ לעבעדיגער יונג פון אַ יאָהר פינף, אין איינעם פון יענע צושטענדען פון אַן אויסגוס פון לעבענס־קראַפט, וואָס טרעפט ביי געזונדע קינדער, אָבגעטהון פערשיידענע שפּיצלעך ווען די מוטער איז געווען אוועקגעגאַנגען: ער האָט ביי זיין ברודער אָבגע־שניטען אַ הייפעל האָר און האָט זיך אַליין פערוואונדעט מיט אַ ראַזיר־מעסער, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון זיין פאָטער'ס קאָמאָד. ווען דער פאָטער איז געקומען אַהיים און האָט דערהערט וואָס ס'איז פאָרגעקומען, האָט ער ניט גערעדט צום יונגעל, ניט יענעם אבענד און ניט מאָרגען אין דער פריה. אַ חוץ די דירעקטע עגמת נפש וואָס די שטראָף האָט פערשאַפט דעם קינד, האָט עס געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז אין עטליכע טעג שפּעטער, ווען די מוטער האָט זיך געקליבען ערגיץ וואו געהן, האָט דער יונגעל איהר זעהר געבעטען זי זאָל ניט אוועקגעהן; און ווען מען האָט איהם געפרעגט פאַר וואָס, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט מורא געהאַט

טאָמער וועט ער זיך ווידער פערזינדיגען ווען זי וועט ניט זיין צו־הויז.

מיר האָבען אריינגעפיהרט אָט די פאַקטען, איידער מיר האָבען געענטפּערט אויף דער פראַגע — „וואָס דאַרף מען טהון מיט די שווערערע חטאים?" כדי צו צייגען אַפריהער די בעציהונגען, וואָס קענען און זאָלען איינגעפיהרט ווערען צווישען עלטערן און קינדער; וואָרום פון דער עקזיסטענץ פון אַזוינע בעציהונגען העננגט אָב די ערפאָלגרייכע בעהאַנדלונג פון יענע שווערערע חטאים. און בתורת ווייטערדיגע הקדמה מוזען מיר איצט אָנצייגען, אַז די דאָזיגע בעציהונגען וועלען פעסטגעשטעלט ווערען ווי אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס מען וועט אָננעהמען דעם סיסטעם, וועלכען מיר האָבען דאָ פערטיידיגט. מיר האָבען שוין בעוויזען, אַז דערמיט אליין וואָס מען לאָזט דאָס קינד דורכמאַכען די שמערצליכע צוריקווירקונגען פון זיינע מעשים, מיידען די עלטערן אוים מחליקות און פערהיטען זיך בעטראַכט צו ווערען ווי שונאים; אָבער עס בלייבט אונז נאָך צו בעווייזען, אַז וואו דער פלאַן ווערט דורכגעפיהרט אויסגעהאַלטענער־הייט פון אָנהויב אָן, דאָרט וועט אפילו אויסוואַקסען אַ געפיהל פון אקטיווער פריינדשאַפט.

היינטיגען טאָג ווערען די מוטערס און פאָטערס בעטראַכט מייסטענטיילס ביי זייערע קינדער ווי האַלב פריינד און האַלב פיינד — ווי פריינד־פיינד. אזוי ווי די קינדערשע איינדרוקען ווערען אונפערמיידליך בעשטימט דורך די בעהאַנדלונג וואָס זיי קריגען, און אזוי ווי די בעהאַנדלונג וויעגט זיך אַרום צווישען אונטערקויפען און הינדערן, צווישען צערטלען און שימפּפען, צווישען גוטסקייט און בעשטראָפונגען — בעקומען זיי נויטיגערווייז גאַנץ געגענגעזעצטע מיינונגען וועגען זייערע עלטערנ'ס כאַראַקטער. אַ מוטער מיינט געוועהנליך, אַז ס'איז גאַנץ גענוג, ווען זי זאָגט איהר קליינעם יונגעל אז זי איז זיין בעסטער פריינד; און בויענדיג אויף דער השערה, אַז ער איז מחויב איהר צו גלויבען, בעשליסט זי אַז ער וועט טאַקי גלויבען. „עס איז אַלץ פון דיין טובה וועגען"; „איך וויים בעסער וואָס ס'איז גוט פאַר דיר איידער דו אַליין ווייסט"; „דו קענסט איצט ניט פערשטעהן, ווייל דו ביסט נאָך ניט אַלט גענוג, דערפאַר ווען דו וועסט אויסוואַקסען, וועסטו מיר דאַנקען

פאר דאס וואס איך טהו"; — אט אזוינע און עהנליכע פערזיכערונ־
גען ווערען ווידערהאלט יעדען טאג. דערווייל לײדט דער יונגעל
אלע טאג פאזיטיווע בעשטראפונגען, און יעדע שעה קומט א פער־
באט, טהו דאס ניט, טהו יענעס ניט, אלץ זאכען וועלכע עס ווילט
זיך איהם טהון. ער הערט אין זייערע ווערטער, אז זייער כונה איז
זיין טובה; אבער פון די טהאטען וואס בעגלייטען די ווערטער קריגט
ער געוועהנליך מעהר אדער ווייניגער שמערצען. אזוי ווי ער איז
ניט קאמפעטענט צו פערשטעהן יענע צוקונפט וואס זיין מוטער
האט אין אויג, אדער ווי אזוי די בעהאנדלונג וואס ער קריגט
פיהרט צו זיין גליק אין דער דאזיגער צוקונפט, אורטיילט ער לויט
די רעזולטאטען וואס ער פיהלט; און געפינענדיג אז די רעזולטאטען
זיינען ווייט ניט קיין אנגענעהמע, ווערט ער גאר אין גאנצען
סקעפטיש מכח איהרע פערזיכערונגען פון פריינדשאפט. און איז
עס דען ניט נאריש צו דערווארטען עפעס אנדערס? מוז ניט דאס קינד
דענקען לויט די בעווייזען וואס ער האט? און זעהט עס דען ניט
אויס ווי די בעווייזען וואס ער האט בערעכטיגען דעם שלום וואס
ער ציהט? ווען די מוטער וואלט זיך געפונען אין זיין לאגע, וואלט
זי רעזאנירט פונקט אויפ'ן זעלבען אופן. ווען זי וואלט צווישען
איהרע בעקאנטע אנגעטראפען איינעם, וואס שטערט נאכאנאנד
איהרע פערלאנגען, וואס מאכט איהר אפט לאנגע פארווירפע און
לעגט אויף איהר ארויף ביי יעדער געלעגענהייט שארפע שטראפען,
וואלט זי זיכער ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט אויף די
פערזיכערונגען פון גרויסע בעזארגטקייט פאר איהר וואויל־זיין,
וועלכע בעגלייטען די דאזיגע טהאטען. פאר וואס דען זאל זי מיינען
אז איהר זוהנעלע וועט האנדלען אנדערס?

איצט אבער בעמערקט ווי פערשיידען עס וועלען זיין די
רעזולטאטען, ווען דער סיסטעם פאר וועלכען מיר שטעלען זיך
איין, וועט דורכגעפיהרט ווערען אויסגעהאלטענערהייט — ווען די
מוטער וועט אויסמיידען ניט נור די ראליע פון זיין דאס ווערק־
צייג פון שטראף, נור זי וועט שפיעלען די ראליע פון א פריינד,
וועלכע ווארינט איהר קינד צו היטען זיך פון די שטראפען, וואס
די נאטור וועט אויף איהם ארויפלעגען. לאמיר נעהמען איין
פאל; און כדי עס זאל קענען בעלייכטען די פארם, אין וועלכער דער

פלאַן דאַרף גאַנץ פריה איינגעפיהרט ווערען, זאָל ס זיין איינער פון די איינפאַכסטע פעלען. לאָמיר אָננעהמען, אז א יונגעל מיט א שטאַרקען חשק צו מאַכען עקספּערימענטען — א גייסט וואָס איז זעהר קענטיג ביי קינדער, און זיינע גיינג שטימען אינסטינקטיוו איין מיט דער אינדוקטיווער מעטאָדע פון פאָרשונג — זיצט און אַמוזירט זיך רוקענדיג שטיקלעך פּאַפּיער אין פלאַם פון ליכט און צוקוקענדיג ווי עס ברענט. א מוטער פון דעם געוועהנליכען שניט וואָס דענקט ניט נאָך, וועט מסתמא, ענטוועדער אויפ'ן גרונד פון „פערהיטען איהם פון טהון שאָדען", אָדער מחמת זי האָט מורא ער וועט זיך פערברענען, איהם גלייך הייסען אויפהערען; און טאָמער פאָלגט ער ניט, וועט זי ארויסרייסען דאָס פּאַפּיער פון זיינע הענד מיט געוואַלט. איז אָבער די מוטער אויף זיין מזל א מענש מיט א ביסעל שכל, וואָס ווייס אז דער אינטערעס מיט וועלכען ער קוקט צו ווי דאָס פּאַפּיער ברענט, שטאַמט פון א געזונדען פאָרשונגס־געפיהל, און זי האָט אויך פערשטאַנד איבערצוטראַכטען, וואָס עס וועט זיין, ווען זי וועט זיך אריינמישען, וועט זי אָט אַזוי רעזאָנירען: — „ווען איך פערוועהר איהם דאָס, דערלאָז איך איהם ניט אריינקריגען א געוויסע סומע קענטניס. עס איז אמת, אז מיט מיין פערוועהרען איהם קען איך איהם פערהיטען פון אָבברענגען זיך, אָבער איז וואָס? ווען־עס־איז וועט ער זיך דאָך מוזען אָבברענען, און עס איז דוקא גאַנץ נויטיג פאַר זיין זיכערקייט אין לעבען, אז ער זאָל דערגעהן פון ערפאַהרונג די אייגענשאַפטען פון א פלאַם. אויב איך וועל איהם איצטער ניט דערלאָזען נעהמען די ריזיקע, וועט ער זיכער זיך לאָזען אויף די זעלביגע אָדער אויף נאָך א גרעסערע ריזיקע אנאַנדערסטמאָל, ווען עס וועט קיינער דערביי ניט זיין איהם אָבצוהאַלטען; בעת אָבער טאָמער מאַכט זיך אַן אומגליק איצט ווען איך בין דערביי, וועל איך איהם קענען רעטען און פערהיטען עס זאָל ניט קומען צו א גרויסען שאָדען. אָבער אחוץ דעם, זאָל איך איהם צווינגען אויפצוהערען, שטער איך איהם דערמיט צו פערנעהמען זיך מיט א בעשעפטיגונג, וועלכע איז פאַר זיך א גאַנץ אונשולדיגע און, אין אמת'ן גערעדט, גאַר א בעלעהרענדע בעפרידיגונג, און ער וועט קוקען אויף מיר דערפאַר מיט א מעהר אָדער ווייניגער בייזען געפיהל. וואָרים ניט האָבענדיג קיין

ידיעה וועגען דעם שמערץ, פון וועלכען איך וואָלט איהם וועלען פערהיטען, און פיהלענדיג נור דעם איצטיגען שמערץ פון דעם געשטערטען פערלאַנג, וועט ער מוזען אויף מיר קוקען ווי אויף די סבה פון דעם שמערץ. כדי צו פערשפּאָרען איהם א וועהטאָג, וועלכען ער קען ניט בעגרייפען און וואָס דעריבער עקזיסטירט ער גאָר ניט פאַר איהם, מאַך איך איהם שוין א וועהטאָג, וועלכען ער פיהלט דוקא גאַנץ שאַרף, און ווער אָט אַזוי, פון זיין שטאַנדפּונקט, א ווערקצייג פון שלעכטס. איז דעריבער דאָס בעסטע וואָס איך קען טהון — איהם איינפאַך וואָרנען וועגען דער געפאהר, און זיין גרייט ניט צו דערלאָזען עס זאָל קומען צו אַן ערנסטער בעשעדיגונג". און פאָלגענדיג אָט דעם בעשלוס, זאָגט זי צום קינד: „איך האָב מורא דו וועסט זיך עפּעס אָנמאַכען, אויב דו וועסט דאָס טהון." לאָמיר זיך פּאָרשטעלען, אַז דער יונגעל, ווי דער שטייגער איז, הערט מסתמא ניט אויף, און דער סוף איז אַז ער פערברענט זיך די האַנד. וואָס וועלען זיין די רעזולטאַטען? ערסטענס האָט ער געוואונען אַן ערפאַהרונג, וועלכע ער וואָלט פריהער אָדער שפּעטער מוזען געווינען, און דעריבער איז עס פון זיין אייגענער זיכערקייט וועגען שוין בעסער פריהער. און צווייטענס, האָט ער אויסגעפונען, אַז זיין מוטער'ס וואָרנונג, אָדער איהר ניט־וועלען ליידען, איז טאַקע געמיינט געווען פון זיין טובה וועגען: ער האָט נאָך א פּאָזיטיווע ערפאַהרונג וועגען איהר גוטסקייט, נאָך א גרונד פאַר וואָס ער זאָל זיך פערלאָזען אויף איהר אורטייל און אויף איהרע גוטע אבזיכטען — נאָך אַן אורזאַך פאַר וואָס ער זאָל זי ליעב האָבען.

עס פערשטעהט זיך, דאָרט וואו עס שטעהט אַמאָל פאָר א ריזיקע צו קריגען צעבראָכענע ביינער אָדער וועלכע עס איז אַנדערע ערנסטע בעשעדיגונגען, פּאָדערט זיך טאַקע אָבצוהאַלטען מיט געוואַלט. אָבער אויסלאָזענדיג די עקסטרעמע פעלען, דאַרף מען זיך האַלטען פאַר'ן סיסטעם, ניט אָבהיטען א קינד פון די קליינע ריזיקעס וואָס שטעהען איהם פאָר אַלע טאָג, נור נישט מעהר מען זאָל איהם וואָרנען און אָ ב ר אַ ט ע ן פון זיי. אַז מען וועט אַזוי האַנדלען וועט אַרויסוואַקסען אַ פיעל־שטאַרקערע ליעבשאַפט פון קינדער איידער מיר האָבען עס איצטער. ווען די דיסציפּלין פון

נאַטירליכע צוריקווירקונגען וועט האָבען די מעגליכקייט, דאָ אַזוי גוט ווי אַנדערסוואו, זיך פריי פונאַנדערצושפּיעלען; ווען מען וועט ערלויבען די קינדער אָנצוגעהן מיט זייערע שטיפעריייען דרויסען און זייערע עקספּערימענטירונגען אין הויז, ביי וועלכע זיי זיינען עלול צו שעדיגען זיך, נור מען וועט איבערלאָזען פאַר זיך דאָס רעכט אַבצוראַטען זיי מעהר אָדער וועניגער שטריינג, לויט דער געפאַהר וואָס שטעקט אין דעם, דאַן וועט מוזען אויסוואַקסען ביי זיי וואָס וויטער אַלץ אַ גרעסערער גלויבען אין דער פריינדשאַפט און אין דער הנהגה פון די עלטערן. ניט נור גיט די פיהרונג לויט דעם סיס־טעם, ווי מיר האָבען פריהער בעוויזען, אַ מעגליכקייט די פּאַטערס און מוטערס אויסצומיידען דעם האַס, וואָס איז פערבונדען מיט דער אויסטיילונג פון פּאָזיטיווע בעשטראָפונגען; נור ווי מיר זעהען דאָ, גיט עס זיי אויך די מעגליכקייט אויסצומיידען דעם האַס, וואָס איז פערבונדען מיט די שטענדיגע הינדערונגען: אפילו יענע פּאַסירונגען, וואָס זענען געוועהנליך די סבה פון אַלערליי מינים צאַנקערייען, וועלען זיי אויך קענען אויסנוצען אויף צו פערשטאַרקען די געגענ־זייטיגע גוטע געפיהלען. אַנשטאַט צו הערען אין ווערטער, וועלכע די טהאַטען שיינען צו ווידערשפּרעכען, אַז די עלטערן זענען זייערע בעסטע פריינד, וועלען די קינדער לערנען אָט די וואַהרהייט דורך אַן אויפגעהאַלטענע טעגליכע ערפאַהרונג; און וויבאַלד זיי וועלען עס לערנען אויף אַזאַ אופן, וועלען זיי בעקומען אַזויפיעל פער־טרויען און צוגעבונדענקייט צו די עלטערן, וואָס קיין אַנדער זאַך קען עס זיי ניט געבען.

און איצטער, אַז מיר האָבען שוין געוויזען ווי עס מוז אַרויס־וואַקסען אַ מעהר־סימפּאַטישע בעציהונג דורך דעם שטענדיגען געברויך פון דער דאָזיגער מעטאָדע, לאָמיר זיך אומקעהרען צו דער פראַגע, וואָס מיר האָבען אויבען געשטעלט — ווי אַזוי קען מען די מעטאָדע אָנווענדען אויף די שווערערע פערזינדיגונגען?

בעמערקט ערסטענס, אַז אונטער דעם רעזשים וואָס מיר האָ־בען בעשריבען, וועלען וואַהרשיינליך ניט זיין אַזוינע שווערע חטאים און זיי וועלען ניט פאָרקומען אַזוי אָפט, ווי אונטער דעם געוועהנליכען רעזשים. דער שלעכטער אויפפיהר פון אַ סך קינדער איז אַליין גופא אַ פאָלגע פון יענער כראָנישער אויפרעגונג, אין

וועלכער זיי ווערען געהאלטען דורך א שלעכטע הדרכה. דער צושטאנד פון איינזאמקייט און פערפיינדונג, וואס ווערט געשאפען דורך די אפטע בעשטראפונגען, טוידטעט נויטיגערווייז די סימפאטיען; עס עפענט דעריבער נויטיגערווייז א וועג פאר יענע חטאים, וואס די סימפאטיען האלטען אב. די גראבע בעהאנדלונגען, וואס קינדער פון איין פאמיליע בעגעהען איינער אנטקעגען דעם אנדערן, זענען אפט אין א גרויסען טייל די אבשפיגלונג פון דער גראבער בעהאנדלונג וואס זיי קריגען פון די דערוואקסענע: טיילווייז ארויסגערופען דורך דירעקטע ביישפיעלען, און טיילווייז געשאפען פון דעם בייזען געמיטה און פון דער טבע צו וועלען אויסגיסען דעם כעס אויף אנדערע, וואס קומט פון קריגען קלעפ און פארוואורפען. עס קען גאר קיין פראגע ניט זיין, אז די גרעסערע טהעטיגקייט פון די געפיהלען פון פריינדשאפט און דער גליקליכערער געפיהלסצושטאנד איבערהויפט, וואס ווערט אויפגעהאלטען אין קינדער דורך די דיסציפלין וואס מיר האבען בעשריבען, מוז זיי אבהאלטען פון צו זינדיגען איינער אנטקעגען דעם אנדערן אזוי שווער און אזוי אפט. די נאך מעהר מיאוסע חטאים, ווי ליגען זאגען און קליינליכע גניבות, וועלען צוליעב דיזעלבע סבות אויך ווייניגער ווערען. די הויזליכע פערפרעמדונג איז א פרוכטבארער קוואל פון אזוינע חטאים. עס איז א געזעץ פון דער מענשליכער נאטור, ווי אלע בעאבאכטער קענען עס גאנץ גוט זעהען, אז די וואס זענען אויסגעשלאסען פון די העכערע בעפרידיגונגען, כאפען זיך אן פאר די נידעריגערע; אז די וואס האבען ניט קיין מיטפיהלענדע פערגעניגענס, זוכען זיך עגאאיסטישע פערגעניגענס; און דעריבער, פערקעהרט גערעדט, איז צו דערווארטען, אז אויב מען וועט אויפהאלטען גליקליכערע בעציהונגען צווישען עלטערן און קינדער, וועט מען דערמיט פערקלענערען די צאהל פון עולות וואס שטאמען אב פון גייציגקייט. ווען אבער אזוינע זינד ווערען דאך בעגאנגען, ווי עס וועט ביי געלעגענהייט פארקומען אפילו אונטער דעם בעסטען סיסטעם, קען מען זיך נאך אלץ ווענדען צו דער דיסציפלין פון צוריקווירקונגען; און אויב עס עקזיסטירט דער באנד פון צופערטרויען און פריינדשאפט, וועלכער איז אויבען בעשריבען געווארען, וועט את די דיסציפלין האבען א גוטע ווירקונג. ווארים וואס זענען

אייגענטליך די נאַטירליכע פאָלגען, לאָמיר זאָגען, פון א גניבה? זיי זענען פון צוויי סאָרטען: דירעקטע און אינדירעקטע. די דירעק־טע פאָלגע, ווי די ריינע גערעכטיגקייט פאָדערט, איז דער חוב אומצוקעהרען דעם היזק. א גערעכטער הערשער (און יעדער טאַטע־מאַמע דאַרף שטרעבען צו זיין אזוינער) וועט פאָדערן, אז וואו נור מעגליך זאָל אן אונגערעכטע טהאַט פערגיטיגט ווערען דורך א גערעכטע. אין דעם פאַל פון א גניבה פערשטעהט זיך אונטער דעם, ענטוועדער אומקעהרען די גע'גנב'עטע זאַך, אָדער, אויב עס איז פערצעהרט געוואָרען, אָבגעבען אַנאַנדער זאַך פון דעמזעלבען ווערטה. מיט א קינד קען מען עס אויספיהרען, ער זאָל אָבצאָהלען פון די טאַשען־געלד וואָס ער קריגט. די אינדירעקטע און ערנסטערע פאָלגע איז, די עלטערנ'ס גרויסער צאָרן, וואָס אזא פערברעכען רופט ארויס. דאָס איז א פאָלגע, וואָס קומט אונפערמיידליך ביי אלע פעלקער, וועלכע זענען ציוויליזירט גענוג צו האַלטען גניבה פאַר א פערברעכען.

„אָבער די מעטאָדע — וועט מען זאָגען — פיהרט דאָך קיין נייעס ניט ארויס; דער אויסדרוק פון די עלטערנ'ס צאָרן, אין געשרייען אָדער אין קלעפּ, איז דאָך אין אזוינע פעלען דער געוועהנ־ליכער וועג". זעהר ריכטיג. מיר האָבען שוין צוגעגעבען, אז די דאָ־זיגע מעטאָדע ווערט אין געוויסע ריכטונגען אָנגענומען גאַנץ נאַ־טירליכערהייט. מיר האָבען שוין געצייגט, אז די ערציהונגס־סיסטע־מען האָבען א טענדענץ צוצוקומען נעהענטער צום ריכטיגען סיס־טעם, און מיר קענען דאָ ווידער בעמערקען ווי פריהער, אז די שטאַרקייט פון דער נאַטירליכער צוריקווירקונג וועט, לויט דער וואויהלטהעטיגער אָרדנונג פון זאַכען, זיך צופּאַסען צו די פאָדע־רונגען — אז אין משך פון די לפי ערך באַרבאַרישע צייטען, ווען די קינדער זענען אויך לפי ערך באַרבאַריש, וועט דער צאָרן פון די עלטערן זיך אויסגיסען אין געוואַלטזאַמע מיטלען; און אז ער וועט זיך אויסדריקען אויף א וועניגער־גרויזאַמען אופן אין יענע מעהר פאָרטגעשריטענע געזעלשאַפטליכע צושטענדען, אין וועלכע, ווי די סברא איז מחיב, די קינדער וועלען זיין מסוגל פאַר א מילדערע בעהאַנדלונג. אָבער וואָס אונז איז דאָ דער עיקר נוגע צו בעמערקען איז, אז דער דאָזיגער אויסדרוק פון די עלטערנ'ס שטאַרקען צאָרן,

וואָס ווערט ארויסגערופען דורך איינעם פון אָט די שווערערע חטאים, וועט האָבען אַ שטאַרקע ווירקונג צו גוטען נור אין דעם ערך, ווי וואָרים די צוגעבונדענקייט איז צווישען די עלטערן און דעם קינד. פונקט אין דער פּראָפּאָרציע אויף וויפיעל די דיסציפּלין פון נאַטירליכע פאָלגען איז אויסגעהאַלטענערהייט דורכגעפיהרט געוואָרען אין אנדערע פעלען, אויף אַזוי פיעל וועט זי אויך האָבען אַ גוטע פעולה אין דעם פאַל. די ראיות דערפאַר קענען אַלע געפינען אין זייער אייגענער ערפאַהרונג, ווען זיי ווילען נור זוכען.

וואָרים וויים דען ניט יעדער איינער, אַז די מאָס פון חרטה וואָס ער פיהלט, ווען ער האָט אימעצען בעליידיגט, (עס פערשטעהט זיך, אויסלאָזענדיג פון חשבון די געזעלשאַפטליכע ריקזיכטען), איז פערשיידען לויט דעם ערך פון סימפּאַטיע וואָס ער פיהלט פאַר יענעם מענשען? פיהלט ער דען ניט, אַז אויב די בעליידיגטע פערזאָן איז זיינער אַ שונא, יעמאָלט איז פאַר איהם די קריינקונג, וואָס ער האָט יענעם פערשאַפט, גיכער אַ קוואַל פון פערבאָרגענער צופרידענהייט איידער פון פערדרוס? געדענקט ער דען ניט, אַז עס האָט איהם אַ סך ווייניגער געאַהרט ווען דאָס איז געווען אין גאַנצען אַ פרעמדער, איידער ווען עס איז געווען זיינער אַן אינטימער פריינד וואָס האָט זיך געפונען בעליידיגט? בעת פערקעהרט, אויב אַ געשעצטער און געליעבטער פריינד איז אויף איהם געוואָרען אין כעס, האָט ער עס דען ניט בעטראַכט פאַר אַן ערנסטען אומגליק, וואָס האָט איהם לאַנג און שאַרף געקריינקט? נון, די ווירקונג פון די עלטערנ'ס אונצופרידענהייט אויף די קינדער מוז אויך אָט אַזוי זיין פערשיעדען לויט זייערע פריהערדיגע בעציהונגען. וואו עס געפינט זיך שוין פון פריהער אַ פערפרעמדונג צווישען זיי, דאָרט איז דער געפיהל פון'ם קינד וואָס האָט זיך פערזינדיגט אַ ריין־עגאָאיסטישע מורא פאַר די קומענדע פיזישע בעשטראָפונגען אָדער פערלוסטען וואָס ער וועט ליידען; און נאָכדעם ווי ער האָט זיי שוין בעקומען, ווערט די פערפרעמדונג נאָך שטאַרקער צוליעב די שעדליכע פיינדשאַפט און האַס וואָס עס רופט ארויס. פון דער אנדער זייט, וואו עס עקזיסטירט אַ וואַרימע קינדערשע ליעבשאַפט, געשאַפען דורך אַן אויסגעהאַלטענע פריינדשאַפט מצד די עלטערן, איז דער גייסטעס־צושטאַנד, וועלכען די עלטערנ'ס אונצופרידענהייט

רופט ארויס, ניט נור א גוטער אָבהאַלט פאר אזוינע שלעכטע גיינג אין דער צוקונפט, נור ער איז גוט און היילזאם אין עצם פאר־זיך. דער מאָראַלער שמערץ, וואָס קומט פון האָבען פאר יענער צייט פערלאָרען אזא בעליבטען פריינד, פערנעהמט דאָס פּלאַץ פון דעם פיזישען שמערץ וואָס ווערט געוועהנליך אָנגעטהון, און ער האָט פונקט אזא פּעולה, אויב ניט נאָך א גרעסערע. וואָרים אנשטאָט די מורא און פערביסענקייט וואָס איין מעטאָדע דערוועקט, דערוועקט די אַנדער מעטאָדע א מיטגעפיהל מיט דעם צער פון די עלטערן, אַן אמת'ע חרטה פאַר וואָס ער איז געווען די סבה דערפון, און א וואונש ווידער פעסטצושטעלען דורך א װעלכע עס איז זינד־אָבקומעניש די פריהערדיגע פריינדליכע בעציהונגען. אנשטאָט ארויסצורופען די עגאָאיסטישע געפיהלען, וועמעס אויבערגעוויכט איז די סבה פון קריינאַלע טהאטען, ווערען פערקעהרט ארויסגע־רופען די אַלטרואיסטישע געפיהלען, וועלכע האַלטען אָב די קרי־מינאַלע טהאטען. אַט אזוי קען די דיסציפּלין פון נאַטירליכע פאָלגען אָנגעווענדעט ווערען אויף די שווערע, אזוי גוט ווי אויף די קליינע פעהלערן; און די פּראַקטיקע פון דער דיסציפּלין פיהרט ניט בלויז צו אונטערדריקען אזוינע פעהלערן, נור אויסצו־וואָרצלען זיי פון גרונד אויס.

אין קורצען, די וואהרהייט איז, אז פון גראָבקייט קומט ארויס גראָבקייט און פריינדליכקייט בעשאַפט פריינדליכקייט. קינדער וועלכע ווערען אונסימפאַטיש בעהאנדעלט, ווערען אליין אונסימ־פאַטיש; בעת אָבער ווען מען בעהאנדעלט זיי מיט דעם ריכ־טיגען מיטגעפיהל, ווערט דאָס א מיטעל אויסצובילדען זייער מיט־געפיהל. א שטרענגער דעספּאָטיזם, אין פאַמיליען־רעגיערונגען ווי אין פּאָליטישע רעגיערונגען, שאפט אליין א גרויסען טייל פון די פערברעכען, וואָס עס דאַרף אונטערדריקען; בעת אויף דער אַנדער זייט, א מילדע און ליבעראַלע רעגיערונג מיידט אויס א סך סבות פון מחליקות און מילדערט אויף אזוי פיעל די שטימונג פון די געפיהלען, אז זי פערקלענערט פאַקטיש די טענדענץ צו בעגעהן פערברעכען. ווי דזשאָהן לאָקק האָט שוין לאַנג צוריק בעמערקט: „שטרענגע בעשטראָפונגען אין ערציהונג קען ווינציג־וואָס אויפטהון, נור אדרבא פיעל מעהר שלעכטס; און איך גלויב, מען קען אויס־

געפינען, אַז אונטער גלייכע אומשטענדען זענען זעלטען אַרויסגעקומען די בעסטע מענשען פון יענע קינדער, וואָס זענען אַם מייסטען בעשטראָפט געוואָרען.״ אַלס אַ בעשטעטיגונג פאַר אָט דער מיינונג קענען מיר בריינגען דעם פאַקט, וואָס איז ניט לאַנג צוריק פערעפענטליכט געוואָרען פון הערר ראַדזשערס, דעם גייסטליכען פון פּאָנטעוויל געפענגניס, אַז יענע יונגע פערברעכער, וואָס פלעגען קריגען שמיטץ, פלעגען זעהר אָפט אָנקומען צוריק אין געפענגניס. פּערקעהרט ווידער, אַ בעווייז פּאַר די וואויהלטהעטיגע ווירקונגען פון אַ פריינדליכערע בעהאַנדלונג קען מען געפינען אין אַ פּאַקט, וואָס אונז האָט דערצעהלט אַ פראַנצויזישע דאַמע, ביי וועמען אין הויז מיר זענען איינגעשטאַנען זענענדיג אין פּאַריז ניט לאַנג צוריק. בעטענדיג אום ענטשולדיגונג פאַר דעם טומעל וואָס פלעגט ווערען יעדען טאָג פון איהרען אַ קליין יונגעל, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט מדריך זיין, ניט אין דער היים, ניט אין שוהל, האָט זי זיך אויסגעדריקט, אַז זי האָט מורא עס איז קיין אַנדער תרופה ניטאָ, סיידען די אייגענע, וואָס האָט געהאַט אַ גוטע פּעולה אויף זיין עלטערן ברודער, און דאָס איז — אַוועקצושיקען איהם אין אַ ענגלישע שוהל. זי האָט דערקלערט די זאַך, אַז מיט דעם עלטערן ברודער האָט מען אויך גאָר נישט געקענט מאַכען אין קיינע פון די פערשיידענע שוהלען אין פּאַריז; אַז אין פערצווייפלונג האָבען זיי אָנגענומען דעם ראַטה איהם אוועקצושיקען קיין ענגלאַנד, און אַז קומענדיג אַהיים איז ער געוועזן פּונקט אַזוי פיעל גוט און אַרטיג, ווי ער איז פריהער געוועזן שלעכט און ווילד. די דאָזיגע מערקווירדיגע ענדערונג האָט זי איינגאַנצען צוגעשריבען צו דער פערהעלטניסמעסיגער מילדקייט פון דער ענגלישער דיסציפּלין.

נאָך דער פּאָריגער ערקלערונג פון די פּרינציפּען קענען מיר אם בעסטען פערנעהמען דאָס איבערגעבליבענע פּלאַץ מיט אייניגע פון די הויפּט כללים און רעגעלען, וועלכע לאָזען זיך אַרויספיהרען פון זיי; און כדי צו פּאַסען זיך קורץ וועלען מיר זיי איבערגעבען אין אַ פאָרם פון געבאָטען.

דערוואַרט ניט פון אַ קינד קיין סך מאָראַלע גוטסקייט. אין די ערסטע יאָהרען פון לעבען געהט דורך יעדער ציוויליזירטער מענש די כאַראַקטערשטופע וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען אין דער באַרבאַ־

רישער ראסע, פון וועלכער ער שטאַמט אָב. אזוי ווי דעם קינד'ס גע־
זיכטס־ציגען — די פלאַכע נאָז, צו־פאַרינט פעררישענע נאַזלעכער, די
ברייטע ליפּען, ווייט־אָבגערוקטע אויגען, ניט־ענטוויקעלטע קנאָ־
כען־היילען איבער די אויגען א. אז. וו. — זענען פאַר א
געוויסע צייט עהנליך צו די געזיכטס־ציגען פון דעם ווילדען, אזוי
עהנליך זענען אויך זיינע אינסטינקטען. דערפון נעהמען זיך די
נייגונגען צו רציחות, צו גנב'ענען, צו זאָגען ליגענס, וועלכע זענען
אזא אלגעמיינע מענשליכע ערשיינונג ביי קינדער — נייגונגען,
וועלכע וועלען אפילו אָהן דער הילף פון דיסציפּלין זיך ענדערן
מעהר אָדער ווייניגער, אקוראַט ווי די געזיכטס־ציגען ענדערן זיך.
דער פּאָפּולערער געדאַנק, אז קינדער זענען „אונשולדיגע“, וואָס
ס'איז אַן אמת אין פרט פון א בייזען ו ו י ס ע ן, איז אָבער
לגמרי פאַלש בנוגע צום פרט פון בייזע ט ר י ע ב ע ן, ווי
יעדער איינער קען זיך איבערצייגען, צוקוקענדיג א האַלבע שטונדע
וואָס עס קומט פאָר אין קינדער־צימער. יונגלעך, בעת מען לאָזט
זיי א וויילע אָהן השגחה, ווי אין די עפּענטליכע שוהלען, בע־
האַנדלען איינע די אַנדערע מעהר ברוטאַל איידער דערוואַקסענע
מענשען; און ווען מען וואָלט זיי נאָך־יונגערהייט געלאָזען אליין,
וואָלט זייער ברוטאַליטעט נאָך בולט'ער זיך ארויסגעוויזען.

עס איז ניט נור ניט־קלוג אויפצושטעלען פאַר קינדער א
הויכען מאַסשטאַב פון גוטער אויפפיהרונג, נור עס איז אפילו ניט
קלוג אָנצורעגען זיי זעהר דרינגליך זיי זאָלען זיך גוט אויפפיהרען.
דאָס רוב מענשען אָנערקענען שוין איצטער די שלעכטע רעזולטאַ־
טען פון א צו־פריהער אינטעלעקטועלער רייפקייט, אָבער דערווייליע
בלייבט נאָך ניט אָנערקענט דער פאַקט, אז א צ ו ־ פ ר י ה ע
מ אָ ר א ל ע ר י י פ ק י י ט האָט אויך איהרע שעדליכע
רעזולטאַטען. אונזערע העכערע מאָראַלע חושים, פונקט ווי אונזערע
העכערע אינטעלעקטועלע חושים, זענען לפי ערך קאָמפּליצירט.
פאָלגליך, גרייכען זיי ביידע זייער ענטוויקלונג לפי ערך שפּעט.
און די טהעטיגקייט וואָס ווערט ארויסגערופען צו־פריה דורך
רייצונג וועט אָנגעהן ביי איינע ווי ביי די אַנדערע אויפ'ן חשבון
פון דעם צוקינפטיגען כאַראַקטער. אין דעריין קען מען געפינען
די ערקלערונג פון דער ניט־זעלטענער זאָנדערבאַרער ערשיינונג, וואָס

די וועלכע זענען געווען אין זייער קינדהייט מוסטערן פון יוגענד־ליבער גוטסקייט, בייטען זיך מיט דער צייט, דאכט־זיך גאר אונער־קלערבאר, צום ערגערן, און לסוף שטעהען זיי ניט העכער פאר׳ן דורכשניט, נור אדרבא נידעריגער; בעת פערקעהרט, פערהעלט־ניסמעסיג מוסטערהאפטע מענשען וואקסען אפטמאל ארויס פון א קינדהייט, וואס איז בשום אופן ניט געווען קיין פיעל־פערשפרע־כענדע.

בענוגענט זיך דעריבער מיט מעסיגע מיטלען און מעסיגע רעזולטאטען. האלט אין זינען, אז א העכערע מאראל, פונקט ווי א העכערע פערנונפט, קען דערגרייכט ווערען נור דורך א לאנגזאמעם וואקסען, וועט איהר האבען געדולד און וועט ניט אויפגעבראכט ווערן פון דער אונפאלקאמענהייט, וואס אייער קינד ווייזט אלעווייל ארויס. איהר וועט יעמאלט זיין וועניגער אויפגעלעגט נאכאנאנד צו בייזערן זיך, און סטראשען, און פערבאטען — מיטלען, דורך וועלכע פיעל עלטערן ברייננגען אריין א כראניש־פערביטערטע שטימונג אין הויז, אין דער נארישער האפנונג, אז דורכדעם וועלען זיי מאכען פון זייערע קינדער דאס וואס זיי זאלען זיין.

אזא ליבעראלע פארם פון א הויזליכער רעגיערונג, וואס זוכט ניט צו רעגולירען דעספאטיש אלע פרטים פון דעם קינד׳ס אויפ־פיהר, מוז נויטיגערוויז ארויסוואקסען פון דעם סיסטעם וואס מיר פערטיידיגען. שטעלט זיך צופרידען ווען איהר גיט נור אכטונג, אז אייער קינד בעקומט אלע מאל די נאטירליכע פאלגען פון זיינע טהאטען, וועט איהר אויסמיידען דעם טעות פון צופיעל קאנטראלירען, אין וועלכען אזויפיעל עלטערן פאלען אריין. וואו איהר קענט, לאזט איהם איבער אויף דער דיסציפלין פון ערפאה־רונג; איהר וועט איהם דערמיט פערהיטען פון דער „פלאנצען־הויז טוגענד“, וואס צופיעל רעגולירען רופט ארויס אין די נאכגיביגע נאטורען, אדער פון דער דעמאראליזירענדער פיינדשאפט וואס עס רופט ארויס אין די זעלבסטשטענדיגע נאטורען.

דערמיט וואס איהר וועט ציעלען אומעדום זיכער ארויסצו־ברייננגען די נאטירליכע צוריקווירקונגען פון אייער קינד׳ס טהאטען, וועט איהר ארויפלעגען א ניצליכען צוים אויף אייער אייגענעם געמיטה. די מעטהאדע פון מאראלער ערציהונג, וואס פיעלע עלטערן,

מיר האָבען מורא צו זאָגען די מעהרסטע, פיהרען אָן, איז מעהר גאָר נישט ווי אַן אויסגוס פון כעס, אויף וואָסער אופן עס פאַלט זיי בעת מעשה איין. די פּעטש, דאָס גראָבע אוועקשטויסען פון זיך און די שאַרפע ווערטער, מיט וועלכע די מוטער בעשטראָפט געוועהנליך איהרע קינדער'ס קליינע פערברעכען (וואָס אַ סך פון זיי זענען אין תוך גענומען גאָר ניט קיין פערברעכענס), זענען אין אַלגעמיין נישט מעהר ווי די אויסדריקען פון א י ה ר ע שלעכט־קאָנטראָלירטע געפיהלען — זיי שטאַמען פיעל מעהר פון דער אָנרעגונג פון די דאָזיגע געפיהלען, איידער פון דעם וואונש גוטס צו טהון די קינדער וועלכע האָבען זיך פערזינדיגט. אָבער אַז איהר וועט זיך אָבשטעלען אין יעדען פאַל פון אַ פערזינדיגונג איבער־צוקלערען וואָס איז די נאָרמאַלע פאָלגע פון דעם חטא, און ווי אַזוי מען קען אַם בעסטען פועל'ן אַז דער פערזינדיגטער זאָל זי ריכטיג דערפיהלען, וועט איהר דערוויילע געווינען אַ ביסעל צייט זיך אַליין צו בעהערשען: דער בלינדער כעס, וואָס האָט זיך צו־ערסט דערוועקט אין אייך, וועט זיך אָבקיהלען און ווערען אַ געלאַ־סענער געפיהל, וועלכער וועט שוין ניט האָבען בכח אייך צו פער־פיהרען.

זוכט אָבער ניט זיך צו בעגעהן ווי אַ געציייג, וואָס האָט ניט קיין געפיהלען. געדענקט, אַז אַ חוץ די נאַטירליכע צוריקוויר־קונגען, וואָס די „אַלגעמיינע אָרדנונג" האָט די טבע אָנצוברייינגען אויף אייער קינד פאַר זיינע מעשים, זענען אייערע אייגענע ליעב־ווערטער אָדער טאַדעל־געשרייען אויך אַ נאַטירליכע צוריקווירקונג, אויך איינס פון די בעשטימטע מיטלען פאַר זיין הדרכה. דער טעות וועלכען מיר האָבען בעקעמפּפט איז, דאָס וואָס מען שטעלט אוועק די עלטערנ'ס רוגזה און זייערע קינסטליכע שטראָפען א נ ש ט א ט די שטראָפען, וואָס די נאַטור האָט איינגעפיהרט. אָבער בעת וואָס זיי טאָרען ניט אוועקגעשטעלט ווערען א נ ש ט א ט די נאַטיר־ליכע שטראָפען, בעהויפּטען מיר בשום אופן ניט, אַז זיי זאָלען זיי ניט ב ע ג ל י י ט ע ן. אויב אפילו דער צ ו ו י ט ע ר סאָרט שטראָף טאָר ניט פאַלשערהייט פערנעהמען דאָס פּלאַץ פון דעם ע ר ס ט ע ן סאָרט, מעג ער אָבער אויף אַ מעסיגען אופן דיענען מיט רעכט ווי אַ הוספה צו דעם ערסטען סאָרט. וויפיעל פערדרוס

אָדער כעס איהר פיהלט, אזוי פיעל זאָלט איהר אויסדריקען אין ווערטער אָדער אין אייער האלטונג: עס פערשטעהט זיך, אונטערווארפענדיג זיי צוערסט אונטער דער קריטיק פון אייער אורטייל. דער סאָרט און דער גראַד פון'ם געפיהל, וואָס ווערט אין אייך ארויסגערופען, וועט נויטיגערווייז אָבהענגען פון אייער כאראקטער, און דעריבער איז קיין פעולה ניט צו זאָגען, איהר זאָלט האָבען אזא געפיהל אָדער אנאנדער געפיהל. דאָך אָבער מעגט איהר זיך געבען די מיה און זעהען אַז אייער געפיהל זאָל זיך איבערבייטען אויף אזוינעם, וואָס איהר דענקט אַז מען דארף פיהלען. יעדענפאלס, היט זיך פון די צוויי עקסטרעמען, ניט נור בנוגע צו דער אָנגעשטרענגטקייט פון דעם כעס, נור אויך בנוגע צו זיין דויערהאַפטיגקייט: פון איין זייט מיידט אויס די שוואַכע ליידענשאפטליכע ראשיגקייט, וועלכע מיר טרעפען אזוי אַלגעמיין ביי מוטערס, וואָס בייזערן זיך און זענען מוחל כמעט מיט דעמזעלבען אָטהעם. פון דער אנדער זייט, ווייזט ניט ארויס לענגער ווי מען דארף א פערפרעמדונג פון אייער געפיהל, וואָרים טאָמער געוועהנט איהר צו דאָס קינד צו קענען אויסקומען אָהן אייער פריינדשאַפט, וועט איהר פערלירען אייער איינפלוס אויף איהם. וויפיעל מעגליך זאָלט איהר זעהען מאַכען די מאָראַלע צוריקווירקונגען, וואָס ווערען ארויסגערופען אין אייך דורך אייער קינד'ס טהאטען, עהנליך צו די, וואָס איהר שטעלט זיך פאָר, אַז עס וואָלטען ארויסגערופען ווערען פון א פאָטער מיט א פאָלקאָמענער נאַטור.

זייט שפּאָרזאַם אין ארויסגעבען בעפעהלען. בעפעהלט נור ווען מען קען קיין אנדערע מיטלען ניט אָנווענדען, אָדער ווען אַנדערע מיטלען האָבען ניט געהאָלפען. „אין אָפטע בעפעהלען, ווערען די עלטערנ'ס נוצען מעהר גענומען אין אָנבעטראַכט איידער דעם קינד'ס“, זאָגט ר י כ ט ע ר. אזוי ווי אין די אוראַלטע געזעלשאַפטען ווערט א פערברעכען געגען געזעץ בעשטראָפט, ניט אזוי פיעל ווייל עס איז בעצם אַן אונרעכט, וויפיעל דערפאַר ווייל עס איז א ווידערשפּעניגונג אנטקעגען דעם קעניג'ס אויטאָריטעט, א מרידה אַנטקעגען איהם; אזוי אויך אין פיעלע פאַמיליען, איז די שטראָף, וואָס מען גיט דעם ווידערשפּעניגער, וועניגער ארויסגערופען פון דעם ווילען פערדאַמען די בעגאַנגענע שולד, איידער פון

דעם כעם פאר'ן ניט פאלגען. הערט זיך־צו צו די געוועהנליכע נאטאציעס — „ווי קומסטו צו אזא העזה מיך ניט צו פאלגען?" „איך זאג דיר, דו וועסט עס מ ו ז ע ן ביי ביר טהון!" „איך וועל דיר ווייזען ווער איז בעל הבית!" — און דאן בעטראכט וואס די ווערטער, דער טאן און די האלטונג בעטייטען. איהר קענט אין זיי גיכער דערקענען דעם ענטשלוס צו פערקנעכטען, איידער די זארג עס זאל דעם קינד זיין וואויל. דער דאזיגער גייסטעס צושטאנד אונטערשיידט זיך בעת מעשה גאנץ ווינציג פון דעם דעספאט'ס, וואס האט זיך אבגעלעגט צו בעשטראפען א ווידערשפעניגען אונטערטהאן. א פאטער מיט ריכטיגע געפיהלען וועט אבער, פונקט ווי דער מענשענפריינדליכער געזעצגעבער, געפינען א נחת רוח, ניט אין דעם געברויך פון צוואנג, נור אין דער מעגליכקייט אויסצוקומען אהן דעם. ער וועט זיך בעגעהן אהן געזעץ, וואו נור מען קען בענוצען אנדערע אופנים פון רעגולירען דעם אויפפיהר; און עס וועט איהם פערדריסען וואס מען מוז זיך ווענדען צום געזעץ, בעת א געזעץ איז נויטיג. ווי ר י כ ט ע ר בעמערקט — „דער בעסטער כלל אין דער פאליטיק, זאגט מען, איז „רעגיערט ניט צופיעל": דאס איז אמת אויך אין דער ערציהונג". די עלטערן, וועמעס לוסט צו הערשאפט איז איינגעצוימט דורך א ריכטיגען געפיהל פון פליכט, וועלען, אויס א נאטירליכער איינשטימונג מיט דעם דאזיגען כלל, שטרעבען צו מאכען, אז זייערע קינדער זאלען וויפיעל מעגליך זיך אליין קאנטראלירען, און וועלען זיך כאפען צוריק פאר'ן אבסאלוטיזם נור ווי פאר א לעצטען מיטעל.

ווען אבער איהר בעפעהלט יא, בעפעהלט מיט ענטשלאסענקייט און אויסגעהאלטענקייט. אויב עס איז אזא פאל וואו מען קען זיך אנדערש ווירקליך ניט בעגעהן, דאן גיט ארויס אייער געבאט און, איינמאל איהם ארויסגעגעבען, זאלט איהר דערנאך קיינמאל ניט אבטרעטען פון איהם. בעטראכט זיך גוט וואס איהר האט בדעה צו טהון; וועגט איבער אלע פאלגען; בעדענקט זיך צי איהר האט גענוג ציעל־פעסטקייט; און דאן, האט איהר ענדליך געמאכט א געזעץ, צווינגט ארויס געהארכזאמקייט אום יעדען פרייז. זאלען אייערע שטראפען זיין גלייך ווי די שטראפען וואס ווערען ארויפגעלעגט פון דער אונבע

לעבטער נאַטור — אונפערמיידליכע. דער הייסער קויהל ברענט אָב דעם קינד דאָס ערסטע מאָל, וואָס ער טהוט איהם אַ כאַפּ; ער ברענט איהם אָב דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל, ער ברענט איהם אָב יעדעס מאָל; און דאָס קינד לערנט זיך גיך אויס ניט אָנצוריהרען דעם הייסען קויהל. אויב איהר וועט פּונקט אזוי זיין אויסגעהאַלטען — אויב די פאָלגען וואָס איהר זאָגט דעם קינד אז זיי וועלען ארויסקומען פון בעשטימטע טהאַטען, קומען טאַקי פּונקט מיט דער אייגענער בעשטענדיגקייט, וועט ער באַלד אָנהויבען רעספּעקטירען אייערע געזעצען, אַקוראַט ווי ער רעספּעקטירט די געזעצען פון דער נאַטור. און איינמאָל איז אַט דער רעספּעקט געוואָרען אַן איינגעפיהרטע זאַך, וועט עס אויסמיידען אָהן אַ שיעור וויפיעל הויזליכע צרות. איינער פון די ערגסטע טעות'ן אין ערציהונג איז — ניט אויסגעהאַלטענקייט. אַזוי ווי אין אַ געמיינדע פערמעהרען זיך די פערברעכען, ווען עס איז ניטאָ קיין זיכערע אויספיהרונג פון גערעכטיגקייט; אַזוי אויך אין דער פאַמיליע, פערגרעסערט זיך שטאַרק די צאָהל פון חטאים, ווען די אויסטיילונג פון בעשטראָפונגען איז ניט קיין זיכערע, אָדער ניט קיין רעגעלמעסיגע. אַ שוואַכע מוטער, וואָס סטראַשעט נאָכאַנאַנד און טהוט עפּעס זעלטען, וואָס מאַכט די רעגעלן אין האַסט און האָט חרטה אויף זיי אין מנוחה, וועלכע בעהאַנדעלט דעם זעלבען חטא אַמאָל שטרענג און אַמאָל מילד, ווי דער מאָמענטאַנער קאַפּריז דיקטירט איהר — אַזאַ מוטער גרייט זיך אָן צרות אי פאַר זיך, אי פאַר די קינדער. זי פערמיאוס'ט זיך אַליין אין זייערע אויגען; זי גיט זיי אַליין אַ ביישפּיעל פון ניט־קאָנטראָלירטע געפיהלען; זי גיט זיי צו מוטה עובר צו זיין אויף איהרע בעפעהלען דורך די אויסזיכט, אז עס וועט מסתמא איבערגעהן אָהן בעשטראָפונג; זי איז גורם אָהן אַ שיעור צאַנקעריי‌ען מיט אַלע שעדליכע ביי־זאַכען פאַר איהר אייגענעם געמיטה, ווי פאַר'ן געמיטה פון איהרע קליינע; זי מאַכט פון זייערע גייסטער אַ מאָראַלען כאָאָס, וועלכען די שפּעטיגערע יאָהרען פון ביטערע ערפאַהרונגען וועלען קוים מיט צרות ברייגנען אין אָרדנונג. עס איז שוין בעסער אַפילו אַ באַרבאַרישע פאָרם פון הויזליכער רעגיערונג נור דורכגעפיהרט אויסגעהאַלטענערהייט, איידער אַ ציוויליזירט־מענשליכע רעגיערונג, וואָס ווערט אָנגעפיהרט אָהן אויס־

געהאלטענקייט. מיר זאגען נאך אמאל: מיידט אויס צוואנג־מיטלען וואו עס איז נור מעגליך אויסצומיידען; אבער ווען איהר זעהט איין אז דעספאטיזם איז ווירקליך נויטיג, זייט דעספאטיש אין פולען ערנסט.

געדענקט, אז דער צוועק פון אייער דיסציפלין דארף זיין צו שאפען א מענשען, וואס רעגיערט זיך אליין; ניט צו שאפען א מענשען, וואס זאל רעגיערט ווערען פון אנדערע. ווען עס וואלט אייערע קינדער בעשעהרט געווען צו פערברייננגען זייער לעבען ווי שקלאפען, וואלט איהר גדארפט אין משך פון זייער קינדהייט זיי צוגעוועהנען וואס מעהר צו שקלאפעריי; אזוי ווי אבער זיי דארפען באלד זיין פרייע מענשען און ווענען ניט האבען קיינעם, וואס זאל קאנטראלירען זייער אויפפיהר, קענט איהר גאר ניט צופיעל געוועהנען זיי זיך אליין צו קאנטראלירען, בעת זיי זענען נאך אונטער אייערע אויגען. אט דאס איז עס פאר וואס עס מאכט דעם סיסטעם פון דיסציפלין דורך נאטירליכע פאלגען אזוי בעזונדערס אנגעמאסטען אויף דעם געזעלשאפטליכען צושטאנד, וועלכען מיר אין ענגלאנד האבען איצט געגרייכט. אין די פעאדאלע צייטען, ווען איינע פון די הויפט צרות, פאר וועלכער דער בירגער האט געדארפט מורא האבען, איז געווען דער צארן פון זיינע הערשער, איז געווען רעכט אז אין משך פון זיין קינדהייט זאלען די עלטערנ'ס נקמה'ס וועגען זיין א הויפט מיטעל פון רעגיערונג. איצט אבער, אז דער בירגער האט ווייניג־וואס מורא צו האבען פאר ווענען עס איז — איצט אז די גוטעס און שלעכטס, וואס זיין ערפאהרונג ברייננגט איהם, איז מייסטענס דאס, וואס על פי טבע פון די זאכען קומט פון זיין אייגענעם אויפפיהר, דארף ער אנהויבען צו לערנען עקספערימענטאל פון די עסטע יאהרען אן די גוטע אדער שלעכטע פאלגען, וועלכע קומען בטבע ארוים פון דעם אדער יענעם אויפפיהר. בעצוועקט דעריבער צו פערקלענערן די פאטערליכע רעגירונג אזוי שנעל ווי איהר קענט אנשטאט איהר אויפשטעלען אין דעם קינד'ס געדאנק יענע זעלבסט־רעגירונג, וועלכע וואקסט אויס פון דער פעהיגקייט פאראויס צו זעהען די רעזולטאטען. אין משך פון די גאר ערסטע יאהרען איז א רעכט ביסעל אבסאלוטיזם א נויטיגקייט. א קינד פון דריי יאהר קען מען ניט לאזען זיך שפיעלען מיט אן אפע-

נעם ראַזיר־מעסער, כדי ער זאָל זיך לערנען דורכ־דעם די דיסציפּלין פון נאַטירליכע פאָלגען, וואָרים די פאָלגען קענען זיין צו־ערגסטע. ווי נור אָבער דער פערשטאַנד ווערט גרעסער, דאַן קען און דאַרף פער־קלענערט ווערען די צאָהל פון שטרענגע שטערונגען; און די אבזיכט דאַרף זיין, ביסלעכווייז אויפהערען אין גאַנצען, ווען עס קומט די צייט פון דערוואקסענקייט. אַלע איבערגיינג זענען געפעהרליך, און דער געפעהרליכסטער איז דער איבערגאַנג פון דער איינצוימונג פון׳ם פאַמיליען־קרייז צו דער צוואַנגלאָזיקייט פון דער דרויסענדיגער וועלט. דעריבער איז טאקי וויכטיג איינצופיהרען דעם פּלאַן וואָס מיר פערטיידיגען; וואָרים דערמיט וואָס ער ענטוויקעלט דעם יונ־געל׳ס פעהיגקייט פון זעלבסט־צוימונג, פערגרעסערענדיג כסדר דעם גראַד אין וועלכען מען לאָזט איהם זיך אַליין צוימען, און דערמיט וואָס ער ברייננגט איהם אויף דעם אופן טריט ביי טריט צו אַ צו־שטאַנד, ווען ער קען זיך אַליין צוימען גאָר אָהן קיינעמס הילף, שאַפט ער אָב דעם געוועהנליכען פּלוצליכען און געפעהרליכען איבער־בייט פון אַן אויסערליך־רעגיערטער יוגענד צו אַן אינערליך־רע־גיערטען דערוואַקסענעם שטאַנד. זאָל די היסטאָריע פון אייער הויזליכער הערשאַפט אָבשפּיעגלען אין אַ קליינעם מאָסשטאַב די היסטאָריע פון אונזער פּאָליטישער הערשאַפט: אין אָנהויב — אַן אויטאָקראַטישער קאָנטראָל, וואו דער קאָנטראָל איז ווירקליך נויטיג; וואָס ווייטער — אַן אָנפאַנגליכער קאָנסטיטוציאָנאַ־ליזם, אין וועלכען דעם אונטערטהאַן׳ס פרייהייט געווינט שוין עפּעס אַן אויסגעדריקטע אָנערקענונג; דאַן — כסדר מעהר פון דער דאָ־זיגער פרייהייט פון דעם אונטערטהאַן; שטופּענווייז קומט די ענד, ווען די עלטערן הערען אין גאַנצען אויף צו הערשען.

זאָל אייך ניט פערדריסען ווען אייערע קינדער ווייזען אַרויס אַ היבש ביסעל אייגענווילען. דאָס איז די אַנדער שיכות־זייט פון דעם איינפיהר פון ווייניגער צוואַנג, וועלכער איז אַזאַ קענ־טיגער שטריך אין דער מאָדערנע ערציהונג. די גרעסערע טענדענץ, פון איין זייט, זיך צו נעהמען מעהר טהעטיגקייטס־פרייהייט, ענט־שפּרעכט די קלענערע טענדענץ צו טיראַניזירען, וואָס קומט פון דער אַנדער זייט. זיי ביידע צייגען אָן אַ דערנעהנטערונג צו דעם דיס־ציפּלין־סיסטעם, פאַר וועלכען מיר שטעלען זיך איין, וואָס איז אַלץ

מעהר און מעהר מדריך די קינדער צו בעהערשען זיך אַליין, דורך די ערפאהרונג פון נאַטירליכע פאָלגען;ביידע זענען זיי טענדענצען, וואָס אַקאָמפּאַנירען אונזער מעהר־פּאָרטגעשריטענעם געזעלשאַפטליכען צושטאַנד. דער זעלבסטשטענדיגער ענגלישער יונגעל איז דער פּאָטער פון דעם זעלבסטשטענדיגען ענגלישען מאַן, און אָהן דעם ערסטען קענט איהר ניט האָבען דעם לעצטען. דייטשע לעהרער זאָגען, אַז זיי װעלען גיכער אויפּפּאַסען אויף אַ דוטצען דייטשע יונגלעך, איידער אויף איין ענגלישען. זאָלען מיר דעריבער װינשען, אז אונזערע יונגלעך זאָלען זיין אזוי לענקזאַם ווי די דייטשע, און צוזאַמען מיט דעם אויך זיין אַזוי אונטערטהעניג און פּאָליטיש פערקנעכטעט ווי די דערוואַקסענע דייטשען? אָדער איז ניט בעסער צו טאָלערירען יענע געפיהלען אין אונזערע יונגלעך, וועלכע מאַכען זיי פאַר פרייע מענשען, און ענדערן אונזערע מעטאָדען אין איינקלאַנג דערמיט?

לעצטענס, האַלט אַלעמאָל אין זינען, אַז געבען אַ ריכטיגע ערציהונג איז ניט קיין אַיינפאַכע און לייכטע זאַך, נור אַ קאָמפּליצירטע און זעהר שווערע זאַך — די שווערסטע אויפגאַבע וואָס פאַלט אויף דעם דערוואַקסענעם מענשען. דעם גראָבען, פיקס־און־פערטיגען גאַנג פון הויזליכער רעגיערונג קענען טאַקי אָנווענדען אַפילו די ניעדעריגסטע, גאָרניט קולטיווירטע מוחות. אויף דעם פּלאַן פון געבען פּעטש און שרייען מיט קולות קען איינפאַלען דער ניעדעריגסטער באַרבאַר, אזוי גוט ווי דער פערגרעבסטער בויער. אַפילו אַ חיה קען געברויכען אַזאַ מעטאָדע פון דיסציפּלין, ווי איהר קענט עס בעמערקען אין דעם בילען און אין דעם האַלבען ביים, מיט וועלכע אַ צויג האַלט איין אַ צו־העזהדיגען הינטעל. ווילט איהר אָבער ערפאָלגרייך דורכפיהרען אַ ראַציאָנאַלען און ציוויליזירטען סיסטעם, מוזט איהר זיין גרייט אויף אַ היבש ביסעל גייסטיגער אָנשטרענגונג — אויף אַ געוויסען שטודיום, אַ ביסעל שאַרפזין, אַ ביסעל געדולד און אַ ביסעל זעלבסט־בעהערשונג. איהר וועט כסדר דאַרפען איבערקלערען וועלכע רעזולטאַטען קומען אַרויס פון געוויסע סאָרטען טהאַטען אין'ם דערוואַקסענעם לעבען, און דאַן וועט איהר מוזען ערפינדען מעטאָדען, דורך וועלכע עהנליכע רעזולטאַטען זאָלען אויספאַלען אויף די עהנ־

ליבע טהאטען פון אייערע קינדער. עס וועט נויטיג זיין פונאַנדער־צוקלייבען טאָג־טעגליך די מאָטיווען פון קינדישען אויפפיהר — מאַכען אַ חילוק צווישען די טהאטען וואָס זענען באמת גוטע, און אַנדערע וועלכע נעהמען זיך פון נידעריגע טריעבען, הגם זיי זעהען זיך אָן גוטע; אין דערזעלביגער צייט, זיך שטענדיג היטען פון דעם גרויזאַמען טעות, וואָס מען האָט גאַנץ אָפט, אויסצוטייטשען די נייטראַלע טהאטען אַלס פערברעכען, אָדער צוצושרייבען ערגערע געפיהלען ווי זיי האָבען ווירקליך געהאט. איהר וועט מוזען ענדערן מעהר אָדער וועניגער אייערע מעטאָדען, כדי זיי זאָלען זיך צופּאַ־סען צום כאַראַקטער פון יעדען קינד; און איהר מוזט זיין גרייט צו מאַכען נייע ענדערונגען, אזוי באַלד ווי דעם קינד'ס כאַראַקטער טרעט אריין אין אַ נייע שטופע. איהר וועט אָפט מוזען אָנשטרענ־גען אייער גלויבענס־קראַפט, כדי צו קענען אָנהאַלטען לאַנג גענוג אַ מעטאָדע, וועלכע שיינט צו האָבען קנאַפּוואָס, אָדער גאָר ניט קיין ווירקונג. אויב איהר האָט צו טהאָן מיט קינדער, וועלכע זענען פריהער שלעכט בעהאַנדעלט געוואָרען, וועט איהר ספּעציעל מוזען זיין גרייט אויף אַ לענגערע פּראָבע פון געדולד, איידער איהר וועט קענען האָבען אַן ערפאָלג מיט בעסערע מעטאָדען; וואָרים דאָס וואָס איז ניט לייכט צו פּועל'ן אפילו ווען עס איז פון אָנהויב אָן איינגעפיהרט געוואָרען אַ ריכטיגער צושטאַנד פון די געפיהלען, ווערט דאָפּעלט שווער ווען מען דאַרף אַ שלעכטען געפיהלס־צושטאַנד איבערמאַכען אויף אַ גוטען. ניט נור וועט איהר שטענדיג האָבען צו אַנאַליזירען אייערע קינדער'ס מאָטיווען, נור איהר וועט אויך דאַרפען אַנאַליזירען אייערע אייגענע מאָטיווען — מאַכען פיינע חלוקים צווישען די אינערליכע מיינונגען, וואָס שטאַמען פון דער אמת'ער עלטערנ'ס זאָרג פאַר די קינדער'ס וואוילזיין, און יענע וואָס נעהמען זיך פון אייער עגאָאיזם, פון אייער ווילען בעקוועמליכקייט, פון אייער לוסט צו הערשען. און דאַן — נאָך אַ שווערערע מעשה — איהר וועט ניט נור מוזען אויסגעפינען די בייזע טריעבען, נור איהר וועט זיי מוזען צוימען. אין קורצען, בעת איהר וועט ערציהען אייערע קינדער, וועט איהר מוזען פאַראיינגס דורכפיהרען אייער אייגענע העכערע ערציהונג אויך. אינטעלעק־טועל וועט איהר מוזען גאַנץ גוט קולטיווירען דעם העכסט קאָמ־

פּליצירטען געגענשטאַנד פון אַלע געגענשטאַנדען — די מענשליכע נאַטור און איהרע געזעצען, ווי זי בעוויזט זיך ביי אייערע קינדער, ביי אייך אַליין און אין דער וועלט. מאָראַליש, מוזט איהר כסדר איבען אייערע העכערע געפיהלען און איינצווימען אייערע נידעריגערע געפיהלען. עס איז אַ וואַרהייט, וואָס איז ביז איצט נאָך ניט אָנערקענט געוואָרען, אַז די לעצטע שטופע אין דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון יעדען מאַן און יעדער פרוי קען מען גרייכען נור ווען מען ערפילט ווי געהעריג די פליכטען פון עלטערן. און ווען אָט די וואַרהייט וועט אָנערקענט ווערען, וועט מען איינזעהן ווי בעוואונדערנסווערטה עס איז די איינאָרדנונג, וואָס מאַכט, אַז מענשען זאָלען זיך לאָזען, דורך זייערע שטאַרקסטע ליעבעס־נייגונגען, אונטערוואַרפען אונטער אַזא דיסציפּלין, פון וועלכער זיי וואָלטען זאָנסט געוויכט.

בעת איינינגע וועלען גאַנץ ריכטיג בעטראַכטען אָט די אויפפאַסונג פון ערציהונג מיט ספיקות און אָבהענטיגקייט, דענקען מיר אָבער, אַז אַנדערע וועלען דערזעהן אין דעם ערהאַבענעם אידעאַל וואָס זי שליסט איין, אַ בעוויז פון איהר אמת׳קייט. דער פאַקט וואָס זי קען ניט פערווירקליכט ווערען פון אימפולסיווע, געפיהללאָזע און קורצזיכטיגע מענשען, נור זי פאָדערט די העכערע אייגענשאַפטען פון דער מענשליכער נאַטור, וועט זיין פאַר זיי אַ בעוויז פון איהר פּאַסיגקייט פאַר אַ מעהר פּאָרטגעשריטענעם צושטאַנד פון דער מענשהייט. הגם זי פּאָדערט אַ סך ארבייט און זעלבסטאָפּפערונג, וועלען זיי דאָך איינזעהן, אַז זי פערשפּרעכט אַ שכר פון אַן איבערפלוס פון גליק, אי פאַר באַלד, אי אויף שפּעטער. זיי וועלען איינזעהן, אַז אויב אַ שלעכטער סיסטעם איז צוויימאָל פערשאָלטען מחמת זיין שעדליכער ווירקונג אי אויף די עלטערן, אי אויפ׳ן קינד, איז אַ גוטער סיסטעם צווייסאָל אַ געבענטשטער — עס איז אַ בענטשונג פאַר דעם וואָס ערציהט, און פאַר דעם וואָס ווערט ערצויגען.

די קערפערליכע ערציהונג.

קאפיטעל IV.

די קערפערליכע ערציהונג.

ביי׳ם פריץ׳ס טיש, נאכדעם ווי די דאמען האבען זיך צוריק־געצויגען, ביי׳ם פערמער׳ס מאהלצייט אין א מארק־טאג, אזוי גוט ווי אין ביער־שענק אין דארף, איז דא איין ענין, וואס רופט ארויס, נאך דער פאליטישער טאג־פראגע, דעם גרעסטען אלגעמיינעם אינ־טערעס, און דאס איז — ווי אויפצופאסען די הויז־טיערען. רייטענ־דיג אהיים פון געיעג ציהט זיך געוועהנליך דער געשפרעך וועגען האדעוועז פערד, וועגען פערדישען „יחוס“, און מען מאכט פירושים וועגען דעם אדער יענעם „וויכטיגען פונקט“; בעת אז מען פער־בריינגט א טאג אויף יאגד, קען אודאי ניט דורכגעהן וואו מען זאל עפעס וואס ניט זאגען מכח דער בעהאנדלונג פון הינט. ווען די דער־בייאיגע פערמער געהען צוזאמען איבער די פעלדער זונטאג פון קירך, איז דער שטייגער, נאך די בעמערקונגען וואס מען מאכט וועגען דעם גלח׳ס דרשה, צו מאכען אייניגע בעמערקונגען וועגען וועטער, וועגען די תבואה אויפ׳ן פעלד און וועגען די בהמות אין שטאל, און דאן פערקריכט מען אין ויכוחים מכח די פערשיידענע סארטען קארמע און די אייגענשאפטען פון זייער נאהרהאפטיגקייט. די פערם־יונגען, דערצעהלענדיג איינער דעם אנדערן וואס עס טהוט זיך ביי יעדערן אין זיין חזיר־שטאל, בעווייזען מיט זייערע בעמערקונגען, אז זיי האבען בעאבאכטעט די שאף און רינדער ביי זייערע בעלי־בתים, און די ווירקונג וואס פערשיידענע בעהאנדלונגען האבען געמאכט אויף די בהמות. און ניט נור פאר דארפ׳ס־לייט אליין זענען די רעגעלן פון הינט־ביידעל, פון פערד־שטאל און פון די שטאלען פאר קיה און שעפסען דאס ליעבלינגס־טהעמא. אויך אין די שטעדט, ווען מען רעכענט צונויף די גרויסע צאהל בעלי־מלאכות, וואס האלטען הינט, די יונגע לייט וועלכע זענען רייך גענוג אבצוגעבען זיך צייטענווייז מיט „ספארט“, און די מעהר עלטערע מענשען, וועלכע שמועסען

מכח דעם פּאָרטשריט פון אגריקולטור, אָדער לעזען מעקי'ס יעהרליכע ראַפּאָרטען און קעדי'ס בריף צו די „טיימז" — מאַכט עס אויס אַ גרויסען טייל פון די איינוואָהנער. ווען איהר כאַפּט אָן אַלע דער־וואַקסענע מענער אין גאַנצען לאַנד, וועט איהר געפינען אַז אַ גרויסע מעהרצאָהל פון זיי נעהמען אַ געוויסען אינטערעס אין דער צוכט, אין האָדעווען אָדער ערציהען לעבעדיגע ברואים פון איין סאָרט אָדער פון אַנאַנדערן.

האָט אָבער ווער עס איז געהערט, סיי אין די געשפּרעכען נאָך אַ מאָהלצייט, סיי אַנאַנדערסטמאָל ווען מען קומט זיך צוזאַמען, מען זאָל עפּעס־וואָס זאָגען וועגען דער ערציעהונג פון קינדער? בעת דער פּריץ פון הויף האָט אָבגעשטאַט זיין טעגליכען וויזיט אין שטאַל, און האָט פּערזענליך נאָכגעזעהען דעם צושטאַנד פון זיינע פּערד און ווי זיי ווערען אויפגעפּאַסט; אַז ער האָט שוין געוואָרפען אַ בליק אויף די אַנדערע בהמות און פיה, און האָט אָנגעזאָגט ווי מען זאָל זיך בעגעהן מיט זיי — ווי אָפט געהט ער דאַן ארויף אין קינדערצי־מער דורכצוקוקען די רעגעלן פון זייער עסען, די איינטיילונג פון זייערע שטונדען און די ווענטילאַציע פון צימער? ביי איהם אין ביכער־אַלמער וועט איהר געפינען ווהייט'ס „בעהאַנדלונג פון פערד", סטעפּענ'ס „לאַנדווירטשאַפט", נימראָד'ס „יעגער"; מיט זייער אינ־האַלט איז ער אויך מעהר אָדער ווענינער בעקאַנט. וויפיעל ביכער אָבער האָט ער געלעזען וועגען דער בעהאַנדלונג פון קינדער? די אייגענשאַפטען פון אייל־קוכען פעט צו מאַכען בהמות, דער פּער־גלייכענדער ווערטה פון היי און געהאַקטען שטרוי, די געפאַהרען פון געבען צופיעל קלעווער, זענען פּונקטען וועגען וועלכע יעדער גוטס־בעזיצער, פּערמער און בויער האָט עפּעס אַ ידיעה; וויפיעל פּראָ־צענט פון זיי אָבער אינטערעסירען זיך צו וויסען צי די שפּייז וואָס זיי גיבען זייערע קינדער איז ריכטיג צוגעפּאַסט פאַר די קערפּערלי־כע פאָדערונגען פון יונגלעך און מיידלעך וואָס האַלטען אין וואַק־סען? מען וועט אפשר אָנגעבען די געשעפטליכע אינטערעסען פון די דאָזיגע קלאַסען מענשען אַלס אַן ערקלערונג פאַר אָט דער משונה־דיגער לאַגע. עס איז אָבער אַ קנאַפּע ערקלערונג, וואָרים מען זעהט דעמזעלביגען קאָנטראַסט אויך ביי אַנדערע קלאַסען. פון צוואַנציג שטאָדטיגע מענשען וועט איהר גאַנץ ווענינע געפינען, און אפשר

גאַר קיינעם ניט, וואָס וויים ניט דעם פֿאַקט, אַז מען דאַרף ניט ארויסנעהמען אַ פּערד צו דער ארבייט גלייך נאָכ׳ן עסען; און דאָך פֿון דיזעלביגע צוואַנציג, אַננעהמענדיג אַז זיי זענען אַלע פֿאַטערס, וועט זיך וואהרשיינליך ניט געפֿינען קיין איינציגער, וועלכער האָט איבערגעטראַכט צי ס׳איז אַוועק גענוג צייט צווישען זיינע קינדער׳ס מיטאָג און זייער נעהמען־זיך צוריק פֿאַר׳ן לערנען. אין פֿאַקט, ווען איהר נעהמט זיי אויפ׳ן פֿערהער וואָלט כמעט יעדער מאַן ארויסגע־קומען מיט זיין פֿערשטעקטער מיינונג, אַז איבערהויפּט איז די פֿיהרונג פֿון קינדער־צימער ניט זיין עסק. דער תירוץ וואָלט מסתמא געווען: „אָה, די זאַכען לאָז איך איבער פֿאַר די ווייבער.“ און אין די מעהרסטע פֿעלען הערט זיך אין דעם טאָן פֿון זיין ענטפֿער, ווי ער וואָלט וועלען איבערגעבען דעם געדאַנק, אַז אַזוינע ארבייט איז ניט נאָך זיין מאַנסבילשען כבוד נאָך.

ווען מען קוקט אויף דעם פֿון וועלכען עס איז אַ חוץ פֿון אַ קאָנווענציאָנעלען שטאַנדפּונקט, זעהט עס אויס משונה׳דיג, אַז בעת די ערציהונג פֿון ערסטע־קלאַסגע עקסלעך איז אַ בעשעפֿטיגונג אויף וועלכער געבילדעטע מענשען גיבען ווילענדיג אָב פֿיעל צייט און געדאַנקען, איז די ערציהונג פֿון שעהנע מענשען־קינדער אַ בע־שעפֿטיגונג, וועלכע איז בשתיקה פֿערעכענט פֿאַר אַזעלכע וואָס איז ניט ווערטה צו פֿערנעהמען זייער אויפֿמערקזאַמקייט. מאַמעס, ווע־מען מען האָט וויינציג־וואָס געלערנט אויסער שפּראַכען, מוזיק און השלמות, מיט דער הילף פֿון ניאַנעס וואָס זענען אָנגעשטאָפּט מיט פֿערעלטערטע פֿאָראורטיילען, האַלט מען פֿאַר קאָמפּעטענטע רעגו־לירער פֿון די שפּייז, קליידונג און בעוועגונג פֿון די קינדער. אין דער אייגענער צייט לעזען די טאַטעס ביכער און זשורנאַלען, בעזוכען אַגריקולטור־אסיפות, פּרובירען עקספּערימענטען, פֿיהרען אָן דיס־קוסיאָנען, אַלץ מיט׳ן צוועק אויסצוגעפֿינען ווי מען מאַכט פֿעט פּרייז־חזירים! מיר זעהען ווי מען לעגט איין די וועלט אויסצוהאָדע־ווען אַ לויף־פֿערדיל, וואָס זאָל געווינען די „דערבי“ (דער העכסטער ענגלישער וועט־פּריז): אָבער ניט דאָס מינדעסטע אויף אויסצוהאָדע־ווען אַ מאָדערנעם גבור. וואָלט גאָליוור דערצעהלט אויף די ליליפּוטאַנער, אַז די מענער זוכען אריבערצושטייגען איינער דעם אַנדערען אין וויסען וואָס בעסער ווי צו האָדעווען די קינדער פֿון אַנ־

דערע ברואים, און עס אהרט זיי גאָר ניט צו וויסען ווי צו ערציהען וואָס בעסער זייערע אייגענע קינדער, וואָלט עס געוועזען עהנליך צו די איבעריגע שטותים, וואָס ער שרייבט־צו צו זיי.

די זאַך איז אָבער אַ גאַנץ ערנסטע. ווי לעכערליך דער געגענזאַץ איז אוועקגעשטעלט, פון דעסטוועגען איז דער פאַקט וואָס ער דריקט אויס ניט ווייניגער טרויעריג. עס איז ריכטיג ווי איינער אַ זינרייכער שרייבער האָט בעמערקט, אַז דער ערסטער בעדינג פון ערפאָלג אין לעבען איז — „זיין אַ גוטעס טיער"; און זיין אַ נאַציאָן פון „גוטע טיערען" איז דער ערסטער בעדינג פון נאַציאָנאַלען וואויל־זיין. עס איז ניט נור דער אויסגאַנג פון מלחמה אליין וואָס העננט אָב פון דעם כח און דער גבורה פון די סאָלדאַטען; די געפעכטען אויפ'ן פעלד פון קאָמערציע ווערען אויך טיילווייז ענטשיעדען דורך די קערפּערליכע אויסדויער־קרעפטען פון די פּראָדוצירער. לעת עתה האָבען מיר נאָך קיין גרונד ניט געהאַט מורא צו האָבען פערמעסטען זיך אין כחות מיט אַנדערע ראַסען אויף קיינעם פון אָט די ביידע פעלדער. אָבער עס פעהלען ניט קיין סמנים וואָס ציינען אָן, אַז מיר וועלען באַלד זיך מוזען אָנשטרענגען ביז'ן העכסטען גראַד. די קאָנקורענץ פון היינטיגען לעבען איז אַזוי שאַרף, אַז מעהר ווי אַ קליינע צאָהל קענען אונבעשעדיגט ניט פערטראָגען די נויטיגע אָנשטרענגונג. שוין איצטער ברעכען טויזענדער מענשען צוזאַמען אונטער דעם שווערען דרוק וואָס זיי זענען אונטערוואָרפען. אויב דער דרוק וועט כסדר זיך אַלץ פערגרעסערן, ווי עס שיינט אַז ער וועט, וועלען אפילו די שטאַרקסטע קאָנסטיטוציעס האָבען אויסצושטעהן אַ שווערע פּראָבע. דעריבער טאַקע ווערט עס בעזונדערס וויכטיג, אַז מען זאָל זעהען אָנפיהרען די ערציהונג פון די קינדער מיט'ן צוועק ניט נור גייסטיג אויסצושטאַטען זיי פאַר דעם קאַמפּף וואָס עס שטעהט זיי פאָר, נור מען זאָל זיי אויך פיזיש צוגרייטען צו קענען פערטראָגען די צו־שטאַרקע אָבנוצונג פון זייערע קרעפטען.

גליקליכערווייז הויבט שוין אָן דער ענין צו ציהען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט. קינגסלעי'ס שריפטען ציינען אָן, אַז עס קומט אַ רעאַקציע געגען צופיעל בילדונג, וועלכע ווערט אפשר שוין גע־טריבען, ווי דער שטייגער איז מיט אַלע רעאַקציעס, אַ ביסעל צו־וויים. צופעליגע בריף און לייט־אַרטיקלען אין די צייטונגען האָבען

בעוויזען אַן אויפגעוואַכטען אינטערעס אין פיזישער ערציהונג. די גרינדונג פון אַ שוהל, וועלכע מען האָט בעדייטונגספול געגעבען דעם צו־נאָמען „מוסקול־קריסטענטום“, ווייזט אָן אויף אַ וואַקסענדער מיינונג, אַז אונזערע היינטיגע מעטאָדען פון ערציהען קינדער גיבען ניט גענוג אַכטונג אויפ׳ן וואויל־זיין פון קערפּער. ווי מען זעהט, איז דער ענין שוין צייטיג פאַר דיסקוסיאָן.

זעהען אַז די פיהרונג פון קינדערצימער און פון שוהל זאָל שטימען מיט די פעסטגעשטעלטע וואַהרהייטען פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט — דאָס איז וואָס פאָדערט זיך. עס איז שוין צייט, אַז אונזערע קינדער זאָלען אויך האָבען אַ חלק אין די נוצען וואָס אונזערע שעפּסען און אָקסען ציהען פון די פאָרשונגען פון דער לאַבאָראַטאָריע. ניט צווייפלענדיג ח״ו אין דער גרויסער וויכטיגקייט פון האָדעווען פערד און קאָרמענען חזירים, וואָלטען מיר נור וועלען דערמאָנען, אַז אַזוי ווי אויסהאָדעווען גוט־געוואַקסענע מענער און פרויען האָט אויך עפּעס אַ שטיקעל ווערטה, וואָלט מען געדאַרפט נעהמען יענע שלוסען, וועלכע די טעאָריע האָט אָנגעוויעזען און די פּראַקטיקע האָט בעשטעטיגט, און אָנווענדען זיי אויף די לעצטע אַזוי גוט ווי אויף די ערסטע. מעהרערע מענשען וועלען זיך אַוודאי חדוש׳ן — און אפשר אויך זיך פיהלען בעליידיגט — איבער אַזאַ סמיכת־הפּרשה פון געדאַנקען. עס איז אָבער אַ פאַקט, וואָס מען קען ניט אָבשלאָגען, און מיר מוזען זיך מיט איהם איינלעבען, אַז דער מענש איז אונטערוואָרפען אונטער דיזעלביגע אָרגאַנישע געזעצען ווי די נידעריגערע ברואים. קיין קענער פון אַנאַטאָמיע, קיין פיזיאָלאָג, קיין בעמיקער וועט זיך אַ רגע ניט אָבהאַלטען פון צו בעהויפּטען, אַז די אַלגעמיינע פּרינציפּען, וואָס זענען אמת וועגען די לעבענס־פּראָצעסען ביי די טיערען, זענען פונקט אַזוי אמת בנוגע צו די לעבענס־פּראָצעסען ביי׳ם מענשען. די אָפענהערציגע אָנערקענונג פון אָט דעם פאַקט בלייבט ניט אָהן אַ בעלוינונג, וואָרים מען קען ציהען נוצען פון די אַלגעמיינע כללים, וואָס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך בעאָבאַכטונגען און עקספּערימענטען אויף טיערען, אויך פאַר דער הדרכה פון מענשען. ווי עלעמענטאַר עס איז נאָך דערווייל די וויסענשאַפט פון לעבען, האָט זי שוין פון דעסטוועגען דערגרייכט געוויסע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען, וועלכע ליעגען אין גרונד פון

דער ענטוויקלונג פון אלע ארגאניזמען, איינשליסענדיג אין דעם כלל אויך דעם מענשליכען ארגאניזם. וואס עס דארף איצט געטהון ווערען, און וואס מיר ווילען זיך נעהמען די מיה פיעל־ווינציג צו טהון, איז אויסגעפינען די שיכות פון אט די פונדאמענטאלע פרינציפען צו דער פיזישער ערציהונג פון קינדהייט און יוגענד.

די טענדענץ צו פעריאדישע שטרעמונגען און צוריקשטרעמונגען, פון וועלכער מען קען געפינען שפוהרען אין אלע אבטיילונגען פון געזעלשאפטליכען לעבען — זי צייגט זיך ארויס אין דעם דעספאטיזם וואס קומט נאך א רעוואלוציע, אדער דא ביי אונז, אין דעם בייטען־זיך פון רעפארם־פעריאדען און קאנסערוואטיווע פעריאדען; נאך א פעריאדע פון אויסגעלאסענקייט ברייננט זי א צייט פון אסקעטיציזם, און אומגעקעהרט; אין מסחר־וועלט רופט זי ארויס אבער און ווידער אנגעבלאזענע גליקען און פאניקעס; אין דער מאדע טרייבט זי די נאכפאלגער פון איין ווילדען עקסטרעם צו דעם אנדערן — די דאזיגע טענדענץ האט א ווירקונג אויך אויף אונזערע מנהגים פון טיש, און ממילא אויך אויף דער דיעטע פון די יונגוואַרג. נאך דער פעריאדע, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט דורך איהר שכרות און פרעסעריי, איז געקומען א פעריאדע פון פערגלייכמעסיגער ניכטערקייט און איינגעהאלטענקייט, וועלכע שטעלט פאר אין דעם „טיטאטאליזם“ און אין דעם וועגעטאריאניזם עקסטרעמע פארמען פון פראטעסט אנטקעגען דעם פריהערדיגען זאלל־וסובא־לעבען. און צוזאמען מיט דער ענדערונג אין די הלכות אכילה פון דערוואקסענע, איז געקומען א גלייכע ענדערונג אין די פארשריפטען פון עסען פאר יונגלעך און מיידלעך. אין די אמאליגע דורות האט געהערשט די מיינונג, אז וואס מעהר עסען מען קען ארייננשטופען אין׳ם קינד, אלץ בעסער איז עס; ביי פערמער און אין פערוואַרפענע געגענדען, וואו טראדיציאנעלע אידעען האלטען זיך אויף אם לענגסטען, קען מען אפילו איצטער נאך געפינען עלטערן וועלכע זוכען איבערצושטאפען זייערע קינדער. ביי די געבילדעטע קלאסען אבער, וועלכע ווייזען דערהויפט ארויס די רעאקציע צו איינגעהאלטענקייט, קען מען בעמערקען א בעשטימטע נייגונג גיכער ניט־גענוג צו געבען די קינדער עסען, איידער צו געבען זיי צו־פיעל. דער אמת איז, אז

זייער פערראכטונג וואס זיי פיהלען צום אמאליגען אנימאליזם (גשמיות) ווייזט זיך קלערער ארוים אין דעם וועג ווי זיי בעהאנדלען זייערע קינדער איידער ווי זיי בעהאנדלען זיך אליין; ווארים בעת זייערע אפעטיטען האלטען איין דעם פערשטעלטען אסקעטיציזם דארט וואו ס'איז נוגע זייער פערזענליכען אויפפיהר, שפיעלט ער זיך דערפאר פריי פונאנדער וואו עס קומט אוים צו מאכען געזעצען פאר די קינדער. אז אי צופיעל געבען עסען, אי צו־ווענינ געבען, זענען ביידע שלעכט, איז אן אלטע זאך. פון די ביידע איז אבער די אנדערע די ערגסטע. א גרויסער אויטאריטעט שרייבט: „די פאלגען פון א צופעליגען איבערעסען זיך זענען ניט אזוי שעדליך און מען קען זיי לייכטער פעררוכטען, איידער די פאלגען פון עסען צו־וועניג.“ (ענציקלאפעדיע פון דער פראקטישער מעדיצין.) א חוץ דעם, א קינד וועט זיך זעלטען איבערעסען, אויב מען האט פריהער זיך ניט ארייגגעמישט אהן א איבערלעגונג אין די פרטים פון זיין עסען. „איבערכאפען די מאס איז גיכער א חטא פון דערוואקסענע איידער פון קינדער, ווארים קינדער זענען זעלטען פרעסער אדער פיינ־שמעקער, סיידען דורך די שולד פון די וואס האדעווען זיי.“ (דארט.) דער סיסטעם פון איינהאלטען און בעשרענקען זיי, וועלכען פיעלע עלטערן האלטען פיר אזא נויטיגע זאך, איז בעגרינדעט אויף וועניג בעאבאכטונג און אויף א פאלשער לאגיק. עס איז פאראן צופיעל געזעצמאכעריי אין קינדער־צימער, אזוי גוט ווי אין שטאאט, און איינע פון די שעדליכסטע פארמען דערפון איז אט די בעשרענקונג אין דעם סכום פון שפייז.

„אבער קען מען דען לאזען די קינדער זיך איבערעסען? זאל מען זיי ערלויבען זיך אנשטאפען מיט זיסע זאכען און זיך קראנק מאכען, וואס זיי וועלען דאס געוויס טהון?“ עס פערשטעהט זיך, אז מען שטעלט אזוי אוועק די פראגע, קען דערויף זיין נור איין ענטפער. אבער אזוי שטעלענדיג די פראגע בויט מען שוין אויף דעם פונקט, וועלכען מען דארף נאך ערסט בעווייזען. מיר טענה'ן אז, אזוי ווי דער אפעטיט איז א גוטער וועג־ווייזער פאר אלע נידעריגערע ברואים; אזוי ווי ער איז א גוטער וועג־ווייזער פאר דעם זויגלינג, פאר דעם קראנקען און פאר אלע מענשליכע ראסען אונטער אלער־ליי אומשטענדען; און אזוי ווי ער איז א גוטער וועג־ווייזער פאר

יעדען דערוואקסענעם מענשען וואס פיהרט א געזונד לעבען — קען מען גאנץ זיכער דערפון דרינגען, אז ער איז אויך א גוטער וועג־ווייזער אין דער קינדהייט. עס וואלט ווירקליך געווען א חדוש אויב מען וואלט זיך אויף איהם נור דא ניט געקענט פערלאזען.

עס קען זיין, אז איינינע וועלען לעזען אט דעם ענטפער מיט אונגעדולד, מיינענדיג אז זיי זענען אימשטאנד צו ברייננען פאקטען, וועלכע געהען איננאנצען להיפך צו דעם. עס וואלט אויסזעהן ווי אן אונזין אבצולייקענען די שיכות פון די דאזיגע פאקטען; און פון דעסטוועגען לאזט זיך דער פאראדאקס גאנץ גוט פערטיידיגען. דער אמת איז, אז די אלע פעלען פון איבערעסען זיך, וואס די דאזיגע פערזאנען האבען אין זין, זענען געוועהנליך די פ א ל ג ע ן פון דעם בעשרענקונגס־סיסטעם, וועלכען זיי וואלטען וועלען רעכטפער־טיגען. זיי זענען די רעאקציעס פון אויסגעהונגערטע חושים, וואס ווערען ארויסגערופען פון אן אסקעטישען איינפיהר. זיי אילוסטרירען אויף א קליינעם מאסשטאב די אפט־בעמערקטע ״אהרהייט, אז יע־נע וואס זענען אין דער יוגענד געשטאנען אונטער א העכסט־שטרענ־גער דיסציפלין, זענען עלול שפעטער זיך ארייננצו־ווארפען אין די ווילדעסטע הולטאיסטוועס. די דאזיגע פעלען זענען עהנליך צו יענע שרעקליכע ערשיינונגען, וואס פלעגען ניט זעלטען פאסירען אין קלויסטערס, וואו די נאנען זענען פלוצלונג אראבגעזונקען פון דער שטרענגסטער פרומקייט אין תהום פון א כמעט־טייוועלשער אויס־געלאסענקייט. זיי בעווייזען פשוט די אונקאנטראלירבארע ליידענ־שאפטליכקייט פון לאנג צוריקגעהאלטענע תאוות. — בעטראכט וואס קינדער האבען געוועהנליך האלט און וואס פאר א בעהאנדלונג זיי קריגען. ליעב האבען זיסע זאכען איז ביי זיי א בולט׳ער, כמעט אלגעמיינער שטריך. ניין און נייצניג מענשען פון יעדען הונדערט זענען זיך אודאי משער, אז די קינדער האבען עס ליעב ווייל עס איז געשמאק און זיי ווילען נאכגעבען דעם גומען, און דעריבער דארף מען עס צוזאמען מיט אנדערע תאוות אונטערדריקען. דער פיזיאלאג אבער, וועמעס ענטדעקונגען רופען אין איהם ארויס אלץ א גרעסערע עהרפורכט פאר די איינארדנונגען פון דער נאטור, זעהט אין דער דאזיגער ליעבע צו זיסע זאכען עפעס מעהר איידער דאס וואס אלע זענען זיך משער; און די פארשונג בעשטעטיגט זיין פערדאכט. ער

געפינט, אַז צוקער שפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין די פּראָצעסען פון לעבען. צוקער און פעט־שטאָפען ווערען אין קערפּער ענדליך פער־בונדען מיט זויערשטאָף, און אין בעגלייטונג דערמיט ארבייט זיך אויס היטץ. צוקער איז די פאָרם צו וועלכער עס מוזען ארונטערגע־בראַכט ווערען אַלערליי אַנדערע צונויפגעשטעלטע שטאָפען איידער זיי קענען בענוצט ווערען אַלס היטץ־שאַפענדע שפּייז; און אַט די צוקער־שאַפונג ווערט אַנגעפיהרט אין קערפּער גופא. ניט נור קראַכמאָל ווערט געענדערט אויף צוקער אין דער צייט פון פער־דייהונג, נור ווי קלאָד בערנאַר האָט בעוויזען איז די לעבער אַ פאַבריק, אין וועלכער אַנדערע בעשטאַנדטיילען פון שפּייז ווערען איבערגעאַרבייט און עס ווערט פון זיי צוקער: די פאָדערונג פון קער־פּער פאַר צוקער איז אַזאַ דרינגענדע, אַז אויב מען גיט איהם ניט קיין אַנדערע, וועט ער שאַפען צוקער אפילו פון מאַטעריאַלען וואָס בעשטעהען פון שטיקשטאָף. איצט, ווען מיט דעם פאַקט וואָס קינדער האָבען אַזאַ אויסגעשפּראָכענעם פערלאַנג פאַר אַט דער ווערטהפולער היטץ־שפּייז, בינדען מיר צונויף דעם פאַקט, אַז געוועהנליך האָבען זיי אַן אויסגעשפּראָכענע פיינדשאַפט צו יענער שפּייז, וועלכע גיט אַרויס אין דער צייט פון איהר פעראייניגונג מיט'ן זויערשטאָף די גרעסטע סומע היטץ (ד. ה. צו פעטס), האָבען מיר אַ גרונד צו דענ־קען, אַז די איבערמאָס פון איין זאַך צאָהלט אָב פאַר דעם דוחק אין דער אַנדער זאַך: אַז דער אָרגאַניזם פאָדערט מעהר צוקער, ווייל ער קען ניט צורעכט קומען מיט אַ סך פעטס. — היינט ווידער, קינ־דער האָבען ליעב די אַצידען (זויערע) פון גרינס און פרוכטען. פאַר זיי זענען אַלערליי סאָרטען פרוכט אַ חיות; האָבען זיי ניט עפּעס בעסערעס, וועלען זיי איינשלינגען ניט־צייטיגע אַגרעס און די זויער־סטע האָלץ־עפּעל. נון, ווייסען מיר, אַז די פלאַנצליכע אַזוי גוט ווי די מינעראַל אַצידען, זענען ניט נור זעהר גוטע קרעפטיגונגס־מיטלען און ניצליך אין אַ מעסיגען געברויך, נור זיי האָבען נאָך אַנדערע מעלות, ווען מען געברויכט זיי אין זייערע נאַטירליכע פאָרמען. „צייט־טיגע פרוכט, זאָגט דר. אַנדריו קאָמב, גיט מען מעהר אויפ'ן קאָנטינענט איידער דאָ ביי אונז; און בעזונדערס ווען דער מאָגען ארבייט ניט פאָלקאָם, האָבען פרוכטען אָפט זעהר אַ גוטע ווירקונג.“ איצט זעהט מען ווי עס איז ניטאָ קיין איינשטימונג צווישען די

קינדערשע אינסטינקטיווע פאָדערונגען און זייער געוועהנליכער בעהאַנדלונג. מיר האָבען דאָ צוויי הערשענדע פּערלאַנגען, וועלכע דריקען גאַנץ וואַהרשיינליך אוים געוויסע נויטען פון דעם קינד'ס קאָנסטיטוציע, און דאָך ווערען זיי ניט נור איגנאָרירט אין דעם שפּייז־צעטיל פון קינדער־צימער, נור די אַלגעמיינע טענדענץ איז גאָר צו פערבאָטען זייער בעפרידיגונג. ברויט מיט מילך אין דער פריה, טהעע מיט פּוטער־ברויט ביי נאַכט — דאָס, אָדער אַנאָדער דיעטע וועלכע האָט פּונקט אַזוי קיין טעם ניט, ווערט שטרענג אָבגע־היט, און מען דענקט אַז עס איז ניט נויטיג, אָדער אַז ס'איז גאָר אַן אומרעכט, אויף אַ וועלכען עס איז אופן געבען אַ בעפריעדיגונג דעם געשמאַק. וואָס קומט אַרוים דערפון? אין ימים טובים, ווען עס איז דאָ אַ פרייער צוטריט צו „גוטע זאַכען" — ווען אַ געשענק פון טאַשען־געלד ברייננט די מעגליכקייט אָנצוקויפען אַלץ וואָס מען זעהט אין שוי־פענסטער פון קאָנדיטעריי, אָדער מען כאַפּט זיך אַמאָל דורך אַ צופאַל אַריין אין אַ פרוכט־גאָרטען — פיהרען דאַן די לאַנג־פערלייקענטע, און מחמת דעם גופא, שטאַרקע געלוס־טען, צופיעל אַריבערצוכאַפּען די מאָס. מען כאַפּט זיך צו מיט אַמאָל צו דער סעודה, טיילווייז ווייל מען איז בעפרייט געוואָרען פון די פריהערדיגע איינצוימונגען, און טיילווייז ווייל מען ווייס אַז באַלד וועט ווידער קומען אַ לאַנגער תענית. און דאַן, ווען עס ווייזען זיך אַרוים די שלעכטע פאָלגען פון דעם איבערעסען זיך, טענה'ט מען אַז מען טאָר ניט דערלאָזען די קינדער פאָלגען זייערע אַפּעטיטען! די אומגליקליכע רעזולטאַטען גופא פון די אוננאַטירליכע איינצוי־מונגען ברייננט מען פאָר אַ בעוויז, אַז מען מוז איינפיהרען נאָך מעהר איינצוימונגען! מיר בעהויפּטען דעריבער, אַז די לאָגיקע וואָס מען געברויכט אויף צו בערעכטיגען אָט דעם סיסטעם פון אַריינמי־שען־זיך, איז אַ פאַלשע. מיר בעהויפּטען, אַז אויב עס וואָלט די קינדער ערלויבט געווען יעדען טאָג צו געניסען די מעהר־בע'טעם'טע עסענוואַרג, פאַר וועלכע עס איז פאַראַן אַ פיזיאָלאָגישע פאָדערונג, וואָלטען זיי זעלטען אַריבערגעכאַפּט די מאָס, ווי זיי טהוען דאָס איצטער בעת זיי קריגען די געלעגענהייט. ווען פרוכטען וואָלטען געווען, ווי דר. קאָמב רעקאָמענדירט, אַ טייל פון דעם רעגעלמעסיגען עסען, (ווען מען זאָל זיי געבען ווי ער הייסט, ניט צווישען די מאָהל־

ציימען, נור צוזאמען מיט די מאהלצייטען) וואלט ניט געווען דער אונגאטירליכער בעגעהר, וואס טרייבט זיי אנצועסען זיך מיט האלץ־עפעל און גרינע יאגעדעס. און אזוי אויך אין אנדערע פעלען.

די מעשה איז, אז ניט נור זענען די א־פריארי טעמים פאר יא געטרויען די קינדערשע אפעטיטען גאנץ שטארקע, און פערקעהרט, די טעמים פאר ניט געטרויען זיי, ניט קיין וויכטיגע, נור עס איז פשוט גאר ניטא קיין אנדער וועגווייזער, וואס זאל פערדיענען אונזער צוטרויען. וואס פאר א ווערטה האט אט דער אורטייל פון די עלטערן, וועלכען מען שטעלט אויף אלס א רעגולאטאר אנשטאט זייערע אפעטיטען? בעת אויף „אליווער׳ס בעטען נאך“ ענטפערט די מאמע אדער די גובערנאנטין „ניין!“, אויף וועלכע פאקטען איז זי זיך סומך? זי ד ע נ ק ט אז ער האט געהאט גענוג. אבער וואו זענען איהרע גרינדע אזוי צו דענקען? האט זי דען א מין געהיימע פערשטענדנים מיט דעם יונגעל׳ס מאגען — עפעס א כח נבואה וואס גיט איהר די מעגליכקייט צו דערזעהן וויפיעל זיין קערפער האט נויטיג? אויב ניט, איז ווי אזוי קען זי דאס בעשליסען מיט אזא זיכערקייט? ווייס זי דען ניט, אז דעם קערפער׳ס פאדערונג נאך שפייז ווערט בעשטימט דורך א גרויסע צאהל און גאנץ פערוויקעלטע אורזאכען — עס איז פערשיעדען לויט דער טעמפעראטור, לויט דעם פייכטקייטס־צושטאנד פון דער לופט, לויט דעם עלעקטרישען צושטאנד פון דער לופט; עס איז אויך פערשיעדען לויט די איבונגען וואס ער האט געמאכט, לויט דעם סארט און דעם סכום שפייז, וואס ער האט געגעסען צום פאריגען מאהלצייט, און לויט דעם ערך פון שנעלקייט וואס עס האט גענומען צו פערדייהען דעם פאריגען מאהלצייט? ווי אזוי קען זי אויסרעכענען דעם רעזולטאט פון אזא קאמבינאציע פון אורזאכען? ריכטיג איז וואס עס האט געזאגט א פאטער פון א פינף־יעהריגען יונגעל, וועלכער איז אויף א קאפ העכער פאר׳ן רוב קינדער פון זיין עלטער, און איז א קרעפטיגער, טהעטיגער יונג מיט רויטע באקען: — „איך קען ניט זעהען קיין קינסטליכען מאסשטאב, מיט וועלכען אבצומעסטען וויפיעל ער זאל עסען. זאג איך איהם, „אזוי פיעל איז גענוג,“ איז עס נישט מעהר ווי געפרובירט טרעפען, און עס קען פונקט אזוי זיין פאלש געטראפען, ווי ריכטיג. איז דעריבער, אזוי ווי איך גלויב ניט אין טרעפע־

ניש, לאָז איך איהם אָנפּאַקען זיך וויפיעל ער וויל.“ און עס איז זי־כער, אַז יעדער איינער וואָס וואָלט געאורטיילט וועגען זיין האַנדלונג לויט דעם רעזולטאַט, וואָלט ער געמוזט מודה זיין, אַז ער האַנדעלט גאַנץ קלוג. דער אמת איז, אַז די זיכערקייט מיט וועלכער דאָס רוב מענשען מאַכען געזעצען פאַר זייערע קינדער׳ס מאָגענס, בעווייזט נור זייער אונבעקאַנטשאַפט מיט פיזיאָלאָגיע: ווען זיי וואָלטען גע־וואוסט מעהרער, וואָלטען זיי מעהר בעשיידען געווען. „די גאוה פון וויסענשאַפט איז ריינע עניוות אין פערגלייך מיט דער גאוה פון אונוויסענהייט.“ דער וואָס וויל איינזעהען ווי ווענינ פערטרויען מען קען שענקען די מענשליכע אורטיילען און וויפיעל מען קען זיך פער־לאָזען אויף די פון־פריהער איינגעפיהרטע אָרדנונג פון דער נאַטור, זאָל פערגלייכען די ראַשיגקייט פון דעם אונערפאַהרענעם אַרצט מיט דער פאָרזיכטיגקייט פון דעם פאָרטגעשריטענסטען; אָדער זאָל ער טיעף אַריינקוקען אין סער דזשאָהן פאָרבעס בוך „איבער דער נאַטור און דער קונסט ביי דער היילונג פון קראַנקהייטען,“ וועט ער זעהען, אַז וואָס מעהר וויסען מענשען געווינען וועגען די געזעצען פון לע־בען, אַלץ ווענינער פערטרויען הויבען זיי אָן צו פיהלען צו זיך אליין און אַלץ מעהר פערטרויען צו דער נאַטור.

איבערלאָזענדיג די פראַגע וועגען דער ק ו ו אַ נ ט י ט ע פון דער שפּייז און קומענדיג צו דער פראַגע מכח דער ק ו ו אַ ל י ט ע, קענען מיר בעמערקען די אייגענע אַסקעטישע טענדענץ. ניט בלויז אַ בעשרענקטע דיעטע, נור אויך אַ לפי ערך־אָרימע דיעטע, — אָט אַזעלכע מיינט מען איז גוט פאַר קינדער. די אָנגענומענע מיינונג איז, אַז קינדער דאַרפען קריגען זעהר ווענינ פליישיגע שפּייזען. ביי די אָרימערע קלאַסען האָט הפּנים די עקאָנאָמישע אויסרעכענונג דיקטירט די האָזיגע מיינונג — דער וואונש איז געווען דער פאָטער פון דעם געדאַנק. עלטערן וועלכע קענען ניט בעהויפּטען צו קויפען פיעל פלייש, ענטפערן די קינדער׳ס געבעט מיט׳ן תירוץ: „פלייש איז ניט גוט פאַר קליינע יונגלעך און מיידלעך“; און אָט דער תירוץ, וועלכער איז אין אָנהויב מסתמא געווען נישט מעהר ווי אַ בעקוועמער אויסרייד, איז פון דעם נאָכאַנאַנד איבערחזרן עס געוואָרען אַן אמונה־זאַך. בעת די רייכערע קלאַסען, ביי וועמען די קאָסטען האָבען קיין בעטרעף ניט, זענען צוגעשטאַנען צו דער מיינונג, טיילווייז

ווייל די מאיאריטעט האלט אזוי, טיילווייז דורך דעם איינפלוס פון די גיאנעס, וועלכע קומען פון די ארימע קלאסען, און טיילווייז אויך אלס א רעאקציע אנטקעגען דעם אמאליגען אנימאליזם (גשמיות'דיגען לעבען).

נעהמען מיר אבער זוכען דעם גרונד פון אט דער מיינונג, געפינען מיר ווינציג־וואס אדער פשוט גארנישט. עס איז א דאגמע, וואס ווערט איבערגע'חזר'ט און אנגענומען אהן ראיות, אקוראט ווי די דאגמע, וועלכע האט פאר טויזענדער יאהרען געהייסען וויקלען עופה'לעך. עס איז גאנץ וואהרשיינליך אז פלייש, וואס מוז גוט צערריבען ווערען איידער עס קען איינגעזויגען ווערען אין'ם בלוט, איז פאר דעם קליין קינד'ס מאגען, וועלכער בעזיצט נאך ניט גענוג מוסקול־קראפט, ניט קיין פאסיגע שפייז. אבער אט די איינווענדונג האט ניט קיין ממשות אנטקעגען פליישיגע שפייזען, פון וועלכע די הארטע פעדים זענען ארויסגעצויגען געווארען; און אויך ניט אין עטליכע יאהר שפעטער, ווען דאס קינד האט שוין ענטוויקעלט א היבש ביסעל קרעפטיגקייט אין די מוסקולען. און בעת די ראיות פאר דער דאזיגער דאגמע, וואס זענען נאך וויפיעל עס איז גילטיג אין פרט פון זעהר יונגע קינדער, זענען גאר ניט גילטיג בנוגע צו עלטערע קינדער, וועלכע ווערען דאך געוועהנליך בעהאנדעלט אקוראט ווי עס וואלט זיך יא בעצויגען אויף זיי — זענען דוקא די ראיות אויף פערקעהרט אי צאהלרייך, אי ענטשיידענד. דער פסק דין פון דער וויסענשאפט איז פונקט דער היפך פון דער פאפולערער מיינונג. מיר האבען געשטעלט די פראגע צוויי פון אונזערע גרעסטע ערצטע און איינע פון די העכסט בעריהמטע פיזיאלאגען, און זיי האבען אלע גלייך איינגעשטימט אין דעם שלום, אז קינדער מוזען האבען א דיעטע, וועלכע איז ניט וועניגער נאהרהאפטיג, נור אויב מעגליך אדרבא מעהר נאהרהאפטיג, איידער די דיעטע פון דערוואקסענע.

די טעמים פאר דעם דאזיגען בעשלוס זענען קלאר פון אויבען־אויף, און די בעדייטונג איז פשוט. מען דארף נור פערגלייכען די לעבענספראצעסען פון א מאן און פון א יונגעל איינצוזעהען, אז די פאדערונג פאר נאהרונג איז לפי ערך גרעסער ביי דעם יונגעל ווי ביי דעם מאן. וואס זענען די צוועקען צוליב וועלכע א מענש דארף

האָבען שפּייז? זיין קערפּער ווערט יעדען טאָג מעהר אָדער ווענינער אָבגענוצט — עס ווערט אָבגענוצט דורך די אָנשטרענגונגען פון די מוסקולען, דער נערוועז־סיסטעם ווערט אָבגענוצט דורך גייסטיגע ארבייט, די אינגעווייד ווערען אָבגענוצט אָנפיהרענדיג די פונקציעס פון לעבען: און, עס פערשטעהט זיך, אַז די קערפּער־געוועבען, וועלכע ווערען אויף אָט דעם אופן אָבגענוצט, מוזען בענייעט ווערען. אויך פערלירט דער קערפּער יעדען טאָג אַ גרויסע סומע היטץ דורך אויסשטראַהלונג; און אזוי ווי די טעמפּעראַטור פון קערפּער מוז אויפגעהאַלטען ווערען, כדי עס זאָלען ניט איבערגעריסען ווערען די לעבענסטהעטיגקייטען, מוז דער דאָזיגער פערלוסט אומגעקעהרט ווערען דורך אַ שטענדיגע היטץ־פּראָדוקציאָן: צוליב דעם צוועק ווערען געוויסע בעשטאַנדטהיילען פון קערפּער נאָכאַנאַנד אָקזידירט (גיבען ארויס היטץ דורך די פעראייניגונג מיט זויער־שטאָף). די איינציגע צוועקען, אַלזאָ, צוליב וועלכע דער ערוואַקסענער מענש דאַרף האָבען שפּייז, זענען — ממלא צו זיין דאָס וואָס ווערט אָבגענוצט דורכ'ן טאָג, און בעזאָרגען ברען־מאַטעריאַל פאַר'ן טעגליכען פערברויך פון היטץ. איצט בעטראַכט וואָס עס טהוט זיך מיט'ן יונגעל. ער אויך נוצט אָב דעם מאַטעריאַל פון זיין קערפּער דורך טהעטיגקייט; און מען דאַרף נישט מעהר ווי נור בעמערקען זיין אומרוהיגע טהעטיגקייט, כדי איינצוזעהען אַז ער פערשוועגדט, פּראָפּאָרציאָנעל לויט זיין גוף, וואַהרשיינליך אַזויפיעל ווי אַ מאַן. ער אויך פערליערט היטץ דורך אויסשטראַהלונג; און אַזוי ווי זיין קערפּער דעקט אויף, לויט דעם ערך פון זיין חומר, אַ גרעסערע אויבערפלעך איידער דער קערפּער פון אַ מאַן, און פערלירט דורכדעם די היטץ שנעלער, איז דעריבער דער סכום פון היטץ־שפּייז וואָס ער האָט נויטיג, גרעסער לפי ערך איידער דער סכום וואָס אַ מאַן האָט נויטיג. עס הייסט, אַז אויב אפילו דער יונגעל וואָלט ניט געהאַט אָנצופיהרען מעהר לעבענס־פּראָצעסען ווי דער מאַן, וואָלט ער אויך, לפי ערך פון זיין גרויס, געדאַרפט האָבען עטוואָס אַ גרעסערע סומע פון נאַהרונג. אָבער חוץ די נויט פון פעררינכטען זיין אָבגענוצטען קערפּער און אויפהאַלטען זיין היטץ, מוז דער יונגעל נאָך אָנשאַפען־זיך נייע קערפּער־געוועבען — ער מוז וואַקסען. וויפיעל איבערפלוס פון נאַהרונג עס איז געבליבען, נאָכדעם ווי די אָבנוצונג און דער היטץ־

פערלוסט זענען בעזארגט געווארען, געהט עס אוועק אויף ווייטער צו בויען דעם בנין פון קערפער. א נארמאלעס וואקסען איז מעגליך נור צו פערדאנקען דעם דאזיגען איבערפלוס; דאס וואקסען וואס קומט אמאל פאר ווען דער איבערפלוס פעהלט, פעראורזאכט אן אויסגעשפראכענע שלאפקייט, וועלכע קומט פון דעם וואס דער קערפער ווערט ניט פעררירכט ווי געהעריג איז. עס איז אמת, אז א קליינער ארגאניזם, מחמת א געוויסען מעכאנישען געזעץ, וועלכען מיר קענען דא ניט דערקלערען, האט א פארצוג איבער א גרויסען ארגאניזם אין דער פראפארציע פון די ערהאלטענדע און די פערניכטענדע קרעפטען (ד. ה. ביי דעם קליינעם ארגאניזם איז די פראפארציע פון ערהאלטענדע קרעפטען, די כחות וואס האלטען אויף דאס לעבען, גרעסער איידער די פערניכטענדע, די כחות וואס זוכען צו צערשטערען דאס לעבען — מ.) — דער פאקט איז, אז נור צו פערדאנקען אט דעם פארצוג האבען מיר איבערהויפט די מעגליכקייט פון וואקסען. אבער צוגעבענדיג אט דעם פונקט ווערט ערסט נאך קלערער, אז אויב אפילו דער ארגאניזם קען אויסשטעהן א סך צורווידערדיגע בעהאנדלונגען, ניט דערלאזענדיג זיי גאנץ ארונטערדריקען דעם איבערפלוס פון לעבענס־קראפט, מוז דאך יעדע צורווידערדיגע בעהאנדלונג וואס פערקלענערט דעם איבערפלוס, אויף אזוי פיעל פערקלענערן די גרויס אדער די פאלקאמענהייט פון געביי, וואס דער ארגאניזם וועט גרייכען. ווי שטרענג דער ארגאניזם, וואס האלט זיך אין ענטוויקלען, פאדערט זיין מאטעריאל, קען מען ארויסזעהען פון דעם בעקאנטען „חדר־יונגעל'ס הונגער,“ וועלכער האט צו זיך קיין גלייכען ניט אין שפעטערדיגען לעבען, ווי אויך פון דעם פאקט, וואס ער קריעגט פערהעלטניסמעסיג שנעל ווידער אן אפעטיט. און אויב מען דארף נאך מעהר ראיות פאר אט דער עקסטרענער נאהרונגס־נויט, קענען מיר עס געפינען אין דעם פאקט, אז אין הונגער־צושטענדען, וואס קומען נאך א שיף־ברוך אדער אנדערע אומגליקען, שטארבען די קינדער אוים די ערסטע.

איינמאל איז מען מודה, אז קינדער נויטיגען זיך לפי ערך אין מעהרער נאהרונג איידער גרויסע — און מודה זיין מוז מען עס— דאן בלייבט איבער די פראגע: זאלען מיר נאכקומען אט די נויטגעבענדיג א סך פארוועסערטע שפייז, ווי מען קען עס אנרופען,

אָדער בעסער אַ קלענערע מאָס פון קאָנצענטרירטע שפּייז? די נאַהרונג וואָס מען קען אַרויסקריגען פון אַ געוויסער וואָג פלייש, קען מען בעקומען נור פון אַ פיעל גרעסערער וואָג ברויט, אָדער פון נאָך אַ גרעסערער וואָג קאַרטאָפעל, און אַזוי ווייטער. כדי צו געבען גענוג נאַהרונג, מוז מען אַלץ מעהר פערגרעסערען די מאָס, וואָס קלענער עס איז די נאַהרהאַפטיגקייט פון דער שפּייז. זאָלען מיר, אַלזאָ, זיך אָברופען אויף די גרעסערע נויטען פון דעם וואַקסענדען קינד, געבענדיג איהם אַ געניגענדע מאָס פון אַזוינע גוטע שפּייז ווי די דערוואַקסענע קריגען? אָדער מיר זאָלען, ניט קוקענדיג אויפ'ן פאַקט וואָס אפילו פון דער גוטער שפּייז מוז אויך זיין מאָגען איבער־קאָכען אַ לפי ערך גרעסערן סכום, איבערלעסטיגען זיין מאָגען נאָך מעהר, געבענדיג איהם פון אַ געמיינערע שפּייז נאָך אַ גרעסערן סכום?

דער ענטפער איז אַ גאַנץ קלאָרער. וואָס מעהר די אַרבייט פון פערדייהען ווערט עקאָנאָמיזירט, אַלץ מעהר ענערגיע בלייבט פאַר די צוועקען פון וואַקסען און פון טהעטיגקייט. אָהן אַ גרויסען צופלוס פון בלוט און נערווען־קראַפט קענען ניט אויסגעפיהרט ווערען די פונקציעס פון מאָגען און די געדערים; און יעדער דערוואַקסענער מענש קען געפינען אַ בעוויז, אַז דער דאָזיגער צופלוס פון בלוט און נערווען־קראַפט צום מאָגען נעהמט זיך אויפ'ן חשבון פון גאַנצען סיסטעם בכלל, אין דעם פאַקט וואָס נאָך אַ שווערען מאָהלצייט, פיהלט זיך אין גאַנצען קערפּער אַ געוויסע מיעדקייט און פוילקייט. קריגט מען אַרויס די נויטיגע נאַהרונג פון אַ גרויסען סכום ניט־נאַהרהאַפטע שפּייזען, פאַלט מעהר אַרבייט אויף די אינגעווייד, איידער ווען מען בעקומט עס פון אַ מעסיגען סכום נאַהרהאַפטיגע שפּייזען. אָט די עקסטרענע אַרבייט איז אַ פשוט'ער פערלוסט — אַ פערלוסט וואָס ווייזט זיך אַרויס ביי קינדער ענטוועדער אין אַ פערקלענערטער ענערגיע, אָדער אין אַ קנאַפּערן וואַקסען, אָדער אין ביידע זאַכען צוזאַמען. דער שלום דערפון איז, אַז קינדער מוזען האָ־בען אַ דיעטע, וועלכע פעראייניגט אַזויפיעל ווי מעגליך נאַהרהאַפ־טיגקייט מיט פערדייהליכקייט.

עס איז קיין ספק ניט אמת, אַז מען קען אויסהאָדעווען יונגלעך און מיידלעך אויף אַ דיעטע, וועלכע בעשטעהט אין גאַנצען אָדער

כמעט אין גאנצען פון פלאנצליכע שפייזען. ביי די העכערע קלאסען קען מען געפינען קינדער, וועלכע קריגען אין פערגלייך גאנץ ווינציג פלייש, און פון דעסטוועגען וואקסען זיי און זעהען אויס גאנץ געזונד. די קינדער פון די ארבייטער פערזוכען קוים אמאל פליישיגע שפייזען, און דאך וואקסען זיי אויס געזונדע מענשען. אט די פאקטען אבער, וועלכע בעווייזען דאכט זיך דעם היפך פון דאס וואס מיר בעהויפטען, האבען בשום אופן ניט אזא גרויס געוויכט, ווי עס ווערט געוועהנליך אנגענומען. ערסטענס איז קיין ראיה ניט, אז די וואס האבען א בליהענדען אויסזעהען, לעבענדיג אויף ברויט מיט קארטאפעל אין די ערסטע יאהרען, וועלען ענדליך דערגרייכען א גוטע ענטוויקלונג; און פערגלייכט מען די ערדארבייטער מיט די לאנדבעזיצער אין ענגלאנד, אדער די מיטעלע מיט די נידעריגע קלאסען אין פראנקרייך, איז טאקע דער שלום בשום אופן ניט צו גונסטען פון די וואס לעבען אויף פלאנצליכער שפייז. צווייטענס, דא איז ניט קיין פראגע בלויז פון קערפער־גרויס, נור עס איז אויך א פראגע פון ק ו ו א ל י ט ע ט. א ווייכער, שיטערער מוסקול האט לפנים אזא גוטען אויסזעהן ווי א פעסטער מוסקול; אבער הגם אוי־בערפלעכליך זעהט אויס א קינד מיט א פולען, ווייכען לייב אזוי געזונד ווי אנאנדער קינד, וועמעס מוסקולען זענען פעסט און שטייף, דאך ביי א פראבע פון ביידענס כחות דערזעהט מען דעם חלוק. פעסט־קייט איז ביי דערוואקסענע אפט א צייכען פון שוואכקייט. מענשען פערלירען אין געוויכט בעת זיי איבען זייערע מוסקולען. דעריבער קען מען ניט בויען ווייט אויפ׳ן אויסזעהן פון די קינדער וואס קריגען א געמיינע שפייז. און דריטענס, מען מוז נעהמען אין אנבעטראכט די ע נ ע ר ג י ע, א חוץ דעם ו ו א ו ק ס. צווישען די קינדער פון די קלאסען וואס עסען פלייש און די קינדער פון די קלאסען וואס עסען ברויט מיט קארטאפעל, איז אין דעם פרט פאראן א גאנץ קענטיגער קאנטראסט. דער פויערשער יונגעל איז סיי אין גייסטיגער, סיי אין פיזישער לעבהאפטיגקייט א סך נידריגער פאר דעם פריצי־שען קינד.

ווען מיר פערגלייכען די פערשיידענע סארטען טהיערען, אדער די פערשיידענע מענשען־ראסען, אדער די אייגענע טיערען און מענשען בעת זיי קריגען פערשיידענע נאהרונג, געפינען מיר נאך

קלערערע ראיות, אז דער גראד פון דער ענערגיע הענגט אב אין עצם פון דער נאהרהאפטיגקייט פון דער שפייז.

ביי א קוה, צום ביישפיעל, וועלכע לעבט אויף אזא ניט־נאהרהאפטיגע שפייז ווי גראז, זעהען מיר, אז די אונגעהייערע מאסע וואס זי מוז פערצעהרען, ברייננט מיט די נויטווענדיגקייט פון א געוואלטיג־גרויסען פערדייהונגס־סיסטעם; אז זיין געוויכט פאלט ווי א שווערע לאסט אויף איהרע גליעדער, וועלכע זענען קליין אין פערגלייך צום קערפער; אז ארומטראגען דעם שווערען קערפער און פערדייהען אזא גרויסען סכום שפייז נעהמט ביי איהר אוועק א סך קראפט, און אזוי ווי עס בלייבט איהר ניט פיעל איבעריג, איז די בהמה פויל און אבגעלאזען. גלייכט־צו צו איהר דעם פערד — א טהיער וואס האט א זעהר נאהענטע עהנליכקייט אין געביי פון קערפער, נור צוגעוועהנט צו א מעהר־קאנצענטרירטע דיעטע. דער קערפער, דערהויפט דער בייכיגער טייל, איז ביי איהם ניט אזוי גרויס אין פראפארציע צו די פיס; אויף זיינע קרעפטען ליעגט ניט אזא לאסט אויפצוהאלטען אזוינע מאסיווע אינגעווייד אדער צו פערדייהען אזא מאסע שפייז; און אלס א פאלגע פון דעם האט ער א גרעסערע בעוועגונגס־ענערגיע און א היבש ביסעל לעבהאפטיגקייט. פערגלייכען מיר ווידער די שטומפזיניגע ניטריהרעוודיגקייט פון דעם גראז־פרעסענדען שעפס מיט דער לעבהאפטיגקייט פון דעם הונד, וואס לעבט אויף פלייש אדער אויף מעהל־שפייז, אדער אויף ביידע סארטען געמישט, זעהען מיר דעם אייגענעם חלוק נאר אין א גרעסערען גראד. און ווען מיר געהען דורך דעם זאאלאגישען גארטען און בעמערקען מיט וואס פאר אן אומרוהה די פלייש־פרעסענדע חיות געהען ארום הין און הער אין זייערע שטייגען, דארף מען נור געדענקען, אז פון די גראז־פרעסער בעווייזען געוועהנליך קיינער ניט אזא איבערפליסיגע ענערגיע, כדי גלייך איינצוזעהן ווי קלאר די שיכות איז צווישען קאנצענטראציע פון שפייז און דעם גראד פון טהעטיגקייט.

אז אט די חלוקים האבען ניט דירעקט צו טהון מיט חלוקים פון קערפער־געבוי, ווי איינינע קענען וועלען טענה'ן, נור זיי קומען דירעקט ארויס פון די חלוקים אין דער שפייז, אויף וועלכער די בע־

שעפעניסען זענען אָנגעוויזען צו לעבען, בעווייזט דער פאקט וואָס מען קען זיי בעמערקען ביי פערשיידענע אָבטיילונגען פון איין און דעמזעלביגען מין. די פערשיידענע ארטען פון דעם מין פערד גיבען אונז אַן אילוסטראַציע. פערגלייכט דעם גרויסבייכיגען, ניט־ריהרעוודיגען, מוטהלאָזען לאַסט־פערד, מיט אַ וועט־לויפער אָדער אַ יעגער־פערד, וועלכער איז שמאָל אין די פלאַנקען און פול פון ענערגיע; און דאַן דערמאָנט זיך וויפיעל וועניגער נאַהרהאַפטיג איז דעם ערסטען'ס דיעטע אין פערגלייך צו דעם אַנדערנס. אָדער נעהמט דאָס מענשענגעשלעכט אַליין. די אויסטראַליער, בושמענער און אַנדערע פון די נידעריגסטע ווילדע, וואָס לעבען אויף וואָרצלען און יאַגדעס, איבערכאַפענדיג אַמאָל אינזעקטען־אייעלעך און דערגלייכען מאָגערע קעסט, זענען לפי ערך קליין געבויט, האָבען גרויסע בייכער, ווייכע און ניט־ענטוויקעלטע מוסקולען און קענען זיך גאָר ניט פערמעסטען מיט אייראָפעער, ניט אין אַ קאַמפף און ניט אין אויסהאַלטען אַ לענגערע אָנשטרענגונג. רעכענט אוים אַלע ווילדע ראַסען, וועלכע זענען גוט געוואַקסען, שטאַרק און טהעטיג, אַ שטייגער ווי די קאַפערן, די נאָרד־אַמעריקאַנישע אינדיאַנער און די פאַטאַגאָניער, וועט איהר געפינען אַז זיי זענען אַלע גרויסע פליישעסערס. דער שלעכט־גענעהרטער הינדו פאַלט פאַר דעם ענגלענדער, וואָס לעבט אויף מעהר נאַהרהאַפטיגע שפייז, און אַנטקעגען וועלכען דער הינדו שטעהט נידעריגער אי אין גייסטיגער, אי אין פיזישער ענערגיע. אין אַלגעמיין, דענקען מיר, בעווייזט די וועלט־געשיכטע, אַז די גוט־גענעהרטע ראַסען זענען געוועזן די ענערגישע און הערשענדע ראַסען.

אָבער נאָך שטאַרקער ווערט דער אַרגומענט, ווען מיר זעהען אַז דער זעלביגער אינדיווידואום אַליין איז פעהיג אויף גרעסערע אָדער קלענערע אָנשטרענגונג, לויט דעם צי זיין שפייז איז מעהר נאַהרהאַפטיג אָדער וועניגער. דאָס איז בעוויזען געוואָרען אין דעם פאַל פון אַ פערד. אַ פערד, וואָס שטעהט אויף גראָז, מעג אפילו געווינען אין לייב, איז אָבער דאָך ניט אַזוי שטאַרק, ווי מען קען עס זעהען ווען מען שפאַנט איהם איין אויף שווערע ארבייט. „דער רעזולטאַט פון אַרויסלאָזען פערד אויפ'ן גראָז איז אַן אָבשוואַכונג פון זיין מוסקולאַרען סיסטעם". „גראָז איז אַ זעהר גוטע פאָר־

ברייטונג פאַר אַן עקסיל איידער מען פיהרט איהם צום מאַרק, אָבער זעהר אַ שלעכטע פאַר אַ פערד וואָס דאַרף געהן אויף געיעג“. עס איז פון לאַנג אָן גוט בעקאַנט, אַז יעגער־פערד, וועלכע האָבען פערבראַכט דעם זומער אין די פעלדער, מוזען שטעהן עטליכע מאָנאַט אויף שטאַל־קאָרמע איידער זיי ווערען פעהיג נאָכצולויפען די הינד, און אין גאַנצען גוט ווערען זיי ערסט אַרום דעם נעכסטען פריהלינג. די פיהרונג היינטיגע צייטען איז ווי א פ פ ע ר ל ע י הייסט: „מען טאָר אַ יעגער פערד קיין מאָל ניט אַרויסשיקען אויפ'ן גראָז איבער זומער; און ס'איז בעסער, סיידען אונטער ספּעציעלע און זעהר גינסטיגע אומשטענדען, איהם גאָר קיין מאָל ניט אָוועקנעהמען פון שטאַל־קאָרמע“. דאָס מיינט צו זאָגען: גיב איהם קיין מאָל ניט קיין אָרימע שפּייז: גרויסע ענערגיע און אויסדויערקראַפט קען מען בעקומען נור ווען מען גיט איהם שטענדיג נאַהרהאַפטיגע שפּייז. אַזוי ווייט איז דאָס ריכטיג, אַז אַ מיטעלמעסיגער פערד, ווי א פ פ ע ר ל ע י האָט בעוויזען, קען אויף שטענדיגער גוטער פיטערונג אויפטהון פּונקט אַזוי פיעל ארבייט, וויפיעל אַן ערסטער קלאַס פערד ווען מען פיטערט איהם אויפ'ן געוועהנליכען אופן. צו די אַלע פערשיידענע בעווייזען קען מען נאָך צוגעבען דעם בעקאַנטען פאַקט, אַז ווען מען וויל אַ פערד זאָל טהון דאָפּעלטע ארבייט, גיט מען איהם פרעסען באָב — אַ שפּייז וואָס האַלט אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע פון שטיק־שטאָף אָדער פלייש־שאַפענדען מאַטעריאַל, איידער זיינע געוועהנליכע האָבער.

נאָך אַמאָל: דיזעלבע וואַרהייט איז בנוגע מענשליכע אינדיווידומען בעוויזען געוואָרען מיט דער אייגענער אָדער נאָך אַ גרעסערער קלאָרקייט. מיר שמועסען דאָ ניט וועגען די מענשען, וואָס שטעהען אין איבונג צו קענען אָבטהון גבורה־קונסטשטיק, וועמעס דיעטע, פערבייגעהענדיג געזאָגט, פאָלגט דורכאויס אָט די לעהרע. מיר בעציהען זיך אויף די ערפאַהרונג פון די אייזענבאַהן־ארבייט אונטערנעהמער און זייערע ארבייטער. עס איז שוין פון כמה יאָהרען אַ פעסט געשטעלטער פאַקט אַז אַן ענגלישער באַהן־ארבייטער, וועלכער עסט אַ סך פלייש, איז אַ סך מעהר ארבייטספעהיג איידער אַ באַהן־ארבייטער פון קאָנטינענט, וואָס לעבט אויף מעהלשפּייזען; אַזויפיעל מעהר ארבייט טהוט ער אויף, אַז די ענגלישע

אונטערנעהמער האָבען אויסגעפונען, אַז עס בעצאָהלט זיך זיי בעסער מיטצונעהמען זייערע ארבייטער מיט־זיך. און אַז דער גרונד פון זייער העכערער ארבייטספעהיגקייט ליעגט ניט אין דעם ראסען־אונטערשיעד נור אין דעם אונטערשיעד פון דער דיעטע, איז דאָ ניט לאַנג גאַנץ קלאָר בעוויזען געוואָרען. וואָרים עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז ווען די באהן־ארבייטער פון קאָנטינענט לעבען אזוי גוט ווי זייערע ענגלישע קאָנקורענטען, הויבען זיי אָן צו ווערען מעהר אָדער וועניגער גלייך צו זיי אין ארבייטספעהיגקייט. און לאָמיר צו דעם פאקט נאָך צולעגען אַ פערקעהרטען פאקט, פאַר וועלכען מיר קענען פערזענליך זאָגען עדות פון אַ זעקס־מאָנאטדיגער ערפאהרונג מיט'ן וועגעטאריאַניזם, אַז דאָס אָבהאַלטען זיך פון פלייש עסען בריינגט אַן אָבשוואַכונג פון דער קערפערליכער און גייסטיגער ענערגיע.

פערשטארקען דען ניט אָט די פערשיידענע בעווייזען אונזער ארגומענט בנוגע דער נאהרונג פאר קינדער? זעהט מען דען ניט ארויס פון זיי, אַז אפילו ווען מען נעהמט אָן, אַז מען קען דער־גרייכען דעמזעלביגען געבוי און גרויס פון חומר פון אַ ניט־נאהר־האפטיגער אזוי גוט ווי פון אַ נאהרהאפטיגער דיעטע, מוז אָבער די קוואַליטעט פון די קערפער־געוועבען זיין פון אַ פיעל־געמיינערן סאָרט? בעפעסטיגען זיי דען ניט די פּאָזיציע, אַז דאָרט וואו מען דארף אויפהאלטען די ענערגיע, אזוי גוט ווי דאָס וואַק־סען, קען עס אנדערש ניט געטהון ווערען סיידען דורך גוטע נאַה־רונג? בעשטעטיגען זיי דען ניט דעם שלום, צו וועלכען מיר זענען געקומען על פי שכל (אַ־פּריאָרי), אַז אויב אפילו אַ קינד פון וועמען מען דערוואַרט וועניג קערפערליכע אָדער גייסטיגע טהעטיגקייט, קען יאָ נישקשה'דיג גערייהען אויף מעהל־שפייזען, איז אָבער אַ קינד וואָס האָט טעגליך צו שאפען ניט נור די נויטיגע סומע פון נייע געוועבען, נור האָט אויך ממלא צו זיין וואָס ווערט אָבגענוצט דורך די גרויסע טהעטיגקייט פון די מוסקולען, ווי אויך דורך די שווערע איבונגען פון מוח — אַז אַזאַ קינד מוז לעבען אויף אַזוינע שטאָפען, וועלכע האַלטען אַ גרעסערע מאָס פון דערנעהרענדע מאטע־ריאַלען? און איז עס דען ניט קלאָר פון אויבען אויף, אַז אויב מען גיט זיי ניט די דאָזיגע בעסערע שפייז, וועט עס זיך שלעכט אָבררו־

פען ענטוועדער אויפ׳ן געוואוקס, אָדער אויף די טהעטיגקייט פון קערפער, אָדער אויף די גייסטיגע טהעטיגקייטען, לויט ווי די אומ־שטענדען און דעם קינד׳ס קאָנסטיטוציע וועלען בעשטימען? מיר גלויבען אז קיין לאָגישער קאָפּ וועט דעריין ניט צווייפלען. אנדערש דענקען, הייסט האַלטען זיך אין א פערשטעלטער פאָרם ביי דעם אַלטען טעות פון די „פערפעטואום מאָבילי“־זוכער — אז עס איז מעגליך ארויסצוקריגען קראַפט פון גאָרנישט.

איידער מיר פערלאָזען די פראַגע פון שפּייז, מוז מען זאָגען א פּאָר ווערטער מכח אַן אנדער פאָדערונג — די שפּייזען זאָלען זיין פערשיידענאַרטיג. אין דעם פּרט איז די דיעטע פאַר יונגע קינדער זעהר פעהלערהאַפטיג. אויב אונזערע קינדער זענען ניט פער׳משפּט, ווי די סאָלדאַטען, אויף „צוואַנציג יאָהר זופּען־פלייש“, האָבען זיי אָבער דאָס רוב אויסצושטעהן אַזאַ מאָנאָטאָנע דיעטע, וועלכע איז אפילו ניט אזוי עקסטרעם און האַלט אויך ניט אַן אזוי לאַנג, אָבער געהט ניט ווייניגער להיפוך צו די געזעצען פון געזונד. צו מיטאָג קריי־גען זיי אפילו מעהר אָדער ווייניגער געמישטע שפּייז, און די גע־ריכטען זענען אויך אנדערע יעדען טאָג. אָבער דערפאַר קומט וואָך אין וואָך, מאָנאַט איין מאָנאַט אויס און יאָהר איין יאָהר אויס איין און דערזעלביגער פריהשטאָק פון ברויט מיט מילך אָדער מיט האָבער־גריצענע קאַשע. און אזוי ענדיגט זיך דער טאָג אויך מיט דער אייגענער בעשטענדיגקייט: אָדער מיט א צווייטער אויפלאַגע פון דעם אייגענעם מאכל — ברויט מיט מילך, אָדער אפשר מיט פּוטער־ברויט און טהעע.

אזא פיהרונג געהט להיפוך צו די געבאָטען פון דער פיזיאָלאָגיע. די איבערדריסיגקייט וואָס אַן אַפּעט־ווידערהאָלטעס געריכט רופט ארויס, און די בעפרידיגונג וואָס קומט פון א געריכט וואָס מען האָט שוין לאַנג ניט פערזוכט, זענען נ י ט בעדייטונגסלאָז, ווי מענשען ניט־טראַכטענדיג מיינען; דאָס זענען די אָנרעגונגען איינצופיהרען ניצליכע ענדערונגען אין דער דיעטע. עס איז א פּאַקט, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך פיעלע עקספּערימענטען, אז עס איז קוים דאָ אַן איינציגע שפּייז, ווי גוט זי זאָל ניט זיין, וועלכע גיט אין די נויטיגע פּראָפּאָרציע אָדער ריכטיגע פאָרמען אַלע עלעמענ־טען, וואָס מען דאַרף האָבען אויף אָנצופיהרען די לעבענס־פּראָצע־

סען אויף א נארמאלען אופן. איז דערפון געדרונגען, אז עס איז ווינשענסווערטה צו האבען אפטע ענדערונגען פון שפייזען, כדי צו באלאנסירען די טיילען פון אלע עלעמענטען. עס איז ווידער א פאקט, מיט וועלכען די פיזיאלאגען זענען בעקאנט, אז די הנאה וואס מען האט פון א פיעל־געליעבטער שפייז, דיענט ווי א נערווען־סטימול, וועלכער דערמיט וואס ער שטארקט די ארבייט פון הארץ און מאכט דאס בלוט זאל פליעסען מיט א גרעסערע קראפט, העלפט ער מיט די שפעטערדיגע פערדייהונג. אט די ווארהייטען שטימען איין מיט די היינטיגע כללים פון קארמענען פיה, וועלכע שרייבען פאר א דיעטע פון אלעמאל־אנדערע שפייזען.

עס איז אבער ניט נור זעהר ווינשענסווערטה פעריאדיש צו ענדערן די שפייז, נור עס איז אויך, מחמת דיזעלבע טעמים, זעהר ווינשענסווערטה צו האבען ביי יעדען מאהלצייט געמישטע שפייז. דער בעסערער באלאנס פון די בעשטאנד־טיילען און דער גרעסערער נערווען־רייץ זענען מעלות, וועלכע געפינען זיך אין דעם פרט אזוי גוט ווי אין דעם פאריגען. פרעגט מען אויף פאקטען, קענען מיר אנרופען איינעם: ווי לפי ערך לייכט דער מאגען פערדייהט א פראנצויזישען מיטאג, וועלכער איז אונגעהייער גרויס אין צאהל, אבער דערפאר אויסערסט פערשיידען אין זיינע שטאפען. איהר וועט ניט געפינען פיעלע וואס זאלען בעהויפטען, אז מען וואלט אזוי לייכט געקענט פערדייהען אזא געוויכט פון איין סארט שפייז, ווען עס זאל אפילו מי יודע ווי גוט זיין געקאכט. וויל ווער עס איז נאך פאקטען, קען ער זיי געפינען אין יעדען מאדערנעם בוך מכח דער אויפפאסונג פון טהיערען. טהיערען געדייהען אם בעסטען ווען יעדעם מאהלצייט בעשטעהט פון עטליכע זאכען. גאסס' און סטארק'ס עקספערימענטען „גיבען די בעסטע בעווייזען פאר דער ניצליכקייט, אדער בעסער געזאגט, פאר דער נויטווענדיגקייט, פון געמישטע שטאפען, כדי צו פערשאפען דעם דאזיגען צונויפגעזעצטען מאטעריאל, וואס איז אם בעסטען צוגעפאסט פאר דער ארבייט פון מאגען". (ענציקלאפעדיע פאר אנאטאמיע און פיזיאלאגיע).

טאמער וועט ווער עס איז אויסזעצען — און עס וועלען זיך מסתמא געפינען פיעל אזעלכע — אז א שפייז־צעטיל וואס שרייבט

פאַר אַלע מאָל עפּעס אַ נייעם מאכל פאַר די קינדער, ווי אויך גע־מישטע שפּייז ביי יעדען מאָהלצייט, איז אַ צו־שווערע טרחה; ענטפערן מיר, קיין מיה האַלט מען ניט פאַר צו־שווער, וועלכע העלפט מיט די גייסטיגע ענטוויקלונג פון די קינדער, און אַ גוטע קערפּערליכע ענטוויקלונג האָט פאַר זייער צוקונפטי־גען וואוילזיין נאָך אַ פיעל גרעסערע וויכטיגקייט. איבעריגענס, קוקט עס אוים אי טרויעריג, אי משונה׳דיג, אז די מיה וועלכע מען נעהמט זיך מיט פערגעניגען ביים אָבקאָרמענען חזירים, זאָל מען האַלטען פאר צו־שווער אין דער ערציהונג פון קינדער.

מען מוז צולעגען נאָך איין פונקט, און דאָס איז, אַ וואָרנונג פאַר די, וועלכע קענען וועלען איינפיהרען דעם רעזשים, וואָס איז דאָ געגעבען געוואָרען. מען טאָר ניט איינפיהרען די ענדערונג פּלוצלונג; אַ שטענדיגע אָרימע נאַהרונג שוואַכט אזוי אָב דעם סיסטעם, אז ער האָט ניט מעהר בכח צו נעהמען זיך מיט אמאָל פאַר אַ רייכער דיעטע. אַ קאַרגע נאַהרונג איז שוין אליין גופא אַן אורזאַך פון שלעכטער פערדייהונג. דאָס איז אמת אפילו ביי בהמות און חיות. „ווען מען קאָרמעט קעלבער מיט אַרונטערגענו־מענע מילך, אָדער מיט זויערמילך, אָדער מען האַלט זיי אויף אַן אַנדער אָרימער שפּייז, זענען זיי עלול צו ליידען פון פערדייהונגס קראַנקהייט“. (מאָרטאָן׳ ענציקלאָפּעדיע פון אַגריקולטור). דעריי־בער, איז וואו די ענערגיע איז אָבגעשוואַכט, מוז דער איבערגאַנג פון אַן אָרימער צו אַ רייכערער דיעטע פאָרקומען שטופענווייז: יעדער צו־וואוקס פון געוואוינער קראַפט בערעכטיגט אַ פרישע הוספה פון נאַהרונג. ווייטער: מען מוז געדענקען, אז די קאָנ־צענטראַציע פון נאַהרונג קען געטריבען ווערען צו ווייט. איין פאָדערונג פון אַ ריכטיגען מאָהלצייט איז, עס זאָל זיין גענוג מאַסע אַנצופילען דעם מאָגען; דאָס אליין איז שוין מבטל אַ דיעטע, אין וועלכער עס פעהלען די שטאָפען וואָס גיבען די נויטיגע מאַסע. הגם די גוט־גענעהרטע ציוויליזירטע ראַסען האָבען קלענערע פער־דייהונגס־אָרגאַנען איידער די שלעכט־גענעהרטע ווילדע ראַסען; און הגם זיי קענען מיט דער צייט נאָך ווייטער פערקלענערט ווערען; פון דעסטוועגען פאַר דערווייל מוז די מאַסע פון פערדייהונגס־שטאָף בעשטימט ווערען לויט דעם איצטיגען פערנעהם פון די

אָרגאַנען. נעהמענדיג אָבער די צוויי פּונקטען ריכטיג אין אָנבע־טראַכט, זענען אונזערע שלוסען — אַז די קינדערשע שפּייזען מוזען זיין זעהר נאַהרהאַפטיגע; אַז ביי יעדען מאָהלצייט מוזען זיין פערשיידענע געריכטען און איין מאָהלצייט מוז זיין פערשיידען פון דעם אַנדערן; און אַז מען מוז זיי געבען עסען די והותר.

בנוגע צום פּונקט פון קליידונג איז אויך אַזוי ווי ביי דער שפּייז, די געוועהנליכע טענדענץ צו געבען וועניגער ווי מען דאַרף. דער אַסקעטיציזם לויערט ארוים אויך דאָ. עס געהט אַרום אַ טעאָריע, אויב ניט קיין קלאָר־אויסגעשפּראָכענע, איז אַביסעל אַ פערשטעלטע, אַז די עמפּינדונגען פון די חושים דאַרף מען ניט פאָלגען. די עקזיסטירענדע מיינונג, ווען מען קוקט איהר אין תוך אריין, שיינט צו זיין, אַז זיי זענען ניט דערויף פאַראַן אונז צו פיהרען, נור כדי גאָר אונז צו פערפיהרען. עס איז ניט דאָס פאָלגען, נור דאָס ניט־פאָלגען די עמפּינדונגען, וואָס איז די געוועהנליכע סבה פון די קערפּערליכע ליידען. שלעכט איז ניט, וואָס מען עסט ווען מען איז הונגעריג, נור וואָס מען עסט בעת מען האָט ניט קיין הונגער. דער פעהלער איז ניט, וואָס מען טרינקט בעת מען איז דורשטיג, נור וואָס מען טרינקט ווייטער, ווען דער דורשט איז שוין אַוועק. עס קומט ניט קיין בייז פון אָטהעמען די פרישע לופט, מיט וועל־כער יעדער געזונדער מענש איז זיך מחיה, נור פון אָטהמען פער־שטיקטע לופט, ניט קוקענדיג וואָס די לונגען פּראָטעסטירען. עס קומט ניט קיין בייז פון מאַכען מונטערע איבונגען, וועלכע די נאַטור פאָדערט גאַנץ שטאַרק, אַזוי ווי מיר זעהען עס ביי יעדען קינד, נור אדרבה ווען מען פערנאַכלעסיגט נאָכאַנאַנד די נאַטור'ס פאָדערונגען. ניט די גייסטיגע טהעטיגקייט, וועלכע קומט פון־זיך און איז אַנגענעהם, טהוט שאָדען, נור די וועלכע מען האַלט אָן נאָכדעם ווי דער צוהיצטער אָדער אָנגעוועהטאָגטער קאָפּ הייסט אויפהערען. ניט יענע קערפּערליכע אָנשטרענגונג איז שעדליך, וועלכע איז אַנגענעהם אָדער גלייכגילטיג פאַר אונז, נור די וועלכע מען טהוט ווייטער בעת די אויסגעמאַטערטקייט זאָגט אונז אַז מען טאָר ניט. עס איז אמת, אַז ביי מענשען וואָס האָבען געפיהרט פאַר אַ לאַנגע צייט אַן אומגעזונדען לעבען, זענען די עמפּינדונגען

ניט קיין געטרייע פיהרער. מענשען וועלכע זענען יאהרען נאכאנאנד כמעט שטענדיג געזעסען אין שטוב, וועלכע האבען זעהר פיעל געאיבט דעם מוח און כמעט גאר ניט דעם גוף, וועלכע האבען צום עסען געפאלגט זייערע זייגערס און ניט געהערט דעם מאגען — זיי קענען גאנץ מעגליך פערפיהרט ווערען פון זייערע פערדארבענע געפיהלען. אבער זייער אוננארמאלער צושטאנד איז דאך אליין א רעזולטאט פון דעם וואס זיי האבען ניט געפאלגט די געפיהלען. ווען זיי וואלטען פון קינדווייז אן קיינמאל ניט ווידערגעשפעניגט וואס מיר קענען אנרופען דעם „פיזישען געוויסען“, וואלט עס ניט געווארען טעמפ, נור עס וואלט געבליבען א געטרייער דערמאנער.

צווישען אנדערע עמפינדונגען, וואס דיענען פאר אונזער הדרכה, געהערען אויך די עמפינדונגען פון היטץ און קעלט; און דער סארט קליידונג פאר קינדער, וועלכע רעכענט זיך ניט גאנץ שטארק מיט זיי, איז ווערטה מען זאל איהם פערדאמען. דער בעקאנטער געדאנק מכח צוגעוועהנען צו קעלט, „פערהארטעווען דאס לייב“, איז אן אומגליקליכע איינבילדונג. א שעהן ביסעל קינדער ווערען אזוי „ארויסגעהארטעוועט“ פון דער וועלט; און די וואס בלייבען ביים לעבען, ליידען אייביג ענטוועדער אין זייער וואקסען, אדער אין זייער קערפערליכען געביי. „דאס עדעלע אויסזעהען פון די קינדער צייגט גענוג אן אויף דעם שאדען וואס מען ברייגנגט דערמיט, און זייערע אפטע צופעלען פון קראנקהייט האט געדארפט זיין א ווארנונג אפילו פאר די ניט־דענקענדע עלטערן“ — זאגט דר. קאמב. די לאגיקע, אויף וועלכער די דאזיגע טעאריע פון הארטעווען איז געבויט, איז זעהר אן אויבערפלעכליכע. רייכע עלטערן, זעהענדיג אז די פויערשע קליינע יונגלעך און מיידלעך שפיעלען זיך ארום דרויסען האלב נאקעט, און צונויפבינדענדיג דערמיט דעם פאקט אז ארבייטס־לייט זענען בכלל געזונדע, ציהען זיי דערפון דעם ניט־בערעכטיגטען שלוס, אז די געזונדקייט איז א פאלגע פון דעם האלב־נאקעטען גאנג, און בעשליסען צו פיהרען זייערע אייגענע קינדער אויך קארגליך אנגעטהון! מען פערגעסט, אז די פויערשע קינדער, וועלכע שפרינגען ארום אין די גרינס פון די דערפער, געפינען זיך אין פיעלע פרטים אונטער גינסטיגע אומשטענדען: זייער לעבען ווערט פערבראכט כמעט אין שטענדיגען שפיעלען־זיך;

זיי אָטהעמען דעם גאַנצען טאָג פרישע לופט, און זייערע סיסטעמען ווערען ניט אויפגערודערט פון צופיעל אָנשטרענגונגען דעם מוח. עס מאַכט ניט אויס וואָס עס דוכט זיך פערקעהרט: זיי קענען זיין אזוי געזונד ניט פון דעם, נור טראָטץ דעם וואָס זיי האָבען ניט גענוג קליידונג. מיר גלויבען, אז אַז דער אַנדער שלום איז דער ריכטיגער; און אז דער פערלוסט פון קערפערליכער ווארעמקייט וואָס זיי ליידען ברייננט זיי מיט אַן אונפערמיידליכען שאָדען.

וואָרים ווען א הויל לייב, אָנגענומען אז דער קערפער־געביי איז גענוג קרעפטיג צו קענען עס אויסהאַלטען, ברייננט ווירקליך מיט א פערהאַרטונג, קומט עס אויך אויפ'ן חשבון פון געוואוקס. מען זעהט אַרוים אָט די ווארהייט גאַנץ גלייך ביי טהיערען ווי ביי מענשען. די שאָטלענדישע פאָניעס קענען פערטראָגען שלעכטע וועטערן לייכטער איידער די פערד פון דעם ווארימען מעריב־געגענד, זיי זענען אָבער קאַרליקעס. די שאָף און פיה פון די הויכלענדער, וועלכע לעבען אין אַ קעלטערן קלימאַט, זענען קליינגעוואוקסיג אין פערגלייך מיט די אייגענע מינים וואָס האָדעווען זיך אין ענגלאַנד. אין ביידע פאָלארע געגענדען, פון צפון ווי פון דרום, איז די מענש־ליכע ראַסע פיעל הינטערשטעליג געבליבען אין איהר געוועהנליכען וואוקס: די לאַפּלאַנדער און עסקימאָזען זענען זעהר קליינוואוקסיגע; און די איינוואָהנער פון טערא דעל פיוגא (פייערלאַנד), וועלכע געהען אַרום נאַקעט אין אַ לאַנד פון אַ ווינטערדיגען קלימאַט, האָט דאַרווין בעשריבען, אז זיי זענען אַזוינע קליינוויקסיגע און העסליכע, דאָס „מען קען קוים פועל'ן ביי זיך צו גלויבען, אז זיי זענען אונזערע מיטמענשען“.

די וויסענשאַפט דערקלערט די דאָזיגע קליינגעוויקסיגקייט דורך די גרויסע אָבציהונג פון היטץ; זי בעווייזט, אַז ביי גלייכע נאַהרונג און אַנדערע אומשטענדען, מוז עס אונפערמיידליך פאָר־קומען. וואָרים, ווי עס איז שוין פריהער אָנגעדייטעט געוואָרען, כדי ממלא צו זיין דעם פערלוסט פון אָבקיהלונג וואָס דער קערפער שטעהט שטענדיג אוים דורך די אויסשטראַהלונג, מוז נאָכאַנאַנד פאָרקומען אַן אָקזידירונג פון געוויסע שטאָפען, וועלכע בעשטעהען אַלס אַ טייל פון דער שפייז. און לויט'ן ערך ווי גרוים דער פער־לוסט פון היטץ איז, אַזוי גרוים מוז זיין דער סכום פון די דאָזיגע

שטאָפען, וועלכע מוזען אָקזידירט ווערען. אָבער די קראַפט פון די פערדייהונגס־אָרגאַנען איז אַ בעשרענקטע. איז דעריבער, בעת זיי מוזען צוגרייטען דורך פערדייהונג אַ גרויסע צאָהל פון דעם מאַטעריאַל וואָס מוזען אַוועקגעהן אויפצוהאַלטען די טעמפּעראַטור, קענען זיי נישט מעהר צוגרייטען ווי אַ קליינע סומע פון יענעם מאַטעריאַל וואָס געהט אויף אויפצובויען דעם חומר. צו־גרויסע אויסגאַבען אויף היטץ־מאַטעריאַל לאָזען איבער ווייניגער מיטלען פאַר אַנדערע צוועקען. דער פועל יוצא דערפון איז נויטיגערווייז אַ קערפּער וואָס איז קליין אין געוויקס, אָדער געמיינער אין געבוי, אָדער וואָס האָט ביידע חסרונות צוזאַמען.

דערפון נעהמט זיך עס די גרויסע וויכטיגקייט פון קליידונג. ווי ל י ע ב י ג זאָגט: — „אונזערע קליידונגען זענען בנוגע צו דער טעמפּעראַטור פון קערפּער, פשוט דאָס אייגענע וואָס אַ געוויסע סומע פון שפּייז“. דורכדעם וואָס די קליידונג פערקלענערט די היטץ־פערלוסט, פערקלענערט זי דעם סכום פון היטץ־מאַטעריאַל וואָס איז נויטיג אויפצוהאַלטען די היטץ; און ווען דער מאָגען האָט ווייניגער ארבייט צו־צוגרייטען היטץ־מאַטעריאַל, קען ער מעהר ארבייטען אויף צו־צוגרייטען אַנדערע מאַטעריאַלען. די ערפאַהרונג פון די, וועלכע פאַסען אויף פערשיידענע טהיערען, בעשטעטיגט דעם האָזיגען טעאָרעטישען שלוס. טהיערען קענען פערטראָגען קעלט נור אויפ'ן חשבון פון זייער פעט, אָדער פון די מוסקולען, אָדער פון וואַקסען — ווי עס קומט אַמאָל אויס. „ווען פיה, וועלכע מען וויל אָבקאַרמען, האָבען אויסצושטעהן אַ נידריגע טעמפּעראַטור, וועלען זיי ענטוועדער ניט פעט ווערען, אָדער מען וועט זיי מוזען צולעגען אַ גרויסע הוספה פון שפּייז“. (מאָרטאָן'ס ענציקלאָפּעדיע פון אַגריקולטור). אַ פּ פּ ע ר ל ע י האַלט זיך פעסט ביי דער מיינונג, אַז אויב מען וויל געיעג־פערד שטעלען אויף אַ ריכטיגען פוס, מוז מען האַלטען וואַרעם דעם שטאַל. און ביי די וואָס האָדעווען לויף־פערד איז עס אַ גאַנץ פעסטגעשטעלטע לעהרע, אַז מען טאָר זיי ניט האַלטען אויף קעלט.

די וויסענשאַפטליכע וואַרהייט וועלכע איז אַט אַזוי קלאָר געשטעלט פון דער עטנאָלאָגיע און איז אָנערקענט פון די וואָס בעשעפטיגען זיך מיט אַגריקולטור און ספּאָרט, קען מיט דאָפּעלטער

קראַפט אָנגעווענדעט ווערען אויף די קינדער. וואָס קלענער זיי זענען און וואָס שנעלער זיי וואַקסען, אַלץ גרעסער איז דער שאָדען וואָס זיי ליידען פון קעלט. אין פראַנקרייך שטאַרבען אָפט די ניי־געבאָרענע אין ווינטער, פון דעם וואָס מען טראָגט זיי רעגיסט־רירען אין די מעטריקעס צום בורגמייסטער אין ראַטהויז. „ק ע ט ע ל ע האָט בעוויזען, אַז אין בעלגיום שטאַרבען אין מאָנאַט יאַנואַר נאָך אַמאָל אַזוי פיעל יונגע קינדער, איידער אין מאָנאַט יולי". אין רוסלאַנד איז די שטערבליכקייט פון קליינע קינדער גאָר עטוואָס שרעקליכעס. דער ניט־ענטוויקעלטער קערפּער, אפילו בעת ער איז שוין באַלד גאָר צייטיג, איז לפי ערך נאָך אַלץ ניט בכח צו פערטראָגען קעלט: מען קען עס זעהען פון דעם, וואָס די יונגע סאָלדאַטען פאַלען גאַנץ געשווינד אין אַ שווערער מאַנעוורע. דער שכל דערפון איז קלאָר. מיר האָבען שוין דערמאָנט דעם פאַקט, אַז מחמת דער פערשיידענער שיכות צווישען אויבערפלעך און חומר, פערלירט אַ קינד אַ לפי ערך גרעסערען סכום פון היטץ איידער אַ דערוואַקסענער; און דאָ מוזען מיר נאָך אָנצייגען, אַז די שוויריגקייטען אונטער וועלכע דעם קינד קומט אוים אויף דעם אופן צו אַרבייטען זענען זעהר גרויסע. ל ע ה מ אַ ן זאָגט: — „אויב מען זאָל אויסרעכענען די פּראָפּאָרציע פון קויהלען־זויערע, וואָס קינדער אָדער יונגע טהיערען גיבען ארויס, לגבי דעם קערפּערליכען גע־וויכט, וועט מען געפינען, אַז קינדער פּראָדוצירען כמעט צוויי מאָל אַזוי פיעל קויהלען־זויערע ווי דערוואַקסענע". מיר ווייסען, אַז דער סכום פון קויהלען־זויערע וואָס ווערט אַרויסגעגעבען, שטימט כמעט געגוי מיט דעם סכום פון היטץ וואָס ווערט געשאַפען. און אָט אַזוי זעהען מיר, אַז דעם קינד'ס סיסטעם, אפילו ווען עס געפינט זיך ניט אין אונגינסטיגע אומשטענדען, מוז אויך בעזאָרגען כמעט דאָפּעלט אַזוי פיעל מאַטעריאַל אויף צו שאַפען היטץ.

איצט זעהט די אונגעהויערע נאַרישקייט פון ניט געבען די קינדער גענוג קליידער. וועלכער פאָטער, הגם ער איז שוין אַן אויסגעוואַקסענער מענש, וואָס פערלירט ניט קיין היטץ אַזוי שנעל ווי דאָס קינד, און האָט ניט קיין אַנדערע פיזיאָלאָגישע בעדערפנים אחוץ ממלא צו זיין וואָס עס ווערט אָבגענוצט יעדען טאָג — וועלכער פאָטער, פרעגען מיר, וועט דענקען אַז עס איז געזונד פאַר איהם

ארומצוגעהן מיט נאַקעטע פיס, נאַקעטע אָרימס און אַ הוילע האַלז? דאָך, אָט די איבעריגע אָנשטרענגונג אויפ'ן קערפּער, פון וועלכער ער ציהט זיך צוריק, לעגט ער ארויף אויף זיינע קליינע קינדער, וועלכע קענען עס פערטראָגען אַ סך וועניגער פאַר איהם! אָדער, אויב ער אַליין לעגט עס ניט אַרויף, זעהט ער צו ווי מען טהוט עס און פּראָטעסטירט ניט. זאָל ער געדענקען, אַז יעדע אונצע נאַהרונג, וואָס געהט אַוועק אומזיסט אויפצוהאַלטען די טעמפּעראַטור, ווערט אַוועקגענומען פון דער נאַהרונג וואָס דאַרף געהן אויפצובויען דעם קערפּער; און אַז אויב זיי ווערען אפילו נצול פון פערקיהלונגען, ענטצינדונגען אָדער אַנדערע אַזוינע חולאת'ן, איז אָבער דער אונ־פערמיידליכער פּועל יוצא דערפון אַ קלענערער געוואוקס, אָדער אַ וועניגער־פאָלקאָמענער קערפּער־געביי.

„דער רעגעל איז דעריבער, ניט אָנצוטהון זיך אַלעמאָל ענגאַל אין אַלע פעלען, נור אָנצוטהון אַזוינע קליידער און אין אַזא צאָהל, וואָס זאָל זיין גענוג אין יעדען איינציגען פאַל צו בעשיצען דעם קערפּער ווי געהעריג איז פון אַ דויערענדער, ווען אפילו גאַנץ לייכטער, עמפּינדונג פון קעלט". אָט דער רעגעל, וואָס דר. קאָמב צייגט אָן אויף זיין וויכטיגקייט דערמיט וואָס ער אונטערשטרייכט איהם, איז אַזעלכער אין וועלכען וויסענשאַפטס מענער און פּראַקטיקער שטימען גלייך איין. מיר האָבען ניט בעגעגענט קיין איינציגען מענשען, וועלכער איז קאָמפּעטענט אָבצוגעבען אַן אורטייל וועגען דעם, וואָס זאָל ניט שטאַרק פערדאַמען די מאָדע פון הוילע קינדערשע גליעדער. אויב עס איז פאַראַן איין פּונקט וויכטיגער פאַר אַנאַנ־דערן, וואו מען דאַרף איגנאָרירען די „פּערדערבליכע מאָדע", איז עס גראָד אָט דער פּונקט.

עס איז ווירקליך טרויעריג צו־צוזעהען ווי מוטערס טהוען אָן גאַנץ ערנסטע שאָדען די קאָנסטיטוציעס פון זייערע קינדער, צוליעב נאָכטהון אַן אונזיניגע מאָדע. עס איז גענוג שלעכט וואָס זיי אַליין טהוען נאָך יעדע דומהייט, וואָס אונזערע פראַנצויזישע שכנים ווילט זיך איינפיהרען; אָבער אַז זיי זאָלען אָנציהען זייערע קינדער אין קאָמעדיאַנטסקע קליידער, וועלכער דער „פּטי־קוריער דע דאַם"

שרייבט פאָר, ניט קוקענדיג וואָס די קליידער פּאַסען זיך ניט און זענען ניט געניגענד, דאָס איז גאָר שרעקליך. מען פערשאַפט מעהר אָדער ווענינער גרויסע אונבעקוועמליכקייט; מען ברענגט מיט אָפטע קראַנקהייטען; מען האַלט אָב דאָס וואַקסען, אָדער מען גראָבט אונ־טער די קרעפטיגקייט פון קערפער; ניט זעלטען איז מען גורם אַ פריהצייטיגען טויט: און אַלץ דערפאַר ווייל מען דענקט, אַז מען מוז מאַכען די קינדערשע רעקלעך פון אַזאַ שניט און אַזאַ מין מאַ־טעריאַל, ווי עס דיקטירט דער פראַנצויזישער קאַפּריז. און עס איז ניט נור דאָס אַליין, וואָס צוליעב דער מאָדע נעהמען אָט אַזוי די מוטערס און בעשטראָפען און שעדיגען זייערע קליינע קינדער דורך קאָרגליכע קליידונג: צוליעב דעם אייגענעם מאָטיוו צווינגען זיי אויך אַרויף אויף זייערע קינדער אַזוינע פאַסאָנען פון קליידלעך, וועל־כע דערלאָזען גאָר ניט קיין געזונדע טהעטיגקייט. כדי עס זאָל זיין אַנגענעהם פאַר'ן אויג קלייבט מען אויס אַזוינע קאָלאָרען און שטאָ־פען, וועלכע טויגען לגמרי ניט פאַר דעם גראָבען געברויך וואָס שפּיעלען־זיך אונבעשרענקט פאָדערט: און דאַן כדי ניט צו פער־דאַרבען די קליידלעך, פערבאָט מען דאָס אונבעשרענקטע שפּיעלען. „די מינוט זאָלסטו מיר אויפשטעהן: דו וועסט איינשמוצען דיין ריין קליידעל!" ווערט אַרויסגעגעבען אַן אוקאַז דעם קליין קינד וואָס קריכט אַרום אויף ד'רערד. „קום צוריק, דו וועסט איינריכטען דיינע שטרימפּף!" שרייט אויס די גובערנאַנטין צו איינעם פון די קינדער אויף וועלכע זי גיט אַכטונג, וואָס איז אַוועקגעלויפען אַן אַ זייט כדי אַרויפצוקלעטערען אויף אַ בערגעל. אויף דעם אופן ווערט די צרה פערדאָפּעלט. כדי צו דערגרייכען דער מאַמע'ס מאָסשטאַב פון שעהנקייט און ווערען בעוואונדערט פון איהרע געסט, מוזען די קינדער טראָגען מלבושים, וועלכע זענען ניט געניגענד אין צאָהל און ניט שטאַרק אין געוועב; און כדי די האַזיגע מלבושים, וואָס ווערען לייכט פערדאָרבען, זאָלען געהאַלטען ווערען ריין און גאַנץ, בעשרענקט מען די אונרוהיגע טהעטיגקייט, וועלכע איז אַזוי נאַטיר־ליך און נויטיג פאַר די יונגע חברה. די בעוועגונג, וועלכע ווערט אַ דאָפּעלטע נויטווענדיגקייט, ווען די קליידונג איז אַ קאָרגליכע, ווערט גאָר אין גאַנצען אָבגעהאַקט, כדי די קליידער זאָלען ח"ו ניט ווערען שמוציג. אָך, ווען די וואָס האַלטען אויף אָט דעם סיס־

טעם וואָלטען געקענט זעהען די שרעקליכע גרויזאַמקייט דערפון! מיר קענען זיכער זאָגען, אַז צוליעב אָט דעם געוויסענלאָזען קוקען אויפ׳ן גלאַנץ, ווערען טויזענדער קינדער יעהרליך פער׳משפט צו זיין אומגליקליך, דורך דעם אָבגעשוואַכטען געזונד, פעהלערהאַפטיגע ענערגיע און ממילא׳דיגען אונערפאָלג אין לעבען: אויב זיי ווערען ניט דורך אַ פריהען טויט גאָר פשוט געבראַכט אַ קרבן צו דעם מאַלאַך פון מוטערליכער אייטעלקייט. עס ווילט זיך אונז ניט צורעדען אָנצונעהמען שטרענגע מיטלען, אָבער בנאמנות, די עולות זענען אַזוי גרויס, אַז זיי בערעכטיגען, אָדער בעסער געזאָגט, זיי פאָדערן, די פאָטערס זאָלען זיך נעהמען דערצו און עס שטרענג פערבאָטען.

אַלזאָ, אונזערע שלוסען זענען: אַז די קליידונג, וועלכע טאָר קיין מאָל ניט זיין אין אַזאַ איבער־מאָס וואָס פערשאַפט אַ שטיקענדע וואַרימקייט, מוז דערפאַר זיין אַלעמאָל גענוגענד, ניט צו דערלאָזען קיין אַלגעמיינעם געפיהל פון קעלט;*) אַז אַנשטאָט די לייכטינקע קאַטונענע, לייוואַנטענע אָדער געמישטע שטאָפען, וואָס מען געברויכט געוועהנליך, זאָל מען מאַכען די בגדים פון אַזאַ שטאָף וואָס לאָזט ניט דורך קיין היטץ, ווי אַ שטייגער אַ גראָבער וואָלענער געוואַנט; אַז זיי זאָלען זיין גענוג שטאַרק, מען זאָל קיין מורא ניט האָבען אַז זיי וועלען פערדאָרבען ווערען פון דעם שווערען געברויך און דער אָבנוצונג, וואָס די קינדערשע שפּיעלערייען וועלען מיטברייגען; און אַז די קאָלאָרען פון די קליידער זאָלען זיין אַזוינע, וואָס ווערען ניט שנעל פערדאָרבען פון געברויך און פון וועטער.

*) עס איז נויטיג צו בעמערקען, אַז די קינדער ביי וועמען די אָרימס און פיס זענען פון אָנהויב אָן על פי געוועהנהייט ניט צוגעדעקט, הערען אויף פיהלען די קעלט אין די אָבגעדעקטע אויבערפלעכען; פונקט ווי פון געוועהנהייט האָבען מיר אַלע אויפגעהערט צו פיהלען אַפילו אין דרויסען אַז אונזערע פנים׳ער זענען קאַלט. אָבער אויב אַפילו די עמפפינדונגען ביי אַזוינע קינדער פּראָטעסטירען שוין ניט מעהר, מיינט עס נאָך ניט אַז זייערע סיסטעמען ווערען ענטרונען פון שאָדען: אַקוראַט ווי עס מיינט ניט, אַז דעם פויערלענדער שאַדט ניט זיין נאַקעטקייט, ווייל ער קען גלייכגילטיג פערטראָגען ווי דער שנעע צוגעהט אויף זיין הוילען קערפער.

וועגען דער וויכטיגקייט פון קערפערליכע איבונגען זענען דאָס רוב מענשען ביז אַ געוויסען גראַד ביי זיך קלאָר. עס איז אפשר וועניגער נויטיג צו רעדען מכח אָט דער פאָדערונג פון פיזישער ערציהונג, איידער וועגען די מעהרסטע אַנדערע פאָדערונגען — יעדענפאלס, אויף וויפיעל דאָס איז שייך צו יונגלעך. די עפענטליכע אַזוי גוט ווי די פריוואַטע שוהלען בעזאָרגען גאַנץ גענינגענדע שפּיעלפּלעצער; עס ווערט אָבגעגעבען אַ היבשע טייל צייט אויף דרויסענדיגע שפּיעלען, און מען אָנערקענט זיי געוועהנליך אַלס נויטיגקייטען. עס שיינט, אַז אין דעם פּרט, אויב ניט אין קיין אַנדערן, האָט מען שוין מודה געווען, אַז ס'איז ניצליך צו פאָלגען די פאָדערונגען פון'ם יונגעל'ס אינסטינקטען. און מיר זעהען ווירקליך אין דער היינטיגער פיהרונג איבערצורייסען די לאַנגע לעקציאָנען פון אין דער פריה און נאָכמיטאָג דורך אַן הפסקה פון עטליכע מינוט אויפ'ן פרייען לופט, אַלץ אַ גרעסערע טענדענץ צו־צופּאַסען די שוהלרעגעלען צו די קערפערליכע עמפינדונגען פון די תלמידים. דאָ, הייסט עס, פאָדערט זיך ווינציג־וואָס צו זאָגען בדרך אָנווייזען פעהלערן אָדער געבען עצות.

מיר זענען אָבער געווען געצוואונגען צו קוואַליפיצירען די דאָזיגע הנחה, אריינשטעלענדיג דעם פונקט „אויף וויפיעל דאָס איז שייך צו יונגלעך". אונגליקליכערוויז שטעהט די זאַך גאַנץ אַנדערש בנוגע צו מיידלעך. דורך אַ זאָנדערבאַרען צופאַל האָבען מיר גראָד די געלעגענהייט יעדען טאָג צו פערגלייכען דיביידע אומשטענדען. עס זעהט זיך אַנטקעגען אונזער פענסטער צוויי שוהלען, אַ יונגעלשע און אַ מיידעלשע: און דער קאָנטראַסט צווישען זיי איז אַ מערקווירדיגער. אין דער יונגעלשער שוהל האָט מען כמעט פון גאַנצען גאַרטען געמאַכט איין גרויסען, מיט זאַמד אָנגעשאָטענעם פרייען פלאַץ, וואָס גיט גענוג רוים פאַר פערשיידענע שפּיעלען, און איז אויך פערזאָרגט מיט שטעהעדיגע און ליעגעדיגע שטאַנגען פאַר גימנאַסטישע איבונגען. יעדען טאָג פאַר פריהשטאָג, און ארום עלף אַ זייגער, און מיטאָג־צייט, און ווידער נאָך האַלבען טאָג, און נאָך אַמאָל נאָך שוהלצייט, הילכט אין דער גאַנצער נאַכבאַרשאַפט, בעת די יונגלעך לויפען ארוים זיך שפּיעלען, אַ כאָר פון קולות און געלעכטער; און כל זמן זיי פערבלייבען דאָרטען קענען אונזערע

אויגען און אויערן עדות זאָגען, אז די קינדער זענען אין גאַנצען אריינגעטהון אין אַט דער חיות'דיגער טהעטיגקייט, וועלכע מאַכט דעם פולס שטארק קלאַפּען און פערזיכערט אַ געזונדע טהעטיגקייט פון יעדען אָרגאַן. ווי פערשיידען איז דאָס בילד, וואָס דער „איג־סטיטוט פאר יונגע פריילינס" שטעלט פאָר! ביז וואַנען מען האָט אונז ניט אָנגעצייגט דעם פאַקט, האָבען מיר ווירקליך ניט געוואוסט, אז עס געפינט זיך נעבען אונז אזוי נאָהענט אַ מיידעלשע שוהל, ווי די שוהל פאר יונגלעך. דער גאַרטען, וועלכער איז פונקט אזוי גרויס ווי דער אַנדערער, גיט קיין שום צייכען ניט פון אַ וועלכער עס איז פערזאָרגונג פאר דער קינדערשער ערהאָלונג; ער איז אין גאַנצען אויסגעלעגט מיט נעטע גראָז־בייטען, זאַמדיגע אַלעען, בושען און בלומען, לויט דעם געוועהנליכען פאָרשטאָדטיגען פאַסאָן. אין פערלויף פון פינף מאָנאַט האָט דאָס פלאַץ קיין איינציג מאָל ניט צוגעצויגען אונזער אויפמערקזאַמקייט דורך אַ געשריי אָדער אַ געלעכטער. אמאָל קען מען בעמערקען אַ פּאָר מיידלעך געהען זיך ארום אין די שטעגלעך מיט זייערע לעהר־ביכלעך אין די הענד, אָדער שפּאַצירען זיך ארום אָרעם אָין אָרעם. איינמאָל, אמת, האָבען מיר געזעהען ווי איין מיידעל האָט נאָכגעיאָגט אַן אַנדערע ארום גאַרטען; אָבער מיט דער איין אויסנאַהמע, האָט מען קיינמאָל עפּעס אזוינס, וואָס זאָל האָבען אַ פּנים פון לעבהאַפטיגער איבונג, ניט געזעהען.

פון וואַנען נעהמט זיך אַט דער ערשטוינענדער אונטערשיעד? איז אפשר דער קערפּער־געבוי פון אַ מיידעל אזוי גרונד־פערשיעדען פון אַ יונגעל'ס, אז זי נויטיגט זיך ניט אין די טהעטיגע איבונגען? איז עס אפשר דערפאר, ווייל אַ מיידעל האָט ניט קיינע פון די פערלאַנגען זיך מונטער צו שפּיעלען, וועלכע טרייבען דערצו דעם יונגעל? אָדער אפשר האָבען זיי טאַקי אויך אזוינע פערלאַנגען, נור בעת וואָס ביי יונגלעך מוז מען עס בעטראַכטען ווי רייצונגען צו אַ קערפּערליכער טהעטיגקייט, אָהן וועלכע עס קען ניט געבען קיין ריכטיגע ענטוויקלונג, האָט עס די נאַטור געגעבען די מיידלעך גלאַט אזוי אָהן אַ שום צוועק — סיידען נור כדי צו ערגערן דערמיט די לעהרערקעס? מעגליך, אפשר פערשטעהען מיר ניט ריכטיג דעם צוועק פון די וואָס ערציהען דעם עדלען געשלעכט. מיר האָבען אַן

אונבעשטימטען פערדאַכט, אַז ענטוויקלען אַ קרעפטיגען קערפּער־געבוי ווערט גערעכענט פאַר ניט ווינשענסווערטה; אַז זיין פּראָסט געזונד און האָבען אַ סך כח הייסט עפּעס זיין פלעבעיש; אַז אַ געוויסע צאַרטקייט, אַ כח וואָס קען נור פערטראָגען אַ האַלב־שטונדיגען שפּאַציער, אַן אַפּעטיט פון אַ מפונק וואָס ווערט לייכט בעפרידיגט, צוזאַמען מיט אַ צוריקגעהאַלטענקייט, וועלכע בעגלייט געוועהנליך אַ שוואַכען געזונד — האַלט מען איז עפּעס מעהר מעשה דאַמע. מיר דערוואַרטען ניט אַז ווער עס איז וועט עס אָפען געשטעהן; נור מיר זענען זיך משער אַז דער גובערנאַנטין־מוח איז פול מיט דעם אידעאַל פון אַ יונג פריילין, וואָס האָט אַ היבשע עהנליכקייט צו אַזאַ מין טיפּ. אויב דאָס איז אַזוי, מוז מען מודה זיין, אַז דער איינגעפיהרטער סיסטעם איז פּראַכטפאָל אויסגערעכענט צו קענען פערווירקליכען אָט דעם אידעאַל. מיינען אָבער אַז דער אַנדער געשלעכט (ד. ה. די מענער) האַלט עס אויך פאַר אַן אידעאַל, איז אַ גרויסער טעות. עס איז בלי ספק אמת, אַז געוועהנליך זענען „מענליכע" פרויען ניט אַנציהענד פאַר מענער. אַז אַ געוויסע פערהעלטניסמעסיגע שוואַכקייט, וועלכע ווענדעט זיך נאָך בעשיצונג צו אַ גרעסערער קראַפט, איז אַן עלעמענט פון צו־ציהונג, גיבען מיר צו. אָבער דער אונטערשיעד, אויף וועלכען די געפיהלען פון מענער רופען זיך אָב, איז דער נאַטירליכער, פון אייביג פעסטגעזעצטער אונטערשיעד, וואָס וועט זיך אַלעמאָל אַרויס־ווייזען אויך אָהן קינסטליכע מיטלען. פערקעהרט אָבער, ווען דער דאָזיגער חלוק ווערט פערגרעסערט אין גראַד דורך געקינסטעלטע מיטלען, יעמאָלט ווערט עס גיכער אַן עלעמענט פון אָבשטויסונג, איידער פון צוציהונג.

— „הייסט עס, אַז מען דאַרף ערלויבען די מיידלעך ווערען ווילד — ווערען אַזוי גראָב ווי יונגלעך און לאָזען זיי אויסוואַקסען שטיפערקעס און חצופות!" צושרייט זיך אַ פערטיידיגער פון אַרטיגקייט. דאָס איז דער אייביגער שרעק, שטעלען מיר זיך פאָר, פון די שוהל־אויפזעהערקעס. עס שטעלט זיך אַרויס, לויט ווי מיר האָבען זיך דערקונדיגט, אַז אין די „אינסטיטוטען פאַר יונגע פריי־לינס" רעכענט זיך דאָס ליאַרימדיגע שפּיעלען, אַ שטייגער ווי די יונגלעך פערברייננגען יעדען טאָג, פאַר אַ פערברעכען וואָס פער־

דיענט א שטראָף; און מיר שטויסען זיך אָן, אז דאָס איז פער־באָטען אויס מורא זיי זאָלען חלילה ניט קריגען קיין אונאַרטיגע גע־ווענהייטען וואָס זענען ניט מעשי־ליידי. די מורא אָבער איז גאָר א פוסטע. אויב די שטיפערייען, וואָס מען ערלויבט די יונגלעך שטערט זיי ניט פון דעסטוועגען אויסצוּוואקסען זשענטעל־לייט, פארוואָס זאָלען דיזעלביגע שטיפערישע טהעטיגקייט שטערען די מיידלעך אויסצוּוואקסען ליידיס? ווי גראָב זייערע קונצשטיק אויפ׳ן שפיעל־פּלאַץ זאָלען ניט געווען זיין, דאָך די יונגע לייט וואָס האָבען געענדיגט די שוהל, קוליען זיך ניט אין די גאסען און שפיעלען ניט אין קנעפּלעך אין די גאַסט־זאַאלען. צוגלייך ווי זיי ווארפען אוועק די קורצע הויזען, ווארפען זיי אויך אוועק זייערע יונגעלשע שפיעלען, און צייגען ארויס אַן ענגסטליכען פערלאַנג — אָפטמאָל שוין אַזש לעכערליך — אויסצומיידען אלץ וואָס קוקט ניט אויס „מענליך“. היינט,אויב אָט דער געפיהל פון מענליכער ווירדע לעגט ארויף, בעת זיי דערגרייכען דעם ריכטיגען עלטער, אזא ווירק־זאַמען צוים אויף די שטיפערייען פון יונגעלשאַפט, וועט ניט דער געפיהל פון פרויענליכער צניעות, וועלכער ווערט אלץ שטארקער וואָס נעהנטער עס קומט אָן די צייט פון דערוואקסענקייט, ארויפ־לעגען א ווירקזאמען צוים אויף דיזעלביגע שטיפערייען פון מיידעל־שאַפט? האָבען דען ניט די פרויען נאָך אפילו א גרעסערן געפיהל פאר דעם אויסערליכען בענעהמען זיך, איידער מענער? און וועט דען ניט דעריבער זיך דערוועקען אין זיי נאָך א שטארקערער אָבהאַלט אויף יעדער זאַך וואָס איז גראָב אָדער שטורעמדיג? וואָס פאר אַן אונזין עס איז צו דענקען, אז די פרויען־אינסטינקטען וועלען זיך ניט ארויסווייזען און טהון זייערס, סיידען נור דורך די שטרענגע דיסציפּלין פון שוהל־אויפזעהערינס!

אין דעם פאל, אקוראט ווי אין אנדערע פעלען, האָט מען כדי צו פערריכטען די פעהלערען פון איין געקינסטעלטקייט, איינגע־פיהרט אַנאַנדערע. אזוי ווי מען האָט פערבאָטען די נאַטירליכע, פון זיך׳דיגע בעוועגונגען, און מען האָט אָנגעהויבען איינזעהן די שלעכטע פאָלגען פון ניט האָבען קיינע בעוועגונגען, האָט מען איינ־געפיהרט א סיסטעם פון געקינסטעלטע בעוועגונגען — גימנאַסטיק. אז דאָס איז בעסער ווי גאָרנישט, גיבען מיר צו; אָבער אז דאָס איז

א געניגענדער שטעלפערטרעטער פון שפיעלען זיך, לייקענען מיר אָב. די חסרונות זענען אי פּאָזיטיווע ,אי נעגאַטיווע. ערסטענס גיבען ניט די פאָרמאַלנע מוסקול־בעוועגונגען פון גימנאַסטיקע, וועלכע זענען נויטיגערווייז ניט־אַזוי פערשידענאַרטיג ווי די בעוועגונגען וואָס קומען ביי די קינדערשע שטיפערייען, אַזאַ גלייכמעסיגע פערטיילונג פון טהעטיגקייט פאר אלע טיילען פון קערפער. דער פועל יוצא דערפון איז, אַז די אָנשטרענגונג, וועלכע פאַלט אוים מעהר אויף ספּעציעלע טיילען, רופט שנעלער ארוים א מידיגקייט, ווי די אייגענע אָנשטרענגונג וואָלט זאָנסט ארויסגערופען. פערבייגעהענדיג לאָמיר אויך בעמערקען, אַז אָט די אָנשטרענגונג פון ספּעציעלע טיילען, אויב זי ווערט אָפט ווידערהאָלט, ברייגנט זי מיט א ניט־גלייכמעסיגע ענטוויקלונג. צווייטענס, דער סכום פון בעוועגונג וואָס מען מאַכט אויף דעם שטייגער וועט ניט זיין גענוגענד, ניט דערפאר אליין, וואָס די בעוועגונג איז ניט איבעראַל גלייך פערטיילט; עס וועט האָבען נאָך א וויטערדיגען חסרון, מחמת עס איז ניט אינטערעסאַנט. אפילו ווען מען מאַכט ניט אַז די גימנאַסטיק זאָל זיי ווערען אָבשטויסענד, ווי עס טרעפט אָפטמאָל, מחמת עס בעקומט די פאָרם פון א בעשטימטער לעקציאָן, מוזען אָט די מאָנאָטאָנע בעוועגונגען ווערען איבערדריסיג, ווייל עס פעהלט אין זיי אַמוזירונג. די קאָנקורענץ, טאקי אמת, דיענט ווי א סטימול; עס איז אָבער ניט קיין דויערענדער סטימול, ווי דער געוס וואָס קומט מיט'ן פערשידענאַרטיגען שפּיעלען. היינט איז נאָך געבליבען די שווערסטע אויסזעצונג. א חוץ וואָס די גימנאַסטיק שטעהט ניעדריגער אין פרט פון דער ק ו ו א נ ט י ט ע פון מוסקולערער אָנשטרענגונג וואָס זי גיט, שטעהט זי נאָך מעהר נידעריגער אין פרט פון דער ק ו ו א ל י ט ע. דאָס, וואָס אין פערגלייך מיט אנדערע איז ניטאָ אין די קינסטליכע איבונגען קיין געגוס, וועלכעס מיר האָבען בעצייכענט אלס די אורזאך פאר־וואָס מען גיט זיי שנעל אויף, איז אויך אַן אורזאך פון נידעריגקייט אין פרט פון די ווירקונגען וואָס זיי מאַכען אויפ'ן קערפערליכען סיסטעם. די אלגעמיינע מיינונג, אַז כל זמן די סומע פון דער קערפערליכער טהעטיגקייט איז דיזעלביגע, מאַכט ניט אוים צי זי איז אַן אנגענעהמע, צי ניט, איז א גרויסער טעות. אַן אנגענעהמע

גייסטיגע אויפרעגונג האט א זעהר הויכען קרעפטיגענדען איינפלוס. זעהט דעם איינדרוק וואס עס מאכט אויף א קראנקען, ווען מען ברייננט איהם גוטע נייעס, אדער ווען אן אלטער פריינד קומט איהם צום בעזוך. מערקט ווי דאקטוירים פערגעסען ניט צו רעקאמענדירען לעבהאפטע געזעלשאפט פאר אבגעשוואכטע פאציענטען. געדענקט ווי דאס פערגעניגען פון אן ענדערונג אין דער אומגעבונג איז וואוילטהעטיג פאר'ן געזונד. דער אמת איז, אז גליקזעליגקייט איז דער שטארקסטער קרעפטיגונגס מיטעל. דערמיט וואס עס מאכט א שנעלערע צירקולאציע פון בלוט, מאכט עס יעדע פונקציע זאל אנגעהן לייכטער; און עס איז גורם אי א פערשטארקונג פון'ם געזונד ווען ער איז דא, אי עס קעהרט אום דעם געזונד ווען מען האט איהם אנגעווארען. דערפון נעהמט זיך דער אינערליכער יתרון פון שפיעלען איבער די גימנאסטיק. דער גרויסער אינטערעס, וואס די קינדער פיהלען אין זייערע שפיעלען, און די שטורמדיגע פריילעכקייט, מיט וועלכער זיי טרייבען אן זייערע גרעבערע שטיפערייען, זענען פונקט אזוי פיעל וויכטיג ווי די אנשטרענגונג וואס קומט דערמיט. און אזוי ווי די גימנאסטיק גיט ניט אט די גייסטיגע רייצען, מוז זי דעריבער זיין פעהלערהאפטיג פון גרונד אויס.

צוגעבענדיג אלזא, אז די פארמאלע איבונגען פון די גליעדער זענען בעסער ווי גארנישט; צוגעבענדיג ווייטער, אז מען קען זיי גאנץ גוט אויסנוצען בתורת הוספה צו אנדערע מיטלען — מאכען מיר אלץ די בעהויפטונג, אז זיי קענען קיינמאל אונז ניט דיענען אנשטאט די איבונגען, וואס די נאטור רופט ארויס. פאר מיידלעך, אזוי גוט ווי פאר יונגלעך, זענען די שטיפערישע טהעטיגקייטען, צו וועלכע די אינסטינקטען טרייבען, א גרינדליכע נויטיגקייט פאר'ן וואוילזיין פון קערפער. ווער עס פערבאט זיי, פערבאט די הייליגעשטימטע מיטלען פאר דער פיזישער ענטוויקלונג.

עס בלייבט נאך איין פונקט — אזא וואס פאדערט א בעשפרעכונג אפשר נויטיגער גאר איידער וועלכע עס איז פון די פריהערדיגע. עס געהט ארום א בעהויפטונג, אז צווישען די געבילדעטע קלאסען זענען די יונגערע מענשען און די וואס האלטען

ניט ווייט פון דערוואקסענעם עלטער, ניט אזוי גוט געוואקסען און
ניט אזוי שטארק ווי די עלטערע לייט. אין אנפאנג, אז מיר האבען
געהערט די בעהויפטונג, זענען מיר געווען געניינט ארייגצושטעלען
זי אין איין קלאס מיט די פיעלע אנדערע אויסדרוקען פון דער
אלטער טענדענץ צו הויבען די פערגאנגענהייט אויפ'ן חשבון פון
דער געגענווארט. דערקאנענדיג זיך די פאקטען, אז לויט דער
מאס פון די פארצייטיגע שוץ־געוועהר, איז בעוויזען געווארען אז
די היינטיגע מענשען זענען גרעסער אין געוואוקס איידער די פאר־
צייטיגע; און אז די טאבעלען פון שטערבליכקייט בעווייזען אדרבא
א פערגרעסערונג, ניט קיין פערקלענערונג פון דעם לעבענסדויער,
האבען מיר קנאפוואס אויפמערקזאמקייט געשענקט דער מיינונג,
וועלכע האט אונז געשיינט צו זיין נישט קיין בעגרינדעטע. א בע־
אבאכטונג פון איינצעלנע פעלען אבער האט אוועקגענומען די פעסט־
קייט פון אונזער מיינונג. אויסלאזענדיג פון דעם פערגלייך די
ארבייטענדע קלאסען, האבען מיר בעמערקט א מעהרצאהל פון
פעלען, וואו די קינדער דערגרייכען ניט דעם געוואוקס פון זייערע
עלטערן; און עס שיינט אז זיי זענען אויך ניט אזוי מאסיוו גע־
בויט, ארונטעררעכענענדיג, עס פערשטעהט זיך, דעם חלוק אין
עלטער. דאקטוירים זאגען, אז היינטיגע צייטען קענען מענשען
ווייט ניט פערטראגען אזוי פיעל בלוט־אבצאפונג ווי אין די פער־
גאנגענע צייטען. קאהלע קעפ פאר דער צייט זענען איצט א סך
מעהר געוועהנליך ווי אמאל. און פריה צופוילטע צעהן קומען
ביי דעם יונגען דור שרעקליך אפט פאר. אין אלגעמיינער קרעפ־
טיגקייט בעווייזט זיך פונקט אזא אויפפאלענדער קאנטראסט. די
מענשען פון אמאליגע דורות, ווי האסטיג זיי האבען ניט געלעבט,
האבען מעהר געקענט פערטראגען, איידער די מענשען פון היינטי־
גען דור, וועלכע לעבען א ניכטער לעבען, קענען פערטראגען. הגם
אונזערע נאהענטע אורעלטערן האבען שווער געטרונקען, אונרעגעל־
מעסיג געלעבט, ווינציג־וואס געקוקט אויף פרישע לופט און ניט
שטארק מקפיד געווען אויף ריינליכקייט, פון דעסטוועגען זענען
זיי אים שטאנד געווען אויסצופיהרען לאנג־אנהאלטענדע ארבייט
אפילו ביז אין גרייז־גרויען עלטער אריין, און עס האט זיי ניט
געשאדט: נעהמט פאר עדות די יאהרביכער פון דעם ריכטער און

אדוואקאטען־שטאנד. און מיר, וועלכע טראכטען פיעל וועגען אונזער קערפערליכען וואוילזיין, וועלכע עסען מעסיג און טרינקען ניט איבעריג, וועלכע גיבען אכטונג אויף ווענטילאציע און וואשען אפט דעם קערפער, וועלכע מאכען יעהרליכע לוסטרייזען און האבען די נוצען פון א גרעסערען מעדיצינישען וויסען — מיר ברעכען נאכאנאנד צוזאמען אונטער דעם לאסט פון אונזער ארבייט. מיר, וועלכע שענקען א היבש ביסעל אויפמערקזאמקייט די געזעצען פון געזונד, שיינען צו זיין שוואכער אײדער אונזערע אורעלטערן, וועלכע האבען זיך געפיהרט אין פיעלע הינזיכטען כנגד די געזעצען פון געזונד. און וויל מען אורטיילען לויט דעם אויסזעהן און די אפטע חולאת'ן פון דעם וואקסענדען דור, זעהט עס אויס, אז זיי וועלען זיין ווענינגער קרעפטיג אפילו אײדער מיר זענען.

וואס איז די בעדייטונג דערפון? זאל עס זיין, אז דאס אמאליגע איבערעסען־זיך, פון די דערוואקסענע ווי פון די קינדער, איז געווען ווענינגער שעדליך אײדער דאס היינטיגע צו־ווענינג עסען, וואס מיר האבען פריהער בעשפראכען אלס אזא אלגעמיינע זאך? צי איז שולדיג אין דעם די קארגליכע קליידונג, וועלכע די איינגעבילדעטע טעאריע פון „פערהארטעווען דעם קערפער" האט אויפגעמונטערט? איז די סבה אפשר, וואס נאכגעבענדיג א פאלשען געדאנק פון פערפיינערונג, שטערט מען מעהר אדער ווענינגער די קינדערשע ספארטס? פון אונזערע ערקלערונגען קען מען ציהען דעם שלום, אז יעדע איינע פון אט די סבות האט מסתמא געהאט א חלק אין שאפען דעם שלעכטען צושטאנד. *) געווירקט אבער האט נאך א שעדליכער איינפלוס, אפשר א שטארקערער אײדער וועלכע עס איז פון די אנדערע: מיר מיינען — די צו־גרויסע גייסטיגע אנשטרענגונג.

*) מיר זענען ניט זיכער, אז פערשטיקטע פארמען פון קאנסטיטוציאנעלע קראנקהייטען, וועלכע ווערען איבערגעגעבען דורך פאקען־אימפונג, איז אויך ניט א טייל־אורזאך. פערשיעדענע פאקטען פון פאטהאלאגיע פיהרען ארויף אויפ'ן געדאנק, אז בעת דער סיסטעם פון'ם געאימפטען קינד גיט ארויס דעם וואקצין־גיפט דורך די פוסטולען, וועט זיין א ביוגונג ארויסצוגעבען דורך די אייגענעמע פוסטולען אויך אנדערע קרענקליכע מאטעריען; איבערהויפט אויב די קרענקליכע מאטעריען

אויף אלטע און יונגע צוגלייך לעגט ארויף דער דרוק פון היינטיגען לעבען אן איבערשפאנונג, וואס ווערט אלץ גרעסער און גרעסער. די שטארקע קאנקורענץ אין אלע געשעפטען און פראפעסיאנען שטרענגט אן די ענערגיע און די פעהיגקייטען פון יעדען דערוואקסענעם מענשען; און כדי צו צוגרייטען די יונגע צו קענען אנהאלטען זייערע פלעצער אונטער דער דאזיגער גרעסערער קאנקורענץ, ווערען זיי אונטערווארפען אונטער א שטרענגערער דיסציפלין ווי עס איז געווען ביז אהער. דער היזק ווערט אויף דעם אופן פערדאפעלט. די טאטעס, וועלכע מוזען ארויסיאגען פון זיך די נשמה צוליעב די קאנקורענטען וואס פערמעהרען זיך אלץ ווייטער, און מאטערענדיג זיך אונטער אזעלכע אונגינסטיגע אומשטענדען מוזען זיי אין דער זעלביגער צייט פיהרען א לעבען מיט גרעסערע הוצאות, זענען דעם גאנצען רונדען יאהר געצוואונגען צו הארעווען פון פריה ביז שפעט, ניט נעהמענדיג זיך קיין קערפערליכע איבונג און בעקומענדיג בלויז קורצע ימים טובים. זייערע קאנסטיטוציעס, וואס זענען אבגעשוואכט געווארען דורך די דאזיגע צו־גרויסע אנשטרענגונג, גיבען זיי איבער בירושה צו זייערע קינדער. און אט די פערהעלטניס־מעסיג שוואכע קינדער, וועלכע זענען בטבע גענייגט צו פאלען אונטער'ן יאך, אפילו נור געוועהנליך אנשטרענגענדיג זייערע כחות, ווערען דערנאך געצוואונגען דורכצוגעהן א גרעסערן קורס למודים, איידער די ניט־אבגעשוואכטע קינדער פון די פארצייטיגע דורות פלעגען מוזען דורכגעהן.

די אומגליקליכע פאלגען, וועלכע מען וואלט געקענט פאר־אויסזעהן, זענען טאקי אומעדום בעמערקבאר. געהט וואוהין איהר ווילט, און עס וועט אייך ניט לאנג נעהמען צו בעמערקען קינדער

זענען פון אזא מין, וואס ווערען געוועהנליך ארויסגעגעבען דורך די הויט, ווי דער פאל איז מיט איניגע פון די ערגסטע פון זיי. דעריבער איז עס גאנץ מעגליך, — אדער גאר וואהרשיינליך — אז א קינד וואס האט א קאנסטיטוציאנעלען מום, וועלכער איז ניט שטארק גענוג ארויסצו־ווייזען זיך אין א קענטיגער קראנקהייט, קען איבערגעבען, דורך די פערדארבענע וואקצין־לימפע וואס מען נעהמט פון איהם, א עהנליכען קאנסטיטוציאנעלען פעהלער צו אנדערע קינדער, און יענע ווידער צו נאך אנדערע.

אָדער יונגע לייט פוןביידע געשלעכטער, וועלכע ליידען מעהר אָדער ווייניגער פון צופיעל לערנען. דאָ איז געפונען געוואָרען פאַר נויטיג אויף אַ יאָהר אוועקצופאָהרען אין דאָרף, כדי זיך צו ערהאָלען פון אַ צושטאַנד פון שוואַכקייט, וואָס איז אויף דעם אופן געקומען. דאָרט געפינט איהר אַ כראָנישע בלוט־שפּאַרונג אין געהירן, וועלכע געדויערט שוין אַ היבשע צייט און קען נאָך אָנהאַלטען אַ סך לענגער. אָט הערט איהר וועגען אַ פיעבער וואָס איז געקומען פון צופיעל אויפרעגונג אויף אַ וועלכען עס איז אופן אין דער שוהל. און אָט ווידער, אַ מעשה מיט אַ יונגען בחור'ל, וואָס האָט שוין איינמאָל געמוזט אויפגעבען זיין שטודיום, און וועלכען, זינט ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין שוהל, מען מוז אָפט ארויסטראָגען פון קלאַס אַ גע'חלש'טען. מיר דערצעהלען פאַקטען — און מיר האָבען זיי ניט געדאַרפט געהן זוכען, נור זיי האָבען זיך אונז אליין געשפּאַרט אין די אויגען בלויז פאַר די לעצטע צוויי יאָהר, און אויך אין אַ גאַנץ בעשרענקטען קרייז. אויך האָבען מיר דערמיט נאָך בשום אופן ניט אויסגעשעפּט דאָס גאַנצע צעטיל. גאָר ניט לאַנג האָבען מיר געהאַט די געלעגענהייט צו בעמערקען ווי די דאָזיגע צרה ווערט ערבליך. דער פאַל איז פון אַ דאַמע, וואָס שטאַמט אָב פון גאַנץ קרעפטיגע עלטערן, אָבער איהר סיסטעם איז אַזוי צובראָכען געוואָרען דורך דעם רעזשים פון אַ שאָטלענדישער פּאַנסיאָן, וואו זי האָט געמוזט צופיעל ארבייטען און האָט ניט געקריגען גענוג צו עסען, אַז זי ליידט פון קאָפּשווינדעל רעגעלמעסיג יעדען מאָרגען ווען זי שטעהט אויף; און ירשה'נדיג פון איהר אַזאַ אָבגעשוואַכטען מאָרך, זענען איהרע קינדער ניט בכח צו פערטראָגען אפילו אַ קליין ביסעל שטודירען, ניט בעקומענדיג באַלד אַ קאָפּוועה אָדער שווינדעל. די צייטען קומט אונז אוים טעגליך צו זעהען אַ יונג מיידעל, וועמעס סיסטעם איז איבערגעפיהרט געוואָרען אויפ'ן גאַנצען לעבען דורך דעם קורס פון אַ הויכ־שוהל, וואָס זי איז דורכגעגאַנגען. זי איז אין שוהל אַזוי פיעל פערוואָרפען געווען מיט ארבייט, אַז עס איז איהר ניט געבליבען קיין ענערגיע צו מאַכען וועלכע עס איז קערפּערליכע איבונגען, און איצט, ווען זי האָט געענדיגט איהר בילדונג, איז זי בעשטענדיג ליידענד. איהר אַפּעטיט איז שוואַך און קאַפּריזנע, און זי קען מעהרסטענטיילס ניט אָנקוקען

קיין פלייש; די פיס און הענד שטענדיג קאלט אפילו ווען עס איז א ווארים וועטער; זי איז אזוי שוואך, אז זי קען גארנישט טהון אחוץ זעהר לאנגזאם שפאצירען, און דאס אויך נור א קליינע ווײלע; ארויפגעהענדיג אויף די טרעפ קריגט זי א הארץ־קלאפען; איהר ראיה איז זעהר אבגעשוואכט — דאס, צוזאמען מיט אן אב־געשטעלטען וואוקס און שיטערע מוסקולען, זענען אייניגע פון די רעזולטאטען, וואס איהר שוהל־ארבייט האט מיטגעבראכט. און מיר קענען צוגעבען צו איהר פאל אויך דעם פאל פון איהרע א פריינדין און מיט־שילערין, וועלכע איז פונקט אזוי שוואך, וועלכע קען אוועק׳חלשען אפילו פון דער לייכטער אויפרעגונג אין א דור־היגער מסיבה פון פריינד, און וועלכע איז ענדליך געצוואונגען, אויף איהר דאקטאר׳ס ראטה, אויפצוגעבען דאס שטודיום אין גאנצען.

אויב אזעלכע בולט׳ע שאדענס קומען אזוי אפט פאר, הײנט ווי זעהר אלגעמיין פערשפרייט מוזען שוין זיין די קלענערע און ניט קענטיגע שאדענס! פאר יעדען איין פאל וואו מען קען געפינען די סבה פון פאזיטיווע קראנקהייטען אין א צו־גרויסער התמדה, זענען אודאי פאראן א האלב דוצען פעלען, וואו דער היזק איז ניט בולט און וואקסט אן לאנגזאם — פעלען וואו די פונקציעס זענען אפט צורודערט און מען שרייבט עס צו צו פערשיעדענע ספע־ציעלע אורזאכען אדער צו אן ערבלקייט פון קאנסטיטוציע; פעלען וואו דער געוואוקס פון קערפער געהט אן לאנגזאם, אדער ער הערט גאר אין גאנצען אויף פאר דער צייט; פעלען וואו די אנשטרענגונג רופט ארוים א בעהאלטענע טענדענץ פון אויסצעהרונג און ענט־וויקעלט זיך; פעלען וועלכע גיבען אן אנלאגע פאר דעם הײנטיגען אפטען געהירן־פעהלער, וואס די אנשטרענגונגען פון דערוואקסענעם לעבען ברײנגען אן. ווי אפט דער געזונד ווערט אויף דעם אופן אונטערגעבראכען, קען אלעמען קלאר ווערען, וועלכע וועלען בע־מערקען די אפטע קרענקליכקייט פון די איבער־געארבייטע פראפ־פעסיאנעלע מענשען און געשעפטסלייט, און דאן נאכדענקען וועגען די פיעל־ערגערע ווירקונגען, וואס א צו־גרויסע התמדה מוז מאכען אויף די נאך־ניט־ענטוויקעלטע סיסטעמען פון קינדער. די יונגע קענען ניט פערטראגען, ניט אזוי פיעל לײדען, ניט אזוי פיעל פיזישע אדער גייסטיגע אנשטרענגונגען, ווי די אויסגעוואקסענע. הײנט

אורטיילט, אויב די אויסגעוואקסענע ליידען גאנץ אפען פון דער צו־שטארקער גייסטיגער אנשטרענגונג וואס עס פאדערט זיך פון זיי, איז ווי גרויס מוז שוין זיין דער שאדען, וואס א גייסטיגע אנ־שטרענגונג, וועלכע איז אפט פונקט אזוי צו־גרויס, מוז אנטהון די יונגע!

אין דער אמת׳ן, ווען מיר אונטערזוכען דעם אונדערבארימדיגען שוהל־רעזשים, וואס ווערט אפט דורכגעפיהרט, איז דער וואונדער, ניט וואס עס טהוט אן גרויסע שאדען, נור וואס מען קען איהם איבערהויפט אויסהאלטען. נעהמט דעם פאל, וואס סער דזשאהן פארבעס האט געגעבען אויס זיין פערזענליכער אונטערזוכונג, און וועלכער איז א דורכשניטס־מוסטער, ווי ער בעהויפטעט, נאך פיעל
וועלכער איז א דורכשניטס־מוסטער, ווי ער בעהויפטעט נאך פיעל
לאנד. אויסלאזענדיג די פרטים׳דיגע איינטיילונגען פון דער צייט, ברייננגען מיר דא דעם סך הכל פון די גאנצע פיער און צוואנציג שטונדען: —

אין בעט — — — — — — — — — — 9 שטונדען.
(די יונגערע 10 שטונדען).
אין קלאס, לערנענדיג און מאכען אויפגאבען, 9 שטונדען.
אין קלאס אדער צו הויז, די עלטערע לערנענדיג אדער ארבייטענדיג, ווי זיי ווילען, די יונגערע שפיעלענדיג — — — — — — — 3½ שטונדען.
(די יונגערע 10 שטונדען).
ביים טיש עסענדיג — — — — — — — — 1½ שטונדען.
איבונגען אויפ׳ן פרייען לופט, אין דער פארם פון רעגעלמעסיגע שפאציערגיינג, אפט מיט די ביכלעך אין האנד, און דאס אויך נור ווען דער וועטער אין דער בעשטימטער צייט איז שעהן — — — — — — — — — 1 שטונדע.

———

24 שטונדען.

און וואס זענען די רעזולטאטען פון אט דעם „ערשטוינענדען רעזשים“, ווי סער דזשאהן פארבעס רופט איהם אן? עס פער־שטעהט זיך, שוואכקייט, בלייכקייט, מוטהלאזיגקייט אלגעמיינע

אומגעזונדטקייט. ער בעשרייבט אָבער נאָך עפּעס וואָס קומט אַרויס הערפון. דאָס דאָזיגע פּעראַכטען לגמרי דעם וואוילזיין פון קערפּער צוליעב דעם שטאַרקען פערלאַנג צו בילדען דעם גייסט — די צו־לאַנגע איבונג פון גייסט און צו־קנאַפּע איבונג פון די גליעדער — אַט דאָס האָט ער אויסגעפונען ברייננגט געוועהנליך ניט נור געשטערטע פונקציעס, נור אויך אַ שלעכטען קערפּערגעבוי. ער זאָגט: — „מיר האָבען אַן־אומעלט בעזוכט אין אַ גרויסער שטאָדט אַ פּאַנסיאָן, וואָס האַלט פּערציג מיידלעך; און מיר האָבען זיך דערוואוסט, גענוי און פּינקטליך אויספאָרשענדיג, אַז פון די אַלע מיידלעך וואָס זענען דאָרט געווען צוויי יאָהר (און די מעהרצאָהל איז דאָרט געווען אזוי לאַנג) איז נ י ט ג ע ו ו ע ן ק י י ן א י י נ ע, וואָס זאָל ניט זיין מעהר אָדער וועניגער ק ר ו ם ג ע ו ו א ק ס ע ן!“

מעגליך אַז זינט דעם יאָהר 1833, ווען ער האָט דאָס געשריבען, זענען פאָרגעקומען אייניגע פערבעסערונגען. מיר האָפען אַז עס איז פאָרגעקומען. אָבער אַז דער סיסטעם איז נאָך אַלץ אַ געוועהנליכע זאַך — יאָ, אַז ער ווערט אין אייניגע פעלען געטריבען נאָך מעהר עקסטרעם ווי אימער — קענען מיר פּערזענליך עדות זאָגען. אונלענגסט זענען מיר דורכגעגאַנגען אַן אינסטיטוט פאַר יונגע לייט: איינער פון די וואָס זענען אין די לעצטע יאָהרען געגרינדעט געוואָרען מיט׳ן צוועק צו שאַפען גוט־דיסציפּלינירטע לעהרער פאַר שוהלען. דאָרט, אונטער אָפּיציעלען אויפזיכט, וואו מען וואָלט געמעגט דערוואַרטען עפּעס אַ בעסערען אורטייל איידער פון אויפזעהערקעס אין אַ פּריוואַט־שוהל, האָבען מיר געפונען די פאָלגענדע טעגליכע רוטין: —

אום 6 אוהר ווערען די שילער אויפגעוועקט,
פון 7 ביז 8 לעקציאָנען,
פון 8 ביז 9 ביבעל־לעזען, געבעט, און פרישטאָק,
פון 9 ביז 12 לעקציאָנען,

פון 12 ביז 1¼ פריי, נאָמינעל בעשטימט אויף דורכגעהן זיך אָדער פאַר אַנדערע איבונגען, אָבער אָפט פערבראַכט אין לערנען,

פון 1¼ ביז 2 מיטאָג, דאָס עסען פערנעהמט געוועהנליך צוואַנציג מינוט,

פון 2 ביז 5 לעקציאָנען,
פון 5 ביז 6 טהעע און רוה,
פון 6 ביז 8½ לעקציאָנען,
פון 8½ ביז 9½ פריוואַטע לעקציאָנען, פאָרצובערייטען די למודים אויף מאָרגען,
אום 10 אוהר צו בעט.

פון די פיער און צוואַנציג שטונדען, הייסט עס, זענען אַכט אָבגעגעבען אויף שלאָפען; פיער און אַ פערטיל זענען פערנומען מיט אָנטהון זיך, זאָגען ברכות, עסען און קורצע פעריאָדען פון אָברוה אין צווישען; צעהן און אַ האַלב שטונדען ווערט אָבגעגעבען אויף לערנען, און איין שטונדע מיט אַ פערטיל אויף איבונגען, וועלכע זענען ניט קיין מוז און אָפט ווערען ניט געטהון. די צעהן און אַ האַלב שטונדען פון דער פאָרגעשריבענער צייט צום לערנען, ווערען אָבער אָפט ניט נור גאַנצע עלף און אַ האַלב, דערמיט וואָס די צייט פאר איבונגען ווערט אויך אָבגעגעבען אויף די ביכער, נור אַנדערע שילער שטעהען אויף פיער אוהר פאַרטאָג צו מאַכען זייערע לעקציאָנען; און זייערע לעהרער רעדען זיי פאַקטיש צו האָס צו טהון! דער קורס וואָס זיי דאַרפען דורכגעהן איז אַזאַ גרויסער; און די לעהרער, וועמעס קרעדיט העננגט אָב פון גוט דורכפיהרען זייערע תלמידים דורך די עקזאַמענס, זענען אַזוי דרינגענד, אַז די שילער פיהלען זיך גאַנץ אָפט געצוואונגען צו פערברייגנגען צוועלף און דרייצעהן שטונ־דען אַ טאָג אויף גייסטיגע ארבייט!

מען דאַרף ניט זיין קיין נביא פאָראויס צו זעהען, אַז דאָס מוז ברענגען אַ גרויסען שאָדען פאר'ן קערפער. ווי איינער פון די שילער האָט אונז דערצעהלט, ווערען די וואָס קומען דאָרט אָן מיט רויטע פנים'ער, באַלד אויסגעבלייכט. קראַנקהייט איז אַן אָפטער גאַסט: עס געפינען זיך אַלע מאָל עטליכע אויף'ן קראַנ־קען־צעטיל. פערלירען דעם אַפעטיט און ניט קענען פערדייהען דאָס עסען זענען געוועהנליכע זאַכען. אַ שוואַכער מאָגען (שלשול) איז דאָרט אַ שטענדיגע חולאת: ניט זעלטען ליידען דערפון אַ דריטעל פון דער גאַנצער צאָהל שילער אויף איין מאָל. אַלע קלאָגען זיך אויף קאָפּ־וועה; אַנדערע ליידען דערמיט כמעט טעג־ליך חדשים נאָכאַנאַנד. אַ געוויסער פראָצענט ווייעדער פאַלען

אוועק אין גאנצען אונטער דער לאסט און געהען אוועק פון דארט'ן.

אז דאס זאל זיין דער רעזשים פון א שוהל, וועלכע איז אין א געוויסען גראד א מוסטער אינסטיטוט, וועלכער איז עטאבעלירט און געפיהרט פון דער פערקערפערטער אויפקלעהרונג, אזוי צו זאגען, פון דער היינטיגער צייט, איז א חדוש'דיגער פאקט. אז די שטרענגע עקזאמענס, אינאיינעם מיט דער קורצער צייט וואס ווערט געגעבען צו קענען זיך פארבערייטען פאר זיי, זאל מאכען נויטיג אנצונעהמען א סיסטעם, וועלכער גראבט אונפערמיידליך אונטער דעם געזונד פון די וואס מוזען איהם דורכמאכען, איז א בעוויז, אויב ניט פון גרויזאמקייט, ניט אנדערש ווי פון א קלעגליכער אונוויסענהייט.

דער פאל איז אהן צווייפעל אין א געוויסען גראד אן אויסנאהמע — אפשר געפינט ער צו זיך א גלייכען נישט מעהר ווי אין אנדערע אינסטיטוטען פון דעמזעלביגען קלאס. אבער דער פאקט וואס עס קענען זיך איבערהויפט איינגעפינען אזוינע עקסטרעמע פעלען, איז א גענינענדער בעוויז, אז די מוחות פון דעם נייעם דור ווערען צופיעל אנגעשטריינגט. אזוי ווי די דאזיגע אינסטיטוטען דריקען אויס די אידעען פון דער געבילדעטער געזעלשאפט, קען מען זעהן אין זייערע פאדערונגען, אפילו ווען עס וואלטען גאר קיינע אנדערע בעווייזען ניט געווען, א הערשענדע טענדענץ צו א צופיעל געשפאנטען סיסטעם פון בילדונג.

עס זעהט אויס זאנדערבאר וואס מען איז אזוי ווייניג בעוואוסטזיניג וועגען די געפאהרען פון צופיעל בילדונג אין משך פון דער יוגענד, בעת עס איז דא אזא אלגעמיינער בעוואוסטזיין וועגען די געפאהרען פון צופיעל בילדונג אין משך פון דער קינדהייט. דאס רוב עלטערן האבען טיילווייז א ידיעה וועגען די שלעכטע פאלגען וואס קומען פון א קינדערשער פאר־דער־צייטיגער ענטוויקלונג. אין יעדען קלאס פון דער געזעלשאפט קען מען הערען א פארוואורף פאר אזוינע עלטערן וואס סטימולירען צו־פריה די מוחות פון זייערע קליינע קינדער. און וואס מעהר מען פערשטעהט די ווירקונגען פון דעם, אלץ גרעסער איז דער שרעק פאר דער דאזיגער צו־פריהער רייצונג: נעהמט פאר אן עדות, צ. ב. ש. די מיינונג פון איינעם פון אונזערע העכסט בעריהמטע פראפעסארען פון פיזיאלאגיע,

וועלכער האָט אונז געזאָגט, אַז ער האָט בדעה ניט צו לאָזען זיין קליין יונגעל לערנען קיינע למודים ביז ער וועט זיין אכט יאָהר אַלט. בעת אָבער וואָס עס איז שוין פאַר אַלעמען אַ בעקאַנטע וואַרהייט, אַז אַן איבערגעשפּאַנטע ענטוויקלונג פון׳ם שכל אין דער פעריאָדע פון קינדהייט איז גורם אָדער קערפּערליכע שוואַכקייט, אָדער שפּעטערדיגע שטומפּזיניגקייט, אָדער גאָר אַ פריהען טויט; זעהט עס אויס ווי קיינער וואָלט גאָר ניט איינגעזעהן, אַז דיזעלביגע וואַרהייט איז אויך ריכטיג אין דער גאַנצער פעריאָדע פון יוגענד. און דאָך איז גאָר קיין פראַגע ניט, אַז עס איז אַזוי. די פעהיגקייטען וויקלען זיך פאַנאַנדער אין אַ געוויסער אָרדנונג און לויט אַ געוויסען ערך. אויב דער קורס פון ערציהונג פּאַסט זיך צו צו דער דאָזיגער אָרדנונג און צו יענעם ערך, איז גוט. אויב ניט — אויב מען שטרענגט צו־פריה אָן די העכערע פעהיגקייטען, געבענדיג זיי אַ מעהר קאָמפּליצירטען און אַבסטראַקטען סאָרט וויסען איידער זיי קענען עס לייכט פערנעהמען; אָדער אויב דער שכל בכלל ווערט דורך צופיעל בילדונג ענטוויקעלט אויף אַ שטופע ווייטער איידער עס איז נאַטירליך פאַר זיין עלטער; דאַן וועט דער געוואונענער אונגאָרמאַלער פאָרצוג אונבעדינגט זיין בעגלייט פון עפּעס אַ צרה, וועלכע איז אַקוראַט אַזוי גרויס, אָדער שטייגט נאָך אַריבער דעם פאָרצוג.

וואָרים די נאַטור איז אַ שטרענגע בוכהאַלטערין; און אויב איהר פערלאַנגט פון איהר אין איין ריכטונג מעהר וויפיעל זי איז גרייט אויסצולעגען, באַלאַנסירט זי דעם חשבון דערמיט וואָס זי ציהט אָב פון ערגיץ אַנדערסוואו. אויב איהר וועט זי לאָזען גע׳ן איהר אייגענעם וועג, און זעהען איהר צו פערשאַפען, אין אַ ריכטיגער מאָס און פון דעם ריכטיגען סאָרט, די רויהע מאַטעריאַלען פון קערפּערליכען און גייסטיגען וואַקסען, וועלכע פאָדערן זיך ביי יעדען עלטער, וועט זי מיט דער צייט שאַפען אַן אינדיווידום, וואָס איז מעהר אָדער וועניגער גלייכמעסיג ענטוויקעלט. אויב אָבער איהר האָט זיך איינגע׳עקשנט און ווילט האָבען אַ פאַר־דער־צייטיגען אָדער אַן איבערמעסיגען וואַקסען פון אַ וועלכען עס איז איינציגען טייל, וועט זי פּראָטעסטירען, מעהר אָדער וועניגער, און אויך נאָכגעבען דעם פּונקט; אָבער כדי זי זאָל קענען טהון די

עקסטרא ארבייט וואָס איהר פערלאנגט פון איהר, מוז זי לאָזען ניט געטהון איהרע אנדערע מעהר וויכטיגע ארבייט. מען טאָר קיינמאָל ניט פערגעסען, אז די סומע פון לעבענס־ענערגיע, וואָס דער קערפער בעזיצט אין יעדען געגעבענעם מאָמענט, איז א בעגרעניצטע; און אז, וויבאלד זי איז בעגרעניצט, איז אונמעגליך ארויסצוקריגען פון איהר מעהר איידער א פעסט־בעשטימטע צאָהל פון רעזולטאטען. די פאָדערונגען ביים קינד אָדער יונגלינג, וואָס ווערען געשטעלט דער דאָזיגער לעבענסענערגיע, זענען פערשיידענע און דרינגענדע. ווי עס איז פריהער אָנגעציינט געוואָרען, דאָס וואָס איז אָבגענוצט געוואָרען דורכ'ן טאָג דורך די קערפערליכע בעוועגונג, מוז פערריכט ווערען; וואָס דער מארך האָט פערלאָרען פון דעם טאָג לערנען, מוז צוריקגעגעבען ווערען; מען מוז בעזאָרגען פאר א געוויסער סומע, וואָס עס דארף צוקומען צום וואוקס פון קערפער, און אויך פאר א געוויסען צוקומען צום וואוקס פון מארך: דערצו נאָך מוז צוגעלעגט ווערען די סומע ענערגיע וואָס ווערט פערצעהרט אין פראָצעס פון פערדייהען דעם גרויסען סכום שפייז, וועלכער פאָדערט זיך אויף צו דערפילען אָט די אַלע פאָדערונגען. אַלזאָ, אז נעהמען א גרעסערע מאָס פון ענערגיע און אוועקפיהרען עס אין איינעם פון אָט די קאנאלען, הייסט אָבציהען עס פון די אנדערע קאנאלען, — איז א ווארהייט וואָס איז אי קלאָר א־פ ר י אָ ר י (לכתחילה), אי בעוויזען א־פ אָ ס ט ע ר י אָ ר י (לאחר המעשה) פון יעדען איינעמס ערפאהרונג. יעדער איינער וויים, צום ביישפיעל, אז די פערדייהונג פון א שווערען מאָהלצייט מאכט אזא אָנגריף אויפ'ן גאנצען סיסטעם, אז עס ברייננגט אָן א פוילקייט פון גייסט און פון קערפער, וואָס טרייבט אָפטמאָל ארויף א שלאָף. יעדער איינער וויים אויך, אז צופיעל קערפערליכע בעוועגונג פערקלענערט די קראפט פון דענקען — אז אין דער וויילע וואָס מען פיהלט זיך שוואך נאָך עפעס א פלוצליכע אָנשטרענגונג, אָדער בעת מען פיהלט זיך מיעד נאָך א לאנגען שפאציערגאנג, איז מען ניט אויפגעלעגט צו טהון גייסטיגע ארבייט; אז נאָך א פוס־רייזע פון א מאָנאט צייט פיהלט מען אזא גייסטיגע אינערציע, אז עס נעהמט איינינע טעג איידער מען קען קומען צו־זיך; און אז ביי בויערן, וועלכע פערברייגען זייער גאנצען לע־

בען אויף מוסקול־ארבייט, איז די גייסטיגע טהעטיגקייט זעהר א קליינע. עס איז ווידער א בעקאנטע ווארהייט, אז אין פערלויף פון די אנפעלען פון שנעלען וואקסען, וואס פאסירען מאנכעסמאל אין דער פעריאדע פון קינדהייט, ווערט אבגעצויגען אזוי פיעל ענערגיע, אז עס לאזט איבער בעת מעשה דעם קערפער און גייסט אין אן אונמעכטיגען צושטאנד. נאך אמאל, די פאקטען, אז א גע־וואלטיגע מוסקול־אנשטרענגונג גלייך נאכ'ן עסען, שטעלט אב דעם פראצעס פון פערדייהונג, און אז די קינדער, וועלכע מען שטעלט צו־פריה טהון שווערע ארבייט, בלייבען ניט־דערוואקסען, ווייזען אויך אן אויף דעם אנטאגאניזם — האלטען, ד. ה., אויך איין דעם גערדאנק, אז צופיעל טהעטיגקייט אין איין ריכטונג מיינט צו־ווייניג טהעטיגקייט אין אנדערע ריכטונגען. אבער דאס געזעץ וואס איז אט אזוי קלאר אין די עקסטרעמע פעלען, איז אויך ריכטיג אין אלע פעלען. אט די שעדליכע ענערגיע־אבציהונגען קומען פאר אקוראט אזוי געוויס, ווען די אונגעהעריגע פאדערונגען זענען לייכטע און שטענדיגע, ווי ווען זיי זענען שווערע און פלוצליכע. איז דע־ריבער, אויב די אויסגאבען אויף גייסטיגע ארבייט, אין פערלויף פון דער יוגענד פעריאדע, שטייגען אריבער די סומע וויפיעל די נאטור האט אנגעגרייט, פאלען ארונטער די אויסגאבען פאר אנ־דערע צוועקען אויף א קלענערע סומע ווי עס האט געזאלט זיין, און דאס מוז אונפערמיידליך מיטברייגגען געוויסע רעות פון איין סארט אדער פון אן אנדערן. לאמיר אין קורצען בעטראכטען אט די רעות.

נעהמען מיר אן אז די איבער־טהעטיגקייט פון געהירן שטייגט אריבער די נארמאלע טהעטיגקייט נישט מעהר ווי אין א קליינעם גראד, יעמאלט וועט עס נישט מעהר מאכען ווי עפעס א לייכטע רעאקציע אויף די ענטוויקלונג פון קערפער: דער וואוקס וועט אביסעל הינטערשטעליג בלייבען לגבי דעם וואס ער וואלט זאנסט געקענט דערגרייכען; אדער די שווערקייט פון חומר וועט זיין עפעס קלענער ווי זי וואלט געקענט זיין; אדער די קוואליטעט פון די געוועבען וועט ניט זיין אזא גוטע. איינע אדער מעהרער פון אט די ווירקונגען מוזען אונבעדינגט טרעפען. דער עקסטרא סכום פון בלוט וואס געהט צום געהירן בעת דער גייסטיגער ארבייט, ווי

אויך אין דער צייט נאכדעם, בעת עס ווערט פעררינכט וואס עס איז אבגענוצט געווארען פון דעם געהירן־מאטעריאל, איז בלוט וואס וואלט זאנסט צירקולירט דורך די גליעדער און די איינגעווייד; און די מעגליכקייט פון וואקסען און פעררינכטען, פאר וועלכע דאס דאזיגע בלוט וואלט געבראכט די נויטיגע שטאפען, איז פערלארען. אזוי ווי אט די פיזישע רעאקציע איז א זיכערע, איז נור א פראגע, צי דער געווינס וואס קומט פון דער עקסטרא בילדונג קען זיך אויסגלייכען מיט דעם פערלוסט? — צי דער חסרון אין קערפערליכען וואוקס, אדער די פגימה אין דער דאזיגער סטרוקטור־פאלקאמענהייט, וואס גיט דעם קערפער קראפט און דויערהאפטיגקייט, ווערט פערגיטיגט דורך די ביסעל מעהר קענטנים וואס איז צוגעקומען?

ווען אבער די מאס פון דער גייסטיגער איבער־ארבייט איז א גרעסערע, יעמאלט וועלען ארויסקומען דערפון א סך ערנסטערע רעזולטאטען; אזעלכע וואס וועלען ניט נור האבען א בעדייטונג געגען די קערפערליכע פאלקאמענהייט, נור אויך געגען די פאלקאמענהייט פון געהירן גופא. עס איז א פיזיאלאגיש געזעץ, וואס איז צוערסט אנגעוויזען געווארען פון *איזידאר סען הילעיר*, און *ליואיס* האט אויף דעם אויפמערקזאם געמאכט אין זיין אבהאנדלונג וועגען „קארליקעס און ריעזען", אז עס איז פאראן אן אנטאגאניזם צווישען *געוואוקס* און *ענטוויקלונג*. אונטער „געוואוקס", ווי דאס ווארט ווערט געברויכט אין אט דעם געגענזעצליכען זין, דארף מען פערשטעהן דאס *צוקומען אין גרויס* פון קערפער; אונטער „ענטוויקלונג" — דאס *צוקומען אין געבוי*. און דאס געזעץ איז: גרויסע טהעטיגקייט אין איינעם פון אט די פראצעסען, שליסט איין לאנגזאמקייט אדער שטילשטאנד אין דעם אנדערן. א בעקאנטער ביישפיעל זענען די פעלען פון דעם מאטיל־ווארים און דער אינסעקטען־פופע. אין דעם מאטיל־ווארים געהט אן א זעהר שנעלע פערגרעסערונג פון חומר, אבער די סטרוקטור זיינע, ווען ער איז אין גאנצען אויסגעוואקסען, איז קוים עפעס א האר מעהר קאמפליצירט איידער ווען ער איז געווען קליין. אין דער אינסעקטען־פופע פערגרעסערט זיך דער חומר גארניט; פערקעהרט, אויף אט דער שטופע פון דער בריה'ס לעבען פערלירט זיך

גאַר געוויכט; אָבער דערפאַר געהט אָן זעהר טהעטיג די אויס־
ארבייטונג פון א מעהר קאָמפּליצירטער סטרוקטור. דער געגענזאַץ,
וואָס איז דאָ אַזוי קלאָר, לאָזט זיך ניט אזוי גוט אויסשפּיהרען
ביי די העכערע ברואים, ווייל די ביידע פּראָצעסען געהען ביי זיי
אָן צוזאַמען. מיר קענען עס פון דעסטוועגען גאַנץ גוט זעהען
ביי אונז אַליין, ווען מיר בעטראַכטען דעם קאָנטראַסט צווישען
די געשלעכטער. א מיידעל ענטוויקעלט זיך שנעל אין קערפּער און
אין גייסט, און הערט אויף צו וואַקסען פערהעלטניסמעסיג פריה.
א יונגעל'ס קערפּערליכע און גייסטיגע ענטוויקלונג איז לאַנגזאַמער
און זיין וואוקס איז גרעסער. אין דעם עלטער ווען זי איז רייף,
גענענדיגט, און אין פולען בעזיץ פון אלע איהרע פעהיגקייטען, איז
דער אַנדערער, וועמענס לעבענס ענערגיען זענען מעהר דירעקטירט
געוואָרען אויף די פערגרעסערונג פון געוואוקס, לפי ערך אונפאָל־
קאָם אין סטרוקטור; ווי מען זעהט עס ארוים אין זיין פערהעלט־
ניסמעסיגער אונגעשיקטקייט קערפּערליך און גייסטיג. דאָס דאָ־
זיגע געזעץ איז ריכטיג וועגען יעדען בעזונדער טייל פון'ם אָרגאַ־
ניזם, אַזוי גוט ווי פון דעם גאַנצען אָרגאַניזם. יעדער אונגאָרמאַל־
שנעלער פּאָרטשריט פון א וועלכען עס איז אָרגאַן אין פּרט פון
סטרוקטור, איז מחיב א פּאַר־דער־צייטיגען אָבשטעל אין וואַקסען;
און דאָס פּאַסירט פונקט אַזוי זיכער מיט דעם אָרגאַן פון שכל, ווי
מיט יעדען אַנדער אָרגאַן. דער געהירן, וועלכער איז אין די ערסטע
יאָהרען לפי ערך גרויס אין מאַסע אָבער ניט־פּאָלקאָם אין סטרוקטור,
וועט דורכמאַכען, אויב מען וועט איהם טרייבען צו־טהעטיג צו
פּערריכטען זיינע פונקציעס, א גרעסערן סטרוקטור־פּאָרטשריט ווי־
פיעל עס איז אָנגעמאָסטען פאַר זיין עלטער; אָבער די שפּעטערדיגע
ווירקונג וועט זיין — א הינטערשטעליגקייט אין דער גרויס און
קראַפט, וועלכע דער געהירן וואָלט זאָנסט געגרייכט. און דאָס איז
א טייל־אורזאַך — וואהרשיינליך דער הויפּט טייל — פאַר וואָס
די פּאַר־דער־צייט צייטיגע קינדער, און די יונגלייט וועלכע האָבען
ביז א געוויסער צייט אַלעמען אריבערגעיאָגט, שטעלען זיך מיט
אַמאָל אָב אַזוי אָפט, און מאַכען צום נאַרען זייערע עלטערן'ס
גרויסע האָפנונגען.

אָבער אָט די רעזולטאַטען פון צופיעל בילדונג, ווי אומגליקליך

זיי זענען ניט, זענען זיי אפשר אַלץ ניט אַזוינע אומגליקליכע, ווי די ווירקונגען וואָס דאָס מאַכט אויפ'ן געזונד — די קאָנסטיטוציע פון קערפּער וואָס ווערט אונטערגעבראָכען, די אָבגעשוואַכטע כחות, די קרענקליכע געפיהלען. די נייערע ענטדעקונגען אין דער פיזיאָלאָגיע האָבען בעוויזען ווי געוואַלטיג גרויס עס איז דער איינפלוס פון געהירן אויף די פונקציעס פון קערפּער. די פערדייהונג, די צירקולאַציע, און דורך זיי א ל ע אָרגאַנישע פּראָצעסען, ווערען טיעף אָנגעגריפען דורך די אויפרעגונג פון מוח. ווער עס האָט געזעהן, ווי עס איז אונז אויסגעקומען צו זעהן, נאָכגעמאַכט דעם עקספּערימענט וואָס ו ו ע ב ע ר האָט געמאַכט צום ערסטען מאָל, וועלכער בעווייזט וואָס עס ווערט ווען מען רייצט אויף דעם נערוו ו ו א ג ו ס, וועלכער פערבינדעט דעם געהירן מיט די אינע־וועניגסטע אָרגאַנען — ווער עס האָט געזעהן ווי פון אויפרייצען דעם דאָזיגען נערוו הערט דאָס האַרץ פּלוצלונג אויף צו קלאַפּען; ווי עס פאַנגט לאַנגזאַם אָן ווידער צו קלאַפּען, אַזוי באַלד ווי מען הערט אויף די רייצונג, און עס הערט ווידער אויף צו קלאַפּען אין דעם אייגענעם מאָמענט וואָס מען בעגייט די רייצונג — דער וועט האָבען אַ לעבעדיגען בעגריף וועגען דעם שווערען איינפלוס וואָס אַן איבערגאַמטערטער געהירען האָט אויפ'ן קערפּער. די ווירקונגען, וועלכע ווערען אָט אַזוי דערקלערט פיזיאָלאָגיש, קען מען טאַקי אויך זעהן פון ביישפּיעלען אין דער געוועהנליכער ערפאַהרונג. עס איז ניטאָ דער מענש וואָס האָט ניט געפיהלט דאָס האַרץ־קלאַפּעניש, וואָס קומט פון האָפנונג, מורא, אָדער פרייד — ניטאָ קיינער וואָס האָט ניט בעמערקט ווי געמאַטערט און שוואַך עס ווערט די ארבייט פון האַרץ בעת די דאָזיגע געפיהלען זענען געוואַלטיג שטאַרקע. און אויב אפילו אַ סך מענשען האָבען קיינמאָל ניט געליטען אַזא שטאַרקע געמיטה־אויפרעגונג, פון וועלכער דאָס האַרץ הערט אין גאַנצען אויף צו קלאַפּען און מען חלש'ט אוועק, פון דעסטוועגען ווייס יעדער איינער, אַז אין דעם איז דאָ אַ פערבינדונג פון אורזאַך און ווירקונג. עס איז אויך אַ בעקאַנטער פאַקט, אַז דער מאָגען ווערט פערדאָרבען פון אַ גייסטיגער אויפרעגונג, וועלכע שטייגט אריבער אַ געוויסען גראַד. פערלירען דעם אַפּעטיט איז אַ געוועהנ־ליכער רעזולטאַט סיי פון זעהר אנגענעהמע, סיי פון זעהר שמערצ־

ליכע צושטענדען פון גייסט. אויב די זאך וואס ברענגט אן אנגע־נעהמען אדער שמערצליכען צושטאנד פון גייסט פאסירט באלד נאכ'ן עסען, טרעפט גאנץ אפט אז הער מאגען גיט אב צוריק דאס עסען, אדער ער פערדייהט עס מיט גרויסע שווירינקייטען, און פראקטעסטירענדיג בעת מעשה. און ווי יעדער איינער וואס שטרענגט פיעל אן זיין מוח קען עדות זאגען, קען אפילו די ריין־אינטעלעקטועלע ארבייט, אויב זי איז נור איבערמעסיג, ארויסברייגגען עהנליכע ווירקונגען. די שיכות צווישען געהירן און קערפער, וועלכע זעהט זיך אן אזוי קלאר אין אט די עקסטרעמע פעלען, האלט אוים פונקט אזוי פיעל אין די געוועהנליכע, וועניגער־אנזיכטיגע פעלען. פונקט ווי אט די געוואלטיגע אבער צייטווייליגע אויפרעגונגען פון מוח ברייננען געוואלטיגע אבער צייטווייליגע שטערונגען אין די אינגעווייד; אזוי רופען ארוים די וועניגער־געוואלטיגע אבער כראנישע מוח־אויפרעגונגען, וועניגער געוואלטיגע אבער כראנישע שטערונגען אין די אינגעווייד. דאס איז ניט קיין סתם סברא, עס איז א ווארהייט, אויף וועלכע יעדער ארצט קען עדות זאגען, און פאר וועלכע א לאנגע און טרויעריגע ערפאהרונג גיט אונז פער־זענליך די מעגליכקייט צו זיין אן עדות. פערשיידענע שטופען און פארמען פון קערפערליכער צורודערונג, וואס דויערט אפטמאל יאהרען פון געצוואונגענער רוה איידער מען קען עם טיילווייז צו־רעכט מאכען, זעגען די רעזולטאטען פון אט דער פערלענגערטער איבער־אנשטרענגונג פון מוח. מאנכעס מאל ווערט דאס הארץ דערהויפט אנגעגריפען: שטענדיגעס הארץ־קלאפען, א זעהר אב־געשוואכטער פולס, גאר אפט א קלענערע צאהל פולס־שלעג, פון צוויי און זיבעציג אויף זעכציג אדער נאך וועניגער. מאנכעסמאל איז די הויפט צרה אין מאגען: עס ברייננט א מאגען־פעהלער, וועלכער מאכט דאס לעבען צו לאסט און פאר וועלכען די איינציגע רפואה איז נור די צייט. אין א סך פעלען ווערען ביידע אנגעגריפען, אי דאס הארץ, אי דער מאגען. מעהרסטענטיילס איז דער שלאף א קורצער און איבערגעריסענער. און גאר אפט איז די שטימונג א מעהר אדער וועניגער געדריקטע.

איצט בעטראכט ווי גרוים מוז זיין דער שאדען, וואס מען טהוט אן די קינדער און יונגע לייט דורך די צו־גרויסע גייסטיגע

אויפרעגונג. מעהר איידער א נארמאלע סומע קאפ־ארבייט וועט אונבעדינגט ברייננען מעהר אדער וועניגער פון דער דאזיגער קער־פערליכער צורודערונג; און אויב די אנשטרענגונג איז ניט אזא גרויסע, וואס זאל אנברייננען אן אבסאלוטע קראנקהייט, וועט זי זיכער שאפען א לאנגזאם־ענטוויקלענדע פערדארבונג פון קערפער־בוי. מיט א קנאפען, מפונק'דיגען אפעטיט, מיט אן אונפאלקאמענער פערדייהונג און אן אבגעשוואכטער צירקולאציע, ווי אזוי קען דער קערפער וואס האלט זיך אין ענטוויקלען אנהויבען בליהען? די ריכטיגע ארבייט פון יעדען לעבענס־פראצעס הענגט אב פון א גע־ניגענדען צופלוס פון גוטעם בלוט. אהן גענוג גוטעם בלוט קען קיין דריזע ריכטיג ניט ארויסגעבען איהר זאפט, קען קיין ארגאן ניט ערפילען אין גאנצען זיין עובדא. אהן גענוג גוטעם בלוט קען קיין נערוו, מוסקול, הייטעל אדער אנדער געוועב ניט פערריכט ווערען ווי עס דארף צו זיין. אהן גענוג גוטעם בלוט וועט דאס וואקסען ניט זיין קיין געזונטער און ניט קיין גענינענדער. היינט זייט זיך משער ווי שלעכט עס וועלען מוזען זיין די רעזולטאטען, אויב דער אבגעשוואכטער מאגען שאפט פאר'ן קערפער, וואס האלט אין וואקסען, א מין בלוט וואס איז אי קנאפליך אין מאס, אי ארים אין קוואליטע; בעת דאס אבגעשוואכטע הארץ טרייבט דאס דאזיגע ארימע און קנאפליכע בלוט נאך דערצו אונגאטירליך לאנגזאם!

און אויב דאס צופיעל שטודירען, ווי אלע וועלכע האבען אונטערזוכט די זאך מוזען מודה זיין, ברייננט אן א פערדארבונג פון קערפער, איז ווי שטרענג דארף מען שוין פערארורטיילען דעם סיסטעם פון שטאפען, פון וועלכען מיר האבען אויבען געגעבען ביישפיעלען! עס איז א שרעקליכער טעות, פון וועלכען שטאנד־פונקט מען זאל אויף דעם ניט קוקען. עס איז א טעות אויף ווי ווייט עס איז נוגע דער ערווערבונג פון וויסען גופא. ווארים דער גייסט, אזוי גוט ווי דער קערפער, קען ניט פערנעהמען מעהר איידער א געוויסע מאס; און אויב איהר פערוואַרפט איהם מיט פאקטען שנעלער איידער ער קען זיי אסימילירען, ווערען זיי באלד ארויסגעווארפען צוריק: אנשטאט אריינגעבויט צו ווערען אין דעם בנין פון שכל, פאלען זיי ארויס פון זכרון גלייך נאכ'ן דורכ־מאכען דעם עקזאמען, צוליעב וועלכען מען האט זיי געבראכט.

עס איז א טעות אויך דערפאר, ווייל דאס פיהרט צו פער'מיאוס'ן דאס שטודיום. ענטוועדער דורך די שמערצליכע אידעען־פערבינ־דונגען, וואס ווערען געשאפען פון דעם אונאויפהערליכען גייסטיגען הארעווען, אדער צוליעב דעם אוננארמאלען צושטאנד פון געהירן וואס עס לאזט איבער, רופט עס אפט ארויס א שנאה צו ביכער; און אנשטאט וואס א ראציאנאלע ערציהונג רופט ארויס א שפע־טערדיגע זעלבסט־בילדונג, מאכט דאס גאר מען זאל נאכאנאנד געהן צוריק. דאסגלייכען איז עס א טעות, דערמיט וואס אט דער סיסטעם נעהמט אן, אז די גאנצע זאך איז נור ארייננצוקריגען וויסען, און פערגעסט אז א פיעל וויכטיגערע זאך איז די ארגאַ־ניזירונג פון'ם וויסען, צו וועלכער זאך עס פאדערט זיך צייט און אליין דענקען. ווי הומבאלדט בעמערקט מכח דעם פארטשריט פון דעם פערשטאנד בכלל, אז „די נאטור־ערקלערונג ווערט פערדונקעלט, ווען די בעשרייבונג מאטערט זיך אונטער א צו־גרויסער אנזאמלונג פון פעראיינצעלטע פאקטען“; אזוי קען מען אויך בעמערקען וועגען דעם פארטשריט פון דעם אינדיווידועלען פערשטאנד, אז דער גייסט ווערט איבערלעסמיגט און געשטערט דורך אן איבערמאס פון שלעכט־פערדייהטע למודים. ניט דאס ווי־סען, וואס ווערט אנגעלעגט ווי גייסטיגעס פעט, האט א ווערדע; נור דאס, וואס ווערט איבערגעארבייט אין גייסטיגע מוסקולען. דער טעות גרייכט אבער נאך טיעפער. אפילו ווען דער סיסטעם וואלט געווען גוט אלס אזעלכער, וואס שאפט א גייסטיגע ווירק־זאמקייט — ער איז דאס אויך ניט — וואלט ער אלץ געווען שלעכט דערפאר, ווייל ער הרג'עט אוועק, ווי מיר האבען בעוויזען, יענע קרעפטיגקייט פון קערפער־געבוי, וועלכע איז נויטיג אויף צו מאכען אז די גייסטיגע ערציהונג זאל זיין ניצליך אין קאמפף פון לעבען. די, וועלכע זענען אזוי אייפריג צו בילדען זייערע תלמידים'ס קעפ, אז עס אהרט זיי ניט פאר זייערע קערפער, געדענקען ניט, אז דער ערפאלג העננט אב אויף דער וועלט מעהר פון ענערגיע איידער פון קענטניס; און אז א מעטאדע, וועלכע שטאפט אן מיט קענטניס און גראבט אונטער בעת מעשה די כחות, בעגראבט זיך אליין. דער שטארקער ווילען און די אונערמידליכע טהעטיג־קייט, וואס קומען פון א רייכער לעבענס־קראפט, צאהלען גענוג

אָב אפילו פּאַר גרויסע חסרונות פון דער ערציהונג; און אויב זיי קומען צוזאַמען מיט אַזאַ גאַנץ געניגענדער בּילדונג, וועלכע מען קען בעקומען ניט אָפּפערענדיג דעם געזונד, מאַכען זיי לייכט זיכער דעם זיעג איבּער די קאָנקורענטען, וועלכע זענען אָבּגעשוואַכט געוואָרען פון צופיעל שטודירען, וואָס פּאַר אַ גרויסע עלוים אין לערנען זיי זאָלען ניט זיין. אַ פערהעלטניסמעסיג קליינע, שלעכט־געמאַכטע מאַשין, וואָס אַרבּייט אונטער אַ הויכען דרוק, וועט מעהר אויפטהון איידער אַ גרויסע און שעהן־געמאַכטע מאַשין, וואָס אַר־בּייט אונטער אַ נידעריגען דרוק. וואָס פּאַר אַ גרויסע נאַרישקייט דאָס איז צו נעהמען, בעת'ן פערענדיגען די מאַשין, און אַזוי פער־דאַרבּען דעם קעסעל, אַז ער קען קיין דאַמף ניט שאַפען! נאָך אַמאָל: דער סיסטעם איז אַ טעות, דערמיט וואָס ער ענטהאַלט אַ פאַלשע אָבּשאַצונג פון וואוילזיין אין לעבּען. ווען מען זאָל זיך אַפילו פאָרשטעלען, אַז ער איז אַ מיטעל ווי צו גרייכען אַ וועלטליכען ערפאָלג, אַנשטאָט אַ מיטעל צו קריגען אַ דורכפאַל אין דער וועלט, וואָלט ער דאָך, מחמת דעם שוואַכען געזונד וואָס ער איז גורם, אָנגעבּראַכט אַ קללה, וועלכע וועגט אַריבּער די ברכה. וואָס נוצט עס צו האָבּען ערוואָרבּען רייכקייט, אויב די רייכקייט איז בּעגלייט פון שטענדיגע קראַנקהייטען? וואָס פּאַר אַ בּעטרעף האָט כבוד, אויב עס בּריינגט מיט זיך אַ שווערען גע־מיטה? זיכער דאַרף מען קיינעם ניט דערצעהלען, אַז אַ גוטער מאָגען, אַ לעבּעדיגער פּולס און אַ געהויבּענע שטימונג זענען עלע־מענטען פון גליקזעליגקייט, וועלכע קענען ניט אַריבּערגעוואויגען ווערען פון קיינע אויסערליכע מעלות. כראָנישע קערפּערליכע חולאַת'ן וואַרפען אַרויף אַ חשך אויף די הייטערסטע אויסזיכטען, בעת פערקעהרט, די מונטערקייט פון אַ קרעפטיגען געזונד פער־שיינט אַפילו די ערגסטע אומגליקען. מיר בעהויפּטען, אַלזאָ, אַז די איבּער־בּילדונג איז שעדליך אין אַלע אופנים: שעדליך דערמיט, וואָס עס גיט קענטנים, וועלכע ווערט שנעל פערגעסען; שעדליך דערמיט, וואָס עס רופט אַרויס אַ האַס צו די קענטנים; שעדליך דערמיט, וואָס עס פערנאַכלעסיגט די אָרגאַניזירונג פון וויסען, וועלכע איז וויכטיגער איידער די ערווערבונג פון וויסען; שעדליך דערמיט, וואָס עס שוואַכט אָבּ אָדער מאַכט חרוב די ענערגיע,

אהן וועלכער א געבילדעטער אינטעלעקט איז נוצלאז; שעדליך דערמיט, וואס עס איז גורם אזא שוואכען געזונד, פון וועלכען אפילו ערפאלג איז ניט קיין פערגעלטונג, און וועלכער מאכט דעם דורכפאל אין צווייען ביטער.

אויף פרויען מאכט אט דער שטאפ־סיסטעם נאך א שעדלי־כערע ווירקונג, אויב עס איז מעגליך, איידער אויף מענער. אזוי ווי מיידלעך זענען אין א גרויסער מאס אויסגעשלאסען פון די קרעפטיגע און געזונדרייכע קערפער־איבונגען, דורך וועלכע יונגלעך מילדערן די שלעכטע ווירקונגען פון צופיעל לערנען, פיהלען זיי דעריבער די צרות אין זייער פולער קראפט. דערפון קומט עס, וואס א פיעל־קלענערע פראפארציע פון מיידלעך וואקסען אויס גוט־געבויטע און געזונדטע. מיר זעהען אין די בלייכע, קרום־געוואקסענע און פלאך־ברוסטיגע יונגע פרייליינס, וועלכע מען טרעפט אזויפיעל אין די לאנדאנער סאלאנען, די ווירקונג פון דער אונדערבארימדיגער אנשטרענגונג, וועלכע ווערט ניט געלינדערט דורך יוגענדליכע שטיפערייען. און אט די ענטארטונג פון קערפער שטערט זייער וואוילזיין ניט אן ערך מעהר, איידער זייערע צאהל־רייכע השלמות העלפען איהם. מאמעס, וועלכע ווילען אזוי שטארק מאכען זייערע טעכטער אנציהענד, האבען קוים געקענט אויסקלייבען א מעהר געפעהרליכען וועג איידער אט דעם, וועלכער איז מקריב דעם קערפער צוליעב דעם גייסט. ענטוועדער זיי קוקען ניט אויף די געשמאקען פון דעם אנדער געשלעכט, אדער אז ניט, האבען זיי זעהר א פאלשען בעגריף מכח יענע געשמאקען. מענער קימערן זיך גאנץ ווינציג וועגען א ערודיציע (גרויסע געלעהר־זאמקייט) ביי פרויען; זיי קימערן זיך אבער זעהר פיעל וועגען פיזישער שעהנקייט, א גוטען כאראקטער און א געזונדטען פער־שטאנד. וויפיעל הערצער געווינט די „בלויע שטרומף" מיט איהרע גרויסע קענטניס פון היסטאריע? וועלכער מאן האט זיך ווען עס איז פערליעבט אין א פרוי, ווייל זי פערשטעהט איטאליעניש? וואו טרעפט מען דעם עדווין, וואס פאלט צו אנזשעלינא'ס פיס, ווייל זי קען דייטש? ראזעווע באקען אבער און לאבעדיגע אויגען זענען יא גרויסע צוציהונגען. א שעהן־געראונדעטע פיגור ציהט בעוואונדערענדע בליקען. די לעבהאפטיגקייט און די גוטע שטי־

מונג, וואָס אַן איבערפליסענדער געזונד ברייננגט מיט, העלפט זעהר פיעל צו דערוועקען אַ ליעבשאַפט. יעדער איינער ווייס פון פעלען, וואו קערפּערליכע פאָלקאָמענהייטען אליין, גאָר אָהן וועלכע עס איז אַנדערע רעקאָמענדאַציעס, האָבען דערוועקט אַ ליידענשאַפט, וואָס האָט אויף קיין זאַך ניט געקוקט; אָבער קוים איינער קען אָנצייגען אויף אַ פאַל, וואו אינטעלעקטועלע קענטשאַפטען אַליין, אָבגעזונדערט פון מאָראַלע אָדער פיזישע אייגענשאַפטען, האָבען וועט עס איז דערוועקט אַזאַ געפיהל. דער אמת איז, אַז פון די פיעלע עלעמענטען, וועלכע פעראייניגען זיך אין פערשיידענע פראָפּאָרציעס צו קענען ארויסרופען אין אַ מאַן'ס ברוסט דעם קאָמפּליצירטען געפיהל, וואָס מיר רופען אָן ליעבע, זענען יענע די שטאַרקסטע, וועלכע ווערען אַרויסגערופען דורך די קערפּערליכע צוציהונגען; די נעכסטע צו זיי, אין סדר פון שטאַרקייט, זענען די, וועלבע קומען פון די מאָראַלע צוציהונגען, און אפילו די הענגען ווענינער אָב פון אויסגעלערנטע קענטעניס איידער פון אַ נאַטירליכער פעהיגקייט — אַ שנעלע אויפפאַסונג, אַ קאָפּ, אַן אָפּענער מוח. אויב איינינע וועלען דענקען, אַז די בעהויפטונג איז אַ ערנידעריגענדע, און וועלען מתרעם זיין אויפ'ן מענליכען כאַראַקטער פאַר וואָס ער ווערט נתפעל אויף דעם אופן; ענטפערן מיר, אַז זיי ווייסען ניט געגנוג וואָס זיי רעדען, ווען זיי פרעגען אַזוינע קשיות אויף די אַלערהעכסטע איינריכטונגען פון דער נאַטור. אפילו ווען מען וואָלט ניט אַרויסגעזעהען קיין קלאָרע בעדייטונג אין אָט דער איינאָרדנונג, וואָלטען מיר אויך געמעגט זיין זיכער, אַז אין דעריין שטעקט עפּעס אַ וויכטיגער צוועק. די בעדייטונג איז גראָד אָבער אַ גאַנץ קלאָרע פאַר די וואָס אונטערזוכען. ווען מיר גערענקען, אַז איינער פון דער נאַטור'ס צוועקען, אָדער בעסער געזאָגט — אַז איהר העכסטער צוועק איז דאָס וואוילזיין פון די קומענדע דורות; און ווייטער, אַז אויף וויפיעל עס איז זיי נוגע, איז אַ געבילדעטער פערשטאַנד וואָס רוהט אויף אַ שלעכטען קערפּער־געבוי, פון אַ גאַנץ קנאַפּען ווערטה, ווייל די וואָס שטאַמען אָב פון איהם וועלען אין אַ דור אָדער צוויי אויסשטאַרבען; און פערקעהרט, אַז אַ גוטער קערפּער־געבוי, ווי אָרים די גייסטיגע בעגאַבונג זאָל דערביי ניט זיין, איז כדאַי פאַר זיי איהם אויפצוהאַלטען, וואָרים די גייסטיגע

בעגאבונגען קענען זיך אלץ מעהר און מעהר ענטוויקלען — ווען מיר געדענקען עס, בעגרייפען מיר ווי וויכטיג עס איז דער באלאנס פון די אינסטינקטען, וואס מיר האבען אויבען בעשריבען. אבער, לאזענדיג שוין די נוצען אן א זייט, איינמאל זענען די אינסטינקטען אט אזוי באלאנסירט, איז עס א דומהייט צו האלטען זיך מיט עקשנות אן א סיסטעם, וואס מאכט חרוב א מיידעל'ס קאנסטיטו־ציע, כדי נור איבערצולאדען איהר זכרון. בילדעט אזוי הויך ווי מעגליך — וואס העכער אלץ בעסער — בתנאי אבער עס זאל ניט גורם זיין קיין שאדען דעם קערפער (און מיר קענען פערבייגעהענדיג בעמערקען, אז מען וואלט געקענט דערלאנגען א גענוג־הויכען מאסשטאב פון בילדונג, ווען מען וואלט די פאפאגאי־פעהיגקייט קולטיווירט ווניגער און די מענשליכע פעהיגקייט מעהר, און אויך ווען די ערציהונג וואלט זיך אויסגעשפרייט איבער דער גאנצער פעריאדע פון ענדיגען די שוהל ביז חתונה האבען, וואס געהט איצט אוועק לאיבוד). ערציהען אבער אויף אזא מין אופן און אין אזא פערנעהם, וואס בריינגט א פיזישע דעגענעראציע, הייסט פשוט פערניכטען דעם הויפט צוועק צוליעב וועלכען מען גיט אב אזוי פיעל מיה און קאסטען און זארג. אונטערווארפענדיג זייערע טעכ־טער אונטער אט דעם הויכען דרוק־סיסטעם, רואינירען די עלטערן זייערע אויסזיכטען אין לעבען. אחוץ וואס זיי בריינגען אן אויף זיי אן אבשוואכונג פון געזונד מיט אלע שמערצען, הינדערניסען און טרויער, וואס קומען דערמיט, פעראורטיילען זיי זיי ניט זעל־טען אויך צו בלייבען ניט פערהייראטעט.

די קערפערליכע ערציהונג פון קינדער איז אט אזוי שטארק פעהלערהאפטיג אין פערשיידענע הינזיכטען. איהרע פעהלערען בעשטעהען אין ניט גענוג נאהרונג, ניט גענוג קליידונג, ניט גע־נוג בעוועגונג (וועניגסטענס פאר מיידלעך) און אין צופיעל גייסטיגער אנשטרענגונג. בעטראכטענדיג דעם רעזשים אין גאנ־צען גענומען, געפינען מיר, אז זיין טענדענץ איז צו פערלאנגען צופיעל: ער פאדערט צופיעל און גיט צו־וועניג. אין דעם ערך אויף וויפיעל ער שטרענגט אן די לעבענס־ענערגיען, מאכט ער דאס יוגענד־לעבען פיעל מעהר עהנליך ווי עס דארף זיין צום

דערוואקסענעם לעבען. ער פערזעהט די ווארהייט, אז אקוראט ווי ביי דעם ולד אין מוטער׳ס לייב געהט די גאנצע לעבענס־קראפט אוועק אויפ׳ן וואקסען; אקוראט ווי בײם זויגלינג געהט אוועק אזויפיעל לעבענסקראפט אויף וואקסען, אז עס בלייבט ווייניג־וואס קראפט סיי פאר דער קערפערליכער, סיי פאר דער גייסטיגער טהעטיגקייט — אזוי איז אויך דאס וואקסען אין גאנצען משך פון קינדהייט און יוגענד די הויפט פאדערונג, אונטער וועלכע אלע אנדערע פאדערונגען מוזען ווערען אונטערווארפען. עס איז א פאדערונג, וועלכע הייסט געבען פיעל און אוועקנעהמען ווייניג; א פאדערונג, וועלכע בעגרעניצט די אנשטרענגונגען פון קערפער און גייסט לויט דעם ערך פון דער שנעלקייט פון וואקסען; א פאדערונג, וועלכע ערלויבט די פערגרעסערונג פון די גייסטיגע און קערפערליכע טהעטיגקייטען ניט שנעלער, איידער דער ערך פון דעם וואקסען ווערט קלענער.

די ערקלערונג פון אט דער געשפאנטער ערציהונג איז — זי איז א פאלגע פון דער ציוויליזאציאנס־שטופע, וועלכע מיר לעבען איצט דורך. אין די אוראלטע צייטען, ווען דער אנגריף און די פערטיידיגונג זענען געווען די הויפט געזעלשאפטליכע טהעטיגקייטען, איז די קערפערליכע קראפט און דער קוראזש, וואס קומט מיט איהר, געווען די נויטיגסטע אויסרעכענונגען. די ערציהונג איז יעמאלט געווען כמעט אין גאנצען א קערפערליכע: פאר דער גייסטיגער בילדונג האט מען ווינציג־וואס געזארגט, און מען האט זי פאקטיש גאנץ אפט בעהאנדעלט, א שטייגער ווי אין די פעאדאלע צייטען, מיט פעראכטונג. איצט אבער אז אונזער געזעלשאפטליך לעבען איז פערהעלטניסמעסיג א פריעדליכער — איצט אז די מוסקול־קראפט האט פאר עפעס אנדערש א חוץ פאר האנדארבייט גאר א קנאפען בעטרעף, בעת כמעט יעדער געזעלשאפטליכער ערפאלג העגנט זעהר פיעל אב פון דער גייסטיגער קראפט איז אונזער ערציהונג געווארען כמעט אויסשליסליך א גייסטיגע אנשטאט צו שעצען דעם קערפער און איגנארירען דעם גייסט, שעצען מיר איצטער דעם גייסט און איגנארירען דעם קערפער. אט דיביידע פאזיציעס זענען פאלשע. מיר זעהען נאך ניט איין ריכטיג די ווארהייט, אז וויבאלד אין אט דעם לעבען אונזערן איז

דאָס קערפּערליכע דער יסוד פון דאָס גייסטיגע, טאָר דאָס גייסטיגע זיך ניט ענטוויקלען אויפ'ן חשבון פון דאָס קערפּערליכע. די אַמאָליגע און די היינטיגע בעגריפען מוזען צונויפגעבונדען ווערען אין איינעם.

קיין זאַך וועט אפשר אַזוי שנעל ניט ברענגען די צייט, ווען עס וועט גלייכמעסיג געזאָרגט ווערען פאַר ביידען, אי פאַר'ן קערפּער, אי פאַר'ן גייסט, ווי די פערשפּרייטונג פון דער מיינונג, אַז אָבהיטען דעם געזונד איז אַ ח ו ב. עס זעהט אויס, אַז וועניגע זענען בעוואוסטזיניג פון דעם פאַקט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ קערפּערליכע מאָראַל. אין די מענשען'ס געוועהנליכע רייד און האַלטונגען ליעגט דער געדאַנק, אַז זיי האָבען די פרייהייט צו בעהאַנדלען זייערע קערפּער ווי עס געפעלט זיי. די ליידען וואָס קומען פון ניט־פאָלגען די נאַטור'ס געבאָט, בעטראַכטען זיי איינפאַך ווי אַ פערדרוס, ניט ווי די ווירקונגען פון אַ מעהר אָדער וועניגער זינדיגען אויפפיהר. הגם די שלעכטע פאָלגען, וואָס זיי ברייגגען אָן אויף די וואָס הענגען אָב פון זיי, און אויף די צוקונפטיגע דורות, זענען אָפט אַזוי גרויס ווי די וועלכע ווערען פעראורזאַכט פון פערברעכען, פון דעסטוועגען האַלטען זיי זיך אויף קיין פאַל ניט פאַר פערברעכער. עס איז אמת, אַז אין פאַל פון שכרות אָנערקענט מען יאָ די פערברעכערישקייט פון אַ קערפּערליכער עבירה: אָבער עס שיינט אַז קיינער ציהט ניט דעם שלוס, אַז אויב אָט די קערפּערליכע עבירה איז פערברעכעריש, דאַן איז יעדע קערפּערליכע עבירה פערברעכעריש. דער פאַקט איז, אַז אַלע פערברעכען געגען די געזעצען פון געזונד זענען ק ע ר פּ ע ר ל י כ ע ז י נ ד. ווען דאָס וועט אַמאָל ווערען איינגעזעהען בכלל, ערסט דאַן — און אפשר טאַקי ניט ביז דאַן — וועט די קערפּערליכע ערציהונג פון די יונגע בעקומען די אויפמערקזאַמקייט וואָס זי פערדיענט.

ע נ ד ע.

אַנצייגער

פון די הויפּט ענינים פון בוך.

א

אויפגאַבע צו ענטוויקלען אַ מענש-
ליך וועזען, ז. 52.
אויפפאַסונג פון קינדער, ניט נאָכ׳ן
מאַנסבילשען כבוד נאָך, ז. 213.
אויפפיהרונג אין לעבען איז דער
צוועק פון ערציהונג, ז. 20 ;
דעפיניציאָן פון אַ גוטער און
שלעכטער אויפפיהרונג, ז. 167.
אונאָרדנונג וואָס קינדער מאַכען
אין הויז — ביישפּיעלען ווי צו
האַנדלען אין אַזוינע פעלען,
ז. 174—177.
אונוויסענהייט וועגען די פונק-
ציעס פון דעם אייגענעם קערפּער,
ז. 33 ;
די ווירקונג פון די עלטערנ׳ס
אונוויסענהייט, ז. 45—47.
אונטעררי‌כט, ווי די אינטעליגענ-
טע מוטער פיהרט איהם אָן,
ז. 125—126.
אונפאָרזיכטיגקייט — די נאַטיר-
ליכע שטראָף דערפאר, ז. 175—177.
איבונגען פאַר יונגלעך און מייד-
לעך — דער זאָנדערבאַרער אונ-
טערשייד אין בעזאָרגען די מיט-
לען, ז. 243.
דער אונבעגרינדעטער טעם דער-
פון, ז. 244.
איבערגעמאַטערטער געהירן —
זיין איינפלוס אויפ׳ן קערפּער,
ז. 263.
אידעאַל פון ערציהונג, ז. 165.
אינדוסטריעלע טהעטיגקייט, ז. 33.
אינסעקטען, קלייבען און האַלטען
אַ קאָלעקציע פון זיי העלפט די
בעאָבאַכטונגס-קרעפטען, ז. 128.
אַמוזירונגען און ערהאָלונגען, דאָס
וויסען וואָס העלפט דערצו,
ז. 60—61.
אַנאַטאָמיע און באָטאַניק בילדען
דעם זכרון בעסער איידער שפּראַ-
כען, ז. 75.
אַנטאַגאָניזם צווישען געוואוקס
און ענטוויקלונג, ז. 261—262.
אַנציהונג ביי פרויען, ז. 268.
אַסקעטיציזם, זיין שיכות צו די
ערציהונגס-סיסטעמען, ז. 222, 99,
88—89.
אַפּעטיט (דער) אַ גוטער וועג-
ווייזער, ז. 217.
דער איינציגער וואָס פערדיענט
אונזער צוטרויען, ז. 221.
אָרגאַנישע געזעצען — דיזעלביגע
פאַר מענשען ווי פאַר נידעריגערע
ברואים, ז. 215.
אַריינמישען-זיך — צי זאָל מען
זיך גאָר אינגאַנצען מישען אין
די ערציהונג פון קינד? זייטע
102—103.
אַריפמעטיקע, זאָל געלערנט ווערען
אויף אַ קאָנקרעטען אופן, ז. 97.

ב

באָטאַניק, ווי אינטערעסאַנט עס
איז פאַר קינדער, ז. 127.
ביאָלאָגיע און אַגריקולטור, ז. 39

ביכער — זייער ערציהונגס-ווערטה איז איבערשעצט, ז. 49;
זיי זענען בלויז אונדירעקטע מיטלען פאַר דער ערוועקונג פון קענטניס, ז. 50.
בילדונגס-פלענער — זייער מעהרען-זיך העלפט דער אויספאָרשונג פון דער פראַגע, ז. 90:
די מחלוקות וועגען די ערציהונגס סיסטעמען מוזען בעטראַכט ווערען ווי אַן איבערגאַנגס-שטופע, ז. 91.
בירגער, דאָס וויסען וואָס העלפט צו ערפילען די בירגערליכע פונקציעס, ז. 54—60.
בעאָבאַכטונגס-קרעפטען, די סיסטעמאַטישע אויסבילדונג פון זיי, ז. 96.
בעהאַנדלונג פון קינדער ווערט אין גאַנצען פערנאַכלעסיגט אין די שוהל-קורסען, ז. 45.
בעהאַנדלונג פון טהיערען — דער אַלגעמיינער אינטערעס דעריין, ז. 211—212.
בעפעהלען — עלטערן זאָלען געבען וועניג בעפעהלען, ז. 200—202.

ג

גימנאַסטיק — איהרע פאָזיטיווע און נעגאַטיווע חסרונות, זייטען 247—248.
גייסטיגע סימפאַטיע וועלכע קינדער פאָדערן, ז. 124.
גייסטיגע אָנשטרענגונג צו-גרויסע איז די סבה פון שוואַכען געזונד פון'ם יונגען דור, ז. 251—253.
גייסטיגע שפייז מוז בעזאָרגט ווערען אַזוי גוט ווי די פיזישע, ז. 104.
גלאַנץ און פוטץ האָט די אויבערהאַנד איבער דאָס ניצליכע — די ערקלעהרונג דערפון, ז. 14, 15.
געאָגראַפיע, פיזישע געאָגראַפיע דאַרף מען לערנען פריהער איידער פּאָליטישע, ז. 51.
געאָמעטריע, איהר געברויך אין דער אינדוסטריע, ז. 35;
די לעקציאָנען מוזען זיך אָנהויבען עמפּיריש, דאַן ראַציאָנאַל, ז. 139—143.
געהירן-אויפרעגונג ברוינגט פערשידענע שטופען פון קערפּערליכער צורודערונג, ז. 264.
געוואוקס העגנגט אָב פון דער שפייז, ז. 225—227;
פון דער טעמפּעראַטור, ז. 237;
פערגרעסערונג אין מאָס האַלט אָב די פערגרעסערונג אין דער סטרוקטור, ז. 261.
געזונדהייט, איהר וויכטיגקייט פאר אלע טהעטיגקייטען, ז. 30—32;
אָבהיטען דאָס געזונד איז אַ חוב, ז. 272.
געזיכטסציגע פון ניי-געבוירענע האָבען אַן אָנבליק ווי פון די ווילדע, ז. 197.
געזעלשאַפטליכע וויסענשאפט — איהר וויכטיגקייט אין דער אינדוסטריע, ז. 41.
געשפאַנטע ערציהונג פון היינטיג לעבען — די ערקלערונג דערפון, ז. 271.
גראַמאַטיק קומט היסטאָריש שפּעטער איידער די שפּראַך, און אַזוי דאַרף מען עס אויך לערנען די קינדער, ז. 95.

ד

דיסציפּלין, דער ווערטה פון וויסען אַלס אַ מיטעל פון דיסציפּלין, ז. 26;
די נאַטירליכע דיסציפּלין און די

קינסטליך איינגעפיהרטע, ז. 171.
די נאַטירליכע איז אַ דיסציפּלין פון ריינער גערעכטיגקייט, ז. 179;
די דיסציפּלין פון דער וויסענשאַפט פערשאַפט אויך אַ רעליגיעזע קולטור, ז 78.
דיעטע פון קינדער מוז פעראייניגען נאַהרהאַפטיגקייט מיט פערדייהליכקייט, ז. 226;
די שפּייזען מוזען זיין פערשוידענאַרטיגע, ז. 232; און געמישטע, ז. 233.
דעגענעראַציע — איז עס א סברא אַז מיר דעגענערירען? ז. 249.
דעספּאָטיזם אין שטאַאַט ברייננגט מיט אַ דעספּאָטיזם אין דער ערציהונג, ז. 87.

ה

הדרכה פון קינדער — דער טרויעריגער און כאַאָטישער צושטאַנד, ז. 157—158.
הויפּט-צוועק פון דער ערציהונג, ז. 20.
הויפּט-פּרינציפּען פון דער ערציהונג, ז. 109—118.
הויפּט-כללים פון דער מאָראַלער ערציהונג, ז. 196—205.
היסטאָריע, דער געוועהנליכער למוד דערפון איז כמעט ווערטהלאָז, ז. 54;
וואָס דער למוד פון היסטאָריע דאַרף זיין, ז. 57—59.
העקסלעי, פּראָפעסאָר, וואָס ער זאָגט וועגען אמת'ער וויסענשאַפט און רעליגיאָן, ז. 79.
השלמות אין דער ערציהונג פון מיידלעך, ז. 14—15.

וו

וואוילזיין פון די קומענדע דורות איז דער העכסטער צוועק פון דער נאַטור, ז. 269.
ווילדע ראַסען, דער חלוק צווישען די גוט-גענעהרטע און שלעכט-גענעהרטע, ז. 229.
וויסענשאַפטליכע קענטניס איז נויטיג אין אַלע קונסט-ארבייט, ז. 65;
ווי אויך אין דער מוזיק, ז. 66;
און אַפּילו אין דער פּאָעזיע, ז. 67;
אויך צו קענען אָבשאַצען די קונסט-שאַפונגען, ז. 69.
וויסענשאַפט (די) רופט אַרויס און עפענט אויף נייע וועלטען פון פּאָעזיע, ז. 71;
זי איז אַליין גופא פּאָעטיש, ז. 70;
זי איז אויך דער בעסטער מיטעל פאַר דער מאָראַלער דיסציפּלין, ז. 77.
ווערטה פון קענטניס — אַ אינערליכער און אַ קאָנווענציאָנעלער, ז. 25.

ז

זאַכען-אונטערריכט, ריכטיג אין טעאָריע, ז. 96;
דאַרף אַנדערש געפיהרט ווערען, און לענגער אָנהאַלטען, ז. 127.
זיסע זאַכען — די קינדערשע ליעבשאַפט דערצו האָט אַ פיזיאָלאָגישען גרונד, ז. 218—219.
זכרון (דער) קען בעסער געאיבט ווערען דורך וויסענשאַפטליכע למודים איידער דורך שפּראַכען, ז. 75.
זעלבסט-ערהאַלטונג, די ערציהונג וואָס העלפט דערצו, ז. 27—29.
זשעניע (דער) נויטיגט זיך אין וויסענשאַפטליכע קענטניס, ז. 69.

ח

חושים (די) ווערען ענטוויקעלט דורך דעם געברויך פון זייערע פונקציעס, ז. 73—74;

אויסגעהונגערטע חושים, די רע־אקציעס וואס זיי רופען ארויס, ז. 218.

חדר־יונגעל׳ס הונגער, ז. 225.

ט

טהיערען — די אלגעמיינע פרינצי־פען פון זייערע לעבענס־פראצע־סען זענען ריכטיג אויך בנוגע צו די לעבענס־פראצעסען פון מענשען, ז. 215.

טהעטיגקייטען — א קלאסיפיקא־ציע פון זיי, ז. 22.

טעות׳ן פון דעם סיסטעם פון שטאפען, ז. 265—266.

טריעבען, בייזע טריעבען ביי קינ־דער, ז. 197.

י

יונגלעך, די גראבע בעהאנדלונג וואס זיי שטעהען אוים אין די פאלקס־שוהלען, ז. 164;

יונגלעך ענטוויקלען זיך לאנגזא־מער איידער מיידלעך, ז. 262.

ימים טובים, ווען די קינדער כאפען אריבער די מאס פון „גוטע זא־כען", ווייל זיי בעקומען עס ניט אין דער וואכען, ז. 220.

כ

כעס פון די עלטערן אלס נאטירלי־כע צוריקווירקונג פון דעם קינד׳ס פערזינדיגונג, ז. 172;

כעס פון עלטערן צו קינדער איז אלעמאל שעדליך, ז. 182.

כללים פון מאראליער ערציהונג, ז. 196—205.

ל

ליגען זאגען און קליינע גניבות ביי קינדער, ז. 192.

למודים וואס האבען א ווערטה פאר די צוועקען פון דיסציפלין, ז. 73;

דער אוננארמאלער סדר ווי מען גיט איבער די למודים, ז. 50.

למוד פון צייכנען, ז. 130;

מעטאדען ווי צו לערנען צייכע־נען, ז. 135—136, 131—132;

קריטיק פון די אנגענומענע מע־טאדען, ז. 134.

לעהרער און די תלמידים — די בעציהונג צווישען זיי, ז. 150.

לעהרער־אינסטיטוט, די טעגליכע רוטין, ז. 255—256.

לעצטע שטופע אין דער גייסטי־גער ענטוויקלונג פון יעדען מאן און יעדער פרוי, ז. 207.

מ

מאסשטאבען ענדליכע, לויט וועל־כע די אויפפיהרונג ווערט גע־אורטיילט, ז. 167.

מאראלע פאר־דער־צייטיגקייט אזוי שעדליך ווי די גייסטיגע, ז. 197.

מאראלע ערציהונג, די ציעלען און מעטאדען, ז. 166.

מעכאנישע וויסענשאפטען, זייער ווערטה פאר׳ן לעבען, ז. 35—36.

מנהגים פון טיש — וועגעטאריא־ניזם און „טיטאטאליזם", ז. 216.

נ

נאטור (די) א שטרענגע בוכהאל־טעריו, ז. 258, 31.

נאטירליכע צוריקווירקונגען פון די שווערערע חטאים, ז. 195, 194, 193;

די מעלות פון דער מעטאָדע, ז. 183.
נאַטירליכע מעטאָדע פון אונטער־ריכט פערשאַפט דעם קינד פערגע־ניגען אַנשטאָט אָבקומעניש, ז. 98.
נאַטירליכע פעהלערען קענען ניט אינגאַנצען אַוועקגענומען ווערען דורך די ערציהונג, ז. 159.
נויטען (די) פון דעם קינד׳ס קער־פער, ז. 224—225.
נוצען פון **זעלבסטענטוויקלונג**, ז. 147;
פון אַנגענעהמער טהעטיגקייט, ז. 148—149.

ס

סדר הלמוד מוז שטימען מיט׳ן סדר פון ענטוויקלונג פון די גייסטיגע פעהיגקייטען, ז. 101.
סימפּאַטישע בעציהונגען צווי־שען עלטערן און קינדער, ז. 191.
סיסטעם פון שטאָפען — דער שאָ־דען דערפון, ז. 265—267;
נאָך מעהר שעדליך איז דער סיס־טעם פאר מיידלער, ז. 268.

ע

עלטערן ווערען בעטראַכט פון זייע־רע קינדער ווי האַלבע פריינד און האַלבע פיינד, ז. 187.
עמפפינדונגען פון די חושים — די פאַלשע טעאָריע וועגען זיי, ז. 235.
ענערגיע (דער גראַד פון) **הענגט אָב** פון דער נאַהרהאַפטיגקייט פון דער שפייז, ז. 228—231.
עסטעטישע קולטור, איהר ווערטה אין לעבען, ז. 61—63.
ענגער בעגריף פון ניצליכקייט אין מענשענ׳ס לעבען, ז. 129.
ערציהונגס־סיסטעמען הארמאָני־זירען מיט די געזעלאַפטליכע פאָרמען, מיט וועלכע זיי עקזיס־טירען צוזאַמען, 87—90;
דער סך הכל פון׳ם פאָרטשריט אין דער ערציהונג, ז. 92;
די ערציהונג דאַרף זיין אַ ווי־דערהאָלונג פון דער ציוויליזאַ־ציע אין אַ קליינעם מאָסשטאַב, ז. 114;
זי מוז זיך צופּאַסען צו די מע־טאָדען פון דער נאַטור, ז. 99;
זי דאַרף זיך אָנהויבען פון וויעג־אָן, ז. 119;
זי מוז פיהרען פון איינפאַכע זאַכען צו פיעלפאַכע, ז. 119;
פון דאָס אונבעשטימטע צו דאָס בעשטימטע, ז. 110;
זי דאַרף זיך אָנהויבען פון קאָנ־קרעטע זאַכען און ענדיגען מיט אַבסטראַקטע, ז. 112;
זי מוז שטימען אי אין פאָרם, אי אין איינאָרדנונג מיט דער ער־ציהונג פון דער מענשהייט, ז. 113;
זי מוז געהן אין יעדען צווייג פון דעם עמפּירישען צו דעם ראַ־ציאָנאַלען, ז. 115;
דער פּראָצעס פון ערציהונג דאַרף פאָרקומען **אין** דער פאָרם פון **זעלבסט־אונטעררי**כט, און מוז אין עצם זיין אַנגענעהם און צו־פרידענשטעלענד, ז. 146;
די זעלבסט־ענטוויקלונג מוז זעהר ערמוטערט ווערען ביים קינד, ז. 115—117.

פּ

פּעסטאַלאָצי׳ס לעהרע, ז. 100;
קריטיק פון זיין מעטאָדע, ז. 120;
זיינע פּראַקטישע רעזולטאַטען ניט קיין גלענצענדע, ז. 105;
די ערקלערונג דערפון, ז. 106—108;

פּסיכאָלאָגיע, אַ בעקאַנטשאַפט מיט דער לעהרע איז נויטיג פאַר עלטערן און לעהרער, ז. 50—49.

פּ

פּאָלקאָמענער סיסטעם פון ערציהונג איז אונמעגליך אין היינטיגער אונפּאָלקאָמענער געזעלשאַפט, ז. 163.
פאַמיליען-רעגיערונג, וואָס ריכטער זאָגט וועגען איהר כאַאָטישען צושטאַנד, ז. 157.
פּאָרברייטונג פאַר דער אויפגאַבע פון מענשען אַלס עלטערן, ז. 155; דאָס דאַרף זיין דער לעצטער געגענשטאַנד אין אַ קורס פון למודים, דאָרט.
פוילקייט ביי קינדער איז אַן אוננאַטירליכע זאַך, ז. 118.
פּיזיאָלאָגיע, די אונגעוויסענהייטען פון איהרע פּרינציפּען איז אַ סבה פון קראַנקהייטען, ז. 30—29; אַ ידיעה פון פּיזיאָלאָגיע איז נויטיג אין דער ערציהונג פון קינדער, ז. 46—45.
פליישיגע שפּייזען פאַר קינדער, ז. 223—222.
פעהיגקייטען (די) וויקלען זיך פאַנאַנדער אין אַ געוויסער אָרדנונג, ז. 258.
פּעהלערן פון דער קערפּערליכער ערציהונג, ז. 271—270.
פּעטקייט איז ביי דערוואַקסענע אָפט אַ צייכען פון שוואַכקייט, ז. 227.
פּערבינדונג פון אורזאַך און ווירקונג, וואָס אַ קינד לערנט פון דער אָנווענדונג פון נאַטירליכע שטראָפען, ז. 178.
„פּערהאַרטעווען דעם קערפּער"— אַ שעדליכע איינבילדונג, ז. 236.
פּרוכטען זענען אַ זעהר ניצליכע שפּייז פאַר קינדער, ז. 220.

צ

ציוויליזאַציע, איהר גאַנג דאַרף זיין דער מוסטער פאַר דעם סדר פון דער ערציהונג, ז. 113.
צייכענען, ווען און ווי דאָס צו לערנען, ז. 138—130.
ציערליכע (דאָס) קומט אײדער דאָס ניצליכע, ז. 13, 12.
צניעות-געפיהל פון פרויען אַלס אָבהאַלטס-מיטעל פון גראָבע און שטורמדיגע שפּיעלערייען, ז. 246.

ק

קאָנט אָגיוסט — דעם קינדס ערציהונג דאַרף שטימען מיט דער ערציהונג פון דער מענשהייט אין אַ היסטאָרישען זין, ז. 113.
קאָנטראַסטען צווישען דער אַמאָליגער ערציהונג און דער היינטיגער, ז. 99—92.
קאָנטראַסט אין וואוקס און כח פון אַמאָליגען און היינטיגען דור, ז. 249;
די בעדייטונג דערפון, ז. 250;
קאָנטראַסט אין דער ענטוויקלונג פון די געשלעכטער, ז. 262.
קינדערשע אינסטינקטען, ז. 121.
קלאַסישע בילדונג — דער מאָטיוו פאַר וואָס מען האַלט פון איהר, ז. 13.
קליידונג — איהר גרויסע וויכטיגקייט, ז. 238.
קליינגעוויקסיגקייט קומט פון אַ גרויסער אבציהונג פון קערפּערליכער היטץ, ז. 237.
קערפּערליכע בעוועגוונג אין אַ

צו-גרויסער מאָס פערקלענערט די קראַפט פון דענקען, ז. 259.
קערפערליכע מאָראַל — דער חוב אָבצוהיטען דאָס געזונד, ז. 272.

ר

ראַציאָנאַלער סדר פון בילדונג, ז. 24.
ריזיקעס, קליינע, דאַרף מען דעם קינד ניט פערוועהרען, נור וואָרנען פון זיי, ז. 189—190.
ריין-מאָראַלע שטראָפען — בייזשפּיעלען פון פּאַקטישע אָנווענדונגען, ז. 184—186.
רעאַקציע געגען צופיעל בילדונג, ז. 214.
רעגעלען פאַר קליידונג, זייטען 240—242;
שעדליכע ווירקונג פון ניט גענוג קליידונג, ז. 241.
רעלאַטיווע ווערטהען פון קענטניס, ז. 16—19.
רעאַקציעס אונפערמיידליכע, וואָס קומען פון דעם קינד'ס טהאַטען, ז. 168.

ש

שוהל-קורסען — וואָס זיי פערפעהלען צו געבען איז גראָד דאָס נויטיגסטע פאַר די עסקים פון לעבען, ז. 43.
שוהל-רעזשים פון ענגלישע טעכטער-שוהלען, ז. 254.
שטיעפעריגע טהעטיגקייטען זענען אַ גרינדליכע נויטיגקייט פאַר'ן וואוילזיין פון קערפער, ז. 248.
שטערבליכקייט פון קליינע קינדער דורך קעלט, ז. 239.
שלעכטע האַנדלונגען פון די עלטערן איז אין אַ גרויסען טייל שולדיג פאַר די חטאים וואָס ווערען צוגעשריבען צו די פערדאָרבענקייטען פון די קינדער, ז. 161.
שעדליכער איינפלוס אויף די קינדער פון דער מוטער'ס אונוויסענדער פיהרונג, ז. 48.
שפּיעלען, קינדערשע, ענטוויקעלט דעם קערפער און גרייט איהם צו פאַר די שפּעטערע ארבייט פון לעבען, ז. 27—28.
שפּראַכען אַלס אַ למוד שטעהען ניעדעריגער איידער וויסענשאַפט אין דער בילדונג פון דער אורטיילסקראַפט און פון דעם זכרון, ז. 77—78.

מ י י ז ע ל ע ט ק א.
יודישער פערלאג פיר ליטעראטור און וויסענשאפט

ביערנסטערנע ביערנסאָן

איבער אונזער קראפט

א דראמא אין צוויי טיילען,

מיט אן אבשאצונג פון פערפאסער און זיין ווערק,

פון דר. ה. זאלאטאראוו.

„איבער אונזער קראפט” בעהאנדעלט א וועלט־פּראָבלעם. אין אונזער גלויבען און שטרעבען צו דעם העכסטען — צום אידעאַל פון אונזער נשמה — אין דעם ברענענדען בעגעהר צו דערגרייכען דעם אידעאַל — איז דאָ עפּעס אזוינס, וואָס מיר קענען ניט בייקומען... דאָס איז דער טיעפער פילאָזאָפישער טהעזיס פון דער דראמא. און בעאבאכטענדיג אָט דעם פאקט אין דעם רעעלען לעבען, מערקט מען, ווי צוליעב דעם אונדערגרייכבארען שפּיעלען זיך אב אין לעבען א רייהע פון דראמאטישע קאָנפליקטען, וואָס נעהמען ארום דאס טיעפסטע און דאָס אנגעוועהטאָגסטע אין דעם פּסיכישען און סאָציאַ־לען לעבען פון מענשען.

ביערנסאָן האָט דעם דראמאטישען קאָנפליקט פארגעשטעלט נור אין צוויי ווינקעלעך פון'ם לעבען — אין די צוויי טיילען פון דער דראמא „איבער אונזער קראפט”. דער ערשטער טייל איז פערפאסט געוואָרען מיט יאָהרען און יאָהרען פריהער פאר דעם צווייטען טייל; אָבער אין ביידע טיילען ציהט זיך דערזעלביגער טיעפער אינהאלט, אָבגעשפּיעלט נור אויף פערשיעדענע געביטען פון'ם לעבען. אין ביי־דע טיילען טרעטען ארויס דיזעלביגע גייסטיגע קרעפטען פון די העל־דען — זייער גרויסער שטרעבען צו דעם העכסטען, זייער גרויסער גלויבען אין דעם אידעאַל, וואָס טרייבט זיי צו דער לעבענסטהעטיג־קייט, וועלכע בריינגט זיי אין א קאָנפליקט מיט די אויסערע קרעפ־טען, וואָס הערשען און געוועלטיגען — מיט דעם עפּעס וואָס איז איבער אונזער קראפט — און זיי מוזען פאלען — די גרויסע קרבנות פון זייער גלויבען.

אויסצוג פון דר. ה. זאלאטאראוו'ס איינלייטונג.

פרייז, בראָשירט, 50 סענט; שעהן געבונדען, 75 סענט.

422 GRAND ST., N. Y.

— מ י ז ע ל ע ט ק אָ. —

יודישער פערלאג פיר ליטעראטור און וויסענשאפט

העגריק איבסען

געזאמעלטע דראמען

עס ווערען פערפערטיגט 6 שעהן געבונדענע בענדער, וועלכע וועלען ענטהאלטען פאָלגענדע בעריהמטע דראמען:

1. נאָרא, די ווילדע ענטע.
2. העדדאַ גאַבלער, בוימייסטער.
3. ראָזמערסהאָלם, די פרוי פון ים.
4. קליינער עאָלף, יאָהאַן גבריאל באָרקמאַן, ווען מיר טויטע ערוואַכען.
5. יוגענד־בונד, שטיצען דער געזעלשאפט.
6. דער פאָלקס פיינד, די גייסטער.

די אלע דראמען זיינען געטריי איבערזעצט לויט די לעצטע דייטשע און ענגלישע אויסגאבען, אונטער איין קאָמפעטענטער רעדאקציאָן.

פרייז פער באנד, מיט פאָרטאָ, 75 סענט.

פאָרלויפיג זיינען צו בעקומען די פאָלגענדע איינצעל דראמען בראָשירט:

נאָרא, איבערזעצט פון מ. ווינטשעווסקי 20

העדדאַ גאַבלער, איבערזעצט פון א ים 25

דער בוימייסטער, איבערזעצט פון א. גאָלדווין, מיט אן איינלייטונג פון ווינטשעווסקי 25

ראָזמערהאָלם, איבערזעצט פון א. גאָלדווין 25

דער קליינער עאָלף, איבערזעצט פון ק. טעפער 20

---

422 GRAND ST., N. Y.

—— מ י י ז ע ל ע ט ק אָ. ——
יודישער פערלאג פיר ליטעראטור און וויסענשאפט

מאָררים ווינטשעווסקי

ליעדער און געדיכטע

א פראכט־אויסגאבע פון דעם „זיידען'ס“ בעריהמטע ארבייטער־
און קאמפף־ליעדער (ווי אויך א היבשע צאָהל נייע, ביז
איצט נאָך ניט געדרוקטע געדיכטע) אין איין
גרויסען באנד פון 320 זייטען, איינגע־
טיילט אין צוויי טיילען.

ע ר ש ט ע ר ט י י ל:

1. קליינע ליריקס.
2. לירישע געדיכטע.
3. קאמפף־ליעדער.
4. קינדער פון'ם פאָלק (לאָנדאָנער סילועטען).

צ ו ו י י ט ע ר ט י י ל:

1. יוגענד־חלומות: ליעבע, לוסט און ליידענשאפט (בין השמשות געדאנקען).
2. אידישקייט, „געטליכקייט“ און געלעגענהייטס גע־דיכטע.
3. עטוואָס הומאָר און סאטירע.

פרייז מיט פאָרטאָ $1.00

פון דעם זעלבען פערפאסער:

א טאָג מיט יעקב גאָרדין

א געפיהלפולעס שטימונגס־בילד פון יעקב גאָרדין'ס פערזענ־ליכקייט, געשריעבען אין דעם „זיידען'ס“ אייגענארטיגען סטיל.
פרייז, בראָשירט, 25 סענט.

422 GRAND ST., N. Y.

— מייזעל עט קאָ. —

יודישער פערלאג פיר ליטעראטור און וויסענשאַפט

עס ווערען פערפערטיגט צום דרוק

אנטאָן טשעכאוו'ס דראמען

אָנקעל וואניא,

דער וואסער-פויגעל,

דער קארשען-גארטען,

אין א פראכטפאָל געבונדענעם באנד

פרייז $1.00

אויך אין איינצעל דראמען, בראָשירט,

יעדע 25 סענט.

עס ווערט אויך געדרוקט לעאָניד אַנדרעיעוו'ס

קעניג הונגער

איבערזעצט פון אַלגין

און ס. פשיבישעווסקי'ס בעריהמטע דראמא

שנעע

איבערזעצט פון ש. עפשטיין.

422 GRAND STREET, N. Y.

—— מייזעל עט קאָ. ——

יודישער פערלאג פיר ליטעראטור און וויסענשאפט

פעליקס האלענדער: די זוכער פון אמת, איבערזעצט פון ש. יאנאָווסקי, א סאָציאַלער ראָמאן אין פיער ביכער, 587 זייטען, בראָשירט, 1.00; געבונדען 1.25

יעקב גאָרדין: קרייצער סאנאטא, בראָשירט 25

א. סטרינדבערג: פרייליין יוליא, בראָשירט .20

דר. י. א. מעריסאָן: דער אנארכיזמוס און די פּאָליטישע טהעטיגקייט, בראָשירט 10

ד. טהאָראָ: די פליכט פון אונגעהאָרזאמקייט, איבערזעצט און איינגעלייטעט פון דר. מעריסאָן, בראָשירט 10

איוואן טורגענעוו: האמלעט און דאָן קיכאָט, איבערזעצט און איינגעלייטעט פון מ. קאץ, בראָשירט 12

אליוו שריינער: טרוימען, האלב געבונדען . . .30

אָסקאר ווײלד: די זעעלע פון מענשען אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט, האלב געבונדען 20

לעאָניד אנדרעיעוו: דאָס לעבען פון'ם מענשען, איבערזעצט פון ווארשע און לאפּין .25

די טעג פון אונזער לעבען, איבערזעצט פון מ. קאטץ 25

422 GRAND ST., N. Y.

— מייזעל עט קאָ. —

יודישער פערלאג פיר ליטעראטור און וויסענשאַפט

עס ווערען פערפערטיגט צום דרוק

שעקספּיער'ס בעריהמטע דראַמען

האמלעט, מאקבעטה

און אַנדערע

אין א געטרייע, העכסט-געלונגענע איבערזעצונג

פון ח. ליעבערמאַן

אויך טאָלסטאָי'ס בעריהמטע ערצעהלונג

קאזאקען

איבערזעצט פון ש. עפשטיין.

---

422 GRAND STREET, N. Y.

מייזעל׳ס פערלאג

קאטאלאג

ד״ר. חיים זשיטלאָווסקי: די פילאָסאָפיע, וואָס זי איז און ווי זי האָט זיך ענטוויקעלט. צוויי בענדער, שעהן געבונדען, מיט פאָרטאָ — — — — $2.50

הערבערט ספּענסער: די ערציהונג, איבערזעצט פון דר. מעריסאָן. געבונדען — — — — $1.00

דר. י. א. מעריסאָן: דער אנארכיזמוס און די פּאָליטישע טהעטיגקייט. בראָשירט .10

איבסען׳ס דראַמען: נאָרא	בראָשירט	.20
העדדא גאבלער	״	.25
דער בוימייסטער	״	.25
ראָזמערסהאָלם	״	.25
דער קליינער עאָלף	״	.20

ב. ביערנסאָן: איבער אונזער קראַפט.ביידע טהיילען אין איין באַנד. בראָשירט — — — .50
געבונדען — — — — .75

א. סטרינדבערג: פריילײן יוליא ״ .20

יעקב גאָרדין: קרייצערסאָנאַטא ״ .25

מ. ווינטשעווסקי: אַ טאָג מיט י. גאָרדין ״ .25

אָליוו שריינער: טרוימען האַלב-געבונדען .25

ד. טהאָראָ: די פליכט פון אונגעהאָרזאמקייט. בראָשירט .15

איוואַן טורגענעוו: האַמלעט און דאָן קיכאָט. ״ .12

פעליקס האָלענדער: די זוכער פון אמת, איבערזעצט פון ש. יאַנאָווסקי, 587 זייטען. בראָשירט $1.00
געבונדען $1.25

מ. ווינטשעווסקי: לידער און געדיכטע 320 זייטען, שעהן געבונדען — — — — $1.00

צו קריגען ביי אַלע בעסערע בוכהענדלער און אין פערלאג

MAISEL & CO., 422 Grand Street, New York.